STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08916

# VORTSLEN

Solomon Simon

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org


פאַק־סטודיאָ

ש ל מ ה   ס י י מ אָ ן

שלמה סיימאָן

# וואָרצלען

שלמה סײמאָן

# װאָרצלען

פֿאַרלאַג "ייִדבוך"

ביי דער
"געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדיש-װעלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס
1956

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיאָראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס

# נאָך פֿאַרן אָנהייב

## (אַריינפֿיר)

איך וועל איך דערציילן די געשיכטע פֿון דעם לעבן פֿון אַ ייִדן, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ווייס־רוסלאַנד אין אַ קליין שטעטל, וואָס איז געשטאַנען ביי די ברעגן פֿון די פּאָליעסער בלאָטעס. דאָס שטעטל רופֿט זיך קאַלינקאָוויטש. קאַלינקי מיינט אין רוסיש אָדער ווייס־רוסיש ווייסע בלימעלעך. איך קאָן ניט קיין איינע פֿון די לשונות, און איך האָב אָפּגעלעבט אין רוסלאַנד כמעט פֿולע אַכצן יאָר. אָבער ווען איך האָב אויסגעפֿונען, אַז קאַלינקאָוויטש מיינט דאָס שטעטל פֿון ווייסע בלימעלעך, איז עס מיר זייער געפֿעלן געוואָרן, אַ סימבאָלישער נאָמען.

שוין יאָרן און יאָרן, אַז איך בין אַוועק פֿון דעם שטעטל, איבער פֿינף און פֿערציק יאָר. פֿאַרמאַך איך די אויגן, זע איך אַ קליין ייִדיש ישובל אַרומגערינגלט מיט אַ סאָסנע־וואַלד, וואָס ציט זיך אויף מיילן ווייט. אין וואַלד זענען אָפּטע היפּשע שטרעקעס אָן ביימער; פֿעלדער פֿאַרוואַקסן מיט ווייסע בלימעלעך, אָדער „קאַראַס־קעס", ווי מיר קינדער פֿלעגן זיי רופֿן. נאָך יעדן פֿעלד הייבט זיך אָן אַ נייער וואַלד, נישט אַלע מאָל פֿון סאָסנע־ביימער, אַמאָל פֿון דעמבעס, בעריאָזעס אָדער אַנדערע ביימער.

דאָס שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט מיט וואַלד און צענדליקער גויאישע דערפֿער. אַ פּאָר הונדערט טריט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע, פֿרעמדע, גויאישע וועלט. דאָך איז דאָס שטעטל ניט בטל געוואָרן אין דער אַרומיקער וועלט. די פּאָר הונדערט משפּחות האָבן געהאַט זייער אייגענע מלוכה מיט אירע געזעצן און מנהגים, וואָס זענען פֿון קיינעם נישט געבראָכן געוואָרן; און עס איז נישט געווען קיין סימן פֿון אַ ייִדישן אָרדנונג היטער, קיין זכר פֿון אַ ייִדישן פּאָליציסט אָדער רעגירונג־באַאַמטן.

## שלמה סיימאָן

אַ שטעטל פון שוסטערס, שניידערס, באַלעגאָלעס אָדער ווי מען האָט זיי גע־רופן מיט די צונעמעניש: קאַפּולעס, פּאלגעס און בייטש־שטעקעלעך; אויך קרעמער. אָרעמקייט, דחקות. אַ פּאָר הונדערט משפּחות אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל. אָבער וואָס פאַר אַ כוח, וואָס פאַר אַ גייסטיקע גבורה די אָרימע עדה האָט געהאַט!

צענדליקער טויזנטער פויערים אַרום דעם שטעטל. פון זיי ציט מען חיונה. אָבער די שוסטערס, די שניידערס, די באַלעגאָלעס און די קרעמערס האָבן זיך ניט צוגעפּאַסט צו די שכנים. זיי האָבן געצוואונגען די סביבה צופּאַסן זיך צו זייער לעבנס שטייגער. ניט זונטיק איז געווען דער רו־טאָג נאָר שבת, און די פויערים האָבן קיינמאָל נישט איינגעשטעלט זייערע ירידים אין אַ יידישן יום־טוב; די מער־הייט האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער מינדערהייט.

אָרעמע שוסטערס, דערשלאָגענע שניידערס, פאַרוואָגלטע קאַראַבייניקעס — אַלע דאָרפס־גייער. זונטיק האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט איבער די דערפער און איבער־נעם מיט זייערע געצייג אָדער צעלניק האָבן זיי געטראָגן מיט זיך טלית און תפילין און אַ סידור. אַ מאָל אויך אַ חומש. אין די פויערישע כאַטעס האָט יעדער ייד אָפּ־געצאָמט פאַר זיך אַ גייסטיק ווינקל, וואו ער האָט געדאַוונט און געגעסן און אַמאָל מעביר געווען די סדרה, אויב ס׳איז נישט געווען אין דאָרף קיין יידישער קרעטשמער ווו צו האַלטן שבת.

אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך געגלויבט, אַז דאָס שטעטל שטייט אַזוי צווישן די וועלדער פון אייביק אָן און וועט אַזוי בלייבן ביז דער שופר של משיח וועט אַ בלאָז טאָן, דעמאָלט וועט דאָס גאַנצע שטעטל: מענטשן, הייזער, בתי מדרשים, דער הקדש, די באָד, די תלמוד־תורה אינאיינעם מיטן בית־עולם און די יידישע גער־טנער — אַלץ וועט אַריבער געטראָגן ווערן קיין ארץ ישראל. אַפילו די ערד פון שטעטל וועט מיטגעטראָגן ווערן און אַרויפגעלייגט ווערן, ווי אַ שיכט, אויף דער ארץ ישראל ערד. אייביק וועט בלייבן דאָס שטעטל, וואָס איז גאָטס נחלה, אויף וועלכע זיינע קינדער האָבן געבויט זייער היים. ס׳קען ניט זיין קיין וועלט אָן דעם יידישן שטעטל. גאָטס השגחה רוט אויף דעם ישוב. ער איז באַהיט און באַשיצט פון אים: אָט ווי די ווייסע בלימעלעך, וואָס ווערן ניט פאַרזייט, ניט געיעט און ניט באַוואַסערט און דאָך, ווי נאָר דער פרילינג קומט, גייען זיי אויף און מאַכן די פעלדער ליכטיק און ווייס און מיט זייער ריח פאַרשמעקן זיי אַ וועלט.

אין אָנהייב איז געווען גאָט. ער האָט אָפּגעטיילט פון אַלע פעלקער איין פאָלק — די יידן, און זיי זענען זיינע קינדער. ער האָט זיי צו ערשט געגעבן ארץ ישראל. יידן האָבן זיך פאַרזינדיקט, האָט ער זיי פאַרטריבן אין גלות. אָבער אין זיין רחמים האָט ער זיי געגעבן נאָך אַ נחלה — דאָס שטעטל. לעתיד

לבוא וועט דאָס שטעטל באַהעפט ווערן מיט ארץ ישראל און אינמיטן פון יע־נעם געבענטשטן לאַנד וועט שטיין דער בית־המקדש — וואָס וועט זיין אַ ליכט פאַר די פעלקער — **אור לגוים.**

ווען איך בין אונטערגעוואַקסן בין איך אַוועק פון שטעטל. ביי מיר האָט זיך אָנגעהויבן אויסוועפּן דער ריח פון שטעטל נאָך איידער דאָס שטעטל האָט אָנ־געהויבן צעפאַלן. איך בין אַריין אין דער גוי'שער וועלט און איך האָב אין זיך אָנגעהויבן אַריינזאַפּן איר רייכקייט, שיינקייט און חכמה און איך האָב געמיינט, אַז מען דאַרף מער ניט דאָס שטעטל. דער גאַנצער איינשטעל איז געווען גאָר אַ טעות. אַ לאַנגע צייט האָב איך אַזוי געמיינט. אָבער וואָס עלטער איך בין געוואָרן, אַלץ מער האָב איך איינגעזען, אַז דאָס שטעטל טאָר ניט פאַרשווינדן און קען ניט פאַרשווינדן. אירע וואָרצלען זענען געבליבן. זיי זענען דאָך באמת ניט גע־ווען איינגעפלאַנצט אין דער טיפעניש פון דער ערד, נאָר אין דער הויכקייט פון הימל.

דערפאַר וויל איך איצט דערציילן די לעבנס געשיכטע פון אַ ייִדן מיטן נאָ־מען שמעון. ער איז אויך אַוועק יונג פון שטעטל און געוואָלט באַפרייען זיך פון איר השפעה און ניט געקאָנט. אין אָנהייב האָט ער עס אפילו פיינט געקראָגן. אַלץ, וואָס ער האָט דאָרטן געזען איז געווען אָרימקייט, הילפלאָזיקייט, מוטלאָזי־קייט, שרעק און אָפּגעזונדערטקייט. ווען ער איז עלטער געוואָרן און אָנגעזעטיקט זיך מיט דער גרויסער וועלט, האָט ער דעמאָלט דערשפּירט דאָס העלע ליכט, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין אָט דעם פאַרוואָרפן ווינקל. ער האָט דערפילט, אַז די וועלט וועט בלייבן טונקל, ווען דאָס פייער פון שטעטל וועט אינגאַנצן אויסגע־לאָשן ווערן.

שמעונס לעבן איז מיין לעבן. איך וויל עס דערציילן אין דריטער פערזאָן, כדי עס זאָל מיר זיין גרינגער צו דערציילן וועגן מיינע ראַנגלענישן, פאַלן, שטייגן, זוכעניש, דאָרשט צו גאָט, בלאָנדזעניש און סוף כל סוף געפינען זיך.

איך וועל אייך אין אָנהייב דערציילן וועגן זיין טאַטע־מאַמע, אָרימע מענטשן, אין פלוג הילפלאָזע, דערשלאָגענע, אָבער בעצם, אין תוך, גרויסע גייסטיקע גבי־רים, יורשים פון אַ רייכער ירושה, אָט ווי עס זענען געווען געצל דער מלמד, יודע דער צדיק, שמואל חיים דער שניידער, לייבקע דער בלעכער, שמואליק דער קרעמער און שפּעטער די נייע „משיח ברענגער" — יוסף חיים דער קרומער — דער ציוניסט, העניע די אַגיטאַטאָרקע — די רעוואָלוציאָנערקע און ביינישׂ דער יאַדאָשליוּוער, וואָס דער לעתיד לבוא איז ביי אים געווען די סאָציאַלע רע־וואָלוציע.

## שלמה סיימאָן

פון שטעטל וועל איך ברענגען שמעונען אין ישיבה, פון דער ישיבה אין דער ברייטער וועלט, אין די אוניווערסיטעטן און אין דער גרויסער חומרישער וועלט, וואָס שטייט מיט אַ גרויס צעעפנט מויל און שרייט: עולם הזה! עולם הזה! מענטש, זעטיק אָן דיין גוף!

נאָר אומעטום וועט איר זען גלגולים פון די שטעטלדיקע יידן, וואָס האָבן אין פלוג אויסגעזען אַזוי וואָכעדיק, טאָג טעגלעך. אָבער באמת זיינען זיי געווען אין אַ שטענדיקן מצב פון התלהבות, עקזאַלטאַציע, ווייל אפילו אין זייערע וואָכעדיקע מעשים, האָבן זיי געהאַט איין גרויסן באַוווסטזיין, פון וועלכן זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט געקענט באַפרייען — דאָס באַוווסטזיין, אַז זיי האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט גאָט. זייערע קינדער האָבן כלומרשט שוין מער ניט געגלויבט אין דעם דאָזיקן גאָט, אָבער דאָך האָבן זיי זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון דער בונד מיט אים. ווייל ניט איינמאָל איז ער געשלאָסן געוואָרן, נאָר איז איבערגעחזרט געוואָרן ווידער און ווידער; און ניט בלויז מיט די, וואָס האָבן בייגעוווינט דעם בונד, נאָר אויך מיט די נישט געבוירענע דור־דורות, אויף אייביק. דער אומרו פון זוכעניש און דאָס באַגער נאָכצוקומען די תנאים פון בונד איז געבליבן ביי די קינדער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר כופרים און דאָך זיינען זיי אַלעמאָל געווען פול מיט תביעות צו זיך און געהאַט טענות צו די, וואָס פירן די וועלט.

דעם הויפּט העלד פון אָט דעם לעבן וועל איך רופן שמעון. איך האָט דערביי אַ מיין. שמעון־שמע — דער, וואָס הערט. ער איז קיינמאָל ניט געוואָרן גלייכגילטיק, ער האָט קיינמאָל ניט דערלאָזן, אַז ער זאָל איינגאַנצן פאַרטעמפּט ווערן. ער איז געווען וואַך און גרייט צו הערן אין דעם טומל אַרום אים די דינע שטילע שטימען, וואָס זענען אויפגעקומען אין אים — דעם אָפּקלאַנג פון דורות.

איך וועל אייך דערציילן אַ סך שיינע מעשיות. אָפּט טרויעריקע. אָבער אַלע מאָל פאַרכאַפּנדיקע, אימפּעדיקע. ווייל שמעון איז געבליבן אַן אומרויקער און אימפּעדיקער מענטש. ער איז קיינמאָל נישט געווען צופרידן מיט זיך און דער וועלט. עס האָט אין אים שטענדיק געיורעט, געזאָדן. ער האָט געדאַרפט אויסשטיין אַ סך נסיונות, אָבער קיינמאָל ניט דעם נסיון, אָדער תאווה צו עשירות און כבוד. די גרעסטע ראַנגלעניש האָט ער געהאַט, וואָס אָפּט האָט ער פאַרבלאָנדזשעט — און זיך דערווייטערט פון זיך און גאָט.

לאָמיר אָנהייבן. דער וועג איז אַ לאַנגער און אַ פאַרפּלאָנטערטער. עס וואַרטן אויף אונדז מענטשן, שטעט, לענדער און די געשעענישן פון אַ מענטשנס לעבן פון קרוב זעכציק יאָר.

## קאַפּיטל 1

# איינער פון אַכט

שמעון איז געווען דער פערטער אין דער משפּחה פון אַכט קינדער: גיטע און שלמה; רחל־לאה און שמעון; ברײַנע און שמחה; עלקע און בנימין. די מאַמע פלעגט שפּאַסן: איך האָב קינדער, ווי מען פלעכט אַ צאָפּ. אַ מיידל אַהער און אַ יינגל אַהין. אַלעמאָל פריִער אַ מיידל, דערנאָך אַ יינגל. דער וועלט האָב איך נישט געקריוודעט, כ׳האָב איר געגעבן אַ גלײַכן חשבון פון מיידלעך און יינגלעך.

אַלע קינדער זענען געווען געזונטע, געראָטענע, געשטאַלטנע און קלוגע, נאָר שמעון איז געווען מיט אַ מום — ער איז אַ „סידון" (אַ זיצער). ער קאָן נישט גיין, ווײַל ער לײַדט אויף דער ענגלישער קראַנקייט — ווייכע ביינער. קיין דאָקטער האָט מען נישט גערופן, — ער וועט איבערוואַקסן די קרענק — האָבן די שטו־ביקע געזאָגט.

די ערשטע זאַך, וואָס שמעון מערע בן־ציון דעם שוסטערס, געדענקט פון זײַן קינדהייט, איז שרעק. ער האָט זיך געשראָקן, ווײַל ער איז שטענדיק געזעסן אויפן דיל, נישט געקאָנט אַפילו אַרומקריכן אויף אַלע פיר. ביים יינגל אין קאָפּ האָט זיך אויסגעלייגט, אַז דער טיש, די שטולן, די טאַבורעטקעס און די קיכבאַנק קאָנען גיין. אַ סימן — זיי שטייען דאָך אויף די פיס. און ער קען נישט, דאַרף מען זיך היטן פאַר זיי. ווען זיי לאָזן זיך אין וועג דאַרף מען פאַר זיי אָפּטרעטן, אַנטלויפן. אָבער ער קאָן נישט אַנטלויפן איז אים שלעכט. זייער שלעכט.

פאַרנאַכט, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל, איז יעדע זאַך אין שטוב געוואָרן גרעסער, דיק מיט שאָטנס. דאָס יינגל האָט געקוקט אויף דעם רויט געפאַרבטן טיש, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, און ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן, ווי ער צעשפּרייט זײַנע גראָבע פיס. אָט באַלד וועט ער

זיך לאָזן גיין. די שטולן, וואָס זענען אויסגעשטעלט אַרום אים, שטופּן אים. שמעון ווייסט, אַז ער דאַרף זיך אָפּרוקן. ער שטרענגט זיך אָן און וויל זיך שטעלן אויף אַלע פיר, אַוועקפויזען, אַוועקקריכן. אָבער די פיס און די הענט פאָלגן נישט. ציט ער זיך אויס אויפן דיל און הייבט זיך אָן צו קייקלען און פאַרקייקלט זיך אין אַ ווינקל און זעצט זיך אויף. די וואַנט איז גלאַט און האַרט און קילט זיינע פּלייצעס מיט איר האַרטקייט און קעלט און ער ווייסט, אַז ער קען זיך ווייטער נישט רוקן. דאָס יינגל קוקט אין שוואַרצן חלל פון דער סאַליע און ער קאָן נישט זען קלאָר דעם טיש אין דער פינצטערניש. ער ווערט זיכער ביי זיך, אַז דער טיש שפּאַצירט אַרום אין צימער. אָט וועט ער אים פאַרבייגיין און אים צודריקן מיט זיינע קלעצלדיקע פיס און אים צעקוועטשן. עס איז אים ביטער. ער דאַרף זיך ראַטעווען. ער דאַרף רופן צו הילף דער מאַמען, זי זאָל אים אַרויפזעצן אויף דער קאַנאַפּע. דאָס קאַליקע־יינגל לאָזט אַרויס אַ ווילד קול: „מאַמע!" דאָס גאַנצע הויז ווערט אויפגעטרייסלט.

ביי דער מאַמען איז קיין נייס נישט, וואָס דאָס קינד צעשרייט זיך אַזוי. זי אײַלט זיך און צינדט אָן דעם לאָמפּ און רעדט צו זיך: ווי איז מיר, אַ בראָך צו מיר, איך האָב ווייטער פאַרגעסן און אים געלאָזט ערגעץ אין אַ ווינקל זיצן. איך ווייס דאָך, אַז ער שרעקט זיך פאַר דער פינצטערניש.

זי געפינט אים מיט די אויגן, ווי ער זיצט פאַרטײַעט אין אַ ווינקל, זי גייט צו צו אים. זי איז אַ קליינינקע, אַ דאַרע — הויט און ביינער, און ער איז שוין אַ בחור פון דריי און אַ האַלב יאָר. קוים מיט צרות הייבט זי אים אויף, זעצט זיך אַוועק מיט אים אויף דער קאַנאַפּע און טוליעט אים צו צו זיך.

שמעון באַרויקט זיך נישט אַזוי גיך. ער כליפּעט אין זיך. אָפּט טוט ער אַ שלוכץ, אַז דאָס גאַנצע קערפּערל ציטערט אויף. די מאַמע גלעט אים און אין האַרצן רעדט זי מיט פאַרדרוס צו גאָט: — פאַרוואָס קומט עס מיר, גאָטעניו? דאָס קינד איז נישט נאָר אַ קאַליקע, נאָר ביי אים איז נאָך עפּעס גאָר פאַררויכערט דאָס מוחל.

זי רעדט עס נישט אַרויס מיט די ליפּן. פאַרקערט, אין דער הויך רעדט זי צו אים גוטע רייד: „זונעניו, פייגעלע מיינס, שאַ! די מאַמע איז דאָ. שטיל יינגע־לע". דאָס יינגל טאָר נישט ווייסן וואָס זי טראַכט. ווייל עס איז מאָדנע, ער דער־פילט יעדע קליינינקייט און דערשפּירט יעדע נישט צופרידענע מינע. רעדט זי צו אים האָפּעדיק, מיט אַ פרייליכן קול און אין האַרצן פאַרגייט זי זיך מיט אַ געוויין: „גאָט, גאָט, האָב רחמנות אויף אים און אויף מיר — אַ זינדיקע אשה בין איך, אָבער אַזאַ שטראָף האָב איך נישט פאַרדינט".

נאָך ערגער זענען פאַר דעם ייִנגל געווען די באַגינענס. דער טאַטע, בן־ציון דער שוסטער איז נישט געווען קיין גרויסער פאַרדינער און די מאַמע האָט אָנגעפירט מיט אַ בעקעריי. זי פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג און די ערשטע זאַך איינהייצן דעם אויוון. דערנאָך פלעגט זי זיך נעמען צו פאַרקנעטן די מולטערס בייגל, קיכלעך און בולקעס. ווען דאָס פייער אין אויוון האָט זיך גוט צעפלאַקערט און עס איז צייט געווען צו פאַרקנעטן די דייזשע ברויט האָט זי אָנגעהויבן וועקן די עלטערע קינדער: גיטען, שלמהן און רחל־לאהן. אָבער שמעון האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ווי נאָר די מאַמע האָט אַראָפּגעשטעלט אַ פוס פון בעט. ער איז געשלאָפן אויף דער לאַנגער סאָפקע, וואָס איז געשטאַנען מיטן צוקאָפּנס צו דער טיר פון קיך, און דאָס ייִנגל האָט נאָכגעקוקט יעדן קער און ריר פון דער מאַמען.

ער קוקט איר נאָך. די מאַמע נעמט אַראָפּ די „זאַסלינקע" — דאָס ברעטל, וואָס פאַרשטעלט די עפענונג פון אויוון. זי לייגט אונטער טרוקענע קינעלעך אונטער די שייטלעך האָלץ, וואָס ליגן קווער אין מיטן אויוון. צו ערשט צינדט זיך אָן אַ שטיקל קאָרע אָדער אַזוי אַ דין שפּענדל, וואָס איז אָפּגעשפּאָלטן פון אַ שייטל האָלץ. די גראָבע שייטלעך האָלץ ווערן באַלויכטן פון פלאַם, אָבער צינדן זיך נישט אָן אַזוי גיך.

אָבער די קינעלעך ברענען מיט אַ ליכטיקן פלאַם און קנאַקן און לאָזן נישט אָפּ. די אָפּגעזעגטע פלאַכע ברעגעס פון די שייטלעך האָלץ הייבן אָן צו ציִשן, טראָפּנס וואַסער ווייזן זיך און הייבן אָן צו זידן. דאָס ייִנגל קוקט נאָך, ווי דאָס לעבעדיקע פייער נעמט אַרום מיט שפּיציקע פלאַמענדיקע הענט די שייטלעך האָלץ. זיי ווילן מסתמא אַנטלויפֿן אָבער זיי האָבן נישט קיין פיס און נישט קיין הענט, ליגן זיי אַזוי שטום, הילפֿלאָז. דאָס פייער ווערט גרעסער, העלער, לענגער, ברייטער. אָט ווערט עס איין גרויסער פלאַם און צעקנאַקט זיך מיט פרייד, וואָס עס קען בייקומען אַזעלכע גראָבע שטיקער העלצער. די שייטלעך צעברענען זיך און דער פלאַם פייער ווערט שטאַרקער, רויטער און שפּאַרט צום שוואַרצן קויִמען, שטיקער פייער שפּאַרן זיך אַרויס אין קיך — דער קוימען איז צו שמאָל.

דאָס ייִנגל קוקט און ציטערט: ווער וועט קענען אָפּשטעלן אַזאַ גבורה? דער פלאַם, אויב ער זאָל נאָר וועלן, קען ער אַרומכאַפּן דאָס גאַנצע הויז. אַלע וועלן זיך ראַטעווען, זיי האָבן דאָך געזונטע פיס און קענען אַנטלויפֿן, אָבער ער דער „סידור" וועט דאָ בלייבן. ער וועט פאַרברענט ווערן אינאיינעם מיט דער סאָפקע און „שיניק" — אָנגעשטאָפּטן זאַק שטרוי — אויף וועלכן ער ליגט, און מיט דער קאָלדרע און קישעלע.

ער פאַרדוקט דעם קאָפּ אונטערן קישן — ער זאָל נישט זען דאָס פייער.

## שלמה סיימאָן

עס ווערט אים הייס דערשטיקט צו ווערן, דערשרעקט ער זיך מער, דאָס האָט זיך שוין דאָס פּייער אַרויסגעכאַפּט פון אויוון. ער האָט מורא אַרויסצונעמען דעם קאָפּ פון אונטערן קישעלע און שרעקט זיך צו האַלטן דעם קאָפּ פאַרנורעט אונ־טערן קישן. ער הייבט אָן צו וויינען. פריִער שטיל, אין זיך, דערנאָך אַביסל העכער. קיינער דערהערט נישט זיין שלוכצן, האַלט ער זיך מער נישט איין און פּלאַצט אַרויס מיט אַ יאָמער.

די מאַמע האָט אַרויסגעשריגן פון קיך:

— אומגליק מיינער, האָסט שוין אָנגעהויבן?

דאָס יינגל האָט אַרויסגערעוועט, ווי אַ פאַרווונדעטע חיה:

— איך האָב מורא.

— ס'איז דאָך ליכטיק אין הויז, ענטפערט די מאַמע, איז פאַר וועמען האָסטו איצטער מורא?

— פאַרן פייער אין אויוון.

די מאַמע האָט אויסגעשפיגן דריי מאָל:

— אַלע בייזע חלומות, וואָס עס האָבן זיך מיר געחלומט היינט און נעכטן, היי־יאָר און פאַראַיאָרן, זאָלן אויסגייך צו מיינע שונאימס קעפּ און צו פּוסטע וועלדער און וויסטע פעלדער. הערט אַ „ווילענטשע" — שרעקט זיך פאַרן פייער אין אויוון. זאָל איך צוליב דיר „סידור", שוין אויפהערן באַקן? און פון וואָס וועלן מיר לעבן? פון דיין טאַטנס שיינע פּרנסות?

דאָס יינגל פאַרשטייט גוט, אַז די מאַמע איז גערעכט, אָבער ער האָט פאָרט מורא פאַרן פייער. „איר איז גוט, — שלוכצט ער אין זיך, — זי האָט פיס. אָבער וואָס וועט ער טון אין אַ צרה?" ווערט ער נישט שטילער, יאָמערט העכער.

גייט צו די מאַמע און שטעלט זיך פאַר אים און הייבט מיט אים אָן זיך אויסצוטענהן, ווי מיט אַ דערוואַקסענעם:

— איז וואָס זאָל איך טון, שמעון. נו, פיס האָסטו שלעכטע, אָבער דיין קאָפּ איז דיר נישט אויסגעדאַרט און אַ צונג האָסטו אַ לאַנגן. זאָג מיר, פאַרוואָס שרעקסטו זיך אַזוי?

— וועסט מיך נישט איבערלאָזן, אַז דו וועסט דאַרפן אַנטלויפן פון פייער?

די מאַמע קוקט אים אָן און באַנעמט באַלד, אַז עפּעס גייט אָן אין קינדס קאָפּ, וואָס זי קאָן נישט פאַרשטיין. ענטפערט זי שנעל, אים צופרידן צו שטעלן:

— ניין, איך וועל דיך נישט איבערלאָזן. פאַר מיר ביסטו צו שווער. ביסט

שוין אַ בחור פון כמעט פינף יאָר, אָבער איך וועל זען, אַז שלמה זאָל דיך טראָגן.

דאָס יינגל באַרויִקט זיך.

***

דאָס יינגל איז שוין כמעט פינף און אַ האַלב יאָר. גיין קען ער נישט, אָבער ער קען שוין אַרומפּויזען. ער שרעקט זיך שוין נישט מער פאַר אַ סך זאַכן. ריידן רעדט ער ווי אַן אַלטער, קען אַלע ברכות הנהנין, זאָגט מודה־אַני און נאָכן עסן בענטשט ער מיט דעם קינדערישן ברכת המזון: בריך רחמנא מלכא דעלמא מאַריה דהאי פיתא — געבענטשט זאָל זיין דער אייבערשטער, דער מלך פון דער וועלט, דער אייגנטימער פון דעם ברויט.

אַלץ, וואָס די שטוביקע ריידן, גייט אַריין אין זיינע אויערן און בלייבט ביי אים אין קאָפּ. אָפּט איבעראַשט ער די שטוביקע מיטן איבערדערציילן אַ מעשה וואָרט ביי וואָרט, אָדער מיט איבערזינגען אַ ליד מיט אַלע קנייטשן. אָבער די צרה איז געווען, וואָס ער האָט געגלויבט יעדע מעשה, וואָס ער האָט געהערט. ביינאַכט, איבערהויפּט, איז יעדע מעשה געוואָרן ביי אים אַן אמת און ער האָט זי אַליין אָפּגעשפּילט און צוגעגעבן צו איר זיינע אייגענע אויסטראַכטונגען. ער האָט זיך געפרייט און געשראָקן. אָבער די פאַרטאָגן זענען געווען איבערהויפּט פיינלעכע, צוליב דעם הודזשען און פייפן פון די לאָקאָמאָטיוון, וואָס ער האָט געהערט.

הינטער די פענצטער פון שטוב האָבן זיך געצויגן גערטנער. הינטער די פּלויטן פון די גערטנער האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאַליעסער בלאָטעס. נאָך די בלאָטעס איז געשטאַנען אַ סאָסנאָוועור וואַלד. נאָכן וואַלד איז געווען די באַן־סטאַנציע. דריי באַנען אַ טאָג פלעגן אָנקומען. אַ שעה איידער אַ באַן פלעגט אָנקומען האָט דער סטאַנציע־מייסטער אָנגעהויבן מאַכן מאַנעוורעס — געשלעפּט צו די זייטיקע רעלצן די ליידיקע וואַגאָנעס, וואָס זענען קיינמאָל נישט געשטאַנען, ווו זיי האָבן געדאַרפט שטיין. דאָס האָט ער אָפּגערייניקט די רעלצן פאַר דעם אָנקומענדיקן צוג. אַזוי דריי מאָל אַ טאָג.

דער לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט געשלעפּט די לאַנגע ריי־ליידיקע וואַגאָנעס האָט געסאָפּעט, געהודזשעט און געפייפט — געפייפט טויב צו ווערן, בייטאָג, ווען דאָס שטעטל איז געווען וואַך און טומלדיק, האָט זיך דאָס נישט געהערט אַזוי שאַרף. פאַרנאַכט אָבער און איבערהויפּט פאַרטאָג האָט דאָס פייפן פאַרהילכט דאָס שטעטל.

## שלמה סיימאָן

דאָס יינגל האָט קיינמאָל נישט געזען קיין אײַזנבאַן. ער האָט נישט באַנומען און נישט פֿאַרשטאַנען פֿון וואַנען עס קומט אַזאַ נאָכאַנאַנדיקער פּייפֿן פֿון די בלאָטעס הינטער די פּלויטן. ער איז געלעגן וואָך אין בעט און זיך צוגעהערט: איין לאַנגער פּיף, דערנאָך פֿיר קורצע פּייפֿן און נאָכדעם איין אויסגעצויגענער פּיף. אַזוי אָבער און ווידער.

דאָס יינגל האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז דאָס טומלט אַזוי אַ שד, וואָס האָט זיך פֿאַרקליבן אין די טיפֿע בלאָטעס. דער שד האָט דאָס געשטאַלט פֿון אַ ריזיקן הונט, די גרויס פֿון אַ קאַלב, מיט אַ קאָפּ פֿון אַ קוימען. אַ חוץ די פֿיר פֿיס האָט ער דרײַ הענט און איין אויג אינמיטן שטערן. בײַנאַכט גייט ער אַרום פֿרײַ אין די טיפֿע בלאָטעס, ליגט צווישן דעם „פּלושניק" (אַזעלכע גראָזן) און די נידעריקע ביימעלעך, כאַפּט פֿיש און חיהלעך און חזירים, וואָס פֿאַרבלאָנדזשען אַהין פֿון דאָרף. אָבער ווי ער פּילט, אַז עס הייבט אָן צו טאָגן, ווערט ער אומרויִק. ער דאַרף זיך דאָך באַהאַלטן פֿון טאָג. שטעלט ער זיך אַוועק אויף די הינטערשטע לאַפּעס, מיט דרײַ הענט פֿאַרקוועטשט אין קולאַקעס אַנטקעגן הימל, און וואָיעט אַרויף צו דער לבֿנה, אָדער צום פֿינצטערן הימל.

דאָס יינגל ליגט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם: ווער ווייסט — אפֿשר קען נאָך דער שד משוגע ווערן און זיך אַרײַנכאַפּן אין אַ שטוב. זייער שטוב איז האַרט לעבן די פּלויטן, וועט זי זײַן די ערשטע. זענען די מזוזות איבערגעקוקטע? אָבער פֿאַרוואָס קאָן דער שד אַרײַנגיין נאָר דורך דער טיר, נישט דורך אַ פֿענצטער? אָט ווי די נשמה פֿון אַ מענטשן וואָס, ווען ער שטאַרבט, פֿליט זי אַרויס צום הימל דורך דעם פֿענצטער?

אַ קאַלטער שווייס באַדעקט דעם יינגל פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. די ציינער הייבן אָן בײַ אים קלאַפּן און די קני ציטערן. ער האַלט זיך אײַן ווי לאַנג ער קען, דערנאָך הייבט ער אָן שלוכצן שטיל, אַ ביסל שפּעטער צעוויינט ער זיך אויפֿן קול.

די מאַמע טוט אַ שטעל אַוועק די ווילקע מיט אַ קלאַפּ, אין ווינקל, און גייט צו צום יינגלס געלעגער:

— נו, וואָס שוין איצט, גרויסער בחור?

— פֿאַרוואָס קלאַפּסטו נישט אָן קיין מזוזות אויף די פֿענצטער?

די מאַמע בלײַבט שטיין אַ ווײַלע צעטומלט און פֿרעגט איבער איבערראַשט:
—וואָס זאָגסטו?

— מזוזות אויף די פֿענצטער, אַז דער שד זאָל נישט קענען אַרײַנגיין אין שטוב.

די מאַמע בלייבט שטיין אַפּהענטיק. זי וויל זיך צעשרייען און האָט חרטה. זי טראַכט אַ ווײַלע און זעצט זיך צו אויף דער סאָפּקע, טוט אַ זיפץ אַפּהענטיק, און רעדט שטיל:

— שעמען מעגסטו זיך, שמעון, ביסט שוין אַ גרויסער בחור, קענסט זאָגן מודה אַני און קענסט אויף אויסנווייניק אַלע ברכות און דו האָסט מורא גאָר פאַר אַ שד. און ווו איז גאָט, פרעג איך דיר? מיינסט ער זעט דיך נישט? ער וועט דיך איבערלאָזן אויף הפקר? מודה אַני זאָגסטו אינדערפרי, אַ ברכה מאַכסטו פאַרן עסן, בענטשן בענטשסטו נאָכן עסן, איז וואָס האָסטו מורא? מיינסט טאַקע, אַז אַ שד קען טון אַלץ וואָס ער וויל? גיין וווהין ער וויל קעגן גאָטס רצון? ביי אונדז איז דאָך אַ ידישע שטוב מיט מזוזות און ידישע ספרים. באַהיט און באַשיצט. זיי רויק, זונעלע. שלאָף־איין, איך דאַרף גיין צום אויוון.

די מאַמע טוט אים אַ קוש, דעקט אים איין און גייט אַוועק. שמעון האָט געוואָלט פרעגן דער מאַמען, פאַרוואָס רעוועט אַזוי דער שד אין די בלאָטעס, אָבער ער שעמט זיך. ער נורעט זיך איין אין קישן און שלאָפט באַלד איין מיט אַ טיפן קינדישן שלאָף.

*

מיטאַמאָל רייסט זיך איבער ביי שמעונען אין זכרון די טונקלקייט אין שטוב, די מאָדנע פאַרטאָגן און ער זעט אַ ליכטיקן זומערדיקן נאָכמיטיק. די זון איז שוין נידעריק און שרפהט נישט מער. ער און זיין שוועסטער רחל־לאה, וואָס איז עלטער פון אים מיט אַ יאָר און אַ האַלב, שפּילן זיך אין באַהעלטעניש אויף אַ נישט פאַרבויטן הויף — אַ „פּליאַץ״ האָט מען עס גערופן. עס ליגן קלעצער איינע אויף די אַנדערע, אַ סך פון זיי נאָך מיט נישט קיין אָפּגעטשעסעטער קאָרע. עס רינט פון די קלעצער סאָסנע־זאַפט, וואָס שמעקט זיסלעך. האַרט דערביי ליגן אָנגעזעגטע ברעטער. אויף צוויי הויכע „קאָזלעס״ ליגט אַ קלאָץ האַלב צעזעגט. עס שמעקט מיט „פּילקע״, געזעגעכץ. ווען ער קלעטערט אַרויף אויף דעם ליגנ־דיקן קלאָץ, זעט ער דאָס גאַנצע שטעטל און די גערטנער, וואָס רינגלען עס אַרום. דער הימל איז בלוי, די גערטנער זענען גרין־ברוין.

זיי שפּילן זיך אין באַהעלטעניש. ס'איז גרינג צו באַהאַלטן זיך צווישן די אָנגעוואָרפענע קלעצער. פון זיין בעהעלטעניש הערט ער ווי די שוועסטער זוכט אים און זינגט צו דאָס באַהעלטעניש־לידל:

סוליע מאלוי,
ווו ביסטו?

## שלמה סיימאָן

דער אָנפיר פון שפּיל איז, אַז מען דאַרף ליגן שטיל ביז דער זוכער גיט זיך אונטער און גיט צו, אַז ער קען מער נישט געפינען דעם באַהאַלטענעם. דע־מאָלט דאַרף מען פון באַהעלטעניש אָנהייבן זינגען:

טו זיך אַ קער,
קוק נאָר אַהער.

דער זוכער גייט זוכן נאָכן קול.

די שוועסטער לויפט נאָכן קול. אָבער שמעון טוט אַ פּ איר אַ שפּיצל און לויפט אַוועק מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און באַהאַלט זיך צווישן אַנדערע קלע־צער, וואָס מען טאָר עס נישט טון. די שוועסטער הייבט אָן שרייען מיט אַ וויינענ־דיקן קול: ביסט אַ רמאי, — אַן אָפּנאַרער. ער פאַרגנבעט זיך הינטער אירע פּליי־צעס און רופט אויס: פּוק! זי דערשרעקט זיך און כאַפּט זיך אָן ביים האַרצן: „מאַמעלע, האָסט מיך איבערגעשראָקן. ביסט אַ רמאי און האָסט אַ האַרץ פון אַ גזלן. איך חלש“.

ער שטייט און לאַכט: ביסט אַ נאַריש מיידל, רק זי חלשט!

זי פאַרשווייגט אים נישט. רופט אים מיט דעם צונעמעניש, וואָס ער קען נישט פאַרטראָגן — סידון!

האָבן זיי זיך דעמאָלט צעשלאָגן? ער געדענקט נישט. ער געדענקט אָבער יאָ, ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און זיך געלאָזט לויפן אַהיים. געלאָפן און אונטערגעשפּרונגען.

זיי זענען אַריינגעפאַלן אין הויז מיט אַ ליאַרעם, אַ טומל און אַ געשריי: עסן.

די מאַמע האָט זיי געגעבן צוגעברוינטע קאַרטאָפל, פריש ברויט און שטשאַוו. דער שטשאַוו איז געווען קאַלט, פאַרווייסט מיט זויערמילך און פאַרבראָקט מיט ציבעלע.

שמעון מאַכט אַ מוציא אויפן קול און עסט. די מאַמע שטייט איבער אים מיט די הענט צוזאַמענגעלייגט אויפן האַרצן און איר פּנים לויכט:

— דאַנקען גאָט, שמעון איז געוואָרן אַ מענטש. גאָט האָט דערהערט דעם ציטער פון אַ מאַמעס האַרץ.

זי טוט אַ זיפץ. ער איז שבת נחמו געוואָרן זעקס יאָר און גייט נאָך נישט אין חדר. זי פאַרענטפערט זיך פאַר זיך אַליין: אַז ער האָט ערשט אַ וואָך נאָך שבועות אָנגעהויבן גיין. אָבער נישקשה, ער וועט אָניאָגן. מען זעט דאָך, אַז די חכמה שיינט אים אַראָפּ פון פּנים.

# וואָרצלען

שמעון בענטשט זיין קינדערשן בענטשן: בריך רחמנא — מערע קוקט אויף אים און אַ ליכטיקע פרייד גייט אויף אין איר: הערט נאָר אַ חיתוך הדיבור! אפשר האָט איר גאָט געשענקט אַ לערנער אין דער משפּחה? זי קומט אָפּ געַנוג אויף דער וועלט, נישקשה, זי מעג האָבן אַ ביסל נחת. עס וואָלט איר נישט פאַרשאַדט. איר האַרץ הייבט אָן צו קלאַפּן פון דעם געוואַגטן געדאַנק. אַ משפּחה, ביז דעם אור־אור־זיידן, שוסטערס, שניידערס און בעל־עגלהס. מיטאַמאָל אַ לערנער. אַ בן־תורה. זי ווישט זיך די אויגן פון פריידיקער דערוואַרטונג און דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי ביי אַ גזלן.

האָט דער מאַמעס האַרץ געטראָפן?

## קאַפּיטל 2

# שמעון ווערט געהאַלפן

שמעון איז געהאָלפן געוואָרן. אַ פּאָר טעג פאַר שבועות האָט ער זיך געשטעלט אויף די פיס, און אין געציילטע וואָכן איז ער אַ וואָקס געטון. זיין בויך, וואָס איז געווען אָנגעבלאָזן און קיילעכדיק ווי אַ צעבערל, איז איינגעשרומפּן געוואָרן. די דינע שטשופּלע פלייצקעס זענען געוואָרן אויסגעגלייכט און ברייטער. דער פּנים זיינער, וואָס איז געווען קרענקלעך־געלבלעך און געהאַט דעם אָנבליק פון פאַרדאַרט טייג, האָט געקראָגן אַ טונקל ברוינעם קאָליר; די באַקן זענען געוואָרן פול מיט אַ רויטלעכקייט אין זיי. די האָר זענען געוואָרן דיק און געגלאַנצט פון שוואַרצקייט. נאָר די אויגן זענען געבליבן די זעלביקע: גרויסע, אַלעמאָל צעעפנטע, העל־בלויע און זיי האָבן געקוקט מיט נייגער און ווונדער אויף יעדער זאַך אין גאָטס וועלט.

ער איז געוואָרן רירעוודיק, פול מיט קינדערשער באַוועגלעכקייט, נישט געקענט איינזיצן קיין מינוט אויף איין אָרט. דאָס מויל שטענדיק אַ פולער מיט רייד און געלעכטער און זיינע הענט זענען געוואָרן אומרו׳ק, אַלעמאָל האָבן זיי זיך מיט עפּעס געשפּילט אָדער געזוכט.

— ער וויל אָניאָגן וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט, האָט די מאַמע געזאָגט, אָפּגעזעסן כמעט פולע זעקס יאָר און נישט געקאָנט אַפילו אַרומפּויזען, ווילט זיך אים איצט אַלץ אַריינכאַפּן.

ער האָט שוין מער נישט געוויינט און מער זיך נישט געשראָקן. פאַרקערט גאָר, די מאַמע האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרלוירן די טבע פון מורא, ער האָט נישט קיין פאָרכט פאַר זאַכן, וואָס ער דאַרף פאָרכטן, און טוט אָפּ זאַכן, וואָס אַ געוויינטלעך קינד האָט פּחד צו טאָן.

## וואָרצלען

איינמאָל אַ פרייטיק נאָכמיטיק ווען די גרעסערע ייִנגלעך האָבן זיך געשפּילט אין הויף האָט שמעון געוואָלט צושטיין צו זיי. די ייִנגלעך האָבן אים אָפּגעטריבן: אַוועק פון דאַנעט, סידון, וווּהין קריכסטו?

שמעון איז געוואָרן אין כּעס און אויסגערופן:

— זע נאָר די קנאַקערס! וויזן קונצן, שפּרינגען איבער פּלויטן, גייען אויף די הענט און שפּרינגען אויף איין פוס. איך קען אָבער אַראָפּשפּרינגען פון דעם דאַך פון שטאַל.

ברוך-לייבע דעם סטאָליערס, וואָס האָט אָנגעפירט אַלע שפּילן, האָט אַ זאָג געטאָן מיט ביטול:

— זעט נאָר דעם שפּרינגער! נשמת כּל חי — אויך אַ נפש ביי גאָט. זאָג נאָר מיר סידונטשיק, פון ווען אָן קאָנסטו גיין ווי אַ מענטש? נאַ דיר אַ נייער שפּרינגער פון דעכער.

שלמה, שמעונס עלטערער ברודער, האָט זיך אַריינגעמישט:

— לאָז אים אָפּ. וואָס טשעפּעסטו זיך צו אַ קלענערן פון דיר?

ברוך האָט געענטפערט מיט כּעס:

— איך האָב פיינט לאַנגע צינגער. נאַ דיר אַ נייעם דאַך־שפּרינגער. הערט נאָר אַ באַרימער.

שמעון איז געשטאַנען אַ פאַרעקשנטער, געקוקט ברוכן אין די אויגן און געענטפערט רויִק:

— איך בין שוין געשפּרונגען פון דאַך.

— ווען?

— ווען קיינער האָט נישט געזען.

— איר הערט, חברה? האָט זיך ברוך צעלאַכט, ער שפּרינגט ווען קיינער זעט נישט און זינגט ווען קיינער הערט נישט.

די ייִנגלעך האָבן אויפגעכאַפּט די געגראַמטע רייד און גענומען טייטלען אויף שמעונען:

ער שפּרינגט ווען קיינער זעט נישט\
און זינגט ווען קיינער הערט נישט!

דאָס נאָך נישט זעקס־יאָריק ייִנגל איז געשטאַנען אַנטקעגן דער קופּקע פון ייִנגלעך, אַליין, אָפּגעזונדערט, די ליפּן פאַרביסן ווי צו וויינען. אָבער ער האָט זיך נישט צעוויינט. ער האָט אַרויסגעשאָסן:

— גוט, איך וועל אייך וויזן.

— אָפּגעזאָגט, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו דער שטאַל און אָנגעהויבן

קלעטערן, זיך אָנהאַלטנדיק אָן די עקן פון די ברעוונעס, וואָס זענען געלעגן איינגעפלאָכטן איינע אויף די אַנדערע.

שלמה, זיין עלטערער ברודער, האָט זיך צעשריגן: ניטע, שמעון, ניטע. וועסט אַראָפּפאַלן, סידון, און געניזקט ווערן! אָבער שמעון האָט אים נישט גע־ענטפערט. דער ברודער איז אַוועקגעלאָפן רופן דער מאַמען.

ווען די מאַמע איז געקומען צולויפן איז שמעון געשטאַנען אַרומגערינגלט פון די יינגלעך. ער איז געווען בלייך אָבער מיט אַ ניצחונדיקן שמייכל אויפן פנים. די מאַמע האָט געפרעגט. ער איז טאַקע געשפּרונגען פון דאַך? געשפּרונגען! — האָבן אַלע יינגלעך געענטפערט אין איין קול — מיר האָבן עס אַליין געזען. און ער איז נאָך געבליבן שטיין אויף די פיס, אַט ווי ער וואָלט געהאַט אין זיי ספּרונזשינעס.

די מאַמע האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אים אַוועקגענומען אין שטוב. זי האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. זי האָט פריער געמיינט אים גוט אויס־פּאַטשן, אָבער די הענט האָבן זיך ביי איר נישט געהויבן. אין שטוב האָט זי אַרויסגעפּלאַצט:

— זאָג נאָר מיר, וואָס פאַראַ רוחות זיצן אין דיר? אַט האָסטו זיך געשראָקן פאַר אַ טיש, אַ שטול, פאַרן פייער אין אויוון, פאַר נעכטיקע טעג, פאַרן פייפן פון לאָקאָמאָטיוו. מזוזות האָסטו געוואָלט אויף די פענצטער. האָסט געציטערט פאַר אַלע אויסגעטראַכטע ווייס־איך־וואָסן, און מיט אַמאָל האָסטו נישט קיין פּחד צו שפּרינגען פון דעכער. זאָג נאָר מיר, וואָס פאַר אַ רוח זיצט אין דיר!

שמעון האָט זי אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע בלויע אויגן, געקוקט איר גלייך אין מויל אַריין און די ליפּן האָבן געשמייכלט קינדעריש. מערע האָט צום ערשט אויפגעכאַפּט זיין ליבלעכן קינדערשן שמייכל, מיטאַמאָל האָט זי דערזען, אַז זיינע אויגן זענען אַ סך עלטער ווי ער איז. זי האָט אָפּגעהאַקט אירע רייד. אַ מחשבה איז אויפגעקומען ביי איר אין זינען: ס׳איז אַן אַלטער קאָפּ. מען קאָן נישט וויסן, ווו מען האַלט מיט אים. אפשר איז ער טאַקע עלטער ווי זיינע יאָרן? הויך האָט זי געזאָגט: איי, קאָנסטו פאַרקאָכן אַ קאַשע!

**
*

נאָך אַן ערגערן שפּיצל האָט ער אָפּגעטון מיט אַ זעקס וואָכן שפּעטער.

נישט ווייט פון בן־ציונס שטוב, צוויי גערטנער ווייט, אַ ביסל אָפּגעזונדערט פון שטעטל, האָט געוווינט דער דיאַק פון תיפלה. ער האָט געהאַט אַ שיינעם סאַד, וווביימער זענען געשטאַנען באַלאָדענע מיט רויטע עפּל און גדוילן (באַרן),

ברוינע זאַפטיקע „סאַפּאַזאַנקעס" און געלבלעכע „פּאַנעס" מיט רויטע בעקעלעך. אַ סך יינגלעך זענען געווען בעלנים אויף די פּרוכט. אָבער דער דיאַק האָט אַרומגעצאַמט דעם סאָד מיט אַ הויכן פּאַרקאַן און געהאַלטן פאַר אַ שמירה אַ גרויסן הונט, די גרויס פון אַ קאַלב. זעלטן ווען אַ יינגל האָט געוואַגט זיך אַראָפּ־צוכאַפּן אין סאָד.

אין אַ שיינעם ליכטיקן אלול־טאָג האָט שמעון אַריבערגעקלעטערט דעם פּלויט, אַריין אין סאָד און אָנגעהויבן קלייבן די עפּל פון אונטער אַ בוים.

אַנאַסטאַסיע, דעם דיאַקס טאָכטער, וואָס פלעגט קומען אַלע אינדערפרי קויפן פרישע בייגל ביי מערען און האָט געקענט גוט יידיש, ווי אַלע שטעטלדיקע שיקסעס, זי האָט אים דערזען און איז צו אים צוגעגאַנגען מיט דעם הונט.

דאָס יינגל איז געבליבן שטיין מיט אַ האַלב איינגעביסענעם עפּל און גע־קוקט אויף איר. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שרעק, ער איז נאָר געוואָרן אַביסל בלייך. אַנאַסטאַסיע האָט צוריקגעהאַלטן דעם הונט און אָנגעקוקט דעם זעקס־יאָריקן שמעונען און צו אים געזאָגט אויף יידיש:

— ווי גנבעט עס אַ יינגעלע עפּל, זאָג מיר?

— איך האָב נישט געגנבעט, האָט דאָס יינגל געענטפערט, איך האָב גענומען נאָר די עפּל, וואָס ליגן אויף דער ערד. זיי זענען אַלץ איינס גאָרנישט ווערט. זעסט ווי זיי ווערן צעפוילט? און ער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף די האַלב צעפוילטע עפּל, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין גראָז.

— ווייסט, שמעון, האָט אַנאַסטאַסיע גערעדט אירס, ווען איך כאַפּ אַ יינגל גנבענען עפּל, צי פון דער ערד צי פון בוים, רייס איך ביי אים אַראָפּ דאָס היטל און רייץ אויף אים אָן דעם הונט.

דאָס יינגל האָט איינגעביסן דעם האַלבן עפּל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט און געענטפערט:

— ביסט אַ שלעכטס! ביי דיר איז רעכט, אַז די עפּל זאָלן בעסער פוילן אין גראָז, ווי עמעצער זאָל פון זיי הנאה האָבן.

— ביסט אַ קלוג ידעלע, האָט די שיקסע זיך צעלאַכט. גוט, היינטיקס מאָל שענק איך דיר, אָבער אויף וויטער — האָט זי אים געדראָעט מיט אַ פינגער — ווען איך וועל דאָ נישט זיין, וועט דיך דער הונט צערייסן אויף שטיקער; און אַז איך וועל דיך כאַפּן, וועל איך צום ערשטן אָנרייצן דעם הונט, וועט ער דיר אַרויסרייסן אַ שטיק פון די הויזן איינעם מיטן פלייש. דערנאָך וועל איך ביי דיר אַראָפּכאַפּן דאָס היטל און די מאַמע דיינע וועט דאַרפן קומען עס אויסלייזן.

דאָס יינגל האָט אויפגעהערט קייען דעם עפּל, האָט אויפגעהויבן זיינע גרויסע

קינדערשע אויגן, גוט באַטראַכט איר ליכטיקן פּנים, העלע שטרוי־קאָליר האָר, טיף־בלויע אויגן און איר יוגנטלעכע געשטאַלט, האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטון מיט פאַרדרוס:

— ביסט שיין, אַז עס איז אַ מחיה צו קוקן אויף דיר. אָבער דו ביסט אַ מרשעת.

אַנאַסטאַסיע איז אויף דער רגע געבליבן שטיין, ווי אַ צעטומלטע, אַ קינד, אַ עופהלע און רעדט ווי אַ דערוואַקסענער. באַלד האָט זי זיך אַזוי הילכיק צע־לאַכט, אַז דער הונט האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן ברומען. זי האָט זיך צוגעזעצט אויפן גראָז, מיט איין האַנט איינגעשטילט דעם הונט און די אַנדערע האַנט האָט זי געהאַלטן אויפן האַרצן. געלאַכט און גערעדט אויף רוסיש, וואָס דאָס ייִנגל האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט:

— גאָט מיינער, עס קען נאָך דעם נאָז נישט אָפּווישן און ווייסט שוין ווי איינצונעמען אַ פרוי. געהערט אַ רייד: ביסט שיין, אַז עס איז אַ מחיה צו קוקן אויף דיר. אויף אַלע גרויסע בחורים געזאָגט געוואָרן אַזאַ לשון, אַזעלכע פּראָסטע זיסע רייד, וואָס פאַרכאַפּן דאָס האַרץ. און קוקט נאָר אָן דאָס ייִדעלע! אַ שוואַרץ פּנימל און אויגן גרויסע, בלויע. עס ווילט זיך אים אויסקושן אַלע גלידערלעך. גאָט מיינער, אָט ערשט נעכטן געוועזן אַ סידון (דאָס איינציקע וואָרט, וואָס דאָס ייִנגל האָט פאַרשטאַנען, די איבעריקע רייד האָט מען אָפּט איבערגעחזרט אין הויז), געוואַלגערט זיך אין בלאָטע און שוין עס קריכט איבער פּלויטן, מאַכט קאָמפּלימענטן. שוין איינמאָל אַ ייִדעלע! קלוג ווי זייער אימפּעראַטאָר סאַלאָמאָן.

שמעון האָט איר אַריינגעקוקט אין מויל, ער האָט געזען, אַז עפּעס איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט אויסגעקליבן נאָך אַ וויינקן עפּל, אַ וויש געטון אים אָן אַרבל און איינגעביסן. זי האָט אָנגעהויבן ריידן ווידער ייִדיש:

— נאַ, נעם אָן אַ פולע פאַזוכע מיט עפּל און גיי. אָבער געדענק! קריך נישט מער איבער די פּלויטן. מיך קאָנסטו איבעררײדן מיט דיינע שיינע ריידעלעך. אָבער אַז דו וועסט אָנטרעפן אויף דעם הונט אַליין וועסטו קיין גאַנצער נישט אַרויס.

אויף מאָרגן פרי, ווען אַנאַסטאַסיע איז געקומען קויפן בייגל, האָט זי גע־בראַכט אַ פולן קאָשיקל מיט אויבס, עס אַוועקגעשטעלט פאַר מערען און געזאָגט:

— נאַ, גיב עס דיין קליינעם סאַלאָמאָנען.

— ווער איז דאָס ביי מיר סאַלאָמאָן? האָט די מאַמע געפרעגט.

— דיין שמעון, דער סידונטשיק. איי איז ער אַ „מודרעץ!" אָט ווי אייער

אימפּעראַטאָר סאַלאָמאָן אין דער ביבל. אָבער זאָג אים אָן ער זאָל נישט קריכן איבער פּלויטן. ער וועט נאָך געשעדיקט ווערן.

די מאַמע האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט ביז אַנאַסטאַסיע האָט איר איר דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט אין סאָד.

ווען דעם דיאַקס טאָכטער איז אַוועק האָט זיך די מאַמע גענומען צום יינגל:

— ווען מיין האַרץ לאָזט מיך, וואָלט איך דיך צעקלאַפּט ווי אַן עפּל. דיין גליק איז נאָר וואָס מיינע הענט הייבן זיך נישט אויף דיר. געוואַלד, ווי דערלעבט מען שוין דיך אַוועקצושיקן אין חדר. גאָט ווייסט וואָס דו קאָנסט נאָך אָפּטון.

דאָס יינגל האָט מיט איין אויער געהערט וואָס די מאַמע רעדט און מיט ביידע אויגן געקוקט אויפן קאַשיקל אויבס, די מאַמע האָט נישט אָפּגעלאָזט:

— אַ גליק נאָך, וואָס די שיקסע האָט אַ גילדערנע האַרץ. ביים גלח אין סאָד וואָלסטו אַזוי גלאַט נישט אָפּגעשניטן. זיין זיווג, און זיין אַלטע פאַרזעסענע מויד, וואָלטן דיך טרוקן נישט אַרויסגעלאָזט. אָבער דערקלער מיר נאָר, ווי שטעלסטו איין דעם לעבן? ווי, אַז אַנאַסטאַסיע וואָלט דעמאָלט נישט געווען אין סאָד און דער הונט פּאַקט דיך?

דאָס יינגל האָט געקוקט אויף דער מאַמען און געשמייכלט מיט זיין שמייכל פון אַ דערוואַקסענעם און געשוויגן. די מאַמע איז געוואָרן בייז:

— נו, איז אדרבה, ענטפער מיר, ווי שטעלסטו איין דאָס לעבן?

— ועסטו מיר געבן אַ סאַפּאַזאַנקע?

— כ'וועל געבן. אָבער ענטפער מיר, וואָס איך פרעג דיך.

דאָס יינגל האָט געענטפערט מיט גרינגשעצונג:

— איך האָב שוין לאַנג זיך געשפּילט מיטן הונט. ער קען מיך. ער וואָלט מיר נישט געטשעפּעט. און אַנאַסטאַסיע איז אַ גוטע. איך קען זי און זי ווייסט ווער איך בין, זי וועט נישט אַנרייצן קיין הינט אויף מיר. ווי וואָלט זי געקומען קויפן בייגל אַהער? זי וואָלט זיך געשעמט קוקן דיר אין די אויגן אַריין. גיב מיר אַ סאַפּאָזאַנקע.

די מאַמע איז געבליבן שטיין אָפּהענטיק — ער וואַרפט דאָך אָן אַ פּחד מיט זיינע רייד. הערט נאָר, אַלץ פון פריער אויסגעפּלאַנעוועט. ער איז דאָך ערשט זעקס יאָר אַלט און רעדט ווי אַ דערוואַקסענער. זי האָט אים דערלאַנגט אַ באַרנע און אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ: מאַך אַ ברכה.

— איך מאַך אַלעמאָל אַ ברכה, האָט שמעון געענטפערט, איך בין נישט קיין גוי.

— בלייבסט אַלעמאָל געראכט, האָט די מאַמע נישט ווילנדיק געזאָגט מיט פאַרדרוס.

דאָס יינגל האָט דערפילט דעם רוגז אין דער מאַמעס קול, האָט ער זיך צוגערוקט צו איר און אויסגעשטרעקט די האַנט מיט דער באַרנע: ווילסט דעם ערשטן ביס?

די מאַמע האָט אויף אים געקוקט לאַנג און דערנאָך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— איך וויים נישט צי דו ביסט אַ חונף צי דו האָסט טאַקע אַ גוטע האַרץ. גוט, איך וועל אַ ביס טון פון דיין באַרנע.

דאָס יינגל האָט איר דערלאַנגט די באַרנע:

— אָבער מאַך אַ ברכה.

די מאַמע האָט זיך צעלאַכט:

— מילא, ס'איז זיך נישט אויסצוטענהן מיט דיר. וואַקסן זאָלסטו ביי מיר.

## קאַפּיטל 3

# דער טויער צום הימל

נאָך זיין קרענק האָט זיך דאָס יינגל נאָר נאָך איינמאָל דערשראָקן, דאָס איז געווען ווען דער טאַטע האָט אים צום ערשטן מאָל געבראַכט אין שול.

ס'איז געווען אַ שבת אינדערפרי. אין דרייען זענען זיי געגאַנגען אין שול: דער טאַטע בן־ציון, דער עלטערער זון שלמה און שמעון. זיי האָבן זיך עפּעס צוליב אַ סיבה פאַרשפּעטיקט. ווען זיי זענען אַריין אין שול, דער טאַטע פאָרויס, נאָך אים די צוויי יינגלעך, האָט מען שוין געהאַלטען נאָך הודו. ווען זיי האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל האָט שמעון אָנגעהויבן רוקן זיך אויף צוריק. שלמה האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אים געפרעגט: ווהין גייסטו? שמעון — זיין פּנים ווייס־גרינלעך, איז געשטאַנען און האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך צוגערוקט צום טיר און זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן דער דערבייאיקער וואַנט, אָט ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ פּיצעלע קינד און האָט זיך געשראָקן פאַר דער פינצטערניש. ער איז געשטאַנען אַ בלייכער, אַ צעשראָקענער און זיך געטרייסלט פון מורא.

ער האָט צעעפנט זיינע גרויסע אויגן און אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שול מיט איין בליק: אַן עדה יידן אָנגעטון אין טליתים שטייט און שאָקלט זיך און ברומט. קיין ווערטער קען ער נישט אויפכאַפּן, נאָר אַ געררויש, וואָס שפּאַרט זיך צו דער סטעליע. און די סטעליע איז נישט קיין פּראָסטע. אויף איר איז אויסגעמאָלט אַ זון מיט שטראַלן. צווישן די שטראַלן צוויי לוחות.

דאָס יינגל שטייט מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט און זיינע אויגן לויפן פון איין ייד צו צווייטן און קען זיי נישט דערקענען אונטער די טליתים. יאָ, מיכל דעם קרעמער האָט ער דערקענט. מיכל שטייט ביי אַ שמאָלן הויכן טישל. ער

זינגט אויס װערטער און אַלע כאַפּן אים אונטער. אין מיטן טאָג ברענען ליכט. און די פֿענצטער פֿון שול זענען אַזעלכע ברײטע. אָבער האַרט לעבן דער סטעליע זענען קלײנע פֿענצטערלעך און פֿון זײ קוקן אַרויס פּנימער פֿון פֿרויען.

שלמה שלעפּט שמעונען צום טאַטנס שטאָט. אָבער דאָס ייִנגל לאָזט זיך נישט. ער שטײט װי צוגעשמידט צום דיל. דער עלטערער ברודער איז אַװעק־געלאָפֿן צום טאַטן. דער טאַטע אַנגעטאָן אין טלית איז צוגעקומען צו שמעונען, אים גענומען אויף די הענט און אים צוגעטראָגן צום שטאָט, װאָס ער האָט געהאַט אין שפּיגל־באַנק, אַ ירושה פֿון אור־עלטערן, און אים אַװעקגעשטעלט אויף דער באַנק.

דער טאַטע זעט װי בלײך און דערשראָקן דאָס ייִנגל איז, זאָגט ער מיט פֿאַרדרוס: פֿע! גאָר מורא האָבן פֿאַר אַ מקום קדוש און ייִדן? ביסט דאָך אין אַ שול.

דאָס פֿאַרשטענדלעכע ייִנגל פֿאַרשעמט זיך. ביסלעכװײז ביסלעכװײז האָט ער אָנגעהויבן דערקענען פּנימער פֿון שכנים און ער האָט זיך באַרויִקט.

*****

די שול איז געבליבן אַ װוּנדער אָרט פֿאַרן ייִנגל פֿאַר גאָר אַ לאַנגער צײט. די ערשטע צײט האָט אים פֿאַרכאַפּט דער לשון פֿון דאַװענען. נישט קײן פֿאַר־שטענדלעכער לשון. אָבער מסתמא האָבן די װערטער אַ מין און אַ זין. זיכער איז, אַז זײ באַהיטן און באַשיצן די מענטשן, װאָס זאָגן זײ. אָבער ס׳װאָלט גוט געװען, װען ער װאָלט זײ פֿאַרשטאַנען, אָט װי די װערטער פֿון די ברכות, װאָס ער מאַכט. ער װײסט טאַקע נישט זײער טײטש, אָבער ער שטױסט זיך אָן זײער באַטײט. װען ער מאַכט אַ ברכה דאַנקט ער גאָט, װאָס ער, שמעון, האָט װאָס צו עסן. אויף יעדער זאַך מאַכט מען אַן אַנדער ברכה, איז דאָך קלאָר, װאָס יעדע ברכה מײנט.

אָבער פֿאַרשטײן פֿאַרשטײט ער אַפֿילו איצט, אַז אין דאַװנען זענען נישטאָ קײן פּראָסטע װערטער. זײ האָבן אַ כּוח צו פֿאַרהיטן פֿון בײז. ער שפּירט עס. אָפּט הערט ער װי מען חזרט זײ איבער, אָט װי ער טוט עס, װען ער לײענט קריאת שמע פֿאַרן שלאָפֿן גײן. װען ער זאָגט אָפּ די דרײ מאָל: רגזו ואל תחטאו, אמרו בלבבכם על משכבכם ודמו סלה — שלאָפֿט ער אײַן רויִק, װײל ער װײסט דאָך, אַז דערפֿאַר װעט גאָט אים אומקערן די נשמה, װאָס ער, שמעון, גיט אים איבער פֿאַרן שלאָפֿן גײן. אַזױ איז מסתמא אין שול מיטן דאַװענען. דאַװענען

פאַרזיכערט פון אַל־דאָס שלעכטס. ווען ער וואָלט געקענט דאַוונען פון סידור, וואָלט ער שוין אויסגעפונען, וואָס די ווערטער מיינען. אָבער ער קאָן נאָך נישט דאַוונען. אַלע יינגלעך אין זיין עלטער קענען שוין זאָגן עברי און ער נישט. ער איז שוין גאַנצע זעקס יאָר אַלט — שבת נחמו האָט ער זיך געיאָרט, און גייט אַרום פּוסט־און־פּאַסט. די יינגלעך רייצן זיך מיט אים. אָבער ער ווייס זיי וועיזן. זאָל ער נאָר אָנהייבן גיין אין חדר.

דאַוונען קאָן ער נישט, פאַרשטייען פאַרשטייט ער נישט די איינציקע ווער־טער, וואָס ער כאַפּט אויף. אָבער ער האָט ליב דעם שבתדיקן דאַוונען. איבער־הויפּט, ווען דער חזן זאָגט די הויכע שמונה עשרה. אינמיטן ברכה טוט די גאַנצע עדה אַ זאָג „ברוך הוא וברוך שמו" צום סוף פון ברכה „אָמן". די ווערטער זענען לעבעדיקע, ער זעט, ווי פון אַלע „ברוך הוה וברוך שמו'ס" און „אָמנ'ס" ווערט אַין גרויס קיילעכדיק וואָרט, וואָס טראָגט זיך אַרויף, אַרויף, שפּאַרט זיך צום הימל. נישט גלייך צום הימל, פריער קומט עס אַריין אין ארון הקודש, וואָס איז איינגעמויערט הויך אין דער מזרח־וואַנט.

דער ארון־קודש. דאָס איז דער טויער צום הימל. ער קען טאַקע נישט דעם אלף־בית, אָבער ער קען איבערלייענען די שורה, וואָס איז אויסגעמאָלט איבערן ארון־קודש „זע השער לה׳" — דאָס איז דער טויער צו גאָט. ווער האָט עס אים פאַרטייטשט? קיינער נישט. מען האָט זיי נישט געדאַרפט פאַרטייטשן; די דאָזיקע ווערטער און אַ סך אַנדערע זענען געווען פון דעם רייכן יידישן אוצר, וואָס איז געווען אַלעמענס פאַרמעגן.

מיט אַכט טרעפּ גייט מען אַרויף צום ארון־קודש. ווען מען שטייט אויף דעם העכסטן טרעפּל, וואָס איז ברייט, ווי אַ בריקל, קען מען עפענען די טירלעך. דער ארון־קודש שטייט נישט קיין אָפגעדעקטער, קיין נאַקעטער. ער איז פאַרהאַנגען מיט אַ סאַמעטן פרוכת, וואָס האָט אַ געמעלעכץ פון צוויי לייבן מיט אָפענע מיילער און פאַרריסענע פאַרדרייטע עקן, וואָס די שפּיצן שטעקן אין די מיילער פון די לייבן. יום טוב און שבת פאַרהענגט מען דעם ארון־קודש מיט אַ זיידענעם פרוכת, וואָס אויף אים איז אויסגעהעפט מיט גילדערנע פעדעם די לוחות מיט די עשרת הדברות. אין ארון־קודש שטייען די ספר־תורות.

אַ תורה איז הייליק. אַז מען טראָגט זי פאַרביי דאַרף מען זי אַ קוש טאָן. אַז מען איז עולה לתורה דאַרף מען פריער מאַכן אַ ברכה, ווייל ס׳איז אַ גרויסע הנאה צו זיין לעבן דער תורה, נאָך אפשר מער ווי עסן זיסע קיכלעך. פאַר דער ברכה דאַרף מען אַ פּיר טאָן מיטן טלית איבער דער אָפענער תורה און אַ קוש טאָן דעם טלית. הייליק, הייליק זענען די ספר־תורות. ווו זיי שטייען, רוט די

שכינה איבער זיי און די שכינה באַשיצט און באַהיט די שול. אַהין אין ארון־קודש שטראָמט אַריין דאָס דאַוונען פון עולם; פון דאָרט, פון דעם טויער צום הימל, גייען די תפילות אַרויף גלייך צום כסא הכבוד.

דער עולם שטייט שמונה־עשרה. אַלע ייִדן שעפּטשען און שאָקלען זיך פרום און מיט כוונה. שמעון שטייט אויף דער באַנק און קוקט איבער די קעפּ פון די מתפללים, ער זעט ממש מיט די אויגן, ווי די תפילות שוועבן איבער די קעפּ פון עולם און שפּאַרן זיך אונטערן פרוכת אין ארון־קודש אַריין.

ער שטייט און קוקט און זעט, ווי די תפילות שטראָמען צום ארון־קודש. אים דוכט זיך, אַז ער זעט אַ נעפּל איבער די קעפּ פון עולם. אַט אַזאַ נעפּל, זעט ער זומער אויפהייבן זיך איבער די גערטנער.

שמעון שטייט פאַרשטאַרט. דער ברודער זיינער, שלמה, איז שוין אויסגע־גאַנגען שמונה־עשרה און ער קוקט מיט שרעק אויף דעם פאַרשטאַרטן פּנים פון ברודערל. ער טוט אים אַ טורקע מיטן עלנבויגן:

— וואָס שטייסטו, ווי אַן אָפּגעמאָלטער?

שמעון טוט זיך אַ טרייסל. ער גייט אַראָפּ פון באַנק און פרעגט שטיל דעם ברודערל:

— דו זעפּסט נישט?

— וואָס?

— ווי זיי שטראָמען צום ארון־קודש.

— ווער? וואָס?

— די תפילות!

שלמה בלייבט שטיין מיט אַן אָפענעם מויל — ווי איך בין אַ ייִד, דו ביסט צעדרייט, משוגע אויף טויט.

דער חזן הייבט אָן די הויכע שמונה־עשרה.

**
*

ער האָט שוין געקראָגן נאָך אַ צונעמעניש: דער משוגענער. אָבער ער נעמט זיך נישט צום האַרצן. ער איז אַזוי פאַרטאָן מיט אַלץ, וואָס איז אַרום אים און מיט זיך, אַז עס אַרט אים גאַנץ ווייניק, וואָס מען רייצט זיך מיט אים. זיי ווייסן דאָך נישט דעם אמת. אַט האָט ער אויסגעפונען, אַז ער קען געדענקען גאַנצע שמועסן, וואָס ער הערט איין מאָל, אדער וועלכע ס׳איז ליד, וואָס ער הערט זינגען. אָבער בלויז די ווערטער פון ליד. דעם ניגון נישט אַזוי גוט.

## וואָרצלען

אין חדר גייט ער נישט, אָבער ער קען זיך אויסלערנען גאַנצע שטיקער דאַוונען אויף אויסנווייניק. אָט איז אים געפעלן געוואָרן די תפילה „הודו לה׳ כי טוב — כי לעולם חסדו״. דער „כי לעולם חסדו״ חזרט זיך איבער נאָך יעדן פסוק, דאָס איז שיין.

ווען שלמה איז געקומען פריי־טיק פון חדר, האָט זיך שמעון צוגערוקט צו אים און אים דערלאַנגט אַ סידור און געפרעגט:

— ווייז מיר וווּ עס שטייט אין סידור דער הודו מיט די כי לעולם חסדוס.

— אויף וואָס דאַרפסטו עס וויסן, סידון?

שמעון האָט אים געענטפערט רויק:

— אַז דו וועסט איבערזאָגן פאַר מיר די תפילה און אָנווייזן מיטן פינגער אויף יעדער שורה, וועל איך דיר דערפאַר עפּעס ווייזן אַ שיינע זאַך.

— וואָס פאַרא שיינע זאַך?

— וועסט שוין זען!

— דו נאַרסט מיך אָפּ.

— איך וועל דיך נישט אָפּנאַרן.

— געדענק־זשע, — האָט אים שלמה געסטראַשעט מיט אַ פינגער — אויב דו וועסט מיך אָפּנאַרן, וועל איך דיר אונטערשלאָגן די לונגען.

— איך וועל דיך לאָזן מיר אונטערשלאָגן די לונגען און נישט וויינען, אויב איך וועל דיך אָפּנאַרן.

ווען שמעון רעדט אַזוי דערוואַקסן, דערשרעקט זיך שלמה און ווערט גע־ווייניטלעך אין כעס. אָבער איצט האַלט ער זיך איין. ער איז נײַגעריק צו זען, וואָס דער סידון וועט אים ווייזן.

שלמה נעמט דעם סידור, מישט אויף שחרית און הייבט אָן זאָגן שנעל: הודו לה׳ כי טוב — כי לעולם חסדו! הודו לאלהי האלהים — כי לעולם חסדו.

שמעון האָט אים אָפּגעשטעלט: — נישט געמאָלט. מיר האָבן דאָך אָפּגע־רעדט דו זאָלסט פירן מיטן פינגער איבער די שורות, פאַמעלעך, פאַמעלעך.

— ביסט אַ קליעשטש. אָבער געדענק, בעסער היט דײַן צוזאָג — האָט שלמה געענטפערט און אָנגעהויבן זאָגן פאַמעלעך די תפילה און געפירט מיט אַ פינגער איבער די שורות.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער פאַרמאַכט דעם סידור און געזאָגט:

— נו, ווייז, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט.

— זאָג איבער נאָך אַמאָל די זעקס און צוואַנציק פסוקים — האָט שמעון געזאָגט.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז עס זענען דאָ זעקס און צוואַנציק פּסוקים — האָט שלמה געפרעגט פאַרוואונדערט.

— איך האָב געציילט.

— האָסט געציילט — האָט דער ברודער איבערגעחזרט, ווי אײנער פאַר־בישופט — אָבער פאַרוואָס דיר עפּעס איבערזאָגן נאָך אַמאָל?

— וועסט שוין שפּעטער זען.

שלמה האָט אומגעדולדיק ווידער געעפנט דעם סידור און געבורטשעט: — איך ווייס נישט פאַרוואָס איך פאָלג דיך. אָבער געדענק, אויב וועסט מיך אָפּ־נאַרן, וועסטו חרטה האָבן. איך וועל דיר געבן קלעפּ, ווי האַלץ, איך וועל בוכטשען.

— איך וועל דיך נישט אָפּנאַרן, אָבער זאָג איבער פּאַמעלעך און פיר מיטן פינגער איבער די שורות.

שלמה האָט איבערגעזאָגט די תפילה פּאַמעלעך און געפירט מיטן פינגער איבער די שורות. ער האָט געענדיקט און געוואָלט פאַרמאַכן דעם סידור, שמעון האָט צו אים זיך אַ קער געטון:

— פאַרמאַך נישט דעם סידור, קוק און פאַרהער מיך.

— וואָס פאַרהערן?

— פאַרהער מיך, צי איך קען עס אויף אויסנווייניק — האָט שמעון גע־ענטפערט, — און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָט ער אָנגעהויבן אי־בערצוזאָגן די תפילה אויף אויסנווייניק וואָרט אין וואָרט.

שלמה האָט זיך אײנגעגעסן מיט די אויגן אין סידור און ווען שמעון האָט געענדיקט, איז ער געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און דערנאָך אַרויסגעשאָסן:

— ביסט אַ ליגנער! קאָנסט עס נישט אויף אויסנווייניק!

הער נאָך אַמאָל, — האָט שמעון געענטפערט.

— נו, זאָג!

שמעון האָט איבערגעזאָגט די תפילה.

דער עלטערער ברודער האָט פאַרמאַכט דעם סידור און אַרויסגעשעפּטשעט מיט שרעק:

— האָסט אַן אָפּענעם מוח. באַלד האָט ער אָנגעהויבן שרייען:

— מאַמע, מאַמע, קום נאָר אַהער. הער, וואָס דער סידון קען!

די מאַמע איז אַרײַנגעלאָפן מיט שרעק:

— וואָס האָט ער שוין אָפּגעטון? וואָס?

## וואַרצלען

— הער נאָר, מאַמע, הער נאָר — האָט שלמה זיך געקאָכט — ער קען דאָך הודו לה׳ כי טוב אויף אויסנווייניק.

בײדע, שלמה און די מאַמע, האָבן אַרײַנגעקוקט אין סידור און שמעון האָט איבערגעחזרט די תפילה אויף אויסנווייניק.

די מאַמע מערע האָט זיך צוגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע, ווי איינע וואָס מען האָט איר אונטערגעזעגט די פיס.

זי האָט געווישט די אויגן מיט די עקן פון דעם קאָפּ־טיכל און אַרויסגעשעפּטשעט די זעלביקע רייד ווי איר עלטערער זון:

— אַן אָפּענער מוח, אַן אָפּענער!

זי האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן: אַ סגולה קעגן אַן עין־הרע, און געזאָגט צו שלמהן:

— דו זאָלסט אים נישט טשעפּען! דו הערסט וואָס איך זאָג דיר?

— ווער טשעפּעט אים, מאַמע? איך האָב גאָר מורא פאַר אים.

די מאַמע האָט אַ זיפץ געטון — אפשר האָט איר טאַקע גאָט געהאָלפן מיט אַ לערנער? ווי דערלעבט מען שוין ער זאָל אָנהייבן גיין אין חדר, ווי דערלעבט מען שוין!

## קאַפּיטל 4

# דער נייער בית־מדרש

דריי שולן זענען געווען אין שטעטל. זיי זענען געשטאַנען אין שול־הויף איינע לעבן דער אַנדערער אין אַ סגל. אין שפּיץ פונעם סגל איז געשטאַנען די אַלטע שול, דאָס קליינע שולעכל רעכטס. לינקס — די נייע שול, וואָס מען האָט גערופן „דער נייער בית־מדרש״.

אין דער אַלטער שול האָט געדאַווענט עמך: שניידערס, שוסטערס, בעלי־עגלות, סטאָליאַרעס, קאַראַבעלניקעס, בויער און לאָזע־דרייער. אויך די „הרוזניקעס״: טרעגערס און אָנלאָדערס פון די וואַגאָנעס אויף דער באַן, אָרעמע קרעמער און גלאַט קבצנים.

אין דער קליינער שול האָבן געדאַווענט די פרומע עלטערע ייִדן, וואָס זענען ניט געווען אַזוי שטאַרק פאַרהאַוועט אין פרנסה. אויך איידעמס אויף קעסט. דאַווענען האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען שפּעט. מען האָט פאַרן דאַווענען, ניט געאיילטערהייט, אָפּגעלערנט אַ בלאַט גמרא, אַ פּרק משניות און גלאַט אַריינגעקוקט אין אַ ספר.

אין דעם נייעם בית־המדרש האָבן געדאַווענט די רייכע קרעמער, תבואה סוחרים, פאַרמעגלעכע מעקלערס, וואַלד־סוחרים און זייערע מענטשן — ייִדן מיט אונטערגעשוירענע בערד, לייענער פון „הצפירה״, שטיקלעך משכילים און בירושה חסידים. אין מיטן וואָך איז מער ווי איין מנין אין דער פרי דאָרט ניט געווען.

די אַלטע שול און דאָס קליינע שולעכל,ביידע, זענען געווען אין ליכטיקסטן טאָג טונקל. פון פּאָליש איז מען אַראָפּ מיט פינף טרעפּ אין שול אַריין. דער ארון־קודש איז געווען איינגעמויערט אין וואַנט. די ווענט פון שול־בנין זענען געווען געקאַלכטע און די סטעליע אַ באַמאָלענע. אין דער אַלטער שול, גלייך איבערן

אָרון־קודש, איז געווען אויף דער סטעליע אויסגעמאָלט אַ רויט פֿאַרגייענדיקע זון, די שטראַלן האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער סטעליע. אינמיטן די שטראַלן, געמאָלן אין בלוי — די לוחות מיט די עשרת הדברות. אין דער קליינער שול, איז אויף דער סטעליע, איבערן אָרון־קודש, געווען אויסגעמאָלט צוויי דוכנ־דיקע הענט, מיט דעם „יברכך" פֿון ברכת כהנים אַרום די צוויי צעשפּרייטע הענט.

אין בײדע שולן זענען געווען אַ סך ספרים. גאַנצע, האַלב צעריסענע; גע־בונדן אין לעדער, אין לייוונט און אָפט מיט צעפּליקטע רוקנס. אין דער אַלטער שול איז כמעט די גאַנצע צפֿון וואַנט געווען פֿאַרנומען מיט פּאָליצעס ספרים. אין דעם קליינעם שולעכל זענען געווען אַזויפֿיל ספרים, אַז ס'זענען ניט געווען פֿאַר זיי גענוג פּאָליצעס און אומעטום, אויף די בענק, אין די שטענדערס, אויף די שטענדערס און אויף דער בימה זענען געווען אָנגעוואָרפֿן מיט פֿאַרשידענע ספרים. אָבער אין דער נייער שול זענען די ספרים געשטאַנען אין צוויי אַלמערס מיט גלעזערנע טירן. די שאַפֿעס האָבן געגלאַנצט פֿון פּאָליר און די ספרים זענען געווען גאַנץ און ניי. מען האָט קיינמאָל ניט געקאָנט וויסן, פֿאַרוואָס די ספרים זעען אויס אַלע מאָל אַזוי ניי. שונאים האָבן געזאָגט, אַז ס'איז ווייל מען נוצט ניט די ספרים. גוטע פֿריינט האָבן געטענהט, אַז די בעלי־בתים אין דער נייער שול זענען היינטוועלטיקע מענטשן, גיבן זיי אַכטונג אויף די ספרים און בינדן איין יעדן צעריסענעם ספר.

די אַלטע און די קליינע שול, זענען געווען אַלט, זייער אַלט. אַזאַ האַלץ זעט מען גאָרניט היינטיקע צייטן, האָבן די בעלי־בתים געזאָגט. קיינער, אפֿילו פֿון די עלטסטע ייִדן, האָבן נישט געדענקט, ווען די שולן זענען געבויט געוואָרן „אפֿילו אין מיין זיידנס צייטן, פֿלעגט זאָגן לייבע דער בעדער, אַ זקן פֿון איבער הונדערט יאָר, זענען די שולן שוין געווען אַלט און מען האָט ניט געוווסט, ווען זיי זענען געבויט געוואָרן". אַבער דער נייער בית־מדרש איז געבויט געוואָרן אַ צען יאָר איידער שמעון איז געבוירן געוואָרן. מאָדנע איז, וואָס קיינער האָט ניט געקענט דערקלערן פֿאַרוואָס מען רופֿט די ערשט אויפֿגעבויטע שול דער נייער בית־מדרש און ניט די נייע שול.

דער נייער בית־מדרש איז געשטאַנען אויף אַ הויכן שטיינערנעם פֿונדאַמענט, געהאַט אַ בלעכענעם דאַך מיט רינוועס געפֿאַרבט גרין. אינעווייניק זענען די שול־ווענט געווען געפֿאַרבט בלוי, געפֿאַרבט — נישט געקאַלכט. און די בענק, די שטענדערס, די טירן, די גאַנצע האָלץ־אַרבעט, איז געווען גלאַנציק אָפּגעפּאָלירט. די פֿענצטער גרויסע, האָבן געמאַכט די שול ליכטיק. דער ארון קודש איז געווען ניט קיין איינגעמויערטער, נאָר געשטאַנען האַרט צום וואַנט אויף אַ שיינעם הויכן

הילצערנעם אויפשטעל. דער ארון־קודש און דער פונדאַמענט זענען געווען באַ־פוצט מיט שײנע שניצערײען פון אַלערלײ פײגל און חיות און בלומען. שמעונען האָט זיך אַלע מאָל געדוכט, אַז ס׳איז גאָר נישט קײן שול, נאָר אַ שײן רײך הויז פון אַ ייִדן אַ גביר. ער וואָלט קײנמאָל נישט אַרײנגעשמעקט אַהין, ווען נישט די מורא און פורכטקײט פון דעם הוילן שטיקל וואַנט, וואָס איז געווען אין דרום זײט. אַ שטיקל וואַנט, וואָס איז אפילו נישט פאַרטינקעוועט — עס זענען זיך די דראָנ־געס, די טשוועקעס און די לײסטלעך — אַ לאָך אינמיטן דער שײנער אָפּגעפּאַר־בטער וואַנט.

דאָס שטיקל וואַנט האָט מען אַזוי געלאָזן, װײל מענטשלעך בלוט איז געווען פאַרגאָסן אויפן האָלץ. ווען נישט דאָס פאַרגאָסענע בלוט, וואָלט דער בית־מדרש קײנמאָל נישט אויפגעשטעלט געוואָרן.

ווער האָט דער ערשטער פאַרטראַכט, אַז מען דאַרף בויען אַ נײע שול? ווי אַזוי האָט מען צונויפגעקליבן דאָס געלט פאַרן בנין? וועגן דעם האָט מען דער־צײלט מאָדנע מעשיות אין שטעטל. שמעון געדענקט זײ נישט קלאָר, ווי ער וואָלט זײ געהערט אין אַ חלום. אָבער אײן אויסטערלישע מעשה, ווי אַזוי די בעלי־מלאכות האָבן געוואָלט צעוואַרפן די ווענט פון בנין, איז בײ אים געבליבן אין געדעכעניש. ווי אַלעמאָל, ווען אַ מעשה געפעלט דעם ייִנגל, פאַרמאַכט ער די אויג־גן, צעשאָקלט זיך, ברומט אונטער אַ ניגון און שפּילט אָפּ די מעשה אין זכרון, ווי ער וואָלט זי בײגעווױנט. ווען ער דערצײלט זי איבער, ווײסט ער בעסער, וואָס דעמאָלט איז געווען, אַ סך בעסער, ווי פון אײנעם, וואָס איז טאַקע מיט אַן אמת דאָרט געווען.

ס׳איז געווען אין אַן אָוונט פון שמחת־בית־השואבה, גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, אָבער די שול איז געווען נאָך העל באַלויכטן. אַלע לאָמפּן זענען געווען אָנגעצונדן און אויפן עמוד האָבן געברענט די ליכט אין דער מנורה, ווי אום יום־טוב. מען האָט שוין געענדיקט פאַרקויפן די שיר המעלותן און פאַר דעם געלט האָט מען געקויפט בראָנפן און לעקעך און עפּל.

די דערוואַקסענע ייִדן האָבן גענומען צו קעלישיקלעך בראָנפן און פאַרביסן מיט לעקעך. די ייִנגלעך האָט מען געטײלט עפּל. נאָכדעם האָט מען זיך צעזונגען און צעטאַנצט. דער בעסטער זינגער און בעסטער טענצער איז נחום פאַלק הומאַן דער בעל־עגלה, אַ ייִד אַ גבר, אַ הויכער, אַ ברײט־פּלײציקער; אַ טאַטע פון זעקס זין, אַלע אין אים געראָטן, אײנער געזינטער פון אַנדערן. נחום פאַלק האָט זיך נישט צוגערירט צום בראָנפן. ער זאָגט, אַז נאָר בלײכע שנײדערס, שוסטערס וואָס זענען בענקל־זיצערס דאַרפן האָבן בראָנפן צו פרײלעך ווערן. וואָס איז דאָ צו

זיין אומעטיק? אין אַ מקום קדוש איז ער, שיר המעלותן האָט מען געזאָגט, שמחת בית השואבה איז עס דאָך, אַרום אים אַזויפיל ייִדן — איז ער שוין שיכור פון נחת, הנאה און פרייד. זיינע בנים האָבן שוין אָבער אַריינגעגאָסן צו פיר קעלי־שיקלעך.

נחום פאַלק און זיינע בנים האָבן געשמט איבער דער גאַנצער סביבה. ווי איינער פון זיי האָט געגעבן אַ קלאַפּ איז שוין מער קיין האָר דאָרטן נישט גע־וואַקסן. דער אַלטער איז שוין איז די זעכציקער, אָבער ער קאָן נאָך אַלץ אויפ־הייבן דעם געזונטסטן פויער און דרייען מיט אים אַרום קאָפּ, אָט ווי אַ ייִד דרייט מיט אַ האָן צו כפרות. קיין האַנט אויף אַ ייִדן האָט ער קיינמאָל נישט געהויבן. די בנים וואָלטן דווקא געוואָלט ווייזן, וואָס זיי קאָנען, אָבער זיי האָבן נאָך אַלץ געציטערט פאַרן טאַטן. און דער טאַטע זאָגט: אַ הומאַן האָט צו געזונטע קולאַקעס, אַז ער זאָל הייבן אַ האַנט אויף אַ ייִדן.

זינגט נחום הומאַן און טאַנצט. ער זינגט אַ שטיקל פּיוט: „יחביאנו בצל ידו תחת כנפי השכינה". ס'איז זיין חזקה צו זינגען דעם ניגון און די ווערטער. טאַמער הייבט עמיצער אָן עס צו זינגען, וואַקסט אויס לעבן אים נחום פאַלק און טוט אַ קאָמאַנדעווע און דווקא אויף רוסיש: מאַלטשאַט! — שווייגן, הייסט עס. הערט מען אויף. זיין געשריי אַליין וואַרפט אָן אַ פּחד. טאָמער טרעפט, אַז אַ ייִד איז בגלופין און פאָלגט נישט, טוט אים אַ כאַפּ נחום פאַלק „זאַגרוד" — עס מיינט ער כאַפּט אים אָן פון פאָרנט די קליידער, ביי די לאַצן כלומרשט, אָבער באמת כאַפּט ער אַריין אין זיין לאַפּע דאָס רעקל, די זשילעט, דאָס העמד און הייבט אויף דעם ייִדן פון דער ערד, אָט ווי איינער הייבט אויף אַ זעקל שטרוי, האַלט אים אין דער לופטן און זאָגט מאָדנע געלאַסן צו דעם ייִדן, וואָס שטיקט זיך מיט דער אייגע־נער צונג:

— נו, זינג!

דער ייִד קען נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, נישט נאָר זינגען. נחום פאַלק שטעלט אים אַוועק צוריק אויפן דיל און זאָגט מיט ביטול:

— נאַדיר אַ נייעם זינגער פון יחביאנו. וואָס מיינסטו, ס'איז דיר אַ דאָר־פישע „פּעסניע?" מאַלטשאַטי" הער ווי אַ ייִד דאַרף זינגען יחביאנו. און צע־זינגט זיך.

זינגען ייִדן און טאַנצן. ס'איז דאָך שמחת בית השואבה אין שטעטל. טאַנצט מען אַ קאַראַהאָד און נחום פאַלק איז אין מיטן. די פּאָלעס פאַרשטעקט אין בעל־עגלהשן גאַרטל,ביידע הענט פאַרוואָרפן אויף דער פּאַטילניצע און ער שוועבט

מיט זיין שווערן גיבורשן גוף, ווי ער וואָלט געווען געמאַכט פון פּראָבקע־האָלץ. אָבער פון יעדן טופּ אין דיל צעקלינגען זיך די שויבן אין די פענצטער.

שמעון גייט אַראָפּ פון באַנק, ווו ער שטייט מיט אַלע קליינע יינגלעך און גייט אַריין אין קאַראַהאָד און טאַנצט קעגן נחום פאלקן (דאָס, וואָס ער, שמעון, איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן דעמאָלט, שטערט נישט דעם יינגלס פאַנטאַזיע). דער קאַראַהאָד איז גרויס, אָבער ער קען פאָרט נישט אַריינגעמען אַלע ייִדן. טאַנצן ייִדן ביי די זייטן פון קאַראַהאָד פאָרלעכווייז, פּירנווייז. די הענט אויף די אַקסלען, די קעפּ פאַרוואָרפן אויף הינטער אַרום, די פרייע הענט פּאַכען אין דער לופט און די פיס טופען. נחום פאלק האָט אויפגעהערט זאָגן יחביאנו און איצט זינגט ער מיטן עולם דעם „טשערנאָבלער נגון״, וואָס הייבט די ייִדן פון די פיס.

אין מיטן טאַנצן האָט זיך אַרויפגעכאַפּט שייע דער שוסטער אויף דער בימה, אַ פּאַטש געטון אין שולחן און אויסגעשריגן האַלב־שיכורלעך:

— פאַלגעס, קאַפּולעס און בייטש־שטעקעלעך! איר טאַנצט, איר זינגט, איר הוליעט און גייט אין אַ קאַראַהאָד און גלייך אונטער אייערע נעזער בויען די שיינע בעלי־בתים אַ נייע שול. די אָפּגעפּאַשעטע גבירים און יונגעלייטלעך וואָס לייענען די גאַזעטן שטייט נישט אָן צו דאַוונען מיט שער און אייזן און קאַפּולעס. די בייטש־שטעקעלעך זענען נאָר ראוי צו פירן זיי צום באַן, אָבער דאַוונען איינ־איינעם? — דאָס אַ פּייג!

מאָטל דער טאַנדעטניק האָט זיך צעקאָכט. מאָטל, אַ דאַר קליין ייִדל, מיט אַ באָרד ווי אַ וואַלד, האָט ליב געהאַט גערודער און טומל. ווו נאָר אַ מחלוקת איז ער געווען דער ערשטער. ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער שפּיגל־באַנק, מען זאָל אים קענען זען און אָנגעהויבן ליאַרמען:

— גערעכט, שייע, גערעכט, ווי איך בין אַ ייִד! היינט געפעלט זיי נישט אונדזער שול, מאָרגן וועלן זיי וואַרפן אָן אומחן אויף דעם אַלטן רב.

— טאַקע, ווער וועט זיי נישט לאָזן ברענגען אַ נייעם רב אין דער נייער שול? — האָט געפרעגט מיט שרעק איטשע כאַיקעס, אַ ייִד מיט אַ מאָדנער פאַנ־טאַזיע, וואָס ווינטער זענען אים אַלעמאָל באַפאַלן וועלף און זומער, אין די ליכ־טיקע נעכט, האָט ער געזען דאַמאָוויקעס — שדים.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך, — האָט זיך צעקוויטשעט שייע. — זיי וועלן ברענגען אַ נייעם רב און אונדזער אַלטער רב דער למדן, דער גאון, דער צדיק וועט שטאַרבן פון הונגער.

— וואָס באַלעבעטשעסטו, שוסטערוק — האָט נחום פאלק געפרעגט. — ווער? ווען? ווי אַזוי וועט אונדזער אַלטער רב ר׳ ישראל שטאַרבן פון הונגער?

— האָסט אַ באַלעגאָלישן קאָפּ פאַרשטייסטו נישט וואָס מען רעדט צו דיר.
— האָט געענטפערט מאָטל. — הער נאָר!
דאָ האָבן זיך אַ לאָז געטון נחום פאלקס בנים:

— וואָס זידלסטו זיך, אָט באַלד ווערט פון דיר פּאַראָך!

נחום פאלק האָט זיי אָפּגעהאַלטן: — לאָזט רעדן, בנים מיינע, איר האָט שוין געגומען אָן איבעריקע כוסה? וואָס איז דאָ דער האַרמידער? איך האָב אייב גערופן שוסטערוק רופט ער מיך באַלעגאָלישער קאָפּ. וואָס זאָלן מיר זיך רופן מורנוס? רעד מאָטל.

— פאַרשטייסטו מיך, — האָט מאָטל אָנגעהויבן מיט אים איינטענהן, — עס איז אַ קלאָרע זאַך: די הכנסה פון גאזע (קעראָסען) ווערט געשניטן ווערן אויף האַלב — פאַר צווייען. וואָס עפּעס נאָר אויף האַלב? ווער ברענט בליץ־לאָמפּן, וואָס עסן אויף גאַנצע פונטן גאַזע? איך? דו? ניין! די שיינע לייט צינדן זיי, און אַז עס קומט צו דין־תורהס — זיי לאָדן זיך דאָך אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק — וועט מען אויך גיין צום נייעם רב. בלייבט אונדזער אַלטער רב אויף וואַסער.

— אַ צינגעלע? אַ שטיקל קראַפּיווע, עס שרפהט — האָט געזאָגט נחום פאלק.

דערווייל האָט זיך מאָטל צעשריִען:

— ייִדן, וואָס שוויגט איר? פאַרוואָס לאָזט איר אונדזער אַלטן רב, דעם גאון, דעם צדיק אויסגיין פון הונגער?

— דו פלוידערסט — האָט נחום פאלק שוין פאַרלוירן זיין געדולד, — ווו נייער רב, וואָס נייער רב, אויפן הימל אַ יריד. אַראָפּ פון באַנק.

אַ נייער קול האָט אויסגעשריִען פון הינטערן בימה:

— איר האָט געזען אָן אונטערגעבוי? אינגאַנצן פון שטיינער. היינט די קראָקוועס וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט! און די ווענט וואָס זיי הייבן אויף. איר וועט זען, זייער נייע שול וועט נאָך זיין העכער פון דער אַלטער.

— ייִדן, שווייגט נישט!
— צעוואַרפט דעם נייעם בנין!
— ייִדן, צענעמט די ווענט!
— קומט, וואָס שטייט איר?

די גאַנצע שול ייִדן האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אָבער ביי דער טיר איז געשטאַנען נחום פאַלק הומאַן מיט צעשפּרייטע הענט, פון ביידע זייטן זיינע בנים. ער האָט גערעדט רויִק, ווי זיין שטייגער איז:

— איך לאָז קיינעם ניט אַרויס פון דאַנען, ביז דו, מאָטל, דו גרויסער גלאָק מיטן גרעסטן צינגל וועסט מיר נישט ענטפערן אויף מיין שאלה.

— וואָס איז דיין שאלה, גרויסער למדן מיינער? — האָט מאָטל געפרעגט.

— איך וויל וויסן, — האָט נחום פאַלק אַרויסגעזונגען מיט אַ גמרא־ניגון — פון וועלכער תורה וועט דער בעל קורא לייענען די סדרה פון וואָך, דאָרטן, ביי זיי אין דער נייער שול?

— וואָס מיינסטו פון וועלכער תורה, נחום פאַלק? פון דער זעלביקער ספר תורה, וואָס אַלע ייִדן. ס'איז נאָר דאָ איין תורה ביי ייִדן, למדן מיינער.

— אויב אַזוי — האָט נחום פאַלק געזאָגט — צעוואַרפט מען נישט קיין ווענט.

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו זיינע זעקס בנים:

— ווער עס וועט נאָר אַ שפּאַר טאָן זיך צום טיר לייגט אים אונטער דעם קאָפּ אונטערן האַנטפּאַס. קילט אָפּ די צעהיצטע מוחות.

דער עולם האָט געוווסט, אַז מיט די הומאַנעס שלאָגט מען זיך ניט. אָבער מען האָט זיך אַן עצה געגעבן. מען האָט צעעפנט די פענצטער פון דער שול און אָנגע־הויבן אַרויסשפּרינגען אין דרויסן. שניידערס, שוסטערס, הרוזשניקעס האָבן צענו־מען אַ פּלויט, האָבן אָנגענומען די דרענגלעך און זיך אַ לאָז געטאָן צו די אויפ־געשטעלטע ווענט פון דער נייער שול.

די הומאַנעס האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן פון שול, געכאַפּט האַלאַבליעס אין די הענט און נחום פאַלק האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— ניט געשלאָגן זיך, זין מיינע, שפּאַרט אונטער די ווענט מיט די פּלייצעס און לאָזט ניט צעוואַרפן קיין מקום קדוש.

חברה בעלי מלאכות האָט זיך צעהיצט און אָנגעהויבן דערלאַנגען מיט די דרענגלעך. די הומאַנעס האָבן שוין אויך ניט געשוויגן. בלוט האָט זיך אָנגעהויבן גיסן. ווער ווייסט צו וואָס עס וואָלט, חלילה, געקומען, ווען עמיצער וואָלט ניט געבראַכט דעם אַלטן רב.

דער זקן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ קלאָץ און אָנגעהויבן שרייען:

— ייִדן, וואָס טוט איר? איר ווערט דאָך הורגי נפשות — מענטשלעך בלוט גיסט זיך.

זיין געשריי האָט אַלעמען אויסגעניכטערט און מען איז זיך צעגאַנגען. איין שטיקל וואַנט איז געבליבן באַגאָסן מיט בלוט, האָט מען עס ניט פאַרטינקעוועט, — אַ זכר צום געשלעג.

# וואַרצלען

ווען די שול האָט זיך אויסגעבויט, האָבן די שיינע באַלעבאַטים פאַרבעטן נחום פאַלקן מיט זיינע זין צו דאַוונען אין דעם נייעם בית־מדרש. מען האָט זיי געוואָלט געבן שטעט אין שפיגל־באַנק, אָבער דער אַלטער האָט זיך אָפּגעזאָגט. „מען פאַר־לאָזט נישט דעם טאַטנס שטאָט און מען ווערט נישט קיין „ריסטאָקראַט" אין מיטן דערינען" — האָט ער געענטפערט.

יאָרן שפּעטער האָט דער עלטערער זון, חיים, געקויפט אַ שטאָט אין דער נייער שול. חיים איז דעמאָלט שוין געווען אַ פאַרמעגלעכער ייִד און זיינע זין האָבן געלייענט די „צפירה".

## קאַפּיטל 5

# ביים אָפֿענעם ארון־קודש

עס איז שוין דער פערטער חודש, אַז דאָס ייִנגל קען שטיין און גיין און אים איז נאָך ערגער, ווי ווען ער איז געווען אַ סידון. אַ ייִנגל אין זיינע יאָרן גייט שוין לאַנג אין חדר. אַ חדר־ייִנגל איז פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג און אין דער פרייער צייט האָט ער זיינע חברים מיט וועמען ער קען שפּילן אין פּאַלאַנטעס, אין ציגעלע וואָלף, אין שלי שלך און אין קנעפּלעך. פרייטיק נאָכמיטאָג, אין די זומערדיקע טעג, גייט מען אויפן „זאַמד" — אַ ניי פאָרשטעטל, וואָס האָט זיך אויסגעבויט לעבן וואַלד, נישט ווייט פון צווינטער. דאָרטן זענען פאַראַן טיפע גראָבנס, פון וואַנען מען האָט יאָרן־לאַנג געבראַכט געלן זאַמד פאַרן שטעטל, נאָך פון אַמאָליקע צייטן, ווען אַלע דילן פון די הייזער אין שטעטל זענען געווען ערדענע, און מען האָט זיי אַלע ערב־שבת אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד. די ייִנגלעך האָבן אַ שפּיל, וואָס זיי רופן „רייטער" — מען לאָזט זיך אַראָפּ פון שפּיץ באַרג אין גראָבן אַרונטער זיצנדיקערהייט. ס'איז אַ שווערע קונץ, ווייל די גאַנצע צייט דאַרף מען האַלטן די פיס אין דער הייך — אַנישט פאַרטשעפּען זיך די פיס און מען קערט זיך איבער.

אין די שיינע זומערדיקע טעג גייט מען אין די בעריאָזקעס — אַ שיטער וועלדל פון דינע, הויכע בעריאָזעביימער, האַרט ביים פלויט פון גלחס סאָד. אין די בעריאָזקעס שפּילט מען זיך אין באַהעלטעניש אָדער מען זוכט דעם אוצר, וואָס איז דאָרטן באַהאַלטן פון מלך סאָביעסקיס צייטן. עס טרעפט אָפט, אַז מען גראָבט אויס אַ ביינערנע האַנט, אַ שטיקל שאַרבן; דעמאָלט מאַכן די ייִנגלעך אַ לוויה. אַלע ווייסן דאָך, אַז די הויכע בערגלעך זענען קברים, קברים פון נאַפּאָלעאָנישע זעלנער. אין נאַפּאָלעאָנס חילות זענען געווען אַ סך ייִדן.

קען דאָך זיין, אַז דער ביין, דער שאַרבן איז פון אַ ייִדן. דאַרף מען אים ברענגען צו קבר ישראל.

אָבער שמעון גייט נישט אין חדר. גייט ער אַרום פוסט און פּאַס אַ גאַנצן טאָג; האָט ער זיך נישט מיט וועמען צו שפּילן, סיידן ער זאָל צושטיין צו די מיידלעך, וואָס באַקן חלות פון געלן זאַמד, ברויט פון שוואַרצע בלאָטע, אָדער ער זאָל זיך שפּילן מיט דריי־יאָריקע ייִנגלעך אין פערדלעך. אָבער אי ער שעמט זיך, אי ער האָט קיין תשוקה נישט פאַר אַזעלכע שפּילן.

גייט ער נאָך זיין עלטערן ברודער שלמה. אָבער שלמה איז נישט צופרידן, ווייל די חברים זיינע ווילן נישטליידן, וואָס אַזאַ קאַראַפּוזיקל האָט זיך צוגעטשעפּעט צו זיי ווי אַ קלעשטש.

נאָך דער מעשה מיטן תשר״ק האָבן שוין אים די עלטערע ייִנגלעך אַפילו מער נישט אָפּגעטריבן, אָבער דאָך קען שמעון זיך נישט שפּילן מיט זיי. ער איז צו יונג.

די מעשה מיטן תשר״ק איז פאַרלאָפן דעם פרייטיק נאָך דעם ווי שמעון האָט געוויזן זיין ברודער שלמהן, אַז ער קען דעם „כי לעולם חסדו״ אויף אויסנ־ווייניק. ווי אַלעמאָל האָט שמעון זיך נאָכגעשלעפּט זיין עלטערן ברודער. ווען די ייִנגלעך האָבן אים גענומען אָפּטרייבן, האָט שלמה זיי דערציילט, אַז שמעון האָט זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק דאָס שטיקל דאַוונען און צוגעגעבן — לאָזט אים צורו, ער איז אַ דערוואַקסענער.

ברוך לייבע דעם סטאָליאַרס, דער אָנפירער אין אַלע שפּילן, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, האָט עס נישט געגלייבט:

— דערצייל מיר נישט קיין מעשה מיט אַ „כי לעולם חסדו״ — האָט ער געזאָגט צו שלמהן. — איך וועל זיך וועטן מיט דיר אין צען קנעפּלעך, אַז ער וועט נישט קענען איבערזאָגן דעם תשר״ק נאָכדעם ווי איך וועל עס זאָגן צוויי מאָל.

שלמה האָט געענטפערט:

— גוט, איך וועל זיך מיט דיר וועטן.

שמעון האָט דערהערט דאָס וואָרט תשר״ק און עס איז אים געפעלן געוואָרן. עפּעס אַ שיין קיילעכדיק באַפּוצט וואָרט. עס האָט אָפּנים פון אַ פּאָלירט קעסטעלע. ער איז געבליבן שטיין פאַרשטאַרט ווי אַלע מאָל, ווען עפּעס הייבט זיך אָן אים אויסלייגן אין מוח. ער זעט אַ קעסטעלע מיט אַ קיילעכדיקן צודעק, געמאַכט ווי דער קופערט, וואָס שטייט ביי זיי אין אַלקער. נאָר דער קופערט איז פון פּראָסטן האָלץ, אָבער דאָס קעסטעלע איז פון פּימפּסן־האָלץ, וואָס

שיינט און גלאַנצט און מיט פיינע שניצערייען און האָט א מעשענעם שלעסל. וואָס קען ליגן אין אַזאַ קעסטעלע? פאַרשטייט זיך, גאָלד מיט זילבער און ברי־ליאַנטן. ווי קומט אַהין גאָלד מיט זילבער און ברילליאַנטן? דאָס האָט אַהין אַריינגעלייגט בוירטע גזלן. ווו האָט ער עס געקריגן? — ס׳איז געווען אַ ווינ־טער־נאַכט. אַ שיינער פייטאָן געשפּאַנט צו דריי פערד נאַשפּיץ איז געפאָרן דורך דעם געדיכטן וואַלד פון יורעוויטש. אין פייטאָן איז געזעסן אַ פּריץ. דער פריץ האָט געהאַט אַ רעוואָלווער אין קעשענע. הינטערן פייטאָן איז גע־פאָרן אַ קאָזאַק מיט אַ ביקס. אָבער בוירטע גזלן האָט נישט מורא פאַר אַזעלכע זאַכן. ער איז אַרויס פון וואַלד, אַנגעכאַפּט דעם פאָדערשטן פערד ביים צוימל און אָפּגעשטעלט דעם פייטאָן.

טשעקאַווע איז, וואָס דאָס יינגל טראַכט וועגן אַ רעוואָלווער און אַ קאָזאַק, זאַכן וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזען און ווייסט נישט וואָס זיי זענען. אַ רעוואָלווער איז ביי אים אַזאַ שוועבעלע, וואָס ווען מען צינדט עס אָן, שפּייט עס מיט פייער. אַ קאָזאַק איז אַ האָריקער גוי, נאָר מיט זייער לאַנגע וואָנצן און זעקס סאַבליעס, דריי אויף יעדער זייט. ער רעדט נישט, נאָר רעוועט, עסט נישט נאָר פרעסט, טרינקט נישט נאָר זויפט. קאָזאַקן און עשו איז ביי אים איינס און דאָס זעלבע. אַן עשו ווייסט ער וואָס עס איז. דאָס וואָרט איז אַ שלעכט וואָרט, וואָס מיינט אַלץ דאָס בייז און אַלץ דאָס שלעכטס.

ברוך האָט געוואָלט אָנהייבן זאָגן דעם תשר״ק. אָבער דאָס ערשטע וואָרט איז אים געבליבן אין קעל, ווען ער האָט אַ קוק געטון אויף שמעונען און אים דערזען מיט אַ פאַרטייעט פנים. שלמה האָט אַ מאַך געטון צו ברוכן:

— ס׳איז גאָרנישט. ער איז איצט פאַרחושט.

— וואָס עפּעס אין מיטן דערינען?

— אָט אַזוי. ווען ער פאַרטראַכט זיך וועגן עפּעס, ווערט ער טויט, ווי אַלע טויטע. עס ווערט ביי אים שבת אין קאָפּ.

שלמה האָט אַ טאָרע געטון דעם ברודערל שמעונען:

— הער דעם תשר״ק!

שמעון איז באַלד געקומען צו זיך, ווי ער וואָלט גאָר ערגעץ אַנדערש נישט געווען, און געענטפערט:

— זאָל ער זאָגן.

ברוך האָט פאַמעלעך אַרויסגערעדט:

— תשר״ק, צפע״ס, נמל״ד, יטח״ז, והד״ג, ב״א.

שמעון האָט עס תיכף איבערגעחזרט.

ברוך־לייבע דעם סטאָליערס איז געבליבן שטיין, ווי אַ צעטומלטער, הערט נאָר אַ מעשה! אים האָט געטומען וואָכן זיך אויסצולערנען דעם תשר״ק און אָט דאָס שוואַרצע קאַראַפּוזיקל, די גרויס ווי אַ ניסעלע, הערט עס איינמאָל און קנאַקט עס אָפּ גיך ווי אַ וויכער. ברוך איז אין כעס געוואָרן און אויסגערופן:

— ס'אַליגן, שלמה, האָסט מיך אָפּגענאַרט. ער האָט עס פון פריִער געקענט.

— ווי האָט ער עס געקענט קענען? — האָט שלמה געפרעגט. — ער גייט דאָך נאָך נישט אין חדר. ער ווייסט נישט אַפילו, וואָס אַן אלף איז.

ברוך האָט זיך נאָכמער צעכעסט:

— און אַז ער גייט נישט אין חדר, איז וואָס? דו האָסט אים געקענט אויס־לערנען דעם תשר״ק.

שלמה האָט זיך געשווירן:

— ווי איך בין אַ ייִד, אַז איך האָב אים אַפילו נישט דערציילט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי תשר״ק. גלייבסט נישט? איך וועל דיר שווערן מיט אַ ציצה.

ברוך האָט נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אָבער מיטאַמאָל האָט אים שמעון אַ שלעפּ געטון פאַרן אַרבל:

— ברוך, וואָס מיינט תשר״ק?

— ווייסט נישט?

— ניין. — האָט דאָס ייִנגל געשאָקלט מיטן קאָפּ.

ברוך האָט געענטפערט:

— דער תשר״ק איז דער אלף־בית פאַרקערט.

— ווי גייט דער אַלף־בית?

ברוך האָט שוין איצט פאַרשטאַנען, אַז דאָס ייִנגל האָט עס פריִער טאַקע נישט געקענט, איז ער נאָך מער אין כעס געוואָרן:

— וואָס בין איך דיר, אַברהם דער לאַנגער, דער דרדקי מלמד? וועסט אָנהייבן גיין אין חדר וועסטו וויסן. אַז דו וועסט אַלץ איצט וויסן, איז וואָס וועסטו טון אין חדר?

פון דעמאָלט אָן טרייבן אים נישט אָפּ די ייִנגלעך, אָבער אין די שפּילן נעמט מען אים נישט אַריין. ער איז צו קליין און נישט פלינק גענוג און נישט שטאַרק גענוג צו שפּילן מיט עלף־צוועלף־יעריקע ייִנגלעך אין פּאַלאַנטעס, אין ציגעלע־וואָלף אָדער שלי־שלך.

בלאָנקעט אַרום דאָס ייִנגל. ביז צוועלף דעם זייגער איז נאָך אַ האַלבע צרה; די שול איז פול מיט מתפּללים, איין מנין נאָכן אַנדערן. מען דאַוונט, מען רעדט, מען לערנט און מען טומלט. ווו מענטשן רעדן און טומלען דאָרטן איז שמעון.

זיינען אויערן זענען ווי צוויי שוואָמען — זאַפּן אין זיך אַלץ אַריין, דאָס וואָס ער פאַרשטייט און דאָס וואָס ער פאַרשטייט נישט. גאָר אָפט פאַרכאַפּט אים דאָס קלאַנג פון אַ וואָרט, מער ווי דאָס וואָרט. בכלל האָט ער ליב צוצוהערן זיך. מען קען אים נישט אָפּטרייבן מיט שטעקנס פון אַ רעדל. אָבער נאָך צוועלף?

**
*

ס'איז געווען נאָך האַלבן טאָג, אינמיטן אלול, בין הזמנים. די יינגלעך האָבן זיך געשפּילט אין שלי־שלך אין שול־הויף. שמעון איז געזעסן אין שול לעבן פענצטער און געקוקט אויף צוויי זאַכן מיט אַמאָל: אויף דעם שפּיל פון די יינגלעך און יודע דעם צדיק. דאָס יינגל האָט געהאַלטן אויפן קאָפּ וויפל מאָל יעדער יינגל האָט פאַרשפּילט, אָדער געוווּנען, און וויפל מאָל יודע דער צדיק איז געלאָפן צום האַנטפאַס וואַשן די הענט.

זיצט אַזוי דאָס יינגל ביים נידעריקן פענצטער אין דער וואַרעמקייט פון זון — האַלב וואַך, האַלב אין דרימל. מיטאַמאָל ווערט די טיר פון שול אויפגע־ריסן פון צוויי פרויען: אַ מאַמע און אַ טאָכטער, ישראל צלאלס ווייב נעכע און איר עלטסטער טאָכטער, דאָס כלה־מיידל שרהקע. זיי האָבן אַראָפּגערוקט די קאָפּ־טיכלעך ביז איבער די אויגן — זיי זענען דאָך אין אַ מקום־קדוש — און זיך געלאָזט צום ארון־קודש. זיי זענען אַריין מיט אַ געוויין, אָבער ווי זיי זענען צוגע־קומען צום ערשטן טרעפּל האָבן זיי אויסגעבראָכן אין אַ יאָמער. שמעון איז געוואָרן וואַך: מויל און אויערן אָנגעשטעלט — וואָס וועט דאָ זיין?

די פרויען האָבן געיאָמערט. מיט יעדן טרעפּל, וואָס זיי זענען אַרויף צום ארון־קודש, איז דער יאָמער געוואָרן העכער און שטאַרקער. אָבער מאָדנע איז געווען פאַרן יינגל, וואָס ווי זיי זענען אַרויף צום פּרוכת, האָבן זיי בײדע גלייך אויפגעהערט וויינען אויף אַ ווײלע, אַ קוש געטון דעם זוים פון פּרוכת, אים ראַשיק פאַנאַנדערגענומען און צוריק אָנגעהויבן וויינען.

זיי האָבן געעפנט די טירלעך פון ארון־קודש און איינגעגראָבן די קעפּ צווישן די ספר תורות. באַלד האָבן זיך דערהערט נעכעס טענות:

— רבונו של עולם, איך האָב קברים געריסן און מיין צאַלע איז נאָך אַלץ געבליבן אַ חולה מסוכן. איך האָב דאָס פעלד געמאָסטן און פון דעם באַוולענעם פאָדעם ליכט געמאַכט און מיין צאַלע איז אַלץ פאַרביי. איך האָב זיינע בגדים אָרעמעלייט צעטיילט און ער איז געבליבן פאַרשלאָפט. איך האָב תעניתים געפאַסט, תהילים־זאָגער באַשטעלט און ער גוססט. בין איך געקומען אַריינגעפאַלן אין ארון־

קודש, קלאַפּן דיר אין טיר: האַר פון אַלע וועלטן, גאָטעניו, טאַטעלע האַרציקער, לאָז מיר איבער מיין שפּייזער, אַ טאַטן פון אַכט קינדער.

דאָס ייִנגל זעט, ווי יודע דער צדיק, פאַרמאַכט דעם ספר און באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט. צלאלס ווייב האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך ווידער פאַר־גאַנגען אין אַ געוויין־געבעט:

— עפן די טויערן פון רחמנות! דו ווערסט דאָך גערופן „אונדזער טאַטע אין הימל“, איז ווי קען אַ טאַטע אָפּקערן זיך פון זיין קינד. אויב נישט צוליב מיר, איז צוליב די אַכט קינדער. וואָס האָבן זיי געזינדיקט?

די טאָכטער איז געשטאַנען לעבן דער מאַמען מיט די הענט אויפן פּנים און געשלוכצט שטיל. די מאַמע האָט מיט דעמזעלביקן געוויין, שלוכץ און ניגון, וואָס זי האָט געטענהט צו גאָט, זיך אַ קער געטון צו איר:

— טאָכטערשי, טאָכטערשי, בעט דו אויפן קול. אפשר וועט ער דערהערן דעם קול און יאָמער פון אַ כלה, וואָס טאָר נישט טרויערן און טאָר נישט קלאָגן.

די טאָכטער זיך אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די קולאַקעס אין קאָפּ:

— טאַטע, טאַטע אין הימל, אויף וועמען לאָזטו אונדז איבער? אויף וועמען?

שמעון זעט, ווי יודע האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ קרעכץ און אַ זיפץ, אַ וויש געטון אַ טרער פון רעכטן אויג און אַזוי אָנגעטון אין טלית און תפילין איז ער צוגעגאַנגען צום ארון־קודש און אָנגעהויבן, ווי מיט אַ געבעט:

— נו, נו, נשים, גענוג, גענוג.

שמעון האָט באַמערקט, ווי יודע קוקט נישט אויף זיי און זיין פּנים איז אָבער געוועזן מאָדנע צעקרימט. איז עס צעקרימט פון כעס אָדער פאַרדרוס?

די פרויען האָבן אים אַזוי גיך נישט געפאָלגט. יודע האָט שוין אָנגעהויבן מיט רוגזה:

— נו, גענוג, נשים, איך זאָג אייך, אַז עס איז גענוג. שטעלט אים נישט צו קיין נסיון. אַהיים! אַהיים!

נעכע האָט שנעל, ציטערנדיק פאַרמאַכט דעם ארון־קודש, פאַרצויגן דעם פּרוכת, אים אַ קוש געטון און ביידע, מאַמע און טאָכטער, זענען אַראָפּ די טרעפּלעך מיט אַ שטילן שלוכצן, די אַקסלען איינגעבויגן, ווי מענטשן, וואָס ווייסן, אַז מער קענען זיי גאָרנישט נישט טון.

ווען זיי זענען אַרויס האָט יודע אַ קוק געטון אויפן ארון־קודש. ער האָט דערזען, אַז דער פּרוכת איז נישט אינגאַנצן פאַרצויגן, איז ער אַרויף אים צורעכט געמאַכט. אַראָפּ, צוגעגאַנגען צום האַנטפאַס און געוואַשן די הענט. נאָכדעם איז

## שלמה סײמאָן

ער צוגעגאַנגען צום אַלמער ספרים, לאַנג געזוכט מיט די אויגן, געפֿונען אַ דין ספרל, עס אַרויסגענומען און צוריקגעקערט זיך צו זײַן אָרט לעבן הרובע.

שמעון איז צוגעגאַנגען באַענט, זיך געשטעלט אַנטקעגן יודען און נישט אַראָפּגענומען פֿון אים די אויגן.

נאָך אַ היפּשער װײַלע האָט יודע מער נישט געקענט אויסהאַלטן שמעונס אַנגעשטעלטע אויגן. ער האָט זיך אַ קער געטון צום ייִנגל:

— װאָס װילסטו, בן?

— װעט ער געזונט װערן?

— פֿון װאַנען זאָל איך װיסן?

שמעון האָט פּאַמעלעך אויסגעשטרעקט די האַנט און אָנגעװיזן מיטן פֿינגער אויף דעם קלײנעם ספרל:

— איר האָט דאָך געפֿונען דעם הײליקן ספר.

יודע האָט אָנגעקוקט דעם ייִנגל, װאָס שטײט פֿאַר אים מיט אַן ערנסטן אָנגע־צויגענעם פּנים און געפֿרעגט:

— ביסט בן־ציון דעם שוסטערס ייִנגל?

שמעון האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— געהערט װעגן דיר, — האָט יודע אַ בורטשע געטון.

שמעון האָט װידער געפֿרעגט זײַנס:

— װעט ער געזונט װערן?

יודע האָט לאַנג נישט געענטפֿערט. נאָכדעם האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם פּנים אויף דער פֿלאַך פֿון האַנט, געקוקט דעם ייִנגל אין די אויגן און געזאָגט צו אים:

— פֿאַרװאָס מײנסטו האָב איך פֿאַרלאָזט װײַב און קינדער און זיך אַרײַנ־געקליבן אין שול און זיץ אַ גאַנצן טאָג אין טלית און תפֿילין?

דאָס ייִנגל האָט אים אָנגעקוקט שװײַגנדיק, װי ער װאָלט געװוסט, אַז יודע װאַרט נישט אויף קײן ענטפֿער. יודע האָט װײַטער גערעדט:

— װײַל איך װײס נישט און פֿאַרשטײ נישט, װאָס עס טוט זיך אויף דער װעלט. װוּ איז די השגחה? פֿאַרשטײסט װאָס מען רעדט צו דיר?

דאָס ייִנגל האָט געדרײט מיטן קאָפּ אויף נײן.

יודע האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אָנגעהויבן רײדן צו זיך: זע נאָר װי איך האָב זיך צערעדט מיט אַן עופֿהלע. פֿאַרװאָס זאָל ער פֿאַרשטײן, װאָס איך רײד? ער האָט זיך אַ קער געטון צו שמעונען:

— גײ, גײ, גײ זיך שפּילן מיט די ייִנגלעך אין פֿערדלעך. װאָס האָסטו זיך פֿאַרקליבן אין שול, װי אַן אַלטער ייִד? גײ זיך שפּילן.

## וואָרצלען

דאָס יינגל איז אַרויס פון שול.

דער דרויסן מיט זיין ליכטיקייט האָט אים אַ שלאָג געטון אין פנים. די יינגלעך מיט זייערע געשרייען האָבן אויפגעריסן זיינע אויערן. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיי, נאָכדעם ווי זיינע אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער זוניקייט, און האָט געזען, אַז די יינגלעך זענען פאַרקאָכט אין זייער שפיל פון שלי־שלך. ברוך האָט געהאַט ביי זיך דאָס גרויסע פּאָלק. שלמה, שמעונס ברודער, איז געבליבן בלויז מיט דריי זעלנער. שמעון הערט —

שלמה רופט: שלי שלך!

ברוך ענטפערט: שיק דיין פּאָלק!

שלמה: דאָס פּאָלק איז טויט!

ברוך: גיי אַליין!

שלמה: שלח — שיק דו!

ברוך האָט אַרויסגעשיקט אַ זעלנער, וואָס איז געלאָפן צו שלמהס פּאָלק אָפּשלאָגן איינעם און ברענגען צו ברוכן.

דאָס יינגל האָט געקוקט אויף דער חברה און זיך געוווּנדערט: זע נאָר, זיי אַרט גאָרנישט, וואָס צאַלעס ווייב און טאָכטער זענען אַריינגעפאַלן אין ארון־קודש. פאַרוואָס אָבער האָט עס יודע דעם צדיק יאָ געאַרט? און פאַרוואָס וויל ער, שמעון, וויינען?

ס׳איז שוין געוואָרן שפּעטלעך. צייט גיין אַהיים.

## קאַפּיטל 6

# אַ שטיוול

דער זכרון האָט מאָדנע וועגן פֿון צוריקטראַכטן און מאַכן אַרויפֿשווימען דאָס, וואָס ער וויל פֿון געדעכעניש. אין אָנהייב איז פֿאַר שמעונען געווען שווער צו פֿאַרשטיין דעם מאָדנעם גאַנג פֿון זיין זכרון. אָט ווען ער וויל זיך עפּעס דער־מאָנען פֿון פֿאַרגאַנגענע יאָרן פֿאַלט אים גאָר צוערשט אַריין אין מויל אַ וואָרט, אַ פֿראַזע, אַ פּסוק און ערשט נאָך דעם טויכן אויף די בילדער און די מענטשן, וואָס ער האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן. אָבער נאָכדעם, ווען די יוגנט שעהן און טעג שטעלן זיך אויס פֿאַר אים, זעט ער די שייכות צווישן דעם וואָרט, וואָס איז אים צום ערשטן געקומען אויפֿן שפּיץ צונג און די אַרויפֿגעשווומענע זכרונות.

אָט וויל ער זיך דערמאָנען וועגן דעם פֿרימאָרגן פֿון ערשטן טאָג אין חדר. קומט אין מויל אַריין אַ וואָרט — תורה. דערנאָך אַ פּסוק פֿון ירמיהו און דערנאָך צוויי שורות פֿון אַ ליד פֿון י״ה. לייוויק.

ער קען שוין דאָס שפּיל, פֿאַרמאַכט ער די אויגן און לאָזט זיין כוח־הזכרון שפּילן.

תורה, תורה, תורה. ער קען זיך נישט דערמאָנען ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט דאָס וואָרט. אים דוכט זיך אויס, אַז נאָך פֿאַרן אָנהייב — איידער ער׳ געדענקט עפּעס וואָס, האָט ער עס געהערט. דאָס וואָרט בלייבט נישט לאַנג אַליין, עס קומט צו אים צו אַ טייל פֿון אַ פּסוק פֿון ירמיהון: „איידער איך האָב דיך גע־שאַפֿן אין בויך האָב איך דיר דערקענט, און איידער דו ביסט אַרויס פֿון דער מוטערס טראַכט האָב איך דיך געהייליקט״. און דער פּסוק שלעפּט מיט זיך צוויי שורות פֿון לייוויקס אַ ליד:

## װאָרצלען

„איך װײס נישט װער עס האָט מיך אױסדערװײלט פֿון אַלע
— — — — מײַן יוגנט אין דערװאַרטונג געלײַטערט".

שמעון שמײכלט צו זיך, װי אױף אַ קינאָ־לײַלעך װײַזן זיך בילד נאָך בילד, סצענע נאָך סצענע.

**
*

נאָך װען ער איז געװען אַ סידור, געזעסן אױפֿן דיל מיט אַ פֿינגער אין מױל, האָט ער שױן געװוסט, אַז ספֿרים זענען הײליק.

דעם טאַטנס שטוב איז געװען אַן אָרעמע. עס איז אין איר נישט געװען קײן מעבל גלאַט פֿאַר פּוץ און שײנקײט. יעדעס שטיקל מעבל איז געװען פֿאַר טאָג־טעגלעכן געברױך און נוץ. אַ טיש, שטולן, טאַבורעטקעס, אַ קאַנאַפּע, אַ סאָפֿקע, בעטן אין די קאַמערס; אין קיך: אַ טאַפּטשאַן, אַ גראַטקע פֿאַר געפֿעס און אין דער סאַליע — אַ קלײדער־שאַפֿע און איבער דער טיר, װאָס פֿירט אין אַלקער, זענען געװען אַרײַנגעבױט פּיר פּאָליצעס פֿאַר ספֿרים.

אױך אין דער סאַליע, אױף דער לאַנגער װאַנט — אױף דער װאַנט, װאָס עס זענען נישט געװען קײן פֿענצטער — איז געהאַנגען אַ שפּיגל.

דער שפּיגל איז אױך געװען אַ נױטװענדיקײט אין הױז. ס'איז דאָך אָנגע־פֿירט געװאָרן אַ בעקערײַ, האָט מען געדאַרפֿט זיך אָנקוקן, אַז מען זאָל נישט אַרױס אין גאַס מיט אַ פֿאַרסאַזשעטן אָדער פֿאַרמעלטן פּנים.

די מאַמע איז געגאַנגען אין אײגענע האָר, װי אַלע בעל־מלאכהשע װײַבער. אין דערװאָכן איז דער קאָפּ געװען אַלעמאָל פֿאַרדעקט מיט אַ פּראָסט טיכל, שבת מיט אַ זײַדן טיכל אָדער קאָסינקע.

געדענקט שמעון, אַז פּרײַטיק פֿלעגט די מאַמע זיך שטעלן פֿאַרן שפּיגל צו פֿאַרקעמען די האָר לכּבֿוד שבת. אָבער אײדער זי האָט אַראָפּגענומען דאָס טיכל פֿון קאָפּ, האָט זי געהײסן שלמהן, דעם עלטערן ייִנגל אירן, צו פֿאַרציִען די פֿאַר־האַנקעס איבער די פּאָליצקעס מיט ספֿרים. אױב ער איז געװען אין דרױסן, זיך געשפּילט מיט די חבֿרים, האָט זי געשיקט גיטען אים רופֿן. שלמה האָט זיך געװאָרפֿן, געשלײדערט, נישט געװאָלט קלעטערן אױף גלײַכע װענט, און נאָך צװײ מאָל: אײנמאָל פֿאַרציִען די פֿאָרהאַנקעס אױף די ספֿרים און דערנאָך זײ פֿאַר־שאַרן. אָבער די מאַמע האָט נישט אָפּגעלאָזט: פֿאַרצי די פֿאָרהאַנקעס, שלמה, דו װײסט דאָך, אַז איך קען נישט שטײן מיטן בלױזן קאָפּ פֿאַר די הײליקע ספֿרים.

װען ס'איז געקומען צו פֿאַרשאַרן די פֿאָרהאַנקעס האָט זיך װײַטער אָנגע־

הויבן אַ דינגעניש. די מאַמע האָט אָפּט געדאַרפט זיך צעשרייען אויף אים, אַפילו געבן אַ קלאַפּ.

— וואָס מיינסטו, לאָזן די פּאָרהאַנקע אַ פאַרצויגענע, פאַרשטעלן די ספרים? ס'איז דאָך אַ יידישע שטוב, דאַרפן ספרים זיך אָנזען.

ווען ס'איז אָנגעגאַנגען די אַמפּעריי צווישן דער מאַמען און שלמהן, האָט שמעון געהאַלטן אויף ביידן אָנגעשטעלט די אויגן, געזויגן שטאַרקער דעם פינגער און פאַר אַ לאַנגער צייט געוואָלט פאַרשטיק, ווי אַזוי קענען די ספרים, וואָס שטייען פאַרמאַכטע, די ווערטער אויף די בלעטלעך פאַרקוועטשט צווישן טאָוולען, ווי אַזוי קענען די הייליקע ווערטער זען דער מאַמעס האַר?

אָבער ער האָט אויסגעפונען. די ווערטער אויף די בלעטלעך האָבן אין זיך אַזאַ קדושה, אַז זיי מאַכן אויך הייליק די טאָוולען, וואָס רירן זיי אָן. אַ סימן, ווען אַ ספר פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד קושט מען דעם לייוונט, וואָס דעקט צו די טאָוולען.

תורה, תורה, ביי אַלעמען אויף דער צונג. תהילים איז תורה. תהילים זאָגט מען אַלעמאָל. ס'איז דאָ אַ חברה־תהילים. דוד המלכס גוואַרדיע רופט מען זי. דער טאַטע איז אַ גוואַרדייעץ. שבת שטייט ער אויף פאַרטאָג, ווען ס'איז נאָך גוט פינצטער אין דרויסן, ער שטייט נאָך אויף פריער, ווי די מאַמע שטייט אויף אינדערוואָכן צו פאַרקנעטן די געבעקסן. „אָבער — באַקלאָגט זיך דער טאַטע — ווי פרי איך שטיי אויף, בין איך קיינמאָל נישט דער ערשטער, פאַראַן בעסערע גוואַרדייצעס פון מיר”.

איידער שמעון האָט נאָך געקענט אַרומגיין, האָט ער שוין געוווּסט, וואָס עס מיינט גמרא, משניות, עין־יעקב און מדרש. תורה. די שטוב איז געווען פול מיט איר חשיבות הגם נישט דער טאַטע און נישט דער שכן זוסיע זענען געווען למדנים.

ווען די מאַמע ווערט אין כעס אויפן טאַטן וויינט זי און טענהט:

— פאַרוואָס און פאַר וועמען האָרעווע איך און ווער פאַרפינצטערט? וואָסי, דו ביסט איטשע מאַשעס, דער למדן, דער שיינער ייד, וואָס זיצט כל ימיו און לערנט און גרייט אָן עולם הבא פאַר זיך און זיין ווייב?

ווייסט שמעון, אַז ווען דער טאַטע וואָלט געווען אַ למדן, וואָלט דער מאַמען גאָרנישט געאַרט, וואָס זי האָרעוועט און ווערט פאַרפינצטערט.

גיטע, די עלטערע שוועסטער, פאַרוויגט דעם יינגסטן ברודערל בנימינען מיט אַ לאַנג לידל, וואָס נאָך יעדער פאָר שורות חזרט זי איבער:

תורה וועסטו לערנען
ספרים וועסטו שרייבן.

אין דער משפּחה איז נישטאָ קיין איין למדן, קיין איין לערנער. אַ משפּחה פון שוסטערס, שניידערס, סטאָליאַרעס און בעל־עגלות. אָבער ער, שמעון — דאָס האַרץ ציטערט אין אים — ער וועט זיין אַ למדן, דער למדן אין משפּחה. דווקא ער, וואָס אַלע הלומען זיך איבער אים.

און איצט אויף די עלטערע יאָרן. שמעון איז שוין אַ ייד מיט אַ גרויען קאָפּ האָר, ווען ער וואָלט געטראָגן אַ באָרד, וואָלט ער מסתמא אויסגעזען, ווי דער טאַטע זיינער צו די יאָרן, זיצט ער און אויף דער צונג קומט אַרויף אַ וואָרט און אַ שטיקל פּסוק און צוויי שורות פון אַ ליד, צונויפגעמישט, אָבער קלאָר איז פאַר אים זייער באַטייט:

— „תורה, תורה, תורה״; „נאָך אידער איך האָב דיך געשאַפן אין בויך האָב איך דיר דערקענט, איידער דו ביסט אַרויס פון דער מוטערס טראַכט, האָב איך דיר געהייליקט״; „איך ווייס נישט ווער עס האָט מיך אויסדערוויילט פון אַלע — מיין יוגנט אין דערוואַרטונג געלייטערט״.

שמעונס אַלט האַרץ הייבט אָן צו קלאַפּן שנעל, אַט ווי דעמאָלט, ווען ער האָט, זיצנדיק אויפן דיל, אויסגעוויילט צו זיין דער למדן אין דער משפּחה, דאָס שיינדל. דווקא ער, דער סידון, וואָס אַלע הלומען זיך איבער אים. זאָל ער נאָר אָנהייבן גיין אין חדר. און אָט זעט ער דעם זונטיק אינדערפרי, ווען ער דאַרף אָנהייבן גיין אין חדר. אָבער וואָס פאַר אַ יאָמער, וואָס פאַר אַ קלאָג.

**
*

זעלטן ווען פאַרטאָג איז געווען שטיל אין הויז. דאָס גאַנצע שטעטל איז נאָך געשלאָפן אָבער די קליינע, דאַרע מאַמע איז שוין געווען אויף. דער אַכטער לאָמפּ ברענט און אין אויוון פלאַקערט אַ פייער. זי האָט קיינעם נישט געוועקט, ערשט נאָכדעם, ווי זי האָט פאַרקנאָטן אַ מולטער בייגל, אַ ראָשטשינע אייער קיכ־לעך און אַ טייג בולקעס, האָט זי אָנגעהויבן צו וועקן דער עלטערער מאָכמער גיטען, נאָכדעם שלמהן און רחל־לאהן. גיטע האָט געדאַרפט פאַרקנעטן די דייזשע ברויט, רחל־לאה האָט זיך געדאַרפט שטעלן וועלגערן בייגל און שלמה האָט נאָכדעם, ווי די בייגל זענען פאַרטיק געוואָרן, געדאַרפט אַרויס אין מאַרק מיט זיי. אָבער ער האָט געדאַרפט פריער אָפּדאַווענען.

די קינדער האָט זיך נישט געגלוסט אַרויס פון אַ וואַרעמער בעט. נאָך אַ ווילע ליגן, נאָך אַ ווילע. די מאַמע איז פול מיט פאַדרוס — זי איז דאָך שוין אויף צוויי שעה, האָט זי אָנגעהויבן שרייען און שעלטן. עס האָט אויך נישט

געהאָלפֿן, האָט זי גענומען אַ קאַטשלקע, געקלאַפּט איבער די בעטן און העכער געטומלט. געוויין, קולות, געשרייען, האַרץ־עסעניש און פּאַרדרוס.

דער טאַטע, וואָס האָט זיך געלייגט שלאָפֿן שפּעט, ער האָט געאַרבעט בײַ יענעם, איז ער געווען אין וואַרשטאַט ביז נאָך עלף דעם זייגער, האָט אָנגעהויבן בורטשען:

— אַ גהינום, אַ קעסל־גרוב, אַ סמבטיון, לאָזט נישט צומאַכן מיט קיין אויג!

האָט די מאַמע זיך צעקאָכט און צעווײנט אויף אַן אמתן. אַ שטראָם רייד האָט זיך אַ שפּאַר געטון פֿון איר מויל. טענות צום מאַן, צו די קינדער און צו גאָט. ס׳איז געווען אַ מין באַווײנען. זי האָט באַוויינט איר פֿינצטערן מזל — אַ שטוב מיט אַכט קינדער און דער מאַן אַ שלימזלניק. איר איז קיין זאַך נישט שווער און זיי, די קינדער, ווילן נישט אַרויס פֿון די וואַרעמע בעטן; און דער מאַן האָט נאָך טענות.

שוין פֿופֿציק יאָר זענען אַריבער פֿון דעמאָלט אָן און נאָך איצט קען שמעון איבערגיין דער מאַמעס טענות, ווי ער וואָלט זיי נעכטן געהערט — אַזוי אָפֿט זענען זי איבערגעחזרט געוואָרן.

די נאַכט, איידער שמעון האָט אויף מאָרגן געדאַרפֿט גיין אין חדר, איז ער כמעט נישט געשלאָפֿן. שוין חדשים, אַז ער איז אומגעדולדיק צו אָנהייבן גיין אין חדר. מאָרגן גייט ער צו אברהם דעם לאַנגן, דעם דרדקי מלמד. בײַ שמעונען איז עס געווען אַ פֿרייד און אַ פּאַרדרוס. אַ פֿרייד — סוף כל סוף דער חדר, און אַ פּאַרדרוס, וואָס ער, אַ זעקס און אַ האַלב־יעריקער בחור וועט דאַרפֿן זיצן אויף איין באַנק מיט עופּהלעך. ער האָט שוין געדאַרפֿט מיט אַ האַלב יאָר צוריק גיין צו נחום דעם חומש־מלמד אין חדר.

ער ווייסט, אַז טראָגן אין חדר וועט מען אים נישט טראָגן אײַנגעוויקלט אין אַ טלית, ער איז דאָך אַ גרויסער בחור. מען וועט אים נישט וואַרפֿן קיין קאָפּיקע ווי פּאַר אַן עופּהלע און אים זאָגן, אַז אַ מלאך האָט עס געוואָרפֿן, ער ווייסט דאָך, אַז עס איז אָפּנאַרערײַ.

און אַ גרויסער סוד האָט אים באַאומרויקט. זיי אַלע האַלטן אים פּאַר אַ גוטן קאָפּ. ער קען אויף אויסנווייניק אַ סך תּפֿילות, אויך ברכו, קדושה און דעם תּשר״ק — אַלץ אויף אויסנווייניק. אָבער אין סידור קען ער קיין אות נישט געפֿינען. וויפֿל ער האָט זיך געמאַטערט דערקענען אותיות, קען ער דערקענען נאָר צוויי: דעם אלף און דעם שין. אַ קאַראַמיסלע מיט צוויי עמער איז אַן אלף און אַ ברעטל מיט דריי מאַקאַווקעס (מאָן־קעפּלעך) איז אַ שין. ווען ער הערט עפּעס

געדענקט ער, ווען ער זעט עפּעס פֿאַרגעסט ער עס גיך, סיידן אים בלייבט עס איינגעקריצט אין זכרון מיט נאָך עפּעס ממשותדיק־באַקאַנט.

וואַרפֿט זיך דאָס ייִנגל אויף זיין געלעגער און קען נישט איינשלאָפֿן.

ער איז אָבער דאָך סוף כל סוף איינגעשלאָפֿן מיט אַ שווערן און טיפֿן שלאָף. אַלע מאָל כאַפּט ער זיך אויף ווי נאָר די מאַמע שטעלט אַרויס אַ פֿוס פֿון בעט. הייַנטיקס מאָל האָט ער נישט געהערט ווי זי איז אויפֿגעשטאַנען. ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן אָנגעהויבן וויַיסן אין די פֿענצטער האָט איר קול אים אויפֿגעוועקט:

— אויף אַ טאַטע. אים זאָל עס אַרן אויף אַ האָר. דאַכט זיך האָסט געוווּסט. ווי דאָס ייִנגל האָט געוואַרט אויף דער שעה, ווען ער וועט אָנהייבן גיין אין חדר. געוווּסט אַז דאָס ייִנגל דאַרף האָבן אַ פּאָר שטיוול. האָט ער עס אָפּגעלייגט. אויף פּאָר יום טוב, אויף נאָך ראש השנה, אויף חול המועד און איצט נישטאָ קיין שטיוועלעך. נישטאָ. אין דרויסן פֿליוכעט, קויט ביז איבער די אויערן און ער נייט נאָך. דער גרויסער געניייער מיינער.

דער טאַטע האָט עפּעס געבורטשעט אָן ענטפֿער — ער איז פֿאַרקויפֿט, אַר־בעט פֿאַר יענעם. וועט נעמען נאָך אַ טאָג. אָבער די מאַמע האָט נישט אָפּגעלאָזט:

— אַז דאָס זענען אַלץ תּירוצים. איך קען דאָך דיך. האָסט זיך פֿאַרלאָזט, ווי אַלעמאָל, אויף אַ נס. טאָמער, אפֿשר, ווער ווייסט, עס קען נאָך זיין אַ שיינער טאָג, וועט ער קענען גיין אין זיינע צעפּאַרענע כאָדאַקעס. אָבער דער רבונו של עולם פֿירט זיין וועלטל ווי ער וויל. אין חשון מוז גיסן, פֿליוכען און ווערן בלאָטעס און שליאָטעס.

דער טאַטע האָט ווידער אַ בורטשע געטון:

— אַ שטוב איז דאָס? אַ גיהנום, אַ קעסל־גרוב, אַ סמבטיון!

די מאַמע איז אים נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפֿער:

— אוודאי אַ גיהנום. עס ברענט, עס פֿלאַקערט, עס טראַסקעט דאָס פֿייער אין אויוון שוין דריי שעה. איך וויל עס אַזוי. איך בין אַ מכשפֿה, אַ מרשעת, וויל נישט ליגן ווי אַלע וויַיבער אין פּוך און שלאָפֿן. עס הייבט מיך, עס רייסט מיך. ווייסט פֿאַרוואָס? ווייל דו ביסט אַ שלימזל, קאָנסט קיין רעכטע דראָטווע נישט מאַכן, דאַרף איך אויפֿשטיין פֿאַרטאָג און שטעלן זיך פֿאַרן אויוון, זיך ברענען און בראָטן. איר אַלע פֿאָפֿט און מיר טריקנט דער מוח. עמעצן דאַרף דאָך דאַרן דער קאָפּ. אָט ווי איצט פֿאַרן חדר־ייִנגל.

דער טאַטע האָט שוין אינגאַנצן פֿאַרלוירן דאָס געדולד. ער האָט אַרויס־געפּלאַצט בייז:

— אָבער זאָל זיין געבוג. ער וועט נישט פאַרשפּעטיקן די תורה. קיין רב וועט ער אַלץ איינס נישט זיין.

די מאַמע האָט אַ שטעל געטון דעם ראַזאָן (אַזאַ שטעקן מיט אַן אייזערנעם שפּיץ אַרויסצונעמען די בייגל פון אויוון) מיט אַ קנאַק:

— שוין אָפּגעפּסקנט! פאַרוואָס נישט? עס שטייט דיר נישט אָן? מחוץ האָבן נאָך אַ שוסטער אָדער אַ שניידער אין דער משפּחה? ס'איז דאָך אַ דוחק ביי אונדז אויף שוסטערס און שניידערס רבנים האָבן מיר, ווי בייגל אין מולטער!

געוויינטלעך פלעגט שמעון זיך נישט נעמען צום האַרצן די אַלע קולות און געשרייען. פאַרקערט, ער האָט הנאה געהאַט פון דער מאַמעס טענות. אַלץ קומט ביי איר אַרויס אַזוי גלאַט און קיילעכדיק. יעדעס וואָרט, ווי מיט אַ טשוואָק אַריינגעקלאַפּט. אָבער איצט האָט ער זיך צעוויינט. ער וועט שוין אין חדר אין אַזאַ פליוך נישט קענען גיין אין די צעריסענע שיך.

זיין געוויין האָט אויפגערייצט מערען.

— וועסט איינעמען אַ שטומעניש, דו סידון? אַ נישט ברעך איך דיר אַ ביין אויף אַן אמתן. נאַ דיר נאָך אַ וויינען אויף מיין קאָפּ. ס'איז מיר ווייניק ביטער אויפן האַרצן.

— זי האָט זיך שוין גענומען צום קינד, — האָט זיך דער טאַטע אַריינגעמישט.

דאָ האָט שוין די מאַמע זיך אינגאַנצן פאַרלוירן:

— שוין, ער איז ביי מיר אַ בעל־רחמנות געוואָרן. גיי שוין אַוועק דאַוונען אַנישט וועל איך דיר עפּעס וואַרפן אין קאָפּ אָדער זיך אַליין אַ מעשה־אַנטון. אַ נייער בעל־רחמים!

דער טאַטע איז אַרויס פון שטוב.

איצט האָט זיך מערע צעוויינט. זי האָט געוויינט און נישט אָפּגעווישט די אַראָפּגערונענע טרערן פון די באַקן. דער פלאַם פייער פון אויוון האָט געטריקנט די הייסע טרערן. באַלד האָט דער פּנים איר גענומען שמאַרצן און בייסן. זי איז אַרויס אין פירהויז, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס פעסל וואַסער, אָנגעשעפּט פול די גרויסע קופּערנע קוואָרט און אָפּגעוואַשן דעם צעהיצטן פּנים מיט די אייז־קאַלטע וואַסער. עס האָט איר באַרויקט. זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען שטיל, נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. באַלד האָט זי אַ קער געטון דעם פּנים צו דער סאָפּקע, ווו דאָס יינגל, שמעון, איז געלעגן אַ פאַרטייעטער, איז צוגעגאַנגען צו אים, אים אַ גלעט געטון איבערן פּנים און געזאָגט:

— איך זאָג דיר צו, אַז דו וועסט היינט גיין אין חדר. איך וועל זיך אַן עצה געבן.

זי האָט זיך האַסטיק אומגעקערט צום אויוון, אַרויסגענומען געשיקט און שנעל די שטאַרק פאַרברוינטע בייגל און אָנגעהויבן ריידן מיט אַ תחינה־ניגון:

— נו, רבונו של עולם, וועסט מסתמא קאַטעווען אויף יענער וועלט פאַר די אַלע געשרייען און קולות. אָבער וואָס מיינסטו, איך וועל שווייגן? איך וועל דיר שלעפּן צו אַ דין־תורה. ס'איז גרינג פאַר דיר צו זיצן אויפן כסא־הכבוד, אַרומגערינגלט מיט מלאכים און שרפים און פירן אַ וועלט. אַוודאי ווייסטו, וואָס דו טוסט. אַוודאי ביסטו גערעכט. אָבער איך האָב מיינע טענות: איך בין אַן אָרעמע שוואַכע ייִדענע, אַ מאַמע פון אַכט קינדער מיט אַ מאַן אַ שלימזלניק. איך וויל די קינדער זאָלן תורה לערנען. שבתים זאָלן זיין שבתים. יום טובים זאָלן נישט פאַרשטערט ווערן. אַלץ אויסבאַקן מיט די צען פינגער. וועל איך טענהן, ווען דו וואָלסט זיין אויף מיין אָרט איין וואָך וואָלסטו געזען צי מען קען דאָ, ביים אויוון, זיין אַ צדיקת און נישט אין כעס ווערן, נישט זיין פאַרביטערט און נישט אַריינוואַרפן קיין קללה.

שמעון איז געלעגן אויף זיין געלעגער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם: טאַקע וואָס וועט גאָט ענטפערן אויף אַזוינע אייזערנע טענות? אַבער עט, ווען די מאַמע וועט אַ קוק טון אויפן רבונו של עולם, וועט זי זיך איבערשרעקן.

די מאַמע האָט געהאַלטן וואָרט, שמעון איז געגאַנגען יענעם טאָג אין חדר, זי האָט זיך אַן עצה געגעבן. זי האָט פריִער אַוועקגעשיקט שמעונס עלטערן ברודער שלמהן, וואָס האָט געהאַט גאַנצע שטיוול, אין חדר מיט גיטען און איר געגעבן מיט זיך אַ פּאָר אַלטע שיך פאַר אים. גיטע איז געקומען צוריק מיט דעם ברודערס שטיוול אין האַנט. שמעון האָט אָנגעטון דעם ברודערס שטיוול און גיטע האָט אים אַוועקגעפירט אין חדר.

שמעון געדענקט, ווי די שטיוול זענען געווען צו גרויס פאַר זיינע פיס. ס'איז אים אָנגעקומען מיט מאַטערניש ביז ער איז אָנגעקומען אין חדר. ער געדענקט אויך, ווי פאַרן אַוועקגיין איז ער געזעסן אויפן סאָפּקע און די מאַמע האָט אים אָנגעטון אַ פּאָר דיקע וואָלענע זאָקן. די זאָקן האָט די מאַמע אַרומגעוויקלט מיט דריי גרויסע „אָניטשעס", די שטיוול זאָלן זיך האַלטן אויף די פיס. זי האָט אים אָנגעטון דעם ברודערס פאַרפינף־יעריקן פאַלטן, וואָס איז אויך געווען צו ברייט און צו לאַנג פאַר דעם קליינעם שמעונען. נאָכדעם האָט זי אים אַרומגעבונדן מיט אַ פאַטשיילע, די עקן איבערגעלייגט אויפן האַרצן און דעם קנופּ אויפן פּלייצע.

זי האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט, דערנאָך אים אַריינגערוקט צוויי פרישע בייגל און אַ קיכל אין דער פאַרבונדענער פאַטשיילע. זי האָט זיך איינגעבויגן אים אַ קוש געטון און אַרויסגעזאָגט:

שלמה סיימאָן

— מאָרגן וועל איך שוין דיך נישט קענען קושן, וועסט שוין זיין אַ חדר־ייִנגל, ווּעסטו זיך שעמען. גיי, מזל מיינער, מיט דער רעכטער פוס. און געדענק, מיר האָבן געענוג שניידערס און שוסטערס אין דער משפחה. סטאָליאַרעס און בעלי־עגלות פעלן אויך נישט. און אַז דו וועסט ווערן אַ למדן, טענה זיך אויס מיטן אייבערשטן פֿאַר אונדז אַלעמען. ער הערט זיך נישט צו, ווען איך רייד צו אים אויף מיין לשון, ווי אַ פּראָסטע ייִדענע. אָבער, אַז דו וועסט אים באַווייזן מיט גמרא׳ס, אַז ס׳איז שווער פֿאַר אונדז אָרעמעלייט צו לעבן, ווי ער פירט די וועלט, וועט ער זיך צו דיר מוזן צוהערן. גיי, קינד מיינס!

## קאַפּיטל 7

# שמעון לערנט זיך זאָגן עברי

דער טאָג, וואָס גיטע, די עלטסטע שוועסטער, האָט געפירט שמעונען אין חדר, איז געווען אַן עסיקער און דאָס שטעטל איז געווען איין טיפע בלאָטע. אַ נאַסער שניי איז געפאַלן און דער טוואַן, דער קויט איז געווען טיף און געדיכט, אַזוי, אַז עס איז געווען שווער אַרויסצושלעפּן די פיס ווען זיי זענען אַריינגעקראָכן אין דער בלאָטע. גיטע האָט זיך דערנאָך באַקלאָגט פאַר דער מאַמען:

— האָסט מיר פאַרגעבן אַ שטיקל אַרבעט. אין אַזאַ פאַרשאָלטענעם טאָג גיי און פיר אים אין חדר. אַ נאַסער שניי, אַ שליאַטע, אַ בלאָטע, קויט איבער די קני. איך האַלט אים שטיף ביי דער האַנט; נו, אויף די טראָטואַרן איז נאָך אַ האַלבע צרה, ער שלעפּט נאָך ווי עס איז די פיס מיט די שטיוואַלעס. אָבער אַז מען דאַרף אַריבערגיין אַ גאַס — גיי ריר אַ מויער. די שטיוואַלעס בלייבן שטעקן אין קויט און דאָס קאַראַפּוזיקל מיט זיי. כאַטש שלעפּ אים אַרויס מיט אַ פּאָר אָקסן. דערצו ציטערט אויף מיר די הויט: טו איך אַ צו שטאַרקן שלעפּ בלייבן די שטיוול שטעקן אין דער בלאָטע און דאָס יינגל בלייבט ביי מיר אין די הענט אין הוילע שקאַרפּעטקעס. איך פרייך און איך סאָפּע. אַ קאַלטער שוויס באַפאַלט מיך און ער ווי אים מיינט מען נישט. טאַפּטשעט מיט די פיס, דער קאָפּ איינגע־בויגן ווי אַ פאַרעקשנט עקסל און האַלט צו מיט די הענטלעך די אויערלעך פון די שטיוול, ווען זיי זינקען צו טיף איין, ער זאָל זיי נישט פאַרלירן. עס האָט אונדז גענומען אַ שעה אַ גאַנצע זיך צו דערשלעפּן צו אברהם דעם לאַנגנס שטיבל.

געקומען אַהין און ס׳ווערט מיר ביטער און פינצטער, ס׳איז דאָך אַ חרפּה און אַ בושה אַריינגיין אין אַ לייטישער שטוב מיט אַזאַ שלאָטע אויף זיך.

אַ גליק, וואָס דער בעזעם איז געשטאַנען אין פּירהויז. איך נעם זיך צום בעזעם און הייב אָן אַרומווישן די שטיוול. איך וואָלט קיינמאָל נישט פּאַרטיק געוואָרן ווען פון דער סטריכע וואָלט דאָס וואַסער נישט גערונען ווי פון אַ צאַפּן. איך האָב געגעצט דעם בעזעם און געריבן מיינע און זיינע שטיוול. מיר זענען אַריין נאַסע דורכגעווייקטע אָבער כאָטש מיט ריינע שטיוול. אַזוי אויך האָט מיר דאָס פּנים געפלאַמט פון בושה. אַ הילוך פון אַ קינד. אַ בורקע צוויי מאָל די גרויס ווי ער און אַ פּאָר שטיוואַלעס. ווען איך האָב אים אַראָפּגענומען די שטיוול און אים אָנגעטאָן זיינע צעפּאַרענע שיכלעך און גענומען די שטיוול אונטער דער פּאַכווע האָב איך געפילט כאָטש נעם און באַגראָב זיך. איך מיין, אַז דער טאַטע איז געווען גערעכט. שמעון וואָלט נישט פאַרשפּעטיקט זיין רבנות ווען ער גייט נישט היינט אין חדר. ביי דיר דאַרף אַלץ שפּילן אויף דער סטרונע.

געוויינטלעך ווערט די מאַמע שטאַרק אין כעס, ווען אַ קינד האַלט מיטן טאַטן. איצט אָבער האָט זי מאָדנע רויק געענטפערט:

— גאָט וועט עס דיר פאַררעכענען פאַר אַ מצוה און דערפאַר דיר צושיקן דעם פּאַסיקן זיווג. האָסט זיך נישט, וואָס צו שעמען. מיר האָבן ביי קענעם נישט געגנבעט. אַ טאָג אין חדר איז נישט קיין קלייניקייט. ווען ער וועט ווערן אַ למדן, וועסטו זיך נאָך גרויסן, וואָס דו האָסט אים געפירט דעם ערשטן טאָג אין חדר. ס׳וועט דיר גאָרנישט שאַטן צו קיין שידוך.

אין חדר האָט דאָס יינגל דערשפּירט, ווען די שוועסטער האָט ביי אים אַראָפּגעצויגן די שטיוול, אַז זי איז עפּעס אָנגעברוגזט. מיט זיינע פאַרשטענדיקע אויגן האָט ער באַלד דערזען, אַז די שוועסטער שעמט זיך. אָבער ער האָט נישט באַנומען פאַרוואָס. געוויינטלעך וואָלט ער געבליבן פאַרשטאַרט, זיך אַריינלאָזן אין פאַרוואָס זי שעמט זיך. אָבער ער האָט איצט קיין צייט נישט. ער האָט זיך צוגעזעצט ביים ברעג טיש, לעבן רבין, ווו עס איז געלעגן דער אלף־בית אָנגעקלעפּט אויף אַ טאָוול.

דער דרדקי מלמד האָט אויף אים אַ קוק געטון, אים אַ היפּשע ווילע באַטראַכט און געזאָגט:

— גיי, שמעון, און זעץ זיך ביים אַנדערן עק טיש. שפּעטער וועל איך דיר רופן. איך וויל דיר פריער פאַרהערן. נייך, זעץ זיך ביים אויוון; וואַרעם זיך אָן און וואַרט. איך וויס נאָך נישט, וואָס צו טאָן מיט דיר.

דעם דרדקי מלמד האָט מען גערופן אַברהם דער לאַנגער, ווייל ער איז געווען אַ הויכער, דאַרער, אויסגעצויגענער ייד מיט אַ שפּיציקער באָרד. ער איז געווען אַזוי הויך, אַז ער איז געגאַנגען אַביסל איינגעבויגן. שמעון וואָלט איצט געזאָגט,

אַז זיין הויך, זיין דינקייט און זיין שפּיציקע באָרד, האָט אים געגעבן דעם אָנבליק פון אַ צייטיקן, רייפן זאַנג.

אין דער יוגנט איז ער געווען אַ לאָזע־דרייער. אויף דער עלטער איז ער געוואָרן אַ דרדקי מלמד. קיין גרויסער למדן, אָדער אַפילו קיין קליינער למדן איז ער נישט געווען. אָבער ער האָט געהאַט אַ גוטן חיתוך הדיבור, אַ שיינעם קול און געדאַוונטביים עמוד אין וואָכעדיקע טעג, אַמאָל אַ שבתדיקן שחרית. ער איז געווען אַ רויקער, אַ שטילער און ליב געהאַט קינדער חיות לעבן. עס קען זיין, ווייל ער איז געווען אַן עקר. אָבער שלאָגן האָט ער געשלאָגן די קינדער, נישט ווי אַלע מלמדים, אָבער געשלאָגן, ווייל אַזוי איז געווען דער מנהג אין יענע צייטן. מען האָט אָבער דערציילט, אַז ווען אַ קינד האָט זיך שטאַרק צעוויינט, פלעגט די רביצן זיך אויך צעוויינען און רופן אַברהמען: קאַט, גזלן, רוצח, אַ ייִד מיט אַ טאַטערשער האַרץ. האָט ער געשלאָגן זעלטן און נישט שטאַרק. קינדער האָבן אים ליב געהאַט און טאַקע ביי אים געהאַט אַ פּעולה.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט שמעון געהערט, אַז אין חדרים זענען דאָ בעלפערס. אברהם דער לאַנגער האָט קיין בעלפער נישט געהאַט. געדענקט שמעון דעם ערשטן פרימאָרגן, ווי דעם רבינס שטוב איז געווען פול מיט טומל און מיט רעש. יעדע ווייבל האָט זיך די טיר געעפנט און אַ טאַטע האָט אַריינגעבראַכט אין חדר אַ דריי־פיר־יעריק ייִנגעלע איינגעוויקלט אין אַ טלית. מיט דעם טאַטן איז געגאַנגען די מאַמע. אָפט אַ פּאָר מומעס און פעטערס, אויך אַ זיידע. מען האָט דאָס קינד אַוועקגעשטעלט אויף דער באַנק לעבן טיש און דער רבי האָט אָנגעוויזן אויף די אותיות שין, דלד, יוד, אלף, מם, תיו. ווען דאָס קינד פלעגט מיט דעם רבינס הילף אַרויסריידן די ווערטער „שדי־אמת", פלעגט דער טאַטע אַראָפּוואַרפן אַ פּאָר בלישטשענדיקע קאָפּיקעס. די מאַמע פון קינד האָט געטיילט צוקער־לעקעכלעך, פּיסטאַשקעס און צוקערקעס. דערנאָך האָבן טאַטע־מאַמע און די קרו־בים פאַרלאָזט דעם חדר און די רביצין האָט צוגעווונטשן די עלטערן: „ער זאָל חשק האָבן צו לערנען". ווען טאַטע־מאַמע זענען אַוועק האָט זיך דאָס קינד גע־וויינטלעך צעוויינט. אַ גאַנצן פרימאָרגן איז דער חדר געווען פול מיט פרייד פון דערוואַקסענע, ווינטשעוואַניעס פון דער רביצין און די קרובים און געוויין פון די קינדער.

שמעון איז געזעסן ביים אויוון, ווי דער רבי האָט געהייסן, זיינע גרויסע בלויע אויגן ברייט צעעפנט, געקוקט אויף דעם טומל, אַביסל מקנא געווען די קינדער, וואָס מען האָט געבראַכט איינגעוויקלט אין טליתים. אָבער שטאַרק האָט עס אים נישט פאַרדראָסן. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז דאָך צוויי מאָל אַזוי אַלט, ווי אַ

דרדקי ייִנגל דאַרף זיין. ווי קען מען טראָגן אויף די הענט אַזאַ „בייבאַק", ווי ער? ער האָט שוין געדאַרפט לערנען „שוואַרבע".

די רביצין האָט אַרומגעשמייעט אַרום די טאַטעס און מאַמעס און קינדער. קענטיק זי האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס זי האָט ווידער אַזויפיל קינדער אַרום זיך. זי האָט געטיילט די געבראַכטע צוקערלעקעכלעך, די ראָזשינקעס, ניסלעך און צוקערקעס. אָבער זי האָט געטיילט מיט אַ חשבון. געהיט אַ קינד זאָל זיך נישט איבערעסן. מיטאַמאָל האָט זי באַמערקט שמעונען. זי האָט אַ קוק געטון אויף זיינע ברייט צעעפנטע אויגן, אויף זיין אַלטן פאַרשטאַנדיקן פּנים און איז געבליבן שטיין. עס האָט איר אַ קלאַפּ געטון אין האַרצן: וואָס טוט זיך ביי אים אין דעם אַלטן קאָפּ? אַ דערוואַקסענער ייִנגל צווישן עופהלעך און אַזאַ קלוגער האַרציקער פּנים?

זי האָט אים צוגעטראָגן אַ הויפן מיט זיסע זאַכן און אים שטום געפרעגט: ווילסט? ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ, צוגענומען ביי איר דאָס דערלאַנגטע און געמאַכט אַ ברכה קלאָר און שאַרף. די רביצין האָט געענטפערט אָמן און זיך אָפּגערוקט מיט אַביסל שרעק. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט אַמאָל אין דער גרויסער שטאָט רעטשיצע געזען אַ קאַרליק: דאָס אויסזען איז פון אַ קינד און גערעדט האָט עס, ווי אַן אַלטער. זי איז צוגעגאַנגען צו אַברהמען און אין טומל אים שטיל געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו אים באַזעצט ביים אויוון? וואָס וועסטו טון מיט אים?

אַברהם דער לאַנגער האָט איר געענטפערט:

— מיטיקצייט וועט שטילער ווערן, וועל איך אים פאַרהערן. איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן מיט אים.

— וואָס קענסטו אים פאַרהערן? — האָט די רביצין געזאָגט מיט רוגזה — חומש? רש"י? ביסט דאָך אַ דרדקי מלמד. פון ווען אַן פאַרהערט אַ דרדקי מלמד אַ קינד, וואָס מען שיקט צו אים?

— ער איז עפּעס אַנדערש. באַלעמוטשע מיר נישט דעם קאָפּ אין איצטיקן טומל. וואַרט ביז מיטיקצייט.

מיטיקצייט האָט אַברהם דער לאַנגער צוגערופן דאָס ייִנגל און אָנגעהויבן אים אויספרעגן:

אברהם: — איך האָב געהערט, אַז דו קענסט גאַנצע שטיקער פון סידור אויף אויסנווייניק.

שמעון: — איך האָב זיך אויסגעלערנט הודו להי כי טוב.
אַברהם: — לאָמיר עס הערן.
דאָס יינגל האָט אָפּגעזאָגט דעם הודו פּאַמעלעך און קלאָר.
אברהם: — וואָס נאָך קענסטו?
שמעון: — קדושה, ברכו, כתר, דעם תשר״ק, בריך רחמנא און ברכות.
אַברהם: — און דעם אַלף־בית קענסטו?
שמעון: — ניין.
אַברהם: — פאַרוואָס נישט?
שמעון: — קיינער האָט עס פאַר מיר פריער נישט אָפּגעזאָגט.
אַברהם: — גוט, איך וועל פאַר דיר עס אָפּזאָגן.
שמעון: — איך דאַרף זיך איינהערן צוויי מאָל.
אַברהם: — נו, וועל איך עס פאַר דיר אָפּזאָגן צוויי מאָל. הער.

אַברהם האָט אָנגעהויבן זאָגן דעם אַלף־בית פאַר אים. דאָס יינגל איז געשטאַנען רויק און מיט ברייט צעעפנטע אויגן נאָכגעקוקט דעם רבין אין מויל. באַלד ווי אַברהם האָט דעם צווייטן מאָל אָפּגעזאָגט דעם אַלף־בית, האָט עס דאָס יינגל איבערגעזאָגט און אַפילו קיין איינמאָל נישט פאַרטשעפּעט די צונג אָן אַ וואָרט.

אַברהם האָט געצופּט די באָרד און געפרעגט:

— האָסט דעם אַלף־בית טאַקע פריער נישט געקאָנט?

— ניין, רבי, — האָט דאָס יינגל געענטפערט.

די רביצין איז געשטאַנען אַנטקעגן ביידן און איר פּנים איז געווען פול מיט פרייד און נייגער. אַברהם האָט מיט אַ צעטומלטן פּנים אַ קוק געטון אויף איר:

— הערסט אַ שמע קולנו? איך פרעג דיך, וואָס טוט מען מיט אַזאַ יינגל?

— נו, נו, אַברהם, — האָט זיך די רביצין אָנגערופן — זאָג אָפּ פאַר אים ברוך שאמר. לאָמיר הערן, ווי ער וועט עס תיכף איבערזאָגן.

— לאָז געמאַך, — האָט אַברהם געענטפערט מיט רוגזה, איך בין אַזוי אויך צעטומלט, וויל זי מיך אינגאַנצן פריטשמעלען.

ער האָט אַריינגענומען אַ שפּיץ פון באָרד אין מויל און גענומעןריידן אויפן קול מיט אַ ניגון:

— וויבאַלד, אַז דו האָסט אַזאַ זכרון און אַזאַ תפיסה, איז וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט ביי דיר זיך אויסצולערנען עברי? ווי לאַנג דאַרף עס ביי דיר נעמען?
— מיר איז שווער צו דערקענען אותן, רבי, — האָט שמעון געענטפערט. —

איך קען געדענקען אויף אויסנווייניק, אָבער קען נישט דערקענען עפּעס אין סידור.

— האָסטו געפּרווט? קענסט קיין אות נישט? — האָט געפרעגט דער רבי.

— איך קען דערקענען צוויי אותן: אַן אַלף און אַ שין.

— פאַרוואָס נאָר די צוויי?

— איך האָב זיך געגעבן סמנים. אַן אַלף איז אַ קאַראַמיסלע מיט צוויי עמערס און אַ שין איז אַ ברעטל מיט דריי אָנגעשלאָגענע מאַקעווקעס.

— נו, אויב אַזוי, איז פאַרף נישט. איך וועל דיר געבן סימנים אויף די אַנדערע אותיות. הער! בית איז אַ שטיבעלע מיט אַן אָפענער וואַנט. גימל איז אַ סאָלדאַט, וואָס האָט אויסגעשטעלט די רעכטע פוס צו מאַרשירן. דלד איז אַ העקעלע מיט אַ הענטל, היי הינקט אונטער. זעסט דאָך, ער האָט נעבעך אַ לויז פיסעלע. וו איז אַ פּלעקעלע, זאַיען איז אַ טשוועקעלע מיט אַ פלאַך קעפּעלע. חית איז אַ שטיבעלע, טית איז אַ שלעסעלע און יוד איז אַ פּינטעלע מיט אַן עקעלע. אָט האָסטו אַ האַלבן אַלף־בית. ווועסטו עס געדענקען?

שמעון האָט געבעטן דעם רבין עס איבערזאָגן. אַברהם האָט עס איבערגע־זאָגט. שמעון האָט באַלד געענטפערט: איך געדענק.

— איצט — האָט אַברהם דער לאַנגער גענומען גלעטן די באָרד און אַרויס־געזונגען מיט אַ ניגון — פאַרשטיי, אַז געדענקען אַליין אויף אויסנווייניק איז נישט גענוג. נעם אַ סידור און בלעטער און אויף יעדן זייטל דערקען, וואָס עס איז אַן אַלף און וואָס עס איז אַ בית, ווו איז אַ גימל און ווו אַ דלד. ווייז אַן פאַר זיך אַליין אַ היי און אַ וו. קוק זיך גוט צו און געפין אַ זאַיען און אַ חית און פאַרפעל נישט צו ווייזן זיך אַליין אַ טית און אַ יוד.

— האָסט זיך צעזונגען מיך מאַן, — האָט די רביצין געזאָגט.

— פאַרוואָס נישט? עלעהיי ער איז אונדזערער אַ בן־יחיד און האָט אַזאַ כּלי. מיינסט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פאַלט אַריין אין די הענט אַזאַ יינגל? גיי, אשה, גרייט צום טיש און דערלאַנג אים, לכבוד זיין קומען צו אונדז, אַ וואַרעמע האַלבע גלאָז מילך. ער האָט דאָך געבראַכט מיט זיך אַ בייגל און צוויי קיכלעך — טרוקן עסן. אין זייער עשירות איז עס מעדני מלך.

***

פאַרנאַכט איז די מאַמע אַליין געקומען אָפּנעמען אים פון חדר. זי האָט אים געבראַכט די נייע שטיוועלעך, וואָס דער טאַטע האָט פאַרטיק געמאַכט. דאָס יינגל האָט נישט געלאָזט דער מאַמען אים אָנטון די שטיוול. ער האָט זיך פאַר־

קליבן אין אַ ווינקל און אָנגעהויבן זיי אַרויפציִען אויף די פּיס. דערווייל האָט די מאַמע גערעדט צו אַברהם דעם לאַנגן.

— איך בעט אייך, רבי, שלאָגט נישט דאָס קינד. איר ווייסט, איך האָב אויף אים קיינמאָל קיין האַנט נישט געלייגט. ער איז אַנדערש פון אַלע קינדער. אים דאַרף מען נישט שלאָגן.

— עס האַלט נישט ביים שלאָגן, — האָט אַברהם דער לאַנגער געענטפערט.

— איך האָב מורא אָבער, אַז איך וועל אים נישט קענען האַלטן ביי מיר אין חדר.

— וואָסי, רבי, ער שטיפט חלילה? פאַלגט נישט?

— חלילה, מערע, אָבער ער איז נישט פאַר מיינע כוחות. דו ווייסט, אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט דעם אַלף־בית ביז יוד אין דעם ערשטן טאָג? נאָך שענערס, איך האָב אים נאָר צוויי מאָל איבערגעזאָגט די אותיות, קען ער דעם אַלף־בית אויף אויסנווייניק, איז וואָס וועל איך מיט אים טון אַ גאַנצן זמן?

— איר וועט זיך אַן עצה געבן, רבי. ווען ער וועט זיך אויסלערנען גיך זאָגן עברי אין איין זמן וועט זיין גוט.

זי האָט אָנגעהויבן ווישן די אויגן מיט אַן עק פון טיכל — אפשר האָט טאַקע גאָט געזען מיין פלאָג און פּיין (מערע האָט זייער אָפט גערעדט מיטן לשון פון טייטש חומש) און ער וועט מיך פאַרגיטיקן מיט אַ לערנער פאַר אַלע מיינע ליידן. וואָס האָט פון איר לעבן אַ פּראָסטע יידענע, די ווייב פון אַ בעל־מלאכה? אָרעמע חיונה, גריזאָטע און האַרצווייטיק. אַ געזינד אַ גרויסע, קיין עין־הרע, אַ מאַן אַ שלימזלניק און אַלע ווי אָקסן אין סאָכע. רבונו של עולם, רבונו של עולם, דו ווייסט דאָך מיין צער.

— נו, גענוג, מערע, דו זינדיקסט מיט דיינע רייד. וועגן שמעונען — איך מיין, אַז ער איז טאַקע אַ כלי. אָבער עס קען דאָך זיין, אַז איך מאַך אַ טעות. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם אַלף־בית אַזוי פלינק, ווייל ער איז כמעט צוויי מאָל אַזוי אַלט, ווי וועלכער ס'איז דרדקי יינגל. און וועגן שלאָגן, שרעק זיך נישט, איך בין נישט קיין גזלן.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די רביצין:

— פאַרכט נישט, מערע, ער וועט אויף אים קיין פינגער נישט לייגן. איך וועל אים מקצר ימים זיין, אויב ער וועט אים אָנרירן.

דאָס יינגל איז צוגעלאָפן אַ שטאָלצער צו דער מאַמען:

— זעסט, מאַמע, ווי שיין די שטיוועלעך זענען? דער טאַטע האָט אפילו אויסגעשטעפּט קלעטקעס פוןביידע זייטן כאַליעוועס. אי די אויערלעך וועלן זיך האַלטן שטאַרק, אי עס איז שיין.

## שלמה ס.יימאַן

די מאַמע האָט אים גענומען ביי דער האַנט:

— קום, זונעלע, ס׳איז שפּעט. דער רבי דאַרף דאַווענען מעריב.

*****

שמעון איז געבליבן אַ גאַנצן זמן ביי אַברהם דעם לאַנגן. דער רבי האָט אים קיינמאָל נישט אָנגערירט, קיינמאָל קיין הויך קול אויף אים נישט אויפגע־הויבן. דאָך האָט דאָס יינגל געוואָרפן אַן אומחן אויף דעם רבין. דאָס יינגל האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דער רבי פּעלשעוועט, לערנט אים נישט גענוג. דער רבי קריגט דאָך באַצאָלט פאַר צוהערן זיך, אַז אַ יינגל זאָל נישט מאַכן קיין גרייזן און פאַרריכטן די טעותן, ווען מען באַדאַרף, און דער רבי לאָזט אים, שמעונען, זאָגן עברי, ווי ער וויל. נאַרט דער רבי.

נישט אָפּנאַרן, טון אַ מלאכה בשלימות, נישט פאַרליידן קיין עוולות, מאָנען יושר איז געווען אַן איינגעשטעלטער דרך ביי בן־ציון מערעס אין שטוב. די מאַמע האָט שטענדיק געמאָנט יושר ביי אַלעמען: ביי די קינדער, ביי דעם מאַן און ביי גאָט. דער טאַטע האָט זיך געגרויסט מיט זיין ערלעכער אַרבעט: „ווען איך בוי אויף אַ פאָר שטיוול״, — פלעגט ער זאָגן, — „קען מען זיי אָנגיסן מיט וואַסער און לאָזן זיי שטיין אַ נאַכט מיט אַ טאָג און קיין טראָפּן וועט זיך נישט ווייזן דורך די נעט״. אַז די מאַמע איז פאַרטיק געוואָרן מיט אַ מולטער בייגל טייג אין אַ מאַרק טאָג, ווען מען האָט געכאַפּט געבעקס פון די הענט, פלעגט זי זאָגן צו די קינדער: „קריגט נישט קיין יצר הרע צו פּעלשעווען. נאַט זעט!״ זי פלעגט צעברעכן אַ בייגל, „קוקט: פאַרברוינט, אויסגעבאַקן, קרוכלע און עס צעגייט זיך אין מויל. אַ כשרע פאַרדינטע קאָפּיקע. די פּראַצע, ווי דאָס מעל — „פּערווי סאָרט״ (ערשט קלאַסיק)״.

צוליבביידנס ערלעכקייט פלעגן זיין אָפטע קריגערייען אין הויז. איבער־הויפּט זומער, ווען דער טאַטע האָט געגייט טאַנדעט און פאַרדינט ווייניק. די לייזונג אין מאַרק פאַר געבעקס איז אויך געווען געשלאָגן. אין אַ דאָנערשטיק, ווען עס זענען געבליבן פולע קאָשיקעס און מולטערס געבעקס, נישט קיין פאַר־קויפטע, און אין הויז האָט געפעלט אויף שבת, איז אין שטוב געווען אַ גיהנום. אַלעמאָל דער זעלביקער פּזמון:

— פאַרשאָלטן בין איך מער פון אַלעמען. בין איך די איינציקע שוסטערקע אין שטעטל? אַלע שוסטערס פאַרדינען אויף חיונה, אָרעמע חיונה, דאָך חיונה, אָבער מיינער נישט. נייען דאַרף ער נייען טאַנדעט, און וויל דווקא נייען שטיוול, ווי פאַר מאָנאַרכעס. פאַרדינט ער וואַסער אויף קאַשע. ביי אַלע שוסטערס נעמט

## וואָרצלען

אײפּנײען אַ טאַנדעטנע פאַר שטיוול דרײ טעג, בײ אים אַכט טעג. וואָסי? ער קען נישט נײען קײן שיקסעס תכריכים. וואָסי? ער קען נישט קלאַפּן קײן פּלעקלעך שיטער. וואָסי? אַ פּאָר שטיוול מוזן האָבן פאַרמאַצעװעטע אויערלעך. הײנט די קנײטשן אין די כאַליעװעס מוזן זײן, װי די קנײטשן אין אַ האַרמאַניקע. דער באַלעבאָס דײנער שאַצט עס דאָך אָפּ. ער זאָגט דיר: „װילסט נײען פאַר פּריצים, נײ! עס איז אויף דײן חשבון און אויף דײן צײט. איך צאָל נישט פאַר קײן פּרי־צישע אַרבעט. איך צאָל פאַר טאַנדעט״. פאַרדינסטו װאָסער אויף קאַשע.

דער טאַטע שװײגט און די מאַמע צילעװעט גלײך אין פּינטעלע אַרײן.

— דו טוסט דאָך קײנעם קײן טובה נישט מיט דײן גוטער אַרבעט. טוסט נאָך אַ רעה מענטשן. דײן באַלעבאַנד, דער אַנגעפּרעסענער לײבע זײעץ, שטעלט אַרויס דײן אַרבעט, װי אַ שורה־גרוסל אויף אַ „װיסטאַװקע״, נאַרט אַרײן די קונים און פאַרקױפט זײ די צונױפגעשטשאָבעװעטע שטיװאַלעס.

דער טאַטע װערט בײז:

— אַז נײען דאַרף זײן געניט. אַז מען קלאַפּט צו פּאָדעשװעס דאַרפן זײ זײן צוגעקלאַפּט, נישט צוגעקלעפּט מיט ניכטערן שפּײעכץ. און זעט נאָר װער עס רעדט? הו לײגסט דאָך אויך אַרײן דעם קליאָק פון די בײנער אין דײן געבעקס.

— װאָס װילסטו, איך זאָל גנבענען װאָג? מען צאָלט מיר פאַר אַ פונטיקער בולקע און איך זאָל זײ געבן אַ בולקע אַ לויט?

— נישט קײן לויט אַ בולקע, אָבער אַראָפּנעמען אַ פּאָר לויט פון יעדער בולקע אין אַ מאַרק־טאָג, װאָלט געװען אַ חשבון. צדיקת אין פּאָסטעלעס! װען איך האָב פאַר יעדן פונט, װאָס די קרעמער גנבענען אַראָפּ בײ די גויִם אין אַ מאַרק־טאָג, װאָלט איך געװען ראָטשילד. אויב נישט ראָטשילד איז אוודאי װיסאָצקי.

— הערסט אַ משל? איך זאָל װערן אַ גנבטע אויף דער עלטער! איך הײס דיר גנבענען? איך זאָג נאָר דיר, אַז זײ נישט אַזאַ װצדקתך ערלעך. צו דײן פרומ־קײט קאָן מען היפּש צולײגן אָבער צו דײן ערלעכקײט קײן האָר נישט. לײד איך און די קינדער. אויף אונדזער חשבון און אויפן חשבון פון שבת טוסטו ערלעכע שוסטערײ. אָט דאַרף איך אויף שבת.

— איך האָב און גיב נישט?

— ביסט מחויב צו געבן. אַ װײב קומט דרײ זאַכן נאָך דער תורה נאָך. אויף אײן זאַך ביסטו אַ מאַדים. אַ פולע שטוב מיט קינדער. קײן בײזע אויגן, קײן עין־הרע זאָל נישט שאַטן. אָבער עסן און קלײדן? עס קומט מיר נאָך דער כתובה נאָך.

— אַן איינפאַל פון אַ מרשעת, דערמאָנט זיך אָן דער כתובה אַכצן יאָר נאָך דער חתונה. ס'איז נישט אויסצוהאַלטן פון איר, קיין אַנדערע זאַכן ליגט איר נישט אין זינען.

— פון מיר איז נישט אויסצוהאַלטן, פון מיר? — — —

אַזוי האָט זיך די קריגערייַ פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. מאָדנע איז, וואָס ביי שמעונען אין געדעכעניש זענען נישט געבליבן די קללות און חרמות און די מיאוסע צונעמענישן און אויסרופן. זיין זכרון איז געווען פונקט דאָס פאַרקערטע פון אַ זיפּ — דורכגעלאָזן אַלע גראָבע און פּראָסטע זאַכן און איינגעהאַלטן אין זכרון בלויז דאָס שיינע און דאָס גוטע. ביי אים און אויך ביי די איבעריקע קינדער איז אַריינגעקלאַפּט געוואָרן אין קאָפּ, אַז אָפּנאַרן, פעלשעווען נישט טון קיין אַרבעט בשלימות, נישט זיין יושרדיק, איז די אומווירדיקסטע זאַך אויף דער וועלט. ס'איז עפּעס, וואָס קען נישט געטון ווערן.

דערפאַר איז ביי דעם ייִנגל אין די אויגן געווען דעם רבינס פירעכץ אמתע פעלשונג. אברהם דער לאַנגער גרויסט זיך מיט שמעונען. קומט עמעצער פון די באַלעבאַטים אין חדר הייסט דער רבי שמעונען עפענען אַ סידור און ווייזן, וואָס ער קען. אין די לעצטע חדשים פון זמן הייסט ער שמעונען עפענען אַ חומש און זאָגן תרגום.

שמעון עסט זיך איין מיט די אויגן אין די ווערטער און זאָגט דעם תרגום ווי אַ וואַסער. אַברהם דער לאַנגער שטייט אויסגעצויגן, ווי הויך ער איז, האַלט דאָס שפּיציקע בערדל מיט צוויי פינגער און שאָקלט זיך לויט שמעונס ניגון. אַמאָל, ווען דאָס ייִנגל פאַרהאַקט זיך ביי אַ שווער וואָרט, בלייבט דער רבי שטיין, ווי פאַרגליווערט, דאָס מויל אַביסל אָפן, די אויגן האַלב־צוגעמאַכט און די רעכטע האַנט פאַרבויגן אין אַן אָפענעם הויפן. ער הייבט די האַנט אַרויף, אַרויף פאַמעלעך, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט העלפן דעם ייִנגל אויפהייבן דאָס שווערע משאדיקע וואָרט. ווי דאָס ייִנגל קומט אַריבער דאָס וואָרט צעשאָקלט זיך ווידער דער רבי.

דאָס אַלץ איז נאָר, ווען עמעצער איז דערביי. ווען קיין גאַסט איז נישטאָ אין חדר, הערט זיך נישט צו אַברהם דער לאַנגער צום ייִנגלס זאָגן. ער הייסט אים עפענען אַ סליחה, אַ קינה, אַ חומש און ווייזט אָן, וואָס ער זאָל זאָגן אין דער הויך אויפן קול מיט אַ ניגון. דאָס ייִנגל צעזינגט זיך און אברהם דער לאַנגער קוקט אין פענצטער, ציט זיין ציגאַר־טוטין און איז פאַרטראָגן אין עולמות. דאָס ייִנגל דערשפּירט, אַז דער רבי הערט נישט קיין וואָרט, וואָס ער, שמעון, זאָגט. שמעון מאַכט אומישנע אַ גרייז צו זען צי דער רבי וועט עס פאַררעכטן. דער רבי

ציט זיין ציגאַר־טוטין און שווייגט. קערט זיך אום דאָס יינגל צו דעם נישט ריכטיק אַרויסגערעדטן וואָרט, זאָגט עס אַרויס ריכטיק און זאָגט ווייטער. דער רבי שווייגט.

פאַרדריסט עס דעם יינגל ביז טרערן. אַ רבי און פעלשעוועט!

אָבער ווען שמעון איז עלטער געוואָרן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס ער קען לייענען אַזוי גיך, מיט איין בליק אַ כאַפּ טון אַ גאַנצע שורה, דאָס האָט ער צו דאַנקען אַברהם דעם לאַנגן. דער דרדקי מלמד האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז מען קען זיך פאַרלאָזן אויף דעם קליינעם נפשל.

אין ערשטן זמן אין חדר איז שמעון דורכגעגאַנגען אַליין, אָן דער הילף פון רבין, צענדליקער מאָל דעם סידור, דערנאָך עטלעכע מאָל סליחות, קינות און די לעצטע צוויי חדשים האָט ער געזאָגט תרגום. ביז היינטיקן טאָג קען שמעון איבער־לייענען אַ ספר, אַ בוך פון דריי־פיר הונדערט זייטן אין געציילטע שעהן. ער לייענט פון אַכציק ביז הונדערט זייטעלעך אַ שעה און זאָפּט אין זיך איין יעדעס פּינטעלע, יעדן אויסדרוק, פאַרפעלט נישט קיין אות. דער יישר כוח קומט אַברהם דעם לאַנגן, דעם דרדקי מלמד.

## קאַפּיטל 8

# „שלומקע די קרומע הענטל"

שמעון האָט געלערנט ביי אברהמען, דעם דרדקי מלמד, איין זמן — פון נאָך סוכות ביז פסח. באַלד נאָך פסח איז דאָס ייִנגל אָנגעקומען צו שלומקע, „דאָס קרומע הענטל".

מאָדנע זענען די וועגן פון שמעונס זכרון. פון דעם זמן, וואָס ער האָט געלערנט ביי אַברהם דעם לאַנגן, געדענקט ער יעדן טאָג. ער קען זיי אויס־שטעלן איינס נאָך דעם אַנדערן און זיי זענען איינגעפלאָכטן איינער אין אַנדערן, נישט אָפּצורייסן. אָבער פון דעם יאָר, וואָס ער האָט געלערנט ביי שלומען דעם חומש מלמד, געדענקט ער גאָר ווייניק. ער געדענקט נישט דעם טאָג, וואָס ער האָט אָנגעהויבן לערנען חומש, ער געדענקט נישט, ווען ער האָט זיך אויסגעע־לערנט רש"י כתב. ער געדענקט נישט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען זיך שרייבן. ער געדענקט בלויז צוויי באַזונדערע עפּיזאָדן. טשיקאַווע איז, וואָס די צוויי עפּיזאָדן זענען אים קיינמאָל נישט אַרויס פון זינען.

שמעון האָט אַ טבע זיך אויסצוטענהן מיט זיך אַליין. ביינאַכט, ווען ער ליגט אויפן געלעגער צווינגט ער זיך אָפּט נישט איינצושלאָפן באַלד. דעמאָלט, ווען אַלץ איז שטיל אַרום אים, קען ער פאַרפירן מיט זיך אַליין אַ וויכוח. ער קען זיך אויסמוסרן פאַר די נישט שיינע זאַכן, וואָס ער טוט אַפּ דורכן טאָג. ער בייזערט זיך אָן אויף זיך. לאַכט אָפּ פון די אייגענע נאַרישקייטן. אָבער אויך דעמאָלט פאַרענטפערט ער זיך פאַר זאַכן, וואָס ער האָט נישט געטון און געדאַרפט טון. ער פירט שטומערהייט אַ שמועס מיט זיך אַליין. אָט ווי צוויי באַזונדערע מענטשן וואָלטן זיך אויסגעטענהט. אין אַזאַ שפּעטער שעה האָט שמעון זיך גע־בייזערט אויף זיך אַליין:

— וואָס מיינסטו, דו געדענקסט נישט, ווען דו האָסט אָנגעהויבן צו לערנען חומש? וואָס מיינסטו, דו געדענקסט נישט, ווען דו האָסט אָנגעהויבן לערנען שרייבן און לערנען רש״י? שלום „דאָס קרומע הענטל״ געדענקסטו דאָך גוט. אַ קורץ פול געפּאַקט יידעלע. די לינקע האַנט אַ פאַרדאַרטע. אַ גאַנץ געדיכטע באָרד פּאַר אַזאַ קליין יידעלע. אויגן שוואַרצע און קליינינקע. אַ מויל מיט דינע ליפּן, שטענדיק איז איין ווינקל פון מויל פאַרשטייפּט, ווי ער וואָלט פון עמעצן אָפּגעלצוועט. ווינען האָט ער געוווינט אויפן זאַמד, דאָס נייע פאַרשטעטל, וואָס האָט זיך אויסגעבויט. האַרט ביים וואַלד איז געשטאַנען זיין שטיבל. נישט ווייט פון זיין שטיבל זענען געווען צוויי רייען שטיבעלעך, וואָס סייציק דער קרעמער האָט אויסגעבויט פאַר דאַטשניקעס. מען האָט געזאָגט, אַז ער שאַרט גאָלד פון זיי.

און שלומקעס וויב געדענקסטו דאָך אויך. אַ געלע יידינע מיט אַ פּנים פול מיט זומער־שפּרענקעלעך. דאָס טיכל האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן אויף דעם געלן פּאַרוק. זי האָט שטענדיק געזשמורעט מיט די אויגן. רעדן האָט זי גערעדט מיט אַ קוויטשעלע און זאָגן האָט מען געזאָגט אויף איר, אַז זי האָט אַ פולן מויל מיט שוועבל. דאָס געדענקסטו; זאָג זשע מיר פאַרוואָס געדענקסטו נישט, ווען דו האָסט אָנגעהויבן לערנען פּסוק? אַלע שרייבער באַשרייבן עס דאָך אַזוי שיין.

און שמעון פאַרענטפערט זיך מיט אַן אויסטייטש פון אַ פּסוק:

— עס שטייט געשריבן: דריי זאַכן זענען פאַרהוילן פון מיר און דאָס פערטע פאַרשטיי איך נישט: ווי פליט דער אָדלער אין הימל? ווי קלעטערט דער שלאַנג אויפן פעלז? ווי גייט אַ שווערע שיף אינמיטן ים? און וואָס איז דער וועג פון אַ מאַן צו אַ פרוי? שטעל צו — דעם דרך פון זכרון באַנעם איך נישט.

שמעון ווייסט שוין, אַז עס איז פאַרפאַלן. ער וועט זיך מער נישט דער־מאַנען. נישטאָ וואָס צו מאַטערן זיך. צופוצן געשעענישן קען ער. אויסטראַכטן קען ער נישט. ער מוז זיך באַנוגענען מיט די צוויי עפּיזאָדן.

***

אַ זומער שפּעט נאָכמיטיק. פון די אָפענע פענצטער טראָגן זיך אַריין דער זומערדיקער טומל און די ריחות פון וואַלד. אַרום דעם לאַנגן רויטן טיש פון חדר זיצן אַכט יינגלעך. לעבן יעדן יינגל אַן אַפּיר — אַ גלייך פּירקאַנטיק בלעטל פּאַפּיר פאַרשריבן פון רבין. די יינגלעך דאַרפן אָנהייבן אַראָפּצושרייבן פון דעם אַפּיר. איידער זיי הייבן אָן שרייבן, פאַרוואַרפט שלומקע זיין געזונטע האַנט אויף הינטן, הייבט אָן שפּאַצירן איבערן צימער און צעזינגט זיך:

— איידער מען הייבט אָן שרייבן וואָס ס׳איז, שטעלט מען אַוועק די צוויי אותיות „בית היי״ מיט צוויי שטריכעלעך. וואָס מיינען זיי? בעזרת השם — מיט גאָטס הילף. ס׳פירט זיך, אַז מען שטעלט אַריין די צוויי אותיות אין אַ שיין אויס־געמאָלט קעסטעלע. דאָס קעסטעלע קען זיין אַ פירקאַנטיקס אָדער אַ קיילעכדיקע אָדער אַ לענגלעכע. ווי מען וויל. אויף איין אפיר האָב איך אויסגעמאָלט אַ פיר־קאַנטיקע, אויף דעם אַנדערן אפיר האָב איך אויסגעמאָלט אַ קיילעכדיקע; אויף דעם דריטן — אַ לענגלעכע.

— נאָך דעם בעזרת השם שרייבט מען דעם יום פון טאָג. דאָס שרייבט מען אויף לשון קודש. אַפילו ווען מען שרייבט יידיש שרייבט מען נישט היינט איז זונטיק, נאָר אויף לשון קודש היום יום ראשון בשבת, אָדער היום יום א׳ בשבת. עס מיינט היינט איז דער ערשטער טאָג נאָך שבת. אויף מאָנטיק שרייבט מען היום יום ב׳ בשבת, היינט איז דער צווייטער טאָג נאָך שבת, דינסטיק היום יום ג׳ בשבת, היינט איז דער דריטער טאָג נאָך שבת. קומט מיטוואָך שרייבט מען טאָקע היום יום ד׳ בשבת, אָבער מיינען מיינט עס היינט איז מיטוואָך פאַר דעם קומענדיקן שבת און דאָנערשטיק שרייבט מען היום יום ה׳ בשבת, היינט איז דאָנערשטיק פאַר דעם שבת, וואָס קומט אָן. פרייטיק שרייבט מען היום יום ערב שבת קודש. שבת שרייבט מען נישט. שבת־צו־נאַכט שרייבט מען מוצאי שבת קודש, ווען דער שבת קודש איז אַוועק.

— איז שרייבט: היום יום ד׳ בשבת, י״ב תמוז, תרס״ג, לפ״ק.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווילע און זיך צעזונגען:

— די ראשי תיבות תרס״ג און לפ״ק וועל איך אייך אַן אַנדערש מאָל פאַר־טייטשן. איצט וויל איך אייך דערקלערן דעם רעיון פון דעם יידישן יום. וואָס איז די באַהאַלטענע כוונה אין דעם שרייבן אַזוי דעם יום און נישט אַנדערש? הערט! אַ ייד לעבט נאָר צוליבן שבת קודש. די ערשטע דריי טעג פון וואָך היט ער אויף דעם זכר פון פאַרגאַנגענעם שבת און אין די איבעריקע דריי טעג איז שוין דאָ ביי אַ יידן אַ תשוקה פאַר דעם אָנקומענדיקן שבת.

— איצט שרייבט!

די יינגלעך האָבן זיך גענומען צום אָראָפּצושרייבן פון אפיר און דער רבי האָט זיך געשטעלט לעבן אַן אָפענעם פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. ער האָט אַ ווילע אונטערגעברומט אַ ניגון דערנאָך האָט ער זיך ווייטער צערעדט:

— איי, איי, ווען מען קוקט זיך צו דאָרט אין וואַלד צו די גבירים, צו די דאַטשניקעס, קומט אַ מחשבה: פאַר זיי איז דער יידישער יום אַ טייערער איינ־שטעל. נישטאָ קיין וואָך אויף דער וועלט. ס׳איז נישטאָ קיין זאָרג ביים מענטשן

אין האַרצן. ס׳איז דאָ נאָר איין גלוסטעניש — אַ גלוסטעניש נאָכן שבת קודש. אָבער וואָס זאָל טון אַ ייִד אַן אָרעמאַן? פּאַר אים האָט דער ייִדישער יום גאָר אַן אַנדער טייטש. ער הייבט זיך אָן צו שרעקן פון זונטיק אָן — געוואַלד, ווו וועט מען נעמען אויף שבת? אים ליגט טאַקע דער שבת אין די ביינער בייטאָג און ביינאַכט און ער קען אים נישט פאַרגעסן. ער וואָלט געוואָלט פאַרגעסן און שרייבן היינט איז זונטיק — אַ דאַנקען גאָט ס׳זענען דאָ נאָך גאַנצע זעקס טעג צו שבת; היינט איז מאָנטיק — אַ דאַנק דעם שם יתברך נישטאָ וואָס צו זאָרגן, ס׳זענען נאָך דאָ גאַנצע פינף טעג צו שבת. פון דינסטיק אָן איז נאָך דאָ אַ האַלבע וואָך צום שבת. אָבער מיטוואָך! עס טיאַכקעט שוין דאָס האַרץ, — אַט, אַט מאָרגן וועט די ווייב אָנהייבן רייסן: געוואַלד, גיב אויף שבת! דאָנערשטיק איז אַ גיהנום — רבונו של עולם, ווו נעמט מען אויף שבת? אָבער אַט איז שוין פרייטיק, ערב שבת קודש. גאָטס ניסים — שוין געמאַכט שבת, ווי עס איז געקראָגן אויף שבת. און אַז דער שבת קודש קומט אָן, מיינט איר, אַז ער פאַרקריכט נאָר צו די בגידים? ניין, אין יעדער ייִדישער שטוב קומען אַריין צוויי מלאכי השרת און מען איז זיי מקבל פנים מיט די שלום עליכמס.

ווען דער רבי צעזינגט זיך אַזוי האַרציק איז שמעון אים אַלץ מוחל. ער איז אים אַפילו מוחל, וואָס ער וויל ווערן אַ מדינה־גייער, גיין איבער די הייזער. שמעון קען עס בשום אופן נישט באַנעמען. ער מיינט, אַז דאָס איז גאָרנישט ערלעך. ס׳איז אָפּנאַרעריי.

דאָס ערשטע מאָל, ווען שמעון האָט עס געהערט פון רבין, איז דאָס געווען אַ דאָנערשטיק אינדערפרי. אין טומל פון די תלמידים, וואָס האָבן איבערגעחזרט די סדרה פון דער וואָך, האָט די רביצין געבעטן אויף שבת:

— שלום, ס׳איז דאָך שוין דאָנערשטיק און איך האָב נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה. וואָס וועט זיין מיט שבת?

שמעון זינגט אויס דעם חומש מיט רש״י, אָבער זיינע אויערן זענען, ווי צוויי לייקעס. הערן זיי, ווי שלום זינגט אויס מיט דעם זעלביקן ניגון, וואָס די ייִנגלעך חזרן איין דעם חומש, אַן ענטפער צום ווייב:

— וואָס ווייס איך וואָס וועט זיין מיט שבת? אויב דו ווילסט קענסטו האָבן בטחון: צוואַנציק תלמידים. דער רבונו של עולם וועט אַריינגעבן אַ רצון צו איינעם פון זייערע טאַטעס און ער וועט אַריינשיקן אַ קערבל. איי טאָמער נישט? נו, וועל איך מסתמא זיך דאַרפן אָוועקשטעלן ווי אַלעמאָל, בין מנחה למערב כעני בפתח — ווי אַן אָרעמאַן ביי דער טיר, פאַר איינעם פון מיינע שיינע באַלעבאַטים און זאָגן הכנעהדיק: „אפשר האָט איר פאַר מיר אַ רובל אויף שבת? פאַרשטייסט מיך,

גיין מאָנען ביי ישראל טאַנדעטניק וועט נישט העלפן — ער האָט נישט. בעטן ביי בן־ציון שוסטער וועט זיין אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט — פון וואַנען זאָל ער נעמען? צוגיין צו ישראל בעל־עגלה? אומזיסט די טרחה, זיין פערד איז ביי אים בילכער פון מלמד. פון פערד ציט ער חיונה. וועט מען דאַרפן ווייטער אָנקומען צו ר׳ יעקב דעם שניט־קרעמער, אָדער צו ר׳ מנשה דעם מנקר. איי זיי זענען שוין פאַרטיק מיט העכער האַלב שכר־לימוד? נו, בעט מען כעני בפתח. איי, ביסטו אַן ארורה, אַ שלאַק פון זיין ליבן נאָמען, ווייסט דאָך, אַז איך האָב נישט.

די רביצין האָט אויסגעשאָסן מיט כעס:

— איך בין אַן ארורה! ער האָט נישט אויף שבת און איך בין אַן ארורה און אַ שלאַק.

— אוודאי איז עס דיין שולד, — האָט געענטפערט שלומקע, — ווען דו וואָלסט נישט געווען אַזאַ בעל מיוחסת: אַברהם־יעקב דעם דיינס טאָכטער, און ס׳וואָלט דיר אָנגעשטאַנען איך זאָל זיך לאָזן איבער דער מדינה, וואָלט געווען נאָך מאָנטיק אויף שבת. איך האָב דאָך אַן אוצר. איך קען דאָך נתעשר ווערן, ווען דו לאָזט. אָט קום איך אָן אויף אַזאַ דאַטשע, ווי מיר האָבן דאָ אין קאַלינקאָוויטש, לאָז איך זיך איבערן וואַלד, ווו די דאַטשניקעס ליגן, ווי מאָנאַרכעס און שלינגען פרייע לופט. איך גיי צו צו די מאַדאַמען, וואָס ליגן אויסגעצויגן אויף די האַמאַקעס און אַלץ, וואָס איך טו — פאַרשאַר דעם לינקן אַרבל און שטרעק אויס די רעכטע געזונטע האַנט. עס וואָלט דאָך אָנגעהויבן פאַלן גריוווינקעס, ווי האָגל. און ווען איך צעזינגט זיך נאָך!

די רביצין האָט אויסגעשפּיגן דריי מאָל:

— אויף מיינע שונאימס קעפּ, ווען וואָס ער רעדט — ווערן אַ מדינה גייער. איך וואָלט געשווירן, אַז ער מיינט עס אויף אַן אמתן.

שלומקע ענטפערט איר געלאַסן:

— אוודאי מיין איך עס. וואָס מיינסטו מלמדעריי איז נישט קיין מלאכה בזויה? אויב דו ווילסט איז על פּי דין טאָר מען דאָך גאָרנישט נעמען קיין שכר, פאַר לערנען תורה. אָבער איך נעם. בין איך אי אַ קבצן אי אַ פאַרזינדיקטער.

— ער׳ט שוין אָנגעהויבן פסקענען שאלות, — האָט זי בייז אַרויסגערעדט. — ביסט דאָך נאָר אַ חומש מלמד. לאָז איבער שאלות פסקענען צום רב.

ווען די רביצין איז אַרויס האָט שלומקע אַ פּאַטש געטון אין טיש:

— שאַט, חברה, צייט גיין עסן וואַרעמס. אָבער יוער וועט היינט ברענגען שכר לימוד? איר ווילט דאָך נישט, אַז איך זאָל זיך אַוועקשטעלן פאַר אייך און זינגען אַן אָרעמאַנסקע לידל?

שמעונען ברענט דאָס פּנים פון בושה. פאַרוואָס רעדט ער אַזוי? ווייל ער טאַקע זיך לאָזן גיין איבער די הייזער? ס'וואָלט דאָך געווען אָפּנאַרעריי. עס גייען איבער די הייזער אביונים, קבצנים. קראַנקע, קאַליקעס, וואָס קענען נישט פאַר־דינען אויף חיונה, נישט די, וואָס קענען האָבן פּרנסה. דער רבי האָט דאָך אַ קנעלונג. ער ווערט געהאַלטן פאַר אַ גוטן חומש מלמד, ווי וואָלט ער אָפּגענאַרט ייִדן? מסתמא שפּאַסט ער נאָר.

אָבער קאָנטיק, אַז שלומקע האָט נישט געשפּאַסט. נישט נאָר פלעגט ער האָבן טענות צו דער ווייב, פאַר נישט לאָזן אים ווערן קיין מדינה גייער, נאָר אָפּט, אין אַ דאַנערשטיק, ווען די עלטערע כיתה האָט נישט געקענט גוט די פּרשה פון וואָך, פלעגט זיך שלומקע צעבייזערן:

— גוייִשע קעפּ, חמורים, פאַרטריקנטע מוחות, שטיק העלצער, אָקסן אָן הער־נער — איך וואָלט געוואָלט וויסן צוליב וואָס האָרעווע איך מיט אייך? איך האָב אַן אוצר אויף זיך — קען זיך לאָזן אויף דער מדינה און אָפּגעגילט ווערן און דאָ האָרעווע איך, ווי אַן עבד כנעני און האָב קוים אויף חיונה. אַז איך בין נישט בעסער פון מיין זיווג, וואָס איך טו נישט קיין שפּיי אויף אייך, אויף אייערע טאַטעס, אויף מיין פאַרשוין, דעם דיינס טאַכטער און לאָז זיך נישט אויף דער מדינה.

ווען דער רבי האָט זיך אַזוי געבייזערט האָט שמעון אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט זיך געשעמט צו קוקן אויפן רבין, וואָס איז זיך מבזה — פאַרשעמט זיך אַליין.

אַ יאָר שפּעטער האָט מענדל מלמד געלערנט מיט שמעונען פּרקי אבות. ער איז צוגעקומען צו אַ משנה אין פּרק ד': „ר' שמעון, דער זון פון אלעזרן זאָגט: דו זאָלסט נישט איבערבעטן דיין פריינט, ווען ער איז אין כעס. דו זאָלסט אים נישט טרייסטן, ווען דער מת פון אַ נאָענטן ליגט נאָך פאַר אים. דו זאָלסט זיך נישט באַמיִען צו קוקן אויף אים, ווען ער איז פאַרשעמט". שמעונען איז דעמאָלט אַרויף אויפן זינען זיין חומש־מלמד, שלומקע „דאָס קרומע הענטל". ביז היינטיקן טאָג האָט שמעון די טבע נישט צו קוקן אויף אַ מענטשן בעת דער מענטש איז זיך אַליין מבזה. שמעון זעט באַלד אין דמיון שלומקען דעם חומש־מלמד.

קאַפּיטל 9

# אַ פּסוק חומש מיט רש״י

פון שלום דעם חומש־מלמד איז שמעון אַנגעקומען צו רבי מענדל, דעם גמרא־מלמד.

אין שטעטל זענען געווען פיר גמרא־מלמדים. דער בעסטער און חשובסטער פון זיי איז געווען רבי מענדל. ער איז געווען אַ ליובאַוויטשער חסיד, אַ למדן, אַ פרומער און אַ גרויסער בעל פעולה. קיין ייִנגלעך פאַרן קנעלונג האָבן אים קיינמאָל נישט אויסגעפעלט, אַלע באַלעבאַטים האָבן געוואָלט שיקן זייערע קינ־דער צו אים, איז ער געווען איבערקלייבעריש. אַנצוקומען צו אים אין חדר האָט אַ ייִנגל געדאַרפט זיין אָדער אַ קינד פון אַ ליובאַוויטשער חסיד, אָדער אַ קינד פון אַ שיינעם ייִדן, אַ למדן, וואָס פאַרשטייט אַליין אַ שטיקל גמרא, אַנישט האָט דאָס ייִנגל געדאַרפט האָבן אַ שאַרפן קאָפּ און וועלן לערנען — אַ ייִנגל אַ שיינדל פאַר אַ חדר. ייִנגלעך שטיפער, נאָכגעגעבענע, ציטעריקע ביי דער מאַמען האָט ער נישט אַריינגענומען.

אין שטעטל האָט מען געוווסט, אַז ביי מענדלען אין חדר שפּילט מען זיך נישט, מען בטלט נישט קיין צייט. מען דאַרף דאָרטן שטאַרק האָרעווען אויף דער תורה. מענדל האָט אויך געהאַט אַ שם פאַר אַ מלמד, וואָס מאָנט נישט קיין שכר־לימוד. ער איז געווען אַ מסתפק במועט. די באַלעבאַטים זיינע זענען דאָך געווען חסידים, למדנים, יראי־שמים. זיי וועלן אים נישט אָנזעצן. „אויב זיי שיקן נישט קיין שכר־לימוד איז אַ סימן, אַז זיי האָבן נישט. איז וואָס דאַ שייך צו מאָנען?״ — פלעגט מענדל זאָגן זיין נעכען.

חול המועד פּסח איז מענדל אַריינגעקומען צו מערען און געבעטן זי זאָל שיקן שמעונען צו אים אין חדר.

מערע איז צעטומלט געוואָרן. זי האָט געוווּסט, אַז מענדל גייט נישט זוכן קיין קינדער פאַר זיין חדר. געוויינטלעך דאַרף מען ביי אים זיך בעטן און דאָ איז ער צו איר געקומען. ס׳איז דאָך עפּעס אַ כבוד, וואָס מאַכט איר האַרץ ברייטער ווי לענגער. אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין חשק צו שיקן שמעונען צו מענדלען אין חדר. זי האָט געציטערט איבער איר קראַנקן, געראַטענעם זון. אַנוואַרפן אויף אים אַזאַ יאָך, ווי מענדל דער גמרא־מלמד, האָט זי מורא געהאַט. זי האָט גערעכנט צו שיקן דאָס יינגל צו עלינקע דעם גמרא־מלמד, וואָס האָט דעם חדר גלייך איבערן גאַס און איז באַוווּסט, ווי אַ ייד אַ מזג טוב. אָבער ר׳ מענדל האָט זיך מטריח געווען און איז אַליין געקומען בעטן דאָס יינגל, ווי קען מען אים מבייש זיין? דאָך האָט זי געפּרוווט זיך שטעלן אַנטקעגן:

— איר ווייסט דאָך, רבי, מיין שמעון איז ביי מיר די אויג אין קאָפּ און איר האָט נישט ליב קיין נאָכגעביקע און ציטערדיקע קינדער. פון מיין שטוב אין חדר איז אַ מהלך, וועל איך דאַרפן אים מיטגעבן וואַרמעס. דאָס קינד וועט מוזן עסן טרוקענעם עסן אַ גאַנצן טאָג. ביי אייך אין חדר דאַרף מען האָרעווען. איז עס פאַר זיינע כוחות?

— עט, מערע, זוך נישט קיין תירוצים, — האָט מענדל געענטפערט. שלום, דער חומש־מלמד, האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס יינגל האָט שטאַרק חשק צום לערנען. ביי דיר אין שטוב איז ער אַ ציטערדיקער, אָבער זיין הנהגה אין חדר איז נישט פון קיין נאָכגעגעבן בן־יחיד. ווילסט דאָך, אַז ער זאָל זיין אַ בן־תורה. נו, תורה קומט נישט אָן גרינג. תורה איז אַ יאָך. עס שטייט געשריבן אין פּרק: אַזוי איז דער וועג פון תורה: ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן, וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען, אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן, אַ לעבן פון נויט זאָלסטו לעבן און אויף דער תורה זאָלסטו האָרעווען, אויב דו וועסט אַזוי טון, וועט דיר זיין וווּל אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט.

מערע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן:

— אוודאי, רבי, שטייט אַזוי אין דער הייליקער תורה. אָבער דאָס איז געזאָגט געוואָרן אויף דערוואַקסענע יידן, נישט אויף קינדער.

מענדלען איז געפעלן געוואָרן מערעס קלוגער ענטפער. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן ביי אים צווישן די וואָנצעס און ער האָט געזאָגט:

— נו, נו, ער וועט דאָך נישט שלאָפן אויף דעם הילצן בריק (דיל) און טרינקען וואַסער מיט אַ מאָס וועט ער אויך נישט דאַרפן. און איך בין בטוח, אַז אויך וואַרמעס וועסטו אים געבן עפּעס בעסער, ווי ברויט מיט זאַלץ. פאַרך

נישט אַזויפיל פאַרן קינד, וויבאַלד ער האָט תשוקה צו דער תורה, ווערט גאָטס חסד אים נישט פאַרלאָזן.

— און וויפל איז דער שכר־לימוד? — האָט מערע געפרעגט.

— וויפל אַלע גמרא־מלמדים רעכענען.

— אָבער, רבי, איר רעכנט דאָך מער, וויל איך וויסן פון אַ חשבון. מיין מאַן פאַרדינט ווייניק, איך בין די פרנסה ברענגעריןֿ. קיין אַנזעצערין וויל איך נישט זיין. איך מוז וויסן פון אַ חשבון.

מענדל האָט געענטפערט אומגעדולדיק:

— דו ווייסט דעם חשבון און דאַרפסט נישט פרעגן. מאַנען וועל איך נישט. ווייסט דאָך. וועסטו האָבן וועסטו געבן. דער עיקר איז דאָך דער קרן — דער תלמיד.

מערע האָט אַ זיפץ געטון און ווי אַלעמאָל זיך נישט איינגעהאַלטן אָנווייזן אויף עוולות:

— איך וויל אייערס חלילה נישט פאַרנעמען, רבי, אָבער אויף אייער נעכען איז אַ רחמנות. איך שטעל זיך פאָר, אַז מען זעצט אייך אָן מער וויפל איר קריגט אַריין.

— דערווייל איז זי נאָך פון הונגער נישט געשטאָרבן, — האָט מענדל בייז־לעך געענטפערט, — די קינדער, וואָס מיר האָבן צו פאַרזאָרגן? (רבי מענדל האָט געהאַט אַ בן־יחיד, וואָס איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן). ס'איז מער רחמנות אויף די, וואָס האָבן קינדער צו שיקן לערנען תורה און האָבן נישט פון וואָס צו צאָלן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ קוש געטון די מזוזה און איז אַרויס. מערע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און גערעדט צו זיך:

— זיין נעכע האָט שוין איינמאָל אַ מערכה פאַר אים. אָט ווי איך פאַר מיין שלימזלניק. אָבער ער טוט עס צוליב דער תורה, מיינער — זי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — צוליב אויפנייען אַ פּאָר שטיוואַליעס פאַר די פויערים.

*****

באַלד פון ערשטן טאָג אָן איז רבי מענדל געפעלן געוואָרן שמעונען.

דאָס יינגל איז אַרויס פון שטוב פרי. ער איז געווען אומגעדולדיק צו פאַר־זוכן דעם טעם פון גמרא. אָבער פון שטוב צום חדר איז געווען אַ מהלך און דאָס גיין האָט געדויערט לענגער, ווי ער האָט געמיינט, איז ער דעם ערשטן טאָג אָנגעקומען אין חדר, ווען אַלע תלמידים זענען שוין דאָרטן געווען. ווי ער

איז אַריין, האָט אים מענדל אָנגעוויזן אַן אָרט אַרום טיש און געהייסן די יינגלעך אַרויסנעמען די סידורים.

שמעון האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן. שוין ביי דעם חומש־מלמד האָט די עלטערע כיתה נישט געדאַוונט אין חדר. די עלטערע יינגלעך האָבן געדאַוונט אין דער היים אָדער אין שול. דאָ, אין אַ גמרא־חדר, הייסט דער רבי נעמען די סידורים!

מען האָט געעפנט די סידורים. רבי מענדל האָט אָנגעטון דעם טלית און תפילין. שמעון האָט זיך מער פאַרוואונדערט: דער רבי דאַוונט גאָר מיט די יינגלעך אין חדר, נישט בציבור אין שול.

שמעון קוקט און זעט: דער רבי שטעלט זיך פאַרן חדר, מיטן טלית איבערן קאָפּ און הייבט אָן ריידן צו די יינגלעך מיט אַ חסידישן ניגון:

— ביי מיר אין חדר איז דער מנהג, אַז איך דאַוון מיט די תלמידים. היינט וועל איך זיין דער שליח ציבור. אָבער פון מאָרגן אָן וועט יעדן טאָג אַן אַנדער יינגל דאַוונען ביים עמוד. דורכן זמן וועט יעדער איינער פון אייך זיך אויסלערנען צו זיין אַ שליח ציבור.

— און איצט וועגן ענין תפילה, דאַוונען. מען דאַרף דאַוונען מיט ציטער און מיט שרעק און מיט אהבת הבורא. ציטער און שרעק: מיר שטייען דאָך און בעטן פאַר אַ מלך. נישט פאַר קיין מלך בשר ודם, נאָר פאַרן מלך מלכי המלכים, וואָס איז אַ יודע מחשבות. אים קען מען ניט אָפּנאַרן. דאַרף מען האָבן אימת המלך. אָבער אַ ייד דאַרף געדענקען, אַז דער מלך מלכי המלכים, וואָס קיניגט איבער אַלע וועלטן איז אויך אונדזער טאַטע — אָבינו שבשמים. מיר זענען דאָך זיינע קינ־דער, ווי עס שטייט אין פסוק: בנים אתם לה׳ אלקיכם. דאַרף זיין אַ שרעק אין האַרצן, וואָס זאָל נישט איבערשרעקן. די גלוסטעניש צום טאַטן דאַרף איבער־וועלטיקן די אימה. לאָמיר אָנהייבן.

חברה האָט אָנגעהויבן דאַוונען.

נאָך איצט, קרוב פופציק יאָר נאָך יענעם דאַוונען זעט שמעון דעם פרי־מאָרגן: ער זיצט ביים ברעג טיש, מיט דעם האַלדז אויסגעצויגן — ער האָט נישט געבראַכט קיין סידור און געדאַרפט אַריינקוקן אין עמעצנס אַנדערש סידור — דער גאַנצער צימער איז פול מיט ברען און עקסטאַז. און יעדעס וואָרט קומט אַרויס ווי פון אייך מויל און רבי מענדל שטייט ביים „עמוד" מיט הענט, וואָס רייסן זיך פון גוף, און אַ קול, ווי עס שטייט אין תהילים: חוצב להבות אש — האַקט אויס פלאַמען פייער.

רבי מענדל האָט נישט נאָר מיטגעדאַוונט מיט די תלמידים, נאָר אויך מיט־

געלערנט מיט זײ. ער איז קײנמאָל נישט געזעסן לײדיק. ער האָט מיט יעדער כיתה מיטגעחזרט דעם שיעור.

אײנס אַזײגער פלעגט ער צעלאָזן די קינדער אױף װאַרמעס, גוטע צװײ שעה. שמעון פלעגט פאַרבלײבן בײם רבין אין שטוב. ס'איז געװען פאַר אים צו װײט צו גײן אַהײם.

װען די קינדער זענען זיך צעגאַנגען פלעגט דער רבי בלײבן זיצן אַ פאַר־מאַטערטער, אַ דערשעפּטער. ער פלעגט האָבן אַ טבע צו פאַרװאַרפן דעם קאָפּ, פאַרמאַכן די אױגן און אַזױ בלײבן זיצן, װי אַ פאַרחלשטער, ביז די רביצין האָט געגרײט דעם טיש. זי פלעגט זיך נישט אײלן. געלאָזט אים זיך אָפּרוען. נאָך אַ היפּשער װײלע װאַרטן איז זי אַרײן פון קיך, פאַרשפּרײט אַ טישטעך אױפן ברעג טיש, האָט אַװעקגעלײגט אַ האַלבן ברױט, געװײנטלעך אַן אַלטגעבאַקענעם, אַװעק־געשטעלט זאַלץ, דרײ געבאַקטע קאַרטאָפל. אַמאָל האָט זי אַרײנגעבראַכט אױך אַ שטיקל הערינג, אַ האַלבע ציבעלע אָדער אַ זױערע אוגערקע.

װען דער טיש איז שױן געװען גרײט האָט זיך דער רבי געװאַשן, געזאָגט שאו ידיכם, געמאַכט המוציא, אײנגעטונקט דאָס האַרטע ברױט אין זאַלץ, פּאַמע־לעך אָפּגעשײלט די קאַרטאָפל און אָנגעהױבן עסן אָן חשק. נאָכן עסן האָט זי אים דערלאַנגט אַ גלאָז טײ, פאַרזיסט מיט גאַנצע דרײ ציגעלעך צוקער. ער האָט אױסגעטרונקען די גלאָז טײ און געבענטשט. תיכף נאָכן בענטשן איז ער צוגע־גאַנגען צום אַלמער ספרים, אַרױסגענומען אַ ספר און זיך צעשאָקלט איבער אים, ברומענדיק אַ ניגון.

די רביצין האָט זיך געברוגזט:

— ער װערט גאַרנישט זאַט. אַ גאַנצע נאַכט געלערנט, אַ האַלבן טאָג אָפּגע־האָרעװעט מיט די קינדער און איצט װידער מיט אַ ספר. שפּאָר זיך צו בעסער אױף דער האַלבער שעה, װאָס איז דיר געבליבן. די תורה װעט פון דיר נישט אַנטלױפן. ס'װאָרט נאָך אױף דיר אַ לאַנגער נאָכמיטיק.

ער האָט אַ זיפץ געטון און אַרױסגעקרעכצט:

— אײ, אשה, אשה, װײסט נישט, אַז היום קצר והמלאכה מרובה, — דער טאָג איז קורץ און די אַרבעט איז אַ סך.

אָפּגעזאָגט און זיך צעזונגען. די רביצין האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— אַן עקשן איז ערגער פון אַ משומד. אַ מענטש קױלעט זיך אָן אַ מעסער, זיך אַלײן מקצר ימים.

די זעלביקע סצענע און דער זעלביקער שמועס האָבן זיך איבערגעחזרט טאָג־אײן טאָג־אױס, אָן קײן שום שינוי. שמעון האָט דערפילט, אַז עס איז נישט

קיין שפּאַרעניש אָדער קריג צווישן מאַן און ווייב, נאָר ס׳איז אַזאַ שפּיל צווישן זיי. דאָס איז דער אופן, וואָס זיי ווייזן אַרויס זייער גינציקייט איינער צום אַנדערן.

❦

דאָס יינגל האָט ליב געקראָגן זיין רבין פאַר זיין ערנסטקייט און פאַר זיין שווערער פּראַצע. ער האָט ביי זיך געטראַכט, — ער איז ערלעך און ערנסט, ווי די מאַמע. אים איז אויך געפעלן געוואָרן, וואָס דער רבי און די רביצין קריגן זיך קיינמאָל נישט. ער האָט קיינמאָל נישט געהערט פון זיי קיין קללה אָדער אַפילו אַ הויך וואָרט. נאָר איינמאָל, אין אַ דאָנערשטיק, האָט זיך דער רבי געוואָרפן אויף דער רביצין מיט צוויי פאַרשטייפטע קולאַקעס. דאָס יינגל איז צעטומלט געוואָרן פון דעם רבינס כעס. אָבער נאָכדעם איז דער רבי ביי אים נאָך טייערער געוואָרן.

אַלע דאָנערשטיק איז דער רבי איבערגעגאַנגען דעם שיעור פון וואָך מיט די תלמידים. ער האָט זיך נישט געפּירט, ווי אַלע מלמדים: געלאָזט די קינדער חזרן פאַר זיך און דערנאָך זיי פאַרהערט. זיין גאַנג איז געווען אַן אַנדערער, — ער איז געשטאַנען ביים ברעג טיש, געשטאַנען טאָקע די גאַנצע צייט אויף די פיס און נישט צוגעזעצט זיך. די יינגלעך זענען געזעסן אַרום טיש און ער איז געשטאַנען איבער זיי, געטייטלט מיטן ציינג־פינגער איבער די שורות אין זיין אייגענער גמרא און איז איבערגעגאַנגען דעם שיעור מיט דער כיתה ווידער און נאָך אַמאָל; זיך אָפּגעשטעלט לענגער ביי אַ שווערער שטעל ביז די גאַנצע כיתה האָט געקענט דעם שיעור, ווי אַ וואַסער.

די גמרא איז אויסגעזונגען געוואָרן. דעם רבינס קול איז געווען העכער און שטאַרקער פון וועלכן ס׳איז יינגלס קול. אָפט האָט רבי מענדל זיך געדאַרפט אָפּשטעלן, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. די כיתה האָט געוויינטלעך זיך אויך אָפּגע־שטעלט. דעמאָלט פלעגט דער רבי אַ ווונק טון צו אַ יינגל, וואָס האָט געהאַט אַ שיין קול. דאָס יינגל האָט זיך צעלאָזט מיט אַ ניגון. באַלד האָט דער רבי אָפּגע־כאַפּט דעם אָטעם און אויפגעכאַפּט דעם יינגלס לעצטע וואָרט און מיט אים די גאַנצע כיתה. די יינגלעך האָבן נישט געלערנט רויק, נאָר שטאַרק זיך געשאָקלט און דער רבי האָט שטייענדיק זיך געשאָקלט מער פון אַלעמען און זשעסטיקולירט ריטמיש מיט די הענט, ווי אַ חזן, וואָס פירט אָן מיט משוררים.

זומער האָט דאָס געזאַנג פון איבערגיין דעם שיעור זיך צעטראָגן דורך די אָפענע פענצטער העט ווייט. אַפילו ווינטער האָט דער ניגון פון גמרא זיך דורכ־

גערים אין גאַס אַריין דורך די פאַרהאַקטע פענצטער און די שכנים האָבן געוווסט, אַז מענדל גייט איבער דעם שיעור פון וואָך מיט זיינע תלמידים.

די פּאַסירונג ווי מענדל האָט זיך געוואָרפן אויף זיין ווייב מיט פאַרשטייפטע קולאַקעס איז געשען נאָכדעם, ווי שמעון האָט געלערנט ביי מענדלען דעם צווייטן זמן, אין אַ דאָנערשטיק. רבי מענדל האָט ווי געוויינטלעך איינגעחזרט דעם שיעור מיט זיינע תלמידים. עס איז געוואָרן שפּעט, העט נאָך איינס דעם זייגער, און דער רבי האָט נאָך נישט צעלאָזט זיינע תלמידים אויף וואַרמעס. די רביצין איז צו אים צוגעגאַנגען צום וויפלטן מאָל און אים אַ שלעפּ געטון ביים אַרבל:

— מענדל, ווייסט, אַז ס'איז שוין באַלד צוויי דער זייגער? צעלאָז די קינדער. איך האָב נישט קיין פּרוטה אויף שבת.

— לאָז געמאַך, — האָט מענדל איר געענטפערט אומגעדולדיק.

וואַרט די רביצין נאָך אַ פערטל שעה און גייט צו צו אים נאָכאַמאָל:

— מענדל, וואָס וועט זיין דער תכלית? ס'איז שוין נאָך צוויי דעם זייגער.

— שטער נישט, שטער נישט, מיר זענען אין מיטן דער סוגיא, — האָט איר מענדל געענטפערט.

נאָך אַ שטיקל צייט איז אַריבער און די רביצין האָט אָנגעהויבן ווידער:

— מענדל, האָב יהדות אין האַרצן. די קינדער זענען פאַרחלשט און דו האָסט נאָך גאָרנישט נישט געהאַט אין מויל. וואָס איז ביי דיר היינט, אַ תענית? גענוג זאָל זיין, זאָג איך דיר, — און זי האָט אים פאַרמאַכט די גמרא.

רבי מענדל איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפּגעהאַקטן וואָרט אין מויל. זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט פון פאַרדרוס. שמעון האָט געקוקט אויפן רבין און געזען, ווי די מוסקולן פון האַלדז האָבן זיך ביי אים צעשפּילט. ער וויל עפּעס אַרויסרעדן און ער קען נישט. באַלד האָבן זיך רוגזהדיקע ווערטער אַ שפּאַר געטון ביי אים פון מויל:

— ארורה, אַרויס פון דאַנעט. ביטול תורה!

די רביצין איז געבליבן שטיין רויק מיט די הענט פאַרלייגט אויפן האַרצן:

— אַלץ דאַרף האָבן אַ שיעור, חסיד מיינער, ס'איז שוין האַלב דריי דער זייגער, צעלאָז די קינדער. אַנישט וועלן באַלד קומען די מאַמעס נאָך זיי. צעלאָז די קינדער, זאָג איך דיר. איך האָב נישט קיין פּרוטה אויף שבת. אפשר וועט עמעצער ברענגען שכר־לימוד און איך וועל נישט דאַרפן פאַרשוואַרצן מיין פּנים און גיין נאָכאַמאָל באָרגן.

דער רבי איז געשטאַנען אַ כעסיקער, געפּרוווט איר ענטפערן און נישט גע־

קענט. מיטאַמאָל האָט ער פאַרשטייפטביידע הענט אין קולאַקעס, זיי אויפגעהויבן און זיך אַ לאָז געטון נאָך דער רביצין:

— ארורה, אַרויס פון דאַנען! אַרויס איידער איך בין דיר דורס!

די רביצין איז בלייך געוואָרן און איז אַרויסגעלאָפן.

רבי מענדל האָט צוריק געעפנט די גמרא. ער האָט אַ ווײַלע אַרײַנגעקוקט שטום אין איר און זי באַלד פאַרמאַכט. ער האָט פאַנאַנדערגעלאָזט די קינדער אויף מיטיק.

ווען די קינדער זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט דער רבי זיך געזעצט אויף זײַן שטול, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַ הינטער, פאַרמאַכט די אויגן און זײַן פּנים איז געווען געלבלעך, אָן אַ טראָפּן בלוט. שמעון איז געזעסן ביים אַנדערן ברעג טיש, ווו ער פלעגט עסן זיין געבראַכטן וואַרמעס, און זיך נישט געקענט צוזירן צום עסן. די רביצין איז שטיל אַריין, שטום פאַרשפּרייט דעם ברעג טיש לעבן רבין און ווי אַלעמאָל אַריינגעבראַכט די דריי געבאַקטע קאַרטאָפל, אַ האַלבן אַלטגעבאַקענעם ברויט, זאַלץ און אַביסל זויער קרויט. דער רבי איז אַלץ געזעסן מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן, די אויגן צוגעמאַכט און זיך נישט גערירט פון אָרט.

פלוצלינג האָט זיך דער רבי אויפגעשטעלט און אַ קער געטון זיך צו שמעונען:

— נעם דעם חומש!

שמעון האָט פאַרווונדערט גענומען דעם חומש, אים צוגעטראָגן צום טיש און נישט געוווסט, וואָס צו טון.

דער רבי האָט אים געהייסן זיך זעצן, אַ מיש געטון דעם חומש און אָנגעוויזן דעם יינגל אויף אַ פסוק אין פרשה שמות און אים באַפוילן: זאָג און פאַרטייטש.

דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן:

— ויצא ביום השני, און ער, משה, איז אַרויס אויפן צווייטן טאָג, והנה שני אנשים עברים נצים, און אָט צוויי ייִדישע מענטשן קריגן זיך, ויאמר, און ער האָט געזאָגט, לרשע, צום רשע, למה תכה רעך, פאַרוואָס שלאָגסטו דיין חבר?

דער רבי אַ בלייכער, אַ דערשראָקענער האָט זיך געשאָקלט צום ניגון. ווען דאָס יינגל האָט געענדיקט דעם פסוק האָט דער רבי באַפוילן: זאָג די רש״י מיט אייסריידעניש.

דאָס יינגל האָט זיך צעזונגען:

— מאַכט רש״י, עס שטייט אין פסוק למה תכה, פאַרוואָס ווּעסטו שלאָגן, מיינט דאָך ער האָט נאָך נישט געשלאָגן. דאָס לערנט אונדז, אַז אַפילו ער האָט

אים נישט געשלאָגן, נקרא רשע, ווערט ער אָנגערופן אַ רשע, בהרמת יד, ווען ער הייבט נאָר אַ האַנט אויף אים.

דאָס ייִנגל האָט אָפּגעהאַקט דאָס זאָגן. ס'האָט אים מיטאַמאָל פאַרפעלט אָטעם: דאָס מיינט דער רבי? רבי מענדלס פּנים איז געווען ווייס, די ליפּן האָבן געציטערט און אַ טרער האָט זיך ביי אים אַראָפּגעקייקלט אויף דער רעכטער באַק.

דאָס ייִנגל האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און אויסגעבראָכן איז אַ געוויין. דער רבי איז געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע אַ שווייגנדיקער, דערנאָך אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— לאָמיר זיך וואַשן צום עסן.

פון יענעם טאָג אָן איז געשלאָסן געוואָרן אַ בונד צווישן תּלמיד און זיין רבין. אַ בונד פון ליבשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ לעבן לאַנג.

קאַפּיטל 10

# זלמן הומאן

ביז היינטיקן טאָג איז ביי שמעונען געבליבן אַ מין שפּיל פון זיין פריִערסטער קינדהייט: געפעלט אים נישט עמעצער טוט ער אים אַ שטופּ, אין געדאַנק, אין פינצטערן קעמערל, פאַרמאַכט נאָך אים די טיר, לאָזט אַראָפּ די קליאַמקע און זאָל ער דאָרטן זיצן. געפעלט אים אָבער עמעצער פירט ער אים אַריין אין דער ליכטיקער סאַליע און זעצט אים אַוועק ביים לאַנגן רויטן טיש, אַנטקעגן דעם שפּיגל. דער ערשטער, וואָס שמייכלט אַרויס פון דער ליכטיקער סאַליע איז זלמן הומאַן.

באַשטראָפן איינעם, פאַרשטייט זיך אין דמיון, מיט פאַרשפּאַרן אים אין דעם פינצטערן קעמערל איז געווען דער איינציקער מיטל ביי שמעונען זיך אָפּצורעכענען מיט די אויף וועלכע ער האָט געטראָגן אַ כעס. ביז זעקס יאָר איז ער דאָך געווען הילפלאָז — אַ סידון. יעדער איינער אין שטוב האָט אויסגעלאָזט זיין ביטער האַרץ צו שמעונס קאָפּ. טאַקע באמת צו זיין קאָפּ. שטענדיק האָט מען אים געשלאָגן איבערן קאָפּ. ער איז דאָך אַלעמאָל געזעסן און דער קאָפּ זיינער איז געווען נאָענט צו דער אויפגעהויבענער האַנט. צוריקשלאָגן האָט ער נישט געקענט, ווי שלאָגט מען צוריק אַ זיצנדיקער? אַנטלויפן אויך נישט. אַפילו זיך אָפּרעכענען מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג האָט ער אויך נישט געוואָגט. אַז מען שטעקט אַרויס אַ צונג און מען קען נישט אַנטלויפן קריגט מען נאָך אַ כמאַל גלייך איבערן קאָפּ.

אין זיין הילפלאָזיקייט האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט אַן אייגענער אופן פון נקמה — פאַרשפּאַרן אין קעמערל די מענטשן, אויף וועלכע ער טראָגט אַ האַרץ.

## שלמה סיימאָן

דאָס קעמערל האָט ער אַנטדעקט אין אַ זומערדיקן נאָכמיטיק.

ס'איז געווען הייס, זייער הייס. קיינער איז נישט געווען אין שטוב. די מאַמע, וואָס האָט קיינמאָל נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון אים, איז דעמאָלט געזעסן אויף דער פּריזבע, פאַרצירעוועט זאָקן און געגעדט מיט די ווייבער. שמעון איז געזעסן אויפן דיל, פון לאַנגן קאָרידאָר און ווי אַלעמאָל געזויגן אַ פינגער און געקוקט, ווי די שטוביקע האָבן געזאָגט, טאַמעוואַטע, אין דער וועלט אַריין.

אין דער אמתן איז שמעון געווען שטאַרק פאַרנומען. ער איז געזעסן אויף דעם ערשטן טרעפּ פון די טרעפּלעך, וואָס גייען אַריין אין גאָרטן לעבן הויז און דער גאָרטן איז פאַר אים געווען אַ גאַנצע וועלט. אָט זעט ער אַ סאָנעטשניק. ער שטייט אַ הויכער, אַ גלייכער, מיט אייך דינעם פוס און אַ קיילעכדיקן גרויסן קאָפּ. אַזוי גרויס איז דער קאָפּ, אַז ער קען אים נישט האַלטן גלייך. האָט ער אים אַראָפּ־געלאָזט און די זון באַקט דעם סאָנעטשניק אין נאַקן.

דער קאָרטש פון דער הויכער קוקורוזע האָט מאָדנע, לאַנגע דינע בלעטער, ווי הענט. אָבער זיי זענען אַזוי דין אַז דער קוקורוזע קאָרטש קען זיי נישט האַלטן גלייך. מאָדנע, דער קוקורוזע קאָרטש קוקט אויס ווי אַן אַלטער ייִד, וואָס האָט אַ רויטלעכע באָרד און זיינע הענט זענען דין ווי ביי אַ קינד.

אונטן אויף די בייטן, צופוסנס פון די קוקורוזע קאָרטשעס, וואָס זענען פאַרזייט ביים ברעג פון די בייטן, וואַקסן אוגערקעס. דינע, גרינע, לענגלעכע מיט אַ סך באָראָדאָווקעס אויף זיי. די ברייטע בלעטער פאַרשטעלן זיי, אָבער שמעון זעט זיי אין זייער באַהעלטעניש. אייך אוגערקע, אַ גרויסע, אַ געלע, ליגט אויבן אויף, — דאָס איז די מאַמע־אוגערקע. אָבער צו וואָס טויג אַזאַ מאַמע? זי קען דאָך נישט גיין. וויל עמעצער אַרויסרייסן אַן אוגערקע, אַן עופּהעלע, קען די מאַמע גאָרנישט נישט טון. קען נישט אָנפאַלן אויף דעם רייסער, אָט ווי די מאַמע־הון, ווען מען רירט אָן אירע הינדעלעך.

מיטאַמאָל פליט אָן אַ בין. זי דרייט זיך איבערן ייִנגלס קאָפּ. דאָס ייִנגל פּרוּווט זי אָוועקטרייבן, אָבער די בין קומט אַלץ צוריק. ער פּויזעט אָוועק פון איר, קריכט אָוועק אויף אַלע פיר הינטער דעם פעסל וואַסער, ווו עס איז קיל. די בין האָט אָפּגעפייט די שאָטנדיקייט און קילקייט פון דעמדאָזיקן ווינקל, פליט זי אָוועק. ער בלייבט דאָרטן זיצן אַ ווײַלע און ער דערזעט די טיר פון קעמערל. די טיר שטייט אַביסל אָפן. דאָס ייִנגל רוקט זיך צו איר און עפנט זי מיט אַ שטויס פון דער האַנט. ער האָט אַריינגעקוקט: אַ לאַנגער, לאַנגער צימער אָן אַ פענצטער. לעבן דער וואַנט, וואָס איז בשותפות מיט דעם הויז שטייען זעק מעל

איינע אויף די אַנדערע. איין ווינקל איז אינגאַנצן פאַרוואָרפן מיט שמאַטעס, אין אַן אַנדער ווינקל שטייט אַ צעבערל, אין צעבערל שטייען צעבראָכענע ווילקעס, אַ צעדרייטער גראָבאייזן און עטלעכע שטעקנס. לעבן דער וואַנט, וואָס איז צום דרויסן זענען געשטאַנען צוויי בייכיקע פעסלעך, אַ שטול מיט דריי פיסלעך און נאָך שמאַטעס. הויך, גלייך אונטערן דאַך איז געווען אַ קליין פירעקיקער פענצטער, וואָס איז געווען אָפן. די זון האָט אַריינגעשיינט און אַוועקגעלייגט אַ פירעקיקן פלעק אויפן דיל. די שטראַלן פון דער זון זענען געווען דינע, לאַנגע און געטאַנצט אין דער שטויביקער פינצטערניש. שמעון האָט זיך גענומען רוקן אין קעמערל אַריין און האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון אַ געוועב אויף דער סטעליע האָט זיך אַ שפּין אַראָפּגעלאָזט אויף אַ דינעם פאָדעם און זיך געוויגט אין דער לופטן. דעם יינגלס אויגן האָבן זיך געקערט מיט דעם שפּינס וויגן זיך. מיטאַמאָל האָבן פון דער פינצטערניש אַ בליאַסק געטון צוויי גרעלע פייערדיקע אויגן. דאָס יינגל איז געבליבן זיצן ווי אַ פאַרגליווערטער. אַ קאַץ האָט אַ שפּרונג געטון צום פענצ־טערל און שמעון האָט דערזען ווי אַ מייזל האָט זיך געצאַפּלט ביי איר אין מויל. דאָס יינגל איז בלייך געוואָרן און אָנגעהויבן רוקן זיך אויף צוריק, הינטערווייל־עכס, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון דער וויגנדיקער שפּין. ערשט ווען ער איז געווען לעבן דער טיר פון קעמערל, האָט ער זיך צעוויינט אויפן קול. די מאַמע איז אָנגעלאָפן, איינגעשטילט דאָס קינד און פאַרמאַכט די טיר אויף דער קליאַמקע.

פון יענעם נאָכמיטיק אָן האָט שמעון געקענט גרינג נעמען נקמה פון זיינע שונאים. האָט זיין עלטערער ברודער שלמה אים געגעבן אַ קנאַק איבערן קאָפּ האָט שמעון, אין געדאַנק, באַלד אים פאַרשפּאַרט אין פינצטערן קעמערל. זאָל ער דאָרטן זיצן מיט דער שפּין און דער קאַץ, וואָס האָט געטראָגן אַ לעבעדיקע מויז אין מויל.

אָבער ווען עמעצער איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער אים באַזעצט אין דער סאַליע, ביים רויטן לאַנגן טיש, מיטן פּנים גלייך צום שפּיגל. ביי שמעונען איז עס דער שענסטער אָרט פון שטוב. דאָרטן שטייט די מאַמע אַלע שבת אינ־דערפרי און טוט אָן די שוואַרצע קאָסינקע אויפן קאָפּ. זי באַקוקט זיך גוט פון אַלע זייטן און גלעט אויס די קנייטשן פון קורצן סאַמעטענעם סאַקל. זי באַקוקט זיך ווידער פון אַלע זייטן, נאָכדעם נעמט זי דעם גראָבן קרבן מנחה אונטערן אָרעם און טוט ווידער אַ קוק אין שפּיגל.

שמעון קען נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון איר. זי איז אַזוי שיין. איר פּנים איז אַ שבתדיקער, אַ שמייכלענדיקער און אַ רויִקער. ווי האָבן זיך אַהינגעטון די

קנייטשן? אירע אויגן זענען אַזוינע גוטע, קיין סימן פון וואָכעדיקער בייזקייט. באַלד וועט זי אים אַ קוש טון.

די מאַמע טוט אים אַ קוש און זאָגט אַן אי גיטען אי רחל־לאהן, ביידע עלטערע שוועסטער, אַז זיי זאָלן גוט אַכטונג געבן אויף אים. נישט שלאָגן אים אָדער בייזערן זיך אויף אים. זי טוט אַ קוש די מזוזה און גייט אַוועק אין שול.

שמעון בלייבט זיצן מיטן גראָבן פינגער אין מויל, זויגט אים האַסטיק און ס׳איז אים גוט. קוליעט ער זיך איבער דריי מאָל, אָט אַזוי זיצנדיק אויפן דיל נישט רירנדיק זיך פון אָרט, און צעלאַכט זיך פון גרויס פרייד.

— וואָס איז אַזאַ ווילדער געליענדער אַנגעפאַלן אויף דיר? — האָט רחל־לאה אויסגערופן.

— איך האָב זיך דריי מאָל איבערגעקוליעט, — האָט שמעון געענטפערט.

— ווען? ווו? ביסט דאָך געזעסן די גאַנצע צייט ווי אַ ליימענער גולם.

— איך האָב זיך איבערגעקוליעט, — האָט זיך דאָס יינגל געהאַלטן ביי זיינס.

רחל־לאה האָט אויף אים אַ קוק געטון בייז: ביסט נאָך צו אַלע גליקן משוגע.

— לאָז צורו, דאָס קינד, — האָט זיך גיטע אָנגערופן, — וואָס ווילסטו פון אים?

— גאָרנישט, — האָט רחל־לאה געענטפערט, — אָבער חוץ אַ סידון איז ער משוגע ווי איינער וואָס האָט זיך אָנגעגעסן מיט „רומיאַניק”. זיצט ווי אַן אָפּגעמאָלטער און זאָגט, אַז ער האָט זיך דריי מאָל איבערגעקוליעט.

גיטע ענטפערט נישט. זי גייט צו צום קינד, ווישט אים אָפּ די נאָז און זעצט אים אַוועק אויף דער ווייכער סאָפקע.

שמעון פאַרשפּאַרט באַלד רחל־לאהן אין קעמערל און גיטען זעצט ער אַיועק אויף אַ שטול אין סאַליע אַנטקעגן שפּיגל.

אָבער דעם ערשטן, וואָס שמעון האָט פאַרשפּאַרט אין קעמערל און דערנאָך אַוועקגעזעצט אין סאַליע, איז געווען זלמן הומאַן.

***

זלמן הומאַן איז געווען דער עלטסטער פון נחום פאַלקס זעקס זין. ער האָט געוווינט איין טיר ווייט פון דער מאַמעס שטוב. ער איז געווען אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער מיט אַ בלאָנדער באָרד, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין רויט. ער האָט געהאַט העלע, בלויע אויגן, פולע באַקן און אַ שטים, וואָס האָט אָפּגעהילכט

ווי דער קלאַנג פון אַ מעשענעם גלאָק. ער איז אַלעמאָל געווען אַן אויפגערוימטער, אַ פריילעכער, געלאַכט מיט אַ פולן מויל ווי אַ קינד. ער האָט ליב געהאַט אַ גוטן ביסן, אַ שטאַרק ביסל בראָנפן און קהלן זיך.

ער איז געווען אַ בעל־עגלה ווי דער טאַטע זיינער. ער האָט פאַרמאָגט אַ פאָר פערד איינע אין שטעטל. זיין וואָגן איז געווען געמאַכט פון דעמבענעם האָלץ, די רעדער געקאָוועט מיט דיקע שינעס. ווען די בעלי־עגלות האָבן זיך געלאָזט פון קאָלינקאָוויטשער וואָקזאַל קיין מאזיר איז ער געפאָרן דער ערשטער; אָנגעהאַלמזן דעם גאַנג פון די פערד. ווען אַ שווערער שניי איז אַרויסגעפאַלן, איז ער געפאָרן פאָרויס און געמאַכט אַ וועג פאַר די משא־וועגענער.

אַ ווייב האָט ער געהאַט אַ הויכע, אַ דאַרע און אַ שוויגערין. זי איז אַלעמאָל אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעבלאָזענע, אַ פאַראומערטע, אַ פאַרטרויערטע און אַ פאַרביטערטע. קיינער האָט זי נישט געזען ווען ס'איז אַ שמייכל טון. אין שטעטל האָט מען זי גערופן „די לימענע". קיין קינדער האָבן די הומאַנעס נישט געהאַט.

זלמן, ווי אַלע הומאַנעס, איז געווען אַ מזג־טוב, אַ גוטהאַרציקער. מערע האָט געזאָגט: ער איז אַ דימענט, אַ מענטש אָן אַ גאַל. מען האָט אים קיינמאָל נישט געזען ווערן בייז אָדער אין כעס. אַפילו אין אַ געשלעג מיט גויים האָט ער זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט זיך געשלאָגן רויִק, אויסגערעכנט, אָט ווי זיין טאַטע נחום פאַלק. אַזוינער, ווען ער שלאָגט זיך נישט אויסגערעכנט, קען ער אַוועקלייגן אַ מענטשן אויפן אָרט מיט איין קלאַפּ. היט זיך זלמן.

אַלע פרייטיק פלעגט זלמן קומען צו קויפן בייגל ביי מערען. ער פלעגט קומען אידער ער איז אַרויסגעפאָרן צום פאַרטאָגיקן באַן. שמעון האָט אים אַלעמאָל נאָכגעקוקט. זלמן פלעגט שטיין איינגעבויגן איבערן קאָשיק מיט פרישע בייגל און אויסקלייבן די פאַרברוינטע און די קרוכלע. דער פנים זיינער איז געווען צום אויוון, וווּ די מאַמע איז געשטאַנען. שמעון האָט געזען אַז בלויז דעם הויכן, ברייטן יִדנס הענט באַטאַפּן בלינד די בייגל, זיינע אויגן אָבער היטן יעדן ריר און קער פון דער מאַמען.

די מאַמע איז געשטאַנען ביים אויוון אַ קליינינקע, אַ רירעוודיקע, אַ צעפלאַמטע פון דעם פלאַקער אין אויוון און אירע הענט האָבן נישט גערוט קיין רגע. אַלץ האָט געקלאַפּט ווי זי וואָלט יעדן קער און ווענד אויסגערעכנט. אָט האָט זי אַרויסגענומען די פאַרטיקע בייגל מיטן ראַזאָן, נאָך דעם האָט זי איבערגעקערט די בייגל, וואָס זענען געלעגן אויף דעם הייסן פּאָד פון אויוון, אַנטקעגן די ברענענדיקע זאהניט (צעשפּאָלטן אויסגעטריקנט האָלץ, וואָס ווערט גענוצט אויפן באַקן בייגל), פאַרטיק געוואָרן מיטן איבערקערן די בייגל, האָט זי אָנגעהויבן

אַרויסנעמען מיט אַ שפּינדל די געקאָכטע בייגל פון וואַר (הייסן קאָכיקן טאָפּ וואַסער). איר מויל האָט אויך נישט גערוט. באַפוילן רחל־לאהן וועלגערן די בייגל שנעלער, געהייסן גיטען אַ קוק טון וואָס הערט זיך מיט דער דייזשע ברויט און פּלוצלינג אָנגעהויבן שרייען, אַז עס פעלט איר „זאהביט". דער אויוון ווערט קאַלט.

זלמן, אַ הויכער, אַ ברייטביינערדיקער, מיט דער בלאָנדער באָרד צעפּלאָשן, איז געשטאַנען אָנגעטון אין אַ לאַנגער בורקע, די פּאָלעס פאַרשטעקט אין רויטן גאַרטל, וואָס האָט אים שטייף אַרומגענומען. אויף די פּיס הויכע שטיוול מיט פּאַדקעוועס אויף די זוילן און גרינע אויערלעך צוגענייט צו די גלאַנציקע כאָ־ליעוועס. ער האָט געקייט די פרישע בייגל און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מערען. נאָכן אַראָפּשלינגען אַ האַלב־צענדליק בייגל האָט ער אַ קנאַק געטון מיט דער בייטש אויף דער כאָליעווע און איז אַרויס נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט.

שמעונס האַרץ האָט געקלאַפּט פון שרעק. ער האָט דערפילט אַז עפּעס וויל אָט דער הויכער געזונטער ייִד. אָבער וואָס?

איינמאָל האָבן ביי זלמן הומאַן זיך אַרויסגעכאַפּט געציילטע ווערטער:

— אַך, מערע, ער זיצט אויבן און פאַרקעט אונטן. מיך — מיט דער זויערער לימענע, און דיך מיט דיין שלימזל, וואָס וואַלגערט זיך אַ גאַנצן ווינטער אויפן דאַרף.

אָפּגעזאָגט, אַ קנאַק געטון מיט דעם בייטש־שטעקל איבער דער כאָליעווע און זיך אַ קער געטון אַרויסגייך.

דאָס ייִנגל איז געוואָרן אַ פאַרציטערטער: איצט ווייסט ער וואָס אָט דער הויכער שטאַרקער ייִד וויל. ער וויל צונעמען די מאַמע.

שמעון האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ יאָמער.

זלמן האָט זיך צוריקגעקערט. ער איז צוגעגאַנגען צום וויינענדיקן ייִנגל און האָט אַ פיר געטון מיט דער לינקער זייט פון האַנט איבער דעם ייִנגלס פּנים, אים אַ גלעט געטון מיט אַ קליין פּעטשעלע, אָט אַזוי טוט מען אַ גלעט מיט ליבשאַפט אַ פערד. דערנאָך האָט ער אַ ברום געטון מיט זיין הילכיק קול:

— וואָס ריטשעסטו ווי אַ חזיר? ביסט שוין אַ גרויס ייִנגל, פינף יאָר אַלט. שכל זע איך האָסטו, אָבער רייסט זיך אַלץ אויפן בייכל ווי אַן עופהלע.

מאָדנע, דאָס ייִנגל האָט אין דעם גלעט פון אָט דער גרויסער האַנט און אין די בייזע רייד, וואָס האָבן פאַרקלונגען די שטוב, דערפילט אַ גרויסע ליבשאַפט. ער איז באַלד שטיל געוואָרן. דאָך האָט ער פאַרשפּאַרט זלמנען אין קעמערל. בעסער זאָל ער אַזוי נישט קוקן אויף דער מאַמען.

ווינטער פלעגט זלמן אַריין אין הויז נאָך די בייגל. זומער פאַרטאָג פלעגט

ער בלייבן שטיין אין דרויסן און גיטע האָט אים דערלאַנגט די בייגל דורך דעם אָפענעם פענצטער. געדענקט שמעון ווי איינמאָל איז זלמן געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן געזימס פון פענצטער. דער פּנים אין דרויסן, די באָרד אין שטוב, געקייט בייגל מיט די גרויסע ווייסע ציין און ברעקלעך פון די פרישע בייגל זענען גע־בליבן אויף דער באָרד און אויף די רויטע ליפּן און ווינקלען פון מויל. ער האָט גערעדט הויך און געלאַכט און דאָס מויל איז ביי אים געווען פול מיט בייגל. שמעון האָט נישט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון אָט דעם שיינעם פּנים. מאָדנע, וואָס ביז היינטיקן טאָג האָט ער ליב צו ריידן מיט אַ פולן אָנגעפּאַקטן מויל, אַלץ נאָכמאַכנדיק זלמן הומאַן. געגנוג צרות שטייט ער אויס פון זיין ווייב פאַר דער געוווינהייט.

זלמן פלעגט לאַנג נישט בלייבן שטיין ביים אָפענעם פענצטער, ער פלעגט זיך איילן צו דער באַן. שמעונען פלעגט באַנג טון ווען זלמן איז אַוועק. אָפט האָט זיך דאָס יינגל צעוויינט. ווען ער פלעגט זיך שטאַרק צעוויינען, פלעגט זיך זלמן אומקערן און אַרויסברומען:

— מערע, ער ריטשעט נאָך אַלץ? דערשטיק אים!

— פע, זלמן, — האָט די מאַמע געענטפערט, — וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון. אַ ייִד רעדט נישט אַזוי וועגן אַ קינד.

— אויף וואָס דאַרפסטו אים? ווילסט אים נישט דערשטיקן, גיב אים אַוועק צו מיר. מיין לימענע וועט אים אויסקעכלען און ער וועט געזונט ווערן. ער פעלט דיר? האָסט דאָך גאַנצע אַכט.

— גיי, גיי, זלמן, — האָט די מאַמע אים געטריבן. — וואָס פאַר אַ נאַריש־קייטן רעדסטו. איינער האָט צען פינגער, שניידט ער אָפּ איינעם?

זלמן האַלט זיך ביי זיינס:

— איז אָדער דערשטיק אים, אַנישט גיב אים מיר אַוועק.

— גייסט נישט אַוועק. אָט באַלד וועל איך דיך אָפּגיסן מיטן הייסן וואַר. דיר אויף „צעלאָכעס" וועל איך נאָך האָבן נחת פון אים. גיי!

שמעון האָט געוווסט אַז עס איז אַ שפּיל אַזאַ ביי אָט דעם פריילעכן ייִדן און עס איז אים געפעלן געוואָרן. ער האָט אים אַוועקגעזעצט אין סאַליע, גלייך אַנטקעגן שפּיגל, ווו די מאַמע שטייט שבת און שפּיגלט זיך.

יאָ, פון קינדווייז אָן איז שמעון געווען צוגעבונדן צו זלמנען און זלמן האָט זיך יאָרן שפּעטער געגרויסט מיטן געראָטענעם יינגל, נישט געלאָזט אויף אים פאַלן קיין שטויבעלע.

## קאַפּיטל 11

# קינס צייכן

שרעק, טרויער און הילפלאָזיקייט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם שטעטל. אין דובניק, נאָכן בעראָזע וועלדל, ווו עס געפינט זיך דער שיידוועג, וואָס פירט צו פיר דערפער, האָט מען געפונען אַ הרוג. שייע דער קצב, איז געלעגן באַהאַלטן לעבן גרויסן דעמב אונטער אַ קופּע בלעטער און צווייגן, גלייך ביים וועג. דער ווינט האָט אַוועקגעבלאָזן די בלעטער פון דעם ברעג פון דער קופּע און אָפּגעדעקט אַ פוס פון בר־מינן. אַ פאַרבייפאָרנדיקער פויער האָט עס דערזען און עס אָנגעזאָגט אין שטעטל.

דאָס שטעטל איז פאַרציטערט געוואָרן. העכער אַ העלפט פון די ייִדן זענען געווען דאָרפס־גייער: שניידערס, שוסטערס, קאָראָבייניקעס און קצבים. וואָס וועט איצטער זיין, אַז די וועגן פון ישוב זענען געוואָרן נישט זיכער?

שייע קצב האָט זיך זונטיק אינדערפרי אַוועקגעלאָזט אין וועג מיט פערציק רובל אין קעשענע. ער איז אַוועק איינקויפן דקות אויף שבת און זיך מער נישט אומגעקערט. ער האָט זיך נישט אומגעקערט ווי אַלעמאָל, דינסטיק אינאָוונט אָדער מיטוואָך אינדערפרי, מיט אַ צוויי, דריי באַראַנעס אָדער שעפּסן. מען האָט צוערשט געמיינט, אַז ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, אָבער, אַז ער האָט זיך נישט באַוויזן דאָנערשטיק, איז זיין ברודער אַוועק מיט אַ פור אין די נאָענטסטע דער־פער זיך נאָכפרעגן אויף אים. אָבער קיינער פון די פויערים האָט אים נישט געזען.

ס'איז געווען אַ פינצטערער שבת ביי דער משפחה. זונטיק האָט דער פויער געפונען שייען אַ געהרגעטן, מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ און דער מת איז געלעגן אָן שטיוול אונטערן דעמב.

ס'איז געווען קלאָר, אַז מען האָט אים באַגזלט. נישט נאָר האָט מען ביי

אים אָראָפּגענומען די גוטע שטיוול, נאָר אויך האָט מען נישט געפונען ביי אים קיין פּרוטה פון די פּערציק רובל.

ס'איז געווען צוויי וואָכן אין אלול. צום געוויינטלעכן טרויער, אומעט און פּאַרכט פון די אָנגעקומענע ימים נוראים, איז צוגעקומען דער פּחד פון הרוג. דערצו האָט די פּאָליציי נישט געלאָזט אים צו מקבר זיין. מען האָט דעם בר־מינן געהאַלטן ביז אַ סלעדאָוואַטיעל (אויספאָרשער.) איז אַראָפּגעקומען פון רעטשיצע, די אויעזדנע שטאָט. נאָך דריי טעג וואַרטן איז ער געקומען. ער איז אַוועק אין וועלדל און באַקוקט דאָס אָרט, ווו מען האָט געפונען דעם הרוג. די פּאָליציי האָט געמאָסטן, געחשבונט און אַלץ פאַרשריבן. ס'איז נישט געווען דער סוף. מען האָט געוואַרט אויף אַ דאָקטער פון דער גרויסער שטאָט, וואָס האָט געדאַרפט פּאַלמעסן דעם מת.

דאָס ווייב און די קינדער האָבן אויפגעשטורעמט דאָס שטעטל. זיי האָבן שבת מעכב קריאה געווען. באַלאַגערט דעם רבס שטוב. אָבער קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. גזירת מלכות.

סוף כל סוף איז די פּאָליציי פּאַרטיק געוואָרן און מען האָט דעם הרוג מקבר געווען. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אויפן בית עולם. ווען שייעס דריי זין האָבן נאָך דער קבורה געזאָגט קדיש ביים פרישן קבר, איז קיין אויג נישט געבליבן טרוקן. דאָס געוויין פון די ווייבער און די יללות פון דער משפּחה האָבן געשפּאָלטן הימלען.

אַ וואָך שפּעטער האָט מען געכאַפּט דעם גזלן. דער מערדער איז געווען אַ באַטראַק, אַ געדונגענער אַרבעטער ביי אַ פּויער אַ בעל גוף אין אַ דערבייאיקן דאָרף. דער שגץ, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה איז געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער אין קרעטשמע. געשיכורט און געטראַקטירט, געפּונדעוועט אַנדערע. דעם קרעטשמער איז עס אַריין אין נאָז. ווען דער שגץ האָט אים שבת־צונאַכטס דערלאַנגט אַ רויט פּאַפּירענעם פינפערל — אַ גאַנצן פינפערל — האָט דער קרעטשמער באַלד פאַרשטאַנען פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צום כלאָפּ אַזאַ עשירות.

דער קרעטשמער האָט געלאָזט וויסן דעם סטאַראָסטע. ווען מען האָט דעם פּאַראָבעק אָנגעהויבן אויספרעגן האָט ער זיך באַלד פאַרפּלאָנטערט אין זיינע רייד. מען איז אַוועק זוכן צו אים אויפן בוידעם, אין שטאַל, ווו ער איז געשלאָפן. מען האָט דאָרטן געפונען דעם קצבס שטיוול, אַ פּאַרבלוטיקטע האַק און די איבערגעבליבענע דרייסיק רובל, וואָס ער האָט נאָך נישט צייט געהאַט צו פאַר־שיכורן.

פיר דיעסאָטניקעס האָבן געבראַכט דעם גזלן אַ געבונדענעם אין שטעטל. זיי האָבן אים פאַרפירט צו אברהם־חיימען אין שטוב, ווו עס איז געווען די שטאָטישע „אופּראַווע”. עס איז געקומען דער סטאַנאָוואָי און אָנגעהויבן אויספרעגן דעם מערדער. די אויספאָרשונג איז באַגלייט געוואָרן מיט קלעפּ. מען האָט אים גאָר גוט צעקאַטעוועט און עטלעכע מאָל צעדמט. נאָכדעם ווי דער אַרעסטאַנט האָט אונטערגעחתמעט מיט אַ צלמל דעם פּראָטאָקאָל, האָט דער פּריסטאַוו באַלד זיך געכאַפּט, אַז ער קען מאַכן אַ שיין קערבל אָט ביי דער חתונה. ער האָט עפּעס שטילערהייט אָנגעזאָגט דעם גאָראָדאָוואָי און איז אַוועק.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך צונויפגעקליבן אַרום אברהם־חיימס שטוב. מען איז געשטאַנען און געוואַרט אויף דעם אַרעסטאַנט. שייעס ברודער האָט געהאַלטן אַ גרויסן „דרוטשאַק” אין האַנט און זיך באַרימט, אַז ווי נאָר מען וועט אַרויספירן דעם שגץ פון שטוב וועט ער אים שפּאַלטן דעם מות.

ווען דער פּריסטאַוו איז אַוועק, האָט דער גאָראָדאָוואָי געלאָזט וויסן, אַז ווער עס וויל שלאָגן דעם גזלן קען עס טון, אָבער עס וועט קאָסטן געלט. יעדער כמאָל אין פּנים וועט קאָסטן אַ פערטעלע; אַ שטאָך מיט אַ נאָדל אין אַ ווייכן טייל פון גוף, וועט קאָסטן אַ רובל.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעמד און אַ גדולה. עס האָבן זיך געפונען עטלעכע יונגעלייטלעך, וואָס האָבן געצאָלט פערטעלעך און טאַקע גאַנצע רובלס. אָבער די מערסטע פון די אַרומגעזאַמלטע האָבן געגעבן געלט צו די קרובים פון שייען, זיי זאָלן נעמען נקמה. דער גאָראָדאָוואָי האָט יעדע צען, פופצן מינוט צוגעשטופּט דעם צעשלאָגענעם און צעבלוטיקטן שגץ צום אָפענעם פענצטער, כדי אַלע זאָלן אים זען, און עס זאָל זיי אָנכאַפּן אַ חשק צו צאָלן פערטעלעך און רובלס. ווען דער המון פלעגט דערזען דעם מערדער אין פענצטער האָט מען געשריגן הוראַ!

אַ סך עלטערע יידן האָבן זיך געבייזערט און געמוסרט דעם עולם און עס האָט נישט געהאָלפן. אַברהם־חיים איז אַרומגעלאָפן אַ בלייכער און אַ דערשראָקענער. ער האָט יעדן איינעם געוואָרנט, אַז מען זאָל נישט אַריין צום גאָראָדאָוואָי. ערשטנס פּאַסט נישט פאַר קיין יידן און צווייטנס, וועלן יידן אַוועק אין סיביר פאַר אַזאַ רשעות. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. עס האָבן זיך אַלעמאָל געפונען נייע בעלנים.

שמעון איז געשטאַנען צווישן די חדר־יינגלעך, וואָס זענען אָנגעלאָפן פון גאַנצן שטעטל, זיי זענען געווען צעקאָכט און צעהיצט. חברה האָט זיך געאַמפּערט און געקריגט, ווו איז אָפּגעשטעמפּלט קינס צייכן אויפן מערדערס פּנים. ביינוש סייטשיקס מיט זיין חברה האָבן געטענהט, אַז דער צייכן איז אויפן שטערן גלייך

איבערן נאָז, צווישן די אויגן. ישראל מיישקע, איטשע דעם מאַנופאַקטור־קרעמערס האָט געזאָגט, אַז נייִן, קינס צייכן איז ביי אַ גזלן אויסגעקריצט אויבן אויפן שטערן, ווו די האָר הייבן זיך אָן. ווען מען האָט געוויזן דעם גזלן פאַרן עולם, האָט יעדע חברה געשריגן: „נאָט, זעט, מיר זענען גערעכט". אַז אַ מערדער האָט צייכן אויפן פּנים, דאָס האָבן אַלע געוווסט. אַזוי שטייט דאָך אין חומש: „און גאָט האָט געמאַכט קינען אַ צייכן".

מיטאַמאָל האָט זיך צווישן די חדר־ייִנגלעך אַריינגעריסן מענדל דער מלמד. זיינע תלמידים זענען זיך צעלאָפן. בלויז ייִנגלעך פון די אַנדערע חדרים זענען געבליבן. מענדל, אַ בלייכער, אַ צעטראָגענער, די אויגן אויפגעריסענע, די ליפּן בלוי פון אויפרעגונג, האָט גענומען שרייען:

— וואָס פאַר אַ גדולה און אַ שמחה איז אויף אייך? דער ס"ם אַליין טאַנצט דאָך דאָ אַרום. זעט נאָר סאַראַ רציחה ס'איז זיי באַפאַלן. ייִדן זענט איר?

באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן הערן אויך די געשרייען פון אברהם־חיימען און נאָך עטלעכע ייִדן. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדעררוקן.

שמעון איז געשטאַנען און געקוקט אויפן רבין ווי אַ פאַרכישופטער. דער מלמד האָט געמאַכט מיט די הענט, געשריגן, געשטופּט ממש דעם עולם מיט די הענט און געליאַרעמט:

— איר האָט דאָך פאַרלוירן דעם צלם אלקים. זעט, איר שפּריצט דאָך מיט אַכזריות. איז זענט דאָך ערגער פון דעם רוצח. ער האָט געהרגעט צוליב גזלה און איר זענט גרייט נאָך צוצאַלן פאַר רציחה.

דער עולם אַ פאַרשעמטער האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדעררוקן. שמעון איז אַלץ נישט אָפּגעטראָטן פון רבין: פון וואַנעט האָט זיך גענומען אַזאַ דרייסט און גבורה צום רבין?

רבי מענדל האָט פּלוצלינג באַמערקט שמעונען. ער האָט זיך אַ קער געטון צו אים:

— דו האָסט אויך געטאַנצט דאָ מיט אַלעמען?

דאָס ייִנגל האָט נישט געענטפערט.

רבי מענדל האָט שווער געאָטעמט. ער האָט אָנגענומען דאָס ייִנגל ביים האַנט און אַרויסגערעדט דערשעפּט: קום!

דער רבי האָט געהאַלטן שטייף דעם ייִנגלס האַנט אין זיין אייגענער. רבי מענדלס האַנט איז געווען הייס און טרוקן. שמעון וואָלט געשווירן, אַז דעם רבינס האַנט וויינט. ווי קען וויינען אַ האַנט ווייסט ער נישט, אָבער אַלע ווײלע טוט זי אַ ציטער אין איר שטייפקייט, אָט ווי איינער האַלט אייך דאָס געוויין און קען

## שלמה טיימאַן

עס נישט איינהאַלטן אינגאַנצן, טוט ער אַ כליפּ, אַז דער גאַנצער קערפּער טוט זיך אַ טרייסל.

אין אָנהייב איז דער רבי געגאַנגען אין געאייל. דאָס יינגל האָט געדאַרפט אונטערלויפן, אים נאָכהאַלטן. אָבער נאָכדעם ווי זיי זענען אַריבער דעם קלויסטער, האָט דער רבי אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך. באַלד האָט רבי מענדל זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעלאָזט דעם יינגלס האַנט, אַרויסגענומען אַ רויט טיכל פון קעשענע, אָפּגע־ווישט דעם פאַרשוויצטן פּנים, באַנעצט מיט דער צונג די טרוקענע ליפּן, אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— איר יינגלעך האָט זיך געאַמפּערט ווו עס געפינט זיך קינס צייכן אויפן גזלנס פּנים, איר האָט געדאַרפט אַ קוק טון איינער אויף דעם אַנדערן. מיט אייער שלאָגן און פרייד פון נקמה האָט איר אָפּגעווישט דעם רציחה צייכן פון מערדערס פּנים און עס אַרויפגעטון אויף די אייגענע פּרצופים. עס שטייט דאָך „והאלקים יבקש את הנרדף". ווייסט וואָס דער אמתער טייטש איז? גאָט בעט זיך ביי דעם געיאָגטן ער זאָל אים, דעם כביכול, לאָזן העלפן דעם גערודפטן. איצט איז דער שגץ שוין מער נישט קיין גזלן, נאָר אַ גערודפטער.

זיי זענען צוגעקומען צום רבינס שטוב. מענדל האָט אַ זאָג געטון צו שמעונען:

— קום אַריין, איך האָב אַ קאַלטן טרונק קוואָס, וועסטו מאַכן אַ ברכה.

שמעון איז געזעסןביים טיש מיטן רבין און זיך געפילט פאַרשעמט, צעשראָקן און שטאָלץ. די צווייַ גלעזער ברויט־קוואַס זענען געשטאַנען האַלב־אָנגעפילטע אויפן טיש. אין שטוב איז געווען שטיל. שמעונען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער זיצט איצט נישט אין דעם זעלביקן חדר ווו ער איז אַלעמאָל געזעסן מיט די חדר־יינגלעך. ס'איז איצט דעם רבינס רשות היחיד, וווהין ער האָט אים אַריינ־גענומען און קיין אַנדערער האָט נישט אַהער קיין דריסת־הרגל, קיין רעכט אַריינצוגיין.

מענדל האָט מיט זיינע לאַנגע פינגער זיך געשפּילט מיט דער האַלבער גלאָז קוואָס און גערעדט:

— וועסטו זאָגן, אַז דער כלאָפּ איז אַ גזלן און אסור לרחם, מען טאָר אויף אים קיין רחמנות נישט האָבן. אים קומט אַ שטראָף. אַ הורג נפשות. אַוודאַי אמת. אָבער זאָלן קומען וועמענס עובדא ס'איז צו באַשטראָפן און אים באַשטראָפן. ווער האָט אונדז געמאַכט ממונים צו מאַטערן אים?

ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן איבערן צימער:

— ביסט אַ פאַרשטאַנדיקער יינגל. איך וואָלט טאַקע געוואָלט דו זאָלסט זיין

מיינער אַ תלמיד. אַ תלמיד מיין איך נישט, אַ יינגל וואָס גייט צו מיר אין חדר, נאָר זאָלסט פאַרשטיין מיין שיטה. דערפאַר וועל איך דיר דערקלערן אַ טיפן ענין. מיר דוכט זיך, אַז דו וועסט עס פאַרשטיין:

— אַפילו ווען איינער איז ממונה אויף באַשטראָפן, איז אין אים דאָ אַ ניצוץ רשעות. ווי איז צו דעם, וואָס זיין אומנות, זיין אַרבעט איז צו זיין אַ מסור, אַ תליון אָדער גלאַט אַ ממונה אויסצופירן אַ פסק־דין. גוט איז אונדז יידן, וואָס מיר האָבן געלאָזט דיני נפשות פאַר זיי, פאַר די גויים. מיר דאַרפן וויכן פון רשעות, וואָס איז אַפילו על פי דין.

דאָ האָט זיך דאָס יינגל נישט געקענט איינהאַלטן:

— רבי, אויב על פי דין דאַרף מען באַשטראָפן, איז פאַרוואָס וויכן פון דעם און עס אָנרופן רשעות?

רבי מענדל האָט זיך אַ גלעט געטון די באָרד:

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז עס איז אַ טיפער ענין. דער וואָס וויל באמת זיין ערלעך מיט זיך און מיט גאָט, דאַרף וויכן פון דעם. דער דין איז פאַרן געוויינלעכן מענטש. דאָס איז אַ קליינע מדרגה. אַ העכערע מדרגה איז צו מחמיר זיין, ווען ס׳קומט צו די ענינים. אָט נאָ דיר אַ מדרש.

דער רבי האָט אַרויסגענומען אַ מדרש רבה, אויפגעמאַכט די פרשה ויגש און אָנגעהויבן לייענען מיט אַ ניגון און פאַרטייטשט פאַרן יינגל דעם שווערן אַראַמייאישן לשון:

— עולא, דעם זון פון קישר, האָט אים די מלכות געזוכט צו טייטן, איז ער אַנטלאָפן קיין לוד, צו רבי יהושע בן לוי. דער מלך האָט געשיקט נאָך אים חיילות. זענען זיי געקומען און אַרומגערינגלט די שטאָט. איז געקומען ר׳ יהושע צו עולאן און געזאָגט צו אים: בעסער זאָל ער געהרגעט ווערן ווי דער גאַנצער קהל זאָל ליידן. האָט ער צוגעשטימט, און מען האָט אים אַרויסגעגעבן צו די זעלנער. אליהו הנביא, זכרונו לברכה, פלעגט זיך מתגלא זיין, אַנטפּלעקן, צו רבי יהושען. נאָך דער מעשה האָט ער זיך צו אים מער נישט אַנטפּלעקט. רבי יהושע בן לוי האָט געפאַסט דרייסיק טעג און אליהו הנביא האָט זיך אַנטפּלעקט צו אים. האָט ער אים געפרעגט: רבי, פאַרוואָס זענט איר ניט געקומען צו מיר? האָט ער אים געענטפערט: פון ווען אָן חבר איך זיך מיט אַ מסור? האָט רבי יהושע גע־ענטפערט: איז עס ניט קיין בפירושע משנה: אַ חברותא מענטשן, וואָס גויים האָבן צו זיי געזאָגט: גיט אונדז איינעם פון אייך און מיר וועלן אים הרגענען, און טאָמער ניט, וועלן מיר אייך אַלעמען אויסהרגענען — דאַרפן בעסער אַלע זיך לאָזן אויסהרגענען און ניט איבערגעבן זיי קיין נפש. אָבער ווען די גויים האָבן

אָנגעוויזן אויף איינעם, אַזוי ווי מען האָט אָנגעוויזן אויף שבע בן בכרי, יואב האָט געזאָגט, אַז ער וויל נישט חלילה אויסהרגענען די גאַנצע שטאָט אבל, נאָר ער וויל טויטן שבע, דעם זון פון בכרי, וואָס האָט מורד געווען, ווידערגעשפעניקט קעגן מלך, דעמאָלט זאָל די חברותא איבערגעבן דעם אָנגעוויזענעם צו די גויים.

האָט אליהו הנביא געענטפערט:

— איז עס אַ משנה פאַר אמת פרומע מענטשן? זאָל אַזאַ זאַך געטון ווערן דורך אַנדערע, נישט דורך דיר.

דאָס יינגל האָט זיך נישט אונטערגעגעבן:

— רבי, אויב אַזוי איז דאָך אין לדבר סוף. ווי אַז קיינער וואָלט עס נישט געוואָלט טון?

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט רבי מענדל אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, — אָבער ווער וויל נעמען אויף זיך אַזאַ אחריות? חוץ דעם זענען מיר אין גלות און מיר משפטן נישט קיין דיני נפשות. זאָלן זיי עס טון. און לעתיד לבוא, זאָג איך דיר, אויב מען וועט מיך וועלן מאַכן פאַר אַ גאַראַדאָוואָי מיט אַ סאַבלע (שווערד) וועל איך נישט וועלן. איך וועל טענהן: אי אפשי — איך וויל נישט. איך וויל בעסער זיין אַ מלמד תינוקות.

דאָס יינגל האָט פריער אַ שמייכל געטון און דערנאָך אַ לאַך געטון:

— דער רבי מענדל אין אַ מונדיר מיט אַ סאַבלע!

דער מלמד האָט עס אַפילו נישט באַמערקט. ער האָט אַלץ גערעדט ווי צו זיך:

— איך ווייס נישט צי דו באַנעמסט אַלץ, וואָס איך זאָג דיר. אָבער לכל הפחות זאָלסטו געדענקען, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו פרייען זיך מיט רשעות.

ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און ווידער גענומען דרייען מיט זיינע לאַנגע פינגער די האַלב־ליידיקע גלאָז:

— ווייסט, שמעון, איך מיין, אַז פון דיר קען ווערן אַ כלי. דער השם יתברך האָט דיך געבענטשט מיט אַ סך מעלות. אָבער אַז מען גיט איינעם מתנות דאַרף ער וויסן ווי צו באַנוצן זיך מיט זיי. דו טאָרסט נישט אַרומגיין בטל, ליידיק, אַפילו בין הזמנים.

דעם רבינס פנים האָט מיטאַמאָל אויפגעלויכטן:

— ווייסטו, איך מיין, אַז אָן צו גרויסע מאַטערנישן קענסטו שוין אָנהייבן מאַכן אַ לייענען פאַר זיך. זאָג דער מאַמען זי זאָל דיר קויפן מסכתא ברכות. ס'איז אַ גרינגע מסכתא, און הייב אָן לערנען פאַר זיך. אויב דו ווילסט קום צו מיר אַלע טאָג אַ זייגער צען און מירן לערנען אינאיינעם. מסכים? פאַרוואָס טרינקסטו נישט דעם קוואַס?

שמעון האָט געטרונקען דעם קוואַס. ס'איז שוין געוואָרן שפּעט נאָך מיטיק, רבי מענדל האָט געזאָגט:

— נו, גיי אַהיים. די מאַמע וועט נישט וויסן וואָס איבערצוטראַכטן.

שמעון איז געגאַנגען אַהיים און אין קאָפּ האָבן זיך געבאָמבלט צוויי פּסוקים: „איידער איך האָב דיך געשאַפן אין דער מאַמעס בויך, האָב איך דיך דערקענט און איידער דו ביסט אַרויס פון בויך האָב איך דיך געהייליקט... און איך האָב געזאָגט, ווי גאָט דער האַר, איך קען דאָך נישט ריידן, ווייל איך בין אַ יינגל".

דעם יינגל איז באַפאַלן אַ מאָדנער פּחד, — וואָס איז ער, ירמיהו הנביא? אָבער דער רבי האָט דאָך געזאָגט: דער השם יתברך האָט דיך געבענטשט מיט אַ סך מעלות. ער האָט אָוועקגעטריבן די מאָדנע מחשבות פון קאָפּ און אָנגעהויבן גייך שנעלער. — ער וויל וואָס גיכער אָנזאָגן דער מאַמען די גוטע בשורה, אַז דער רבי מיינט, אַז ער, שמעון, קען שוין אָנהייבן מאַכן אַ לייענען. די מאַמע וועט זיך פרייען.

קאַפּיטל 12

# זלמן הומאַן קויפט אַ גמרא

אויף מאָרגן, דאָנערשטיק פֿאַרטאָג, איז זלמן הומאַן געקומען ווי אַלעמאָל קויפן בייגל. מערע האָט אים אַ פרעג געטון:

— זלמן, פֿאַרסט היינט קיין מאזיר?

— נאָך אַ מין פֿאָרן, האָט זלמן הומאַן געענטפערט, מיט גלעקלעך אויף דער דוהע. מען הרוזעט אויס היינט אַ וואַגאָן הירזש, פירן מיר דעם הירזש קיין מאזיר. צוריק פֿאָרן מיר גרינג. איך קען דיר ברענגען דריי פּעסלעך טשוועקעס, אויב דו ווילסט, אָדער דו דאַרפסט.

— ווער דאַרף עס טשוועקעס? — האָט מערע געענטפערט מיט רוגזה, וואָס זלמן שפּאַסט פון אַלץ, — איך דאַרף עפּעס פֿאַר שמעונקען.

— וואָס פֿאַר אַ מאַרפּאַצאַנע דאַרפסטו פֿאַר אים האָבן, אַז דו קענסט עס דאָ נישט קריגן?

— אַ גמרא!

— אַ גמרא סוף זמן? — האָט זלמן פֿאַרוווּנדערט געפרעגט.

די מאַמע האָט אים מיט שטאָלץ דערציילט, אַז ר׳ מענדל האָלט, אַז שמעון קען שוין אָנהייבן מאַכן „אַ לייענען" פֿאַר זיך און ער דאַרף אַ גמרא און זי האָט געענדיקט:

— דער פּאַקן־טרעגער וועט ערשט קומען אין שטעטל חול־המועד סוכות און דער יינגל דאַרף האָבן די גמרא אָט שוין היינט. איז נאַ דיר אַ פּערטעלע און ברענג די גמרא פון מאָזיר!

זלמן האָט געהאַלטן דאָס פּערטעלע אין דער אָפענער דלאָניע, געקייט די פרישע בייגל און גערעדט מיט אַ פולן מויל:

— זלמן האָט שוין געפּירט אין זיך לעבן אַלץ וואָס אַ מויל קען אַרויסריידן; מעל, הירזש, זאַלץ, דזשעגאַכץ, געגנדז, הינער, קאַטשקעס, קעלבער, מאַנופאַקטור, מאַקוכע און וואָס נישט? איצט וועל איך דאַרפן גיין איבער מאַזיר זוכן אַ גמרא.

— וואָס עפּעס זוכן? — האָט מערע זיך געוווּנדערט, — האַראַוויץ, דער מוכר־ספרימניק האָט דאָך זיין קראָם האַרט ביים ברעג טייך.

זלמן האָט זיך געקראַצט אין פּאַטילניצע:

— עט, ער איז אַן עסיקער ייִד און איך וויל זיך נישט אָנהייבן מיט אים. אַלץ וויל ער וויסן. איך בין אַריין ביי אים קויפן אַ קינה, טוט ער אַ בורטשע: „וועסט שוין זעגן האָלץ. דאָ, ברודערל זענען שווערע בלעטלעך עברי". נו, ווען איך וועל אַריין צו אים קויפן אַ גמרא, וועט ער צו ערשט אויסלאַפּען (אויס־שטעלן) אַ פּאָר אייגאַנעס און זאָגן: „דו, דו, אויף וואָס דאַרפסטו אַ גמרא?" מיין פּרצוף, מיין הילוך זענען דאָך פון דעם אמתן למדן! דער גרינער גויִשער גאַרטל מיינער שרייט דאָך: זע, זלמנקע זוברעוועט גמרא ווי וואַסער.

מערע האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס:

— פון ווען אָן ביסטו, זלמן, אַזאַ מלופּים ייִנגעלע, וואָס דו האָסט מורא פאַרן בורטשען פון אַן אַלטן מרוק?

זלמן האָט אַ קנאַק געטון מיטן בייטש־שטעקל איבער דער כאַליעווע:

—אַ צינגעלע האָט עס, אַ לשון! ווען איך קען ריידן אַזוי, ווער איך אַ מיניס־טער און איך דאַרף זיך נישט שמדן אַפילו. גוט, איך וועל שוין אים וויסן וואָס צו ענטפערן, אויב ער וועט זיך אָנהייבן מיט מיר. איך ברענג די גמרא. אָבער איך זאָג דיר, אַז אַפילו ער וועט ביי מיר „לאַפּניען" נעם איך נישט די גמרא אין האַנט, סיידן ער פּאַקט זי מיר איין אין גראָבן פּאַקפּאַפּיר. מיינע ידים זענען דאָך שטענדיק אויסגעשמירט און איך קען נאָך איינריכטן די גמראלע מיט מיינע לאַפּעס.

זלמן איז אָפּגעגאַנגען פון פענצטער. באַלד האָט ער זיך אומגעקערט און אויסגערופן:

— נו, מערע, ביסט קלוג און קלוג, אָבער איצט האָב איך דיך געפּאַקט. האָסט זיך פאַררעדט און צום עיקר נישט געקומען. וועלכע גמרא זאָל איך קויפן?

— געקעכטס, — האָט די מאַמע זיך פאַרדרייטלט, פאַרגעסן —ברכות!

**
*

אַ גאַנצן טאָג איז שמעון אַרומגעגאַנגען אַן אומרויִקער און אַן אומגעדול־דיקער. עס האָט אים גערופעט, ער האָט זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט.

דער טאָג האָט זיך געצויגן ווי עס וואָלט געווען אַ תענית. ער האָט שוין געוואָלט אָנקוקן די אייגענע גמרא. אָבער די בעלי־עגלות קומען ערשט פאַר מנחה.

פאַרנאַכט־צו האָט ער זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן און איז אַוועק באַגעגענען זלמן הומאַן. דאָס יינגל איז געגאַנגען „אויפן זאַמד" — דאָס נייע פאַרשטעטל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בויען צום וואַלד צו. ער איז פאַרבייגע־גאַנגען דאָס לעצטע הויז און די בעלי־עגלות האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געוויזן. ער איז געגאַנגען ווייטער מיטן שליאַך צו מאַזיר צו. ער איז אַריבער דעם ערשטן וואַלד, צוגעקומען צום צווייטן וואַלד, העט ווייט, ווייט הינטערן שטעטל.

די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ נידעריק און שמעון האָט זיך געוואָלט אומקערן, צו ווייט פאַרקראָכן. ער האָט אָבער פון דערווייטנס דערזען אַ זייל שטויב — די בעלי־עגלות קומען אָן. דאָס יינגל האָט זיך אָפּגעשטעלט אונטער אַ בוים, האַרט ביים שליאַך און געוואַרט.

ווי אַלעמאָל איז זלמן הומאַן געפאָרן פאַרויס. ער האָט דערזען דאָס יינגל און ער האָט אויסגערופן:

— העי, וועוורעקל! וואָס טוסטו דאָ?

— איך בין אַרויס אייך באַגעגענען!

זלמן האָט זיך צעשמייכלט:

— האָסט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, קאַראַפּוזיקל! געוואָלט זען ווי אַן אייגענע גמרא זעט אויס. הא, געטראָפן! קום, שפּרינג אַרויף צו מיר אויף דער קעלניע.

דאָס יינגל האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן. זלמן האָט איבערגעלייגט די לייצעס אין איין האַנט און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער גענומען טאַפּן אונטערן היי. נאָך אַ ווײַלע בלינדער זוכעניש האָט ער אַרויסגענומען פון באַהעל־טעניש די גמרא איינגעוויקלט אין פּאַקפּאַפּיר.

— נאַ, נעם, — האָט ער געזאָגט צו שמעונען, — וויקל פאַנאַנדער. טו נאָר אַ קוק, אַ גמרא אַ צאַצקעלע, איינגעבונדן אין אָביציע (געשפּרענקלט פּאַפּיר) און מיט אַ גלאַנציקן, לעדערנעם רוקן.

דאָס יינגל האָט מיט ציטערדיקע הענט פאַנאַנדערגעוויקלט דעם גראָבן פּאַק־פּאַפּיר און זיך אָנגעהויבן שפּיגלען אין דער גמרא.

— סאַראַ דינינקע גמראלע, — האָט זיך זלמן געחידושט, — זאָג מיר נאָר, האָט זי אַלץ וואָס אַ גרויסע גמרא האָט?

— איכל אַ קוק טון, — האָט שמעון געענטפערט, — און אַ בלעטער געטון

די גמרא. ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, יאָ, אַלץ ווי אין דער גרויסער גמרא: רש״י, תוספות און צום סוף מהרש״א.

זלמן האָט זיך איבערגעבויגן און אַריינגעקוקט אין דער אָפענער גמרא. ער האָט אַ רייב געטון די רעכטע באַק:

— זע נאָר, סאַראַ פּיצעניאָנינקע אותיותלעך און אָן נקודות. זאָג נאָר מיר, שמעונקע, קענסטו עס טאַקע אַליין צעקייען?

— אַוודאַי!

— איז לאָמיר טאַקע הערן, שמעונקע, ווי אַ „באַש בראַטס" אַ יינגל טוט אַ זוברעווע אַ שטיקל גמרא אַליין, אָן אַ רבין.

— אָט דאָ אין מיטן פעלד?

— פאַרוואָס נישט? שעמסט זיך פאַר דיביימער און דעם הימל? הייב אָן, אָבער דערלאַנג מיט אַ ניגון!

שמעון האָט געפאָלגט. פריער אַביסל צוריקגעהאַלטן, נידעריק, פּאַמעלעך. אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט ער זיך צעוואַרעמט און אָנגעהויבן זאָגן העכער און לעבעדיקער. זלמן איז געזעסן אויף דער קעלניע, געהאַלטן לויז די לייצעס פון די פערד און זיך צוגעהערט מיט ביידע אויערן צום יינגלס לערנען.

שמעון האָט זיך צעזאָגט און צעשאָקלט, אינגאַנצן פאַרגעסן ווו ער איז און האָט זיך צעזונגען הויך אויפן קול. זיין שטים האָט זיך צעטראָגן איבערן פעלד, איבערן וואַלד און האָט צוריקגעקלונגען מיט אַ הילך.

פּלוצלינג האָט זלמן ראַשיק אַ צי געטון די לייצעס און אָפּגעשטעלט ראַפּטאָם די פערד. דער וואָגן האָט זיך אַ טרייסל געטון און געבליבן שטיין. דאָס יינגל האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן, און הינטער זלמנס וואָגן האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, אַ וואָיעניש און אַ איילעניש צוריקהאַלטן די פערד און אָפּשטעלן די פורן.

ס׳איז געוואָרן אַ געשריי:

— העי, זלמן, וואָס האָט דאָרטן געטראָפן?

זלמן האָט אַ מאַך געטון מיט דער בייטש:

— העי, איר בייטש־שטעקעלעך, קומט נאָר אַהער!

די בעלי־עגלות האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום זלמנס וואָגן און זלמן האָט אַ גלעט געטון די רויטלעכע באָרד און אַ קער געטון זיך צום יינגל און געזאָגט:

— נו, שמעונקע, הייב אָן נאָכאַמאָל. ווייז זיי וואָס דו קענסט!

דאָס יינגל האָט זיך געקווענקלט. דער בעל־עגלה האָט אים גוטמוטיק אַ טאָרע געטון מיטן בייטש־שטעקל אין זייט:

— וואָס שעמסטו זיך מיט גאָטס תורה?

## שלמה סיימאָן

דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן:

— מאימתי קורין את שמע בערבין — פון ווען אָן לייענט מען קריעת־שמע אין אָוונט? משעה שהכהנים נכנסים לאכל בתרומתן — פון דער צייט ווען די כוהנים קומען אַריין צו עסן זייער תרומה...

די בעלי־עגלות זענען געשטאַנען מיט זייערע בייטש־שטעקעלעך פאַרשטעקט אונטער די פאַכוועס, זיך צוגעשאָקלט און זיך צוגעהערט מיט שטילער פרומקייט.

דעם יינגלס קול איז געוואָרן העכער און שטאַרקער און זיך אַוועקגעטראָגן איבער די שפּיץביימער פון פאַרבייאיקן וואַלד און אָפּגעהילכט אין דער פאַר־נאַכטיקער שטילקייט העט ווייט, ווייט, ווו די זון זעצט זיך.

ווען דאָס יינגל האָט געענדיקט די משנה און אָנגעהויבן, טייטלענדיק מיט די פינגער אויף „דעם רש״י״ אַרום דער משנה, האָט זלמן אויפגעהויבן די בייטש, אַ קנאַק געטון מיט איר אין דער לופטן און אויסגערופן:

— גענוג, שמעון, איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן!

ער האָט זיך אַ קער געטון צו די בעלי־עגלות:

— העי, חברה פערד־שמייסער, בייטש־שטעקעלעך, סמאַראָוואָזן, געהערט אַ לשון, אַ קול? אַ ניגון? צוריק צו די פערד! לאָמיר אַ טרייב טון די סוסים און ברענגען מערעס נחת אין שטעטל אַריין מיט אַ הוק, אַ סטוק און האַרמידער, מיטן אמתן קנאַק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ בעל־עגלהס אַן אייניקל און אַ שוסטערס אַ זון, וואָס הייבט אָן „מאַכן לייענען״. אייערע בנאָקעס קאָנען שפּאַנען פערד און וואָגן, פּויען פערד, פירן זיי אויף פּאַשע, אָבער נישט זאָגן אַזעלכע פינאַנטשינקע ווער־טעלעך אָן נקודות.

די בעלי עגלות האָבן זיך ארויפגעכאַפּט אויף די קעלניעס, גענומען קנאַקן מיט די בייטשן און טרייבן די פערד. צוואַנציק פּאָר פערד האָבן זיך צעטראָגן און אויפגעהויבן אַ שטויב דערשטיקט צו ווערן. חברה בייטש האָט אַריינגעפירט שמעונען און זיין גמרא אין שטעטל מיט אַ פּאַראַד, ווי מען פירט אַריין אַ מיוחס־דיקן חתן.

## קאַפּיטל 13

# פון וואַנען?

שמעון וווינט איצט אין איסט פלאַטבוש. לעבן זיין איין־פאַמיליע־הויז איז אַ קליין גערטנדל. דאָס גערטנדל פאַרמאָגט אַ פּאָר גרינע נאָדל־ביימלעך און איין גרויסן בלומען־קוסט. אַ מאָדנער פלאַנץ איז עס, קיינמאָל זענען נישטאָ אויף אים מער ווי פינף קנאָספּן, וואָס צעבליִען זיך סוף סיון, אויף אַכט טעג. אָבער צווייגן פאַרמאָגט דאָס קוסטל אַ סך. נאָך מער, סוף האַרבסט דאַרט איין דאָס בלומען־קוסטל. ווען דער ערשטער שניי פאַלט אויס, בלייבט נאָר אַ צעטריקנטער שטאַמל, וואָס שטאַרצעט אַרויס פון זאַמדיקן באָדן. אין פרילינג זעט מען בלויז עפּעס אַ פאַרטריקנט, צעפוילט שטיקל וואָרצל און פון דעם שוואַרץ־גרויען שטיקל קאָרטש שיסן אַרויס שפּראָצונגען, וואָס צעצווייגן זיך און צעבליִען זיך סוף פרילינג.

שמעון קוקט איצט אויפן קוסט און טראַכט: גרינג איז אויסצומאָלן די פינף ראָזעווע בלומען ווי זיי הענגען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּלעך פון די דינע צווייגן. אָבער ווער קען אויסמאָלן וואָס עס טוט זיך אין פלאַנץ אונטן, אין די וואָרצלען?

ער מאַכט אַ פאַרגלייך: דערציילן וועגן שבתים און יום־טובים איז גרינג. אַזאַ שפע פון פייערלעכקייט און פרייד, בונטע און רייכע טעג. אָבער דאָס וואָלט געווען נישט מער ווי אָפּמאָלן די בלומען פון קוסט. אָבער די וואָרצלען? זיי זענען פאַרהוילן פון פרעמדע אויגן. אפשר נאָר דער קוסט אַליין קען זיי אָפּמאָלן. שמעונס שבתים זענען אויך אַזוי: פאַרהוילן און פאַרקניפּט מיט דמיונות, וואָס האָבן אים געמאַטערט און נישט געלאָזן צורו.

ער דאַרף זיך צוריקקערן צו זיין פריִעסטער יוגנט, ווען ער איז נאָך געווען אַן עופהלע, כדי אויפצודעקן דעם אינערלעכן זין פון זיינע שבתים. ער דאַרף

פֿאַנאַנדערפֿלאָנטערן אַ גאַנצן קנויל. צום ערשט איז געקומען די אומרויִקייט און נײַגעריקייט צו וויסן פֿון וואַנען נעמט זיך דער טאָג? ווי אַזוי קומט אָן די נאַכט? ווו באַהאַלט זיך די פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט? נאָכדעם — פֿון וואַנען קומט אָן דער שבת? ווו טוט זיך אַהין די וואָכעדיקייט? דערנאָך ערשט שווימען אַרויף צוויי שבתים.

**
*

די מאַמע פֿלעגט אויפֿשטיין פֿרי פֿאַרטאָג אָנצופֿירן מיט דער בעקערײַ. ווי נאָר די מאַמע האָט אַראָפּגעשטעלט אַ פֿוס פֿון בעט האָט זיך שמעון אויפֿגעכאַפּט. ווען די מאַמע האָט אָנגעצונדן די צוויי אַכטער לעמפּלעך און דערזען שמעונס צעעפֿנטע אויגן, האָט זי זיך צעבייזערט:

— די וואָס דאַרפֿן אויפֿשטיין „פֿאַפֿן״, ווי זיי וואָלטן געלעגן אין חושך מצרים. אָבער אָט דער „בוניק״, וואָס דאַרף שלאָפֿן, ליגט מיִט אויפֿגעריסענע אויגן און „קוקעט״. איך וועל גיין איבער די גאַסן און שרײַען: „גוואַלד. וואָס וויל די משפּחטע פֿון מײַן לעבן?

שמעון נורעט אײַן דעם קאָפּ אין קישן. ער פֿאַרמאַכט די אויגן. ער וואָלט נישט געוואָלט זיך אויפֿכאַפּן פֿריִער פֿאַר אַלעמען. אָבער ווי נאָר די מאַמע טוט זיך אַ קער אויפֿצושטיין און דאָס בעט טוט אַ סקריפּע, טוט אים אַ קלאַפּ אין די אויערן ווי עמעצער וואָלט אַ פּויק געטון אין אַ באַראַבאַן.

באַלד ווי די מאַמע שטייט אויף, הייבט אָן די שטוב צו קאָכן און צו זידן ווי אין אַ קעסל. נאָך אַ צען מינוט ליאַרעמען און סטראַשען, שטייען אויף די צוויי שוועסטער גיטע און רחל־לאה. נאָכדעם קריכט אַרויס פֿון בעט דער עלטע־רער ברודער שלמה, צום לעצט דער טאַטע. גיטע און רחל־לאה הייבן אָן צו פֿאַרקנעטן די מולטערס געבעקס. דער טאַטע האַקט אָן „זאַהניט״. שפּאַלט די טרוד־קענע שײַטלעך האָלץ מיט אַ הוק און קנאַק. ערשט אַ שעה שפּעטער שטעלט זיך אײַן די שטוב. רחל־לאה זיצט בײַם וואַלגער־ברעט און „קאַטשעט״ בייגל, גיטע פֿאַרקנעטט די דייזשע ברויט, שלמה דאַוונט און די מאַמע פֿאַרעט זיך בײַם אויוון. דער טאַטע איז אַוועק צו דער אַרבעט.

שמעון ליגט האַלב וואַך. אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער געפֿונען אין גמרא אַ טײַערן אויסדרוק פֿאַר אָט דער האַלב־וואָכעדיקייט: „נים ולא נים״. ער ליגט אין דעם האַלב־שלאָפֿנדיקן צושטאַנד, די אויגן־לעפֿלעך אַראָפּגעלאָזן, אָבער די וויִעס זענען נישט געשלאָסן און ער זעט אַלץ וואָס עס טוט זיך אין שטוב.

צוויי אַכטער לעמפּלעך באַלייכטן די שטוב. איינער אין קיך, דער צווייטער אין „סטאָלאָווע״. די פלאַמען אונטער די קאָלפּאַקן זענען געלבלעך, קלאָר, ווייך און ציטערן מיט שפּע פון ליכט. די קיך און סאַליע זענען פאַרגאָסן מיט אָט דער גרויסער ליכטיקייט.

באַלד הייבט זיך אָן שייערן אויף טאָג. די פענצטער הייבן זיך אָן צו בלאָען. דער דרויסן ווערט צום ערשט גרוי, דערנאָך ווייסלעך־מילכיק. די מילכיק־ווייסקייט הויבט אָן אַנצופילן די שטוב. די פלעמלעך פון די לעמפּלעך פאַרלירן זייער געלקייט און העלקייט. ווען די שטוב ווערט אָנגעפילט מיט טאָג־ווייסקייט, פאַרלירן די פלעמלעך אינגאַנצן זייער קאָליר. זיי הערן אויף צו ציטערן מיט זייער ליכטיקייט. די מאַמע גייט צו און בלאָזט זיי אויס. די לאָמפּן בלייבן שטייט טויט, מיט די קנויטן שוואַרץ ביי די ברעגעס. שמעון קוקט אויף די צוויי פאַררויכערטע קאָלפּאַקעס און ער טראַכט, אַז ס׳איז גאָרנישט געווען נייטיק אויסצולעשן די פלעמלעך. זיי וואָלטן סיי ווי סיי געווען אויסגעגאַנגען אין טאָג־ליכט. זיי וואָלטן געווען אַליין איינס שטאַרבן, ווייל מען דאַרף זיי נישט.

טאָג איין, טאָג אויס ליגט דאָס יינגל מיט די אויגן צוגעשמידט צו די פענצטער, וואָס זענען צו דער מזרח־זייט און זעט דאָס שפּיל פון נאַכט און טאָג. ער ייל אַליין כאַפּן דעם אָנהייב פון דעם באַגינען, דאָס ערשטע ביסל ווייסקייט, דעם תחילת אַנטלויפן פון דער נאַכט און ער קען נישט. ער ווייסט נאָך נישט די שייכות פון דער אויפגייענדיקער זון מיטן באַגינען, און עס מאַטערט אים און עס פּלאָגט אים די פראַגע: פון וואַנען קומט דער טאָג? יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט אויסגעפונען די שייכות פון דער זון מיט דעם טאָג, איז ביי אים דאָך פאַרבליבן אַ צוגעבונדנקייט צו ווערטער, וואָס באַצייכענען פאַרטאָג. ער פלעגט זיי פאַרשרייבן. נעמט ער אַרויס זיין אַלטן נאָטיץ־ביכעלע, געפינט ער דאָרטן אַ שלל מיט ווערטער פאַרן באַגינען: זון־אויפגאַנג, אַ שפּראָץ אויף טאָג, זון־שפּראָץ כאור, כעלות השחר, כלחוך השור, אַ בראָך אויף טאָג, עס שייערט זיך אויף טאָג, ברקאי, עס בלייכט זיך אויף טאָג, כעלות הבוקר. שפּעטער, ווען אין דער יידישער ליטעראַטור איז אויפגעקומען דאָס וואָרט קאַיאָר, האָט זיך שמעון געפרייט מיטן אויסדרוק ווי מיט דעם גרעסטן געפינס.

יאָרן שפּעטער האָט ער צוליב אַן אָנדייט אויף פאַרטאָג געקויפט דזשעק לאָנדאָנס בוך „ברענענדיקער טאָג־ליכט״ — „בוירנינג דיילייט״. אין יענער צייט האָט דער טאָלער, וואָס דאָס בוך האָט געקאָסט, געווען ביי אים אַ גאָר גרויסע מטבע. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און נישט קויפן אַ בוך

מיט אַזאַ נאָמען. ס׳איז ווערט געווען פאַר אים דאָס געלט. ביז היינט איז ביי אים אין זכרון די סצענע ווי דער הויפּט־העלד גייט אַרויס אין דרויסן אין דעם חשכות פון באַגינען און שרייט אויס אין דעם פאַרפרוירענעם יוקאָן, צו די גאָלד „פּראָספּעקטאָרס״: „שטייט אויף, שטייט אויף — ס׳איז שוין ברענענדיקער טאָג ליכט! ברענענדיקער טאָג ליכט!״

עס האָט אים אויך געמאַטערט די פראַגע ווו עס טוט זיך אַהין די נאַכט און ווי אַזוי קומט זי אָן? אָבער די פראַגע האָט אים פאַרענטפערט משהקע דער געלער.

שמעון ווייסט איצט אַז משהקע איז באמת געווען אַ העל־בלאָנדער בחור. אָבער אין שטעטל האָט מען נישט געוווּסט פון וואָרט בלאָנד. עס זענען געווען שוואַרצע בחורים און מיידלעך און געלע בחורים און מיידלעך. דאָס זעלביקע מיט אויגן: ברוינע אויגן, בורשטינענע אויגן, שוואַרצע אויגן. קאַרשן אויגן און קעצישע אויגן, וואָס האָבן געמיינט בלויע אויגן. זיין געל מיט בלויע אויגן זענען נישט געווען קיין יחוס — אַזאַ בחור אָדער מיידל פלעגט מען רופן מילכיקע. קיינער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך זיי. ווען דער בחור אָדער מיידל האָט נאָך גע־האַט קלייען — זומער־שפּרינקעלעך — אויפן פּנים, אָדער אויף די הענט, איז עס געווען אַן אמתער מום — אַ קלייענער בחור, אָדער אַ קלייענע מיידל.

משהקע איז געווען אַ שוסטער פּועל און אַלע שבת בייטאָג פלעגט ער קו־מען צו מערען אין שטוב, ווו עס איז געווען אַ דערוואַקסן מיידל גיטע, און רחל־לאה האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסוואַקסן פון אירע קליידלעך. ער איז געווען אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער בחור. מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער קען הונדערט און פופציק לידלעך אויף אויסנווייניק. גיטען איז ער נישט געפעלן געוואָרן — אַ פּנים אַ מילכיקער ווי ביי אַ כלאָפּ. אָבער די מאַמע האָט אים שטאַרק ליב גע־האַט פאַר זיין פריילעכקייט און זינגען. נאָך מער האָט זיך צו אים צוגעבונדן שמעון. נאָך היינט, ווען ער פאַרמאַכט די אויגן פילט ער משהקעס וואַרעמע פלייצע און וואַרעמע הענט. דער בחור פלעגט שמעונען טראָגן „סודבאַראַן״, עס מיינט טראָגן אים אויף דער פלייצע און אָנגעפירט מיט אַ שפּיל. שמעון האָט אַרומגענומען מיט זיינע דאַרע הענטלעך משהקעס האַלדז און זיך צוגעטוליעט מיטן בויך צום יונגס פלייצע. דער יונג האָט פאַרלייגט זיינע הענט הינטערן קינדס געזעסל, אים געהאָצקעט און געגאַנגען פון מיידל צו מיידל און אויסגערופן:

— קויפט אַ באַראַן!

דאָס מיידל האָט געפרעגט:

— ווי טייער?

— אַ דרייער!

— צו טייער!

— איז, שאַך!

— איך גיב אַ פּאַטש!

משהקע האָט זיך אַ דריי געטון און אויסגעמיטן דעם מיידלס אויפגעהויבענע האַנט און שמעון האָט אַנגעקוואַלן.

משהקע האָט ליב געהאַט צו שפּילן זיך מיטן קינד, אויך זינגען אַ סך. ער האָט אויך געקענט נאָכמאַכן דאָס קרייען פון אַ האָן, דאָס קוואַקען פון אַ הון, דאָס מוקען פון אַ קו, דאָס הירזשען פון אַ פערד און אַלערליי שפּיל־אינסטרומענטן. ווען ער האָט צוגעלייגט די פינגער צו זיינע אַנגעשטעלטע ליפּן און נאָכגעמאַכט דאָס שפּילן פון אַ פליוט, פלעגט די מאַמע זאָגן:

— ווייסט, משהקע, אפשר טאָרסטו עס נישט טון אום שבת? ס'איז דאָך אַקוראַט ווי אַ קלעזמער וואָלט געשפּילט!

די פּאַרכאַפּנדיקסטע שפּיל איז געווען פרעגן רעטענישן. וואָס פאַר אַ רעטעניש מען האָט משהקען געפרעגט, האָט ער געוווּסט דעם ענטפער. כמעט אַלע רעטענישן, וואָס זענען איצט צעשפּרייט אין די פאָלקלאָר־ביכער האָט שמעון דעמאָלט געהערט.

איינמאָל, אַ שבת, ווען דאָס שפּיל פון רעטעניש איז אַנגעגאַנגען און שמעון איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל און געקוקט משהקען אין די אויגן, האָט דער יונג אַ כאַפּ געטון דאָס יינגל, אים אַ שווונג געטון אין דער לופטן און געזאָגט:

— נו, מען זאָגט, אַז דו ביסט אַ קלוגער און דו האָסט אַ לאַנגע צונג, פרעג מיך אַ רעטעניש!

די מיידלעך האָבן זיך צעלאַכט. די מאַמע, וואָס האָט געהאַלטן פון איר „אומגליק", פון דעם קאַליקע, מיט דעם אָפענעם קאָפּ, האָט זיך אַ בייזער געטון:

— „קאָזעס", — ציגן, וואָס לאַכט איר? איך וועל מיט אייך מאַכן אַ געוועט, אַז ער וועט פרעגן אַ רעטעניש, וואָס משהקע וועט נישט קענען ענטפערן!

משהקע האָט דעם קינד אַ טאָרע געטון: נו, „יעווינטשיק", פרעג, לאָמיר הערן וואָס דו קענסט?

שמעון האָט אַרויסגעפּלאַצט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז משהקע זאָל נישט חרטה האָבן און אים נישט אויסהערן:

— וווּ ליגט די נאַכט און פון וואַנען קומט זי ווען די זון פאַרגייט?

משהקע האָט מיט אימפּעט אַ שוווּנג געטון דאָס ייִנגל, אים אַוועקגעזעצט אויפן טיש און זיך אַ קער געטון צו די מיידלעך:

— נו, חכמות, ענטפערט אים!

— וואָסי, ביי דיר איז אָפּגענומען די צונג?

משהקע האָט געקראַצט די פּאַטילניצע:

— וואַרט אַ ווײַלע, דער „סידור" האָט מיך פּריטשמעליעט. לאָמיר אַ טראַכט טון.

ער האָט אונטערגעברומט אַ ניגון מיט מאָדנע ווערטער: קאַדולע־וואַדולע, איינגע־בענגע, כאַלערע־מאַלערע, מוישקע־קאַפּוישקע, טראַכט מיט דיין קאַפּולן קאָפּ! פון וואַנען טאַקע קומט די נאַכט? ווו ליגט זי אין „טאַלייסע" אַ גאַנצן טאָג? שאַ! — ציפּעלע, מיפּעלע — האָפּ! איך האָב געכאַפּט! הער! קאַראַפּוזיק!

— ווען די זון הייבט אָן אויפגיין דערשרעקט זיך די נאַכט און זי מיט איר גאַנצן פּאַלק שאָטנס הייבן זיך אָן אָפּצורוקן הינטערווייַלעכס. די נאַכט איז ווי אַ קאַץ, ווי אַ מייזעלע, זי קען זיך אַריינקוועטשן אין דעם ענגסטן לעכל, אין דעם קלענסטן ווינקל, אין דעם דינסטן שפּעלטל. קריכט די נאַכט אַריין ווו אַ לעכל, אַ שפּאַלט, אַ ווינקל און אַ שפּאַרונע. אין די שטאַלן, צווישן די ברעווענעס, אין די ווענט, אונטער די סטריכעס, אונטערן „גאָנט" (שינדלען), אין די ביידעמער און דער עיקר אין די קוימענס. האָסטו אַמאָל, קאַראַפּוזיקל, אַ קוק געטון אין אַ קוימען ווי שוואַרץ ער איז? און פאַרנאַכט, ווען די זון ווערט נישט, הייבן אָן די שאָטנס אַרויסצוקריכן פון די פּלייטן, דעכער און ווענט. פּאַמעלעך פּילט זי אָן מיט אירע פּאָלקן־שאָטנס דעם גאַנצן אוויר.

יאָרן שפּעטער האָט שמעון געלייענט אַזאַ שילדערונג פון דעם אָנקום פון דער נאַכט ביי אַ העברעיִשן פּאָעט, דוכט זיך ביי י. כהן. אויך ביים אַמעריקאַנער פּאָעט סענדבערג איז פאַראַן אַזאַ שילדערונג וועגן אָנקום פון טומאַן. פּופצן יאָר שפּעטער האָט שמעון פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג „דער שטומער דיכטער". ער האָט עס געהאַט אין זינען דעם שוסטער פּועל משהקע פון זיין יוגנט.

קאַפּיטל 14

# שמעונס שבת

דאַנערשטיק אָוונט הייבן זיך אָן די הכנות פאַר דעם דערוואַרטעטן גאַסט — שבת. די מאַמע שטעלט אַוועק די שבת־מולטער אָפּגעזונדערט פון אַלע מולטערס, וואָס זענען פאַראַסטשינעט פאַר פרייטיקדיקן מאַרק־טאָג. נישט נאָר גרייט זי צו אַן אַנדער טייג פאַר שבת־חלות, נאָר אויך אַ באַזונדערן מולטער, וואָס ווערט גע־נוצט בלויז פון שבת צו שבת.

פרייטיק פאַרטאָג. צום געוויינטלעכן טומל, האַרמידער, איילעניש און טאָג־טעגלעכער יאָגעניש פון דער בעקעריי, קומט צו די צערודערטקייט, אומרויִקייט און אומגעדולדיקייט פון וואַרטן אויף דעם באַגערטן און אָנגעלייגטן גאַסט.

ס'איז נאָך פאַר דעם באַגינען. די מאַמע, רחל־לאה און גיטע זענען פאַר־שמייעט מיט צוגרייטן די באַקוואַרג פאַרן מאַרק. עס איז נאָך נישטאָ קיין סימן און קיין זכר פון שבת־געבעקס, אָבער שמעון, אויף זיין געלעגער שפּירט שוין די ריחות פון די פרייטיקדיקע באַצוקערטע פלעצלעך, פון דער געשמאַקער באַב־קע און די באַטעמטע חלות. איי, די שבתדיקע חלות! זיי זענען געבאַקן נישט קיילעכדיק, ווי די בולקעס פאַרן מאַרק, נאָר לענגלעך, מיט אַ זייער דיקן פלעכטל אויבן. זיי זענען אויך פאַרברוינט אַנדערש. איידער די מאַמע זעצט זיי אַריין אין אויוון, באַשמירט זי זיי מיט אַ געגנדזענער פעדער, איינגעטונקט אין אַ פליסי־קייט געמאַכט פון בוימל און אייער־געלעכלעך. אַלע באַלעבאָסטעס נוצן אַזאַ פליסיקייט צו באַשמירן די חלות. אָבער ביי זיי קומען נישט אַרויס די חלות אַזוי ברוין און גלאַנציק. די מאַמע דערציילט קיינעם נישט, אַז זי טוט אויך אַריין אין דער פליסיקייט אַביסל זאַלץ און אַ שמעק ציקאָריע. טאַקע אַ שמעק, נישט מער. מען דאַרף וויסן וויפל אָנצונעמען מיט דעם אָ גודל און צייג־פינגער.

אויב נאָר עפּעס אַ האָרעלע מער, דערפילט מען די ציקאָריע. דאָס איז איר סוד וואָס זי אַנטפּלעקט נישט פאַר קיינעם.

ווען עס הייבן זיך אָן צו בלויען די פּענצטער אין קיך, הייבט מען שוין אָן צו „האָרודעווען״ מיט די שבת־געבעקס. די חזקה צו באַקן די פרייטיקדיקע פּלעצ־לעך האָט פריִער געהאַט די עלטערע שוועסטער גיטע, דערנאָך איז די חזקה אַריבער צו רחל־לאהן. צווייערליי פּלעצלעך האָבן די מיידלעך געבאַקן: איין מין באַשאָטן מיט צוקער און דער אַנדערער מין אָן צוקער — בלויז האַלב־אויסגע־באַקן. מען האָט געדאַרפט האָבן גרויס געניטקייט צו קענען נישט דערבאַקן אַ פּלעצל און דאָך זאָל מען עס קענען עסן.

די באַצוקערטע פּלעצלעך באַקט מען צוויי מאָל. צו ערשט זעצט מען אַריין די פּלעצלעך אויפן הייסן פאַד פון אויוון, ווייט פון פייער און מען האַלט זיי דאָרטן בלויז ביז זיי פאַרציִען זיך מיט אַ הייטל. מען נעמט זיי אויף גיך אַרויס און מען באַשיט זיי מיט מעל־צוקער און שנעל, זיי זאָלן זיך נישט אָפּקילן, רוקט מען זיי אַריין אין אויוון שוין גאַנץ נאָענט צום פלאַם, צו דערבאַקן זיי. די פּלעצלעך קו־מען אַרויס ברוינע, קרוכלע, דער צוקער ווערט צעגאַנגען אויף זיי און האָט דעם טעם פון פאַרברענטן צוגעפּרעגלטן האָניק.

די קינדער האָבן זיך גאַרנישט געקענט אָנעסן מיט אָט די פּלעצלעך. די מאַמע און דער טאַטע האָבן דווקא געגעסן די נישט־זיסע, די האַלב־אויסגעבאַ־קענע פּלעצלעך. דער טאַטע פלעגט שפּאַסן:

— נאַראָנים האָבן ליב זיסע זאַכן. וואָס ווייסט איר וואָס גוט איז? איר ווילט פאַרזוכן טעם גן־עדן? איר ווילט וויסן וואָס פאַר אַ טעם דער מן האָט געהאַט? טונקט אָט די נישט־זיסע פּלעצלעך אין מילך און שלינגט. און אַז עס איז נישטאָ קיין מילך, קען מען זיך מיט מאַסלינקע אויך נישט פאַרסמען.

נאָך די פּלעצלעך האָט די מאַמע צוגעגרייט די באַבקע. מאַכן די באַבקע האָט די מאַמע נישט צוגעלאָזט די טעכטער. זי פלעגט זאָגן:

— אם ירצה השם, אַז איר וועט חתונה האָבן וועט איר באַקן אייערע אייגענע באַבקעס. איי עס וועט נישט אַרויסקומען אַזוי געראָטן? עס וועט אייך נישט שאַטן. באַלד נאָך דער חתונה איז דער מאַן פאַרליבט אין דעם ווייב און אים אַרט נישט טאָמער איז די באַבקע נישט געראָטן. ביז דער מאַן ווערט אָפּגעקילט לערנט מען זיך אויס מאַכן די באַבקע כדיבעי.

די באַבקע־טייג פאַרקנעט מען אויף סיראָוועטקע. מען קאַטשעט אויס דאָס טייג אין אַ דיק בלאַט. מען צעשניידט דאָס בלאַט אויף „לעקעך״־טיילן. יעדעס

פּיערעקעדיקע שטיקל טייג טונקט מען אין זויערער סמעטענע. מען לייגט די געטונקענע שטיקלעך, געבלעטערט — אַ שיכט אויף אַ שיכט אין אַ טיפער כלי — אַ מאַקאַטערטשיק. יעדן שיכט באַשיט מען מיט צימערינג.

די באַבקע האָט מען געמעגט עסן אומגעוואַשן, ווייל דאָס טייג איז דאָך געקנאָטן אויף סיראָוועטקע. דער טעם פון אַ באַבקע קען מען נישט באַשרייבן. נאָר דער וואָס האָט געגעסן פרישע וואַרעמע באַבקע מיט זיסער ציקאָריע, פאַרווייסט מיט געבריטע מילך, קען וויסן דעם טעם.

צולעצט נעמט זיך די מאַמע צו באַקן די שבת־חלות. ווען די מאַמע איז פאַרנומען מיט די שבת־חלות, הייבן אָן די מיידלעך אויפראַמען די שטוב. פּוצן די לײַכטער, איבערוואַשן דאָס געפעס, אויסשייערן די פאַנען. אַלץ האָט געקלאַפּט און זיך געקלעפּט, ווי עמעצער וואָלט פאַרשריבן און אָפּגעדרוקט דעם פּלאַן.

בייטאָג, ווען די ייִנגלעך זענען געקומען פון חדר, איז דאָס הויז געווען רייך, ציכטיק, דער טשאָלנט פאַררוקט אין אויוון, די זאַסלענקע פאַרקלעפּט, דער טיש געגרייט, די ליכט אין די לייכטער און דער קאָמפּאָט — פלוימען געקאָכט מיט ראָזשינקעס און אַמאָל מיט באַרלעך — איז געשטאַנען אויפן טאַפּטשאַן אין קיך און זיך געקילט.

אַ שעה נאָך האַלבן טאָג זענען די קינדערשע קעפּלעך געווען אויסגעצוואָגן, די מיידלעך איבערגעטאָענע און די מאַמע איז געשטאַנען אין סאַליע אַנטקעגן שפּיגל און געקעמט אירע האָר.

דאָס הויז איז אָנגעפילט מיט די ריחות פון די ערשט־פון־אויוון אַרויסגענומענע חלות, די שבתדיקע מאכלים און פריש געוואַשענע העמדער, וואָס שמעקן מיט זייף און בליטשקע. שמעון פילט די פרישקייט פון דעם נאָר־וואָס געביטענעם העמד. עס גלעט מיט איר ווייכקייט דאָס לייב. די הויט אונטער די נאָר־וואָס אויסגעצוואָגענע האָר פילט זיך גרינג און בייסט פון ריינקייט.

ער זיצט און וואַרט אויף שבת.

דער שבת קומט אָן פון אויפן „זאַמד", לעבן וואַלד, וווּ עס שטייען אַ סך שיינע נייע הייזער. פאַרוואָס פון דאָרטן? ווייל צווי זייטן פון שטעטל זענען געווען אַרומגערינגלט מיט בלאָטעס, וווּ עס איז געוואַקסן פלושניק און נידעריקע, פאַרצווייגטע ווייַנענדיקע ווערבעס און שטעכיקע פאַרסמטע קוסטעס. שוואַרצע יאַגדעס זענען געוואַקסן אויף די קוסטעס. די יאַגדעס זענען געווען שיין אויפן אויסזען, אָבער דער וואָס האָט זיי געגעסן איז משוגע געוואָרן. אין די בלאָטעס

ווימלען זיך זשאַבעס, יעווויונעס, שלאַנגען, יאַשטשערקעס, רויב־פייגל און אַלערליי שרצים. דער שבת וועט זיך דאָך נישט אויפהאַלטן אין אַזאַ אומריין אָרט!

צום דריטן זייט פון שטעטל איז געשטאַנען דער וואָקזאַל — אַלעמאָל אַ גויישער, אַ וואָכעדיקער, אַ טומלדיקער. רק ער האָט געפייפט, רק ער האָט גע־הודזיעט. אפילו אין זייערער אַ חגא, אָדער זונטיק, זענען פאַרבייגעפאָרן באַנען און וואַגאָנעס האָבן געקלאַפּט. ווי קען זיך אויפהאַלטן דער רויקער שבת אין אַזאַ קאלאקאטקע פול מיט גויים.

דער שבת קומט אָן פון אויפן זאמד, ווו עס איז רויק, ציכטיק און שטיל אפילו אין מיטן וואָך. ווען די זון באַגילט די שפּיצןביימער פון דעם דערבייאיקן וואַלד, קומט אָן דער שבת און הייבט אָן אַרויסשטופן דעם וואָכעדיקן אוויר.

וווהין שטופּט אַריין דער שבת די וואָכעדיקייט? צו די גויים אין דאָרף, וואָס שטייט נישט ווייט פון שטעטל, אַ גאַס הינטער דאָבעס פלויט. דער אינדער־וואָכן בלייבט פאַרשטעקט צווישן די גויישע כאַטעס, וואָס זענען געדעקט מיט שטרויענע דעכער; צווישן די סטאַדאָלעס, אין די פינצטערע שייערן, אין די גערטנער און פעלדער, ווו די גויים אַרבעטן.

ווען שמעון איז עלטער געוואָרן, האָט אים באַומרויקט אַן אַנדער פראַגע. משיח וועט דאָך קומען, יידן וועלן פאַרנעמען גאַנץ ארץ ישראל, קיין גוי וועט דאָך דאָרטן נישט זיין אויף קיין רפואה. ווו וועט זיך דעמאָלט אַהינטון דער אינדערוואָכן? ער האָט געפונען אַ תירוץ — אין חוץ לארץ. דער שבת וועט אַריינשטופּן דעם אינדערוואָכן אין די דערבייאיקע לענדער, ווו די גויים וווינען.

אָבער אין סוף פון די טעג — באחרית הימים — וועלן דאָך אַלע גויים ווערן יידן. עס וועט אָנקומען די צייט פון יום־שכולו־טוב — אַן אָפּשניט צייט פון בלויז שבת און יום־טוב. ווו וועט זיך אַהינטון דער אינדערוואָכן? דעמאָלט וועט דער אינדערוואָכן אַריינגעשטופּט ווערן אין ים אַריין. דאָרטן וועט ער צעגיין ווי זאַלץ צעגייט אין וואַסער. דער שבת וועט בלייבן הערשן אויף לעולם ועד.

שבתים און שבתים. עס זענען געווען גוטע, רויקע און זאַטע שבתים — מיט פיש, פלייש און יויך און אַפילו אַ קוואַרטירעלע בראָנפן אויף שבתדיקער ברכה. עס זענען געווען אומעטיקע, אָרעמע שבתים — אָן פיש און אפילו אָן פלייש. די זאָרג האָט זיך געשפּאַרט פון די ווינקלען, וווהין מען האָט זי פאַר־שטופּט. די מאַמע האָט געזיפצט, פאַרגאָסן אַ טרער ווען זי האָט געלייענט דעם „צאינה וראינה״. אָבער מען האָט נישט גערעדט פון דעם. ס'איז שבת!

אין די ערגסטע שבתים, ווען מען איז אָפּגעקומען מיט שעהי־פּעהי און אַ מילכיקן טשאָלנט, איז די שטוב נישט געווען קיין וואָכעדיקע. דער טיש איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ריינעם אויסגעפּרעסטן טישטעך. ליכט זענען געשטאַנען אין די לייכטער. חלות האָט מען געבאַקט. מען האָט אָנגעטאָן פרישע העמדער און זיך איבערגעטאָן אין שבתדיקע בגדים. דער טאַטע האָט געטראָגן אַ סורדוט און די מאַמע אַ לאַנג קלייד און פאַרביטן דאָס קאָפּ־טיכל אויף אַ קאַסינקע.

אין די אָרעמסטע שבתים האָט מען געגעסן בנעימות, די גאַנצע משפּחה אַרום טיש. פּרייטיק צונאַכט, ווען מען איז געקומען פון שול, האָט מען געזונגען די שלום עליכמס. דער טאַטע האָט געמאַכט קידוש מיט דער זעלבער פרייליכקייט אויף חלה ווי אויף ווייַן. געוויינטלעך האָט מען ביי ירוחים בן ציונס טיש נישט געזונגען קיין סך זמירות. דער טאַטע איז נישט געווען אפילו פון די קליינע זינגערס. חוץ דעם איז ער פרייטיק צונאַכט געווען אַלעמאָל שלעפעריק, ווייל ער איז געווען מיד פון דער אַרבעט. באַלד נאָך דער ערשטער געריכט האָבן זיך אים גענומען קלעפּן די אויגן. שבת צום וואַרעמס איז ער געווען שלעפעריק, ווייל ער איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג צום תהילים. אָבער דווקא אין די אָרעמע שבתים האָט מען געזונגען די זמירות האַרציק, הויך און מיט התלהבות.

נאָך עפּעס געדענקט שמעון: טאַטע־מאַמע האָבן זיך קיינמאָל נישט געקריגט אום שבת.

## קאַפּיטל 15

# צוויי שבתים

פון אַלע שבתים שיילן זיך אַרויס אַ שבת פאַרטאָג און אַ שבת פאַרנאַכט.

דער שבת פאַרטאָג איז געווען אין אַ מיטן ווינטער. דער טאַטע גייט ווינטער איבער די דערפער אַרבעטן פאַר די פּויערים. ער פלעגט אָנלאָדן אויף זיך אַ פּאַק מיט יוכט, פאַדעשוועס, קאַפּולעס און אַלע אַנדערע שוסטער־געצייג און זיך אַוועקלאָזן אויפן ישוב. געדענקט שמעון, אַז אין יענעם ווינטער האָט זיך דער טאַטע געזאַמט פולע זעקס וואָכן. ער איז געקומען אַהיים אין אַ פּראַסטיקן פרייטיק, אויף אַ פּויערשן פורל, אָנגעלאָדן מיט כל טוב: אַ זעקל קאַרטאָפל, אַ מעסטל לינדזן, צוויי שאָק אייער, אַ פּאָר הינער, אַ האָן מיט ברוינע פעדערן, אַ שטייפן קאָם און פּיס מיט „שפּאָרן". ער האָט אויך געבראַכט מיט זיך אַ זאַק בוריקעס, אַ מעסטל בעבלעך און אַ צעבערל קרויט; האָניק און אַ זעקעלע מאָן. קאָנטיק אויך אַ שיינע פּאָר קערבלעך מזומנים.

ווי נאָר ער איז אַראָפּ פון דער פור, האָט אים די מאַמע דערלאַנגט פרישע גרעט: אַ העמד און גאַטקעס און געזאָגט צו אים:

— נו, לויף, וועסט נאָך פאַרכאַפּן די באָד. מירן שוין דאָ אַלץ אויסשטעלן. יאָג זיך, ס'איז דאָך היינט ערשט צוויי וואָכן נאָך קורץ־פרייטיק.

פאַרטאָג האָט שמעון געהערט ווי די מאַמע וועקט דעם טאַטן:

— בענטשע, בענטשע, שטיי אויף!

דער טאַטע האָט זיך ראַפּטאָם אויפגעזעצט אין בעט און אַרויסגעברומט אַ פאַרשלאָפענער:

— האָ, וואָס איז געשען?

— גאַרנישט, — האָט די מאַמע געענטפערט, — ס'איז שוין צייט אויפשטייך צו תהילים.

שמעון הערט ווי איבערן ווענטל האָט דער טאַטע עפּעס אַ בורטשע געטון און צוריק אַ פאַל געטון אין בעט. די מאַמע האָט אים געלאָזט אַ ווײלע שלאָפן און ווידער אָנגעהויבן וועקן:

— בענטשע, שטיי אויף, ס'ווערט שפּעט!

שמעון הערט ווי דער טאַטע האָט זיך אויפגעזעצט, זיך שטאַרק צעגענעצט, „אויסגעפּעטשעהירעט" זיך און אַרויסגערעדט צווישן גענעצן:

— לאָזט נישט לעבן, מערע!

די מאַמע האָט נישט געענטפערט. שמעון הערט ווי דער טאַטע פּאָרעט זיך מיט די קליידער. באַלד הערט ער ווי דער טאַטע רעדט האַלב גוטמוטיק און האַלב מיט פּאַרדרוס:

— וואָס גייט דיר אין לעבן, מערע, איך זאָל גיין צו תהילים? דוכט זיך, אַז דו האָסט רק טענות צו גאָט. ביסט קיינמאָל נישט שוה בשוה מיט אים. ווי לאַנג צוריק, שטייענדיק ביים אויוון, האָסטו זיך צעטענהט: „דו זיצסט אויבן און משפּטסט אונטן. האָסט מלאכים און שרפים אַרום דיר, דאַרפסט נאָר אַ ווונק טון מיט אַ פינגער און זיי גליען צו טון דיין רצון. אָבער לאָמיר זיך ביטן, — האָסטו גע־טענהט, — לאָז מיך אַרויף אויבן, זיצן אויפן כסא הכבוד, און דו נידער אַראָפּ אַהער, אויף דער ערד. ווער אַ ייִדענע און האָב אַ מאַן אַ שלימזלניק, וואָס פאַרדינט נישט אויף חיונה, מיר'ן זען סאַראַ צדיק דו וועסט זיין". איך זאָג דיר: מיינע אויגן זענען אַרויסגעקראָכן פון שרעק ווען איך האָב געהערט פון דיין מויל אַזעל־כע רייד. איצט, טרייבסטו מיך צו זאָגן תהילים. אָסור מיר צי עס קלעפּן זיך בײדע זאַכן!

די מאַמע האָט אַ ווײלע געשוויגן, דערנאָך אַ זיפץ געטון:

— נישקשה, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט איך האָב גערעדט, נאָר מיינע צרות האָבן אַרויסגעשריגן פון מיר. וואָס מיינסטו, ער איז גלאַט אַ סודיאַ (אַ ריכטער) ווי אַלע סודיאָס? ער האָט אַביסעלע מער שכל. חוץ אַלעמען ווייסט ער דאָך, וואָס עס טוט זיך ביי אַ מענטשן אין האַרצן. וואָסי, איך האָב צו אים גע־רעדט אין רחבות, אין שפע?

דער טאַטע, וואָס געווײנטלעך איז ער נישט געווען קיין גרויסער ריידער, און אַוודאי און אַוודאי איז ער קיינמאָל נישט געבליבן גערעכט, ווען ער האָט זיך געשפּאַרט מיט דער מאַמען, האָט אַפּנים איצט געפונען אַ שעת הכושר זיך אויסצוטענהן מיט איר אויף אַן אמתן.

— אָבער וואָס ווּעסטו האָבן, אַז איך וועל שוין פאַרדינען נאָך אַ מצווה? דו בלייבסט דאָך שלאָפן, וואָס וועט דיר וואַרעמען מיינע אַ מצווה?

די מאַמע האָט אים שטיל געענטפערט:

— ביסט אַ נאַר, בענטשע, וויפל מצוות דו וועסט אָנקלייבן, וועט מען דיך אַלץ נישט אויפנעמען אויף יענער וועלט מיט אַזאַ פּאַראַד, ווי מען וועט אויפנעמען לייבקע שרהס, דער למדן, דער בעל־צדקה און גבאי פון שול. ווו מיינסטו וועט מען דיך אַוועקזעצן, אין גן־עדן, אויבנאָן? מסתמא דאָרט ווו אַלע שוסטערס זיצן. ווו זיצן שוסטערס? לעבן טיר! נו, אַ ווייב איז דאָך דאָס פוסבענקעלע פון מאַן, וועל איך זיצן נאָך נידעריקער, מיינע פיס וועלן מסתמא אַרויסשטאַרטשען אין דרויסן. כאַפּ אַריין אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים. אפשר וועט מען דיר זעצן צווישן די ערשטע פון די שוסטערס און איך וועל נישט זיצן מיט די פיס אין דרויסן!

דער טאַטע האָט שוין געענטפערט בייזלעך:

— עי, טרייבסט דאָך גאָר ליצנות!

— ווי מען פרעגט, אַזוי ענטפערט מען, — האָט די מאַמע געענטפערט טראַ־ציק, — איך האָב געמיינט, אַז מאַן און ווייב זענען איינס — אַ קליאַמקע מיט אַ טיר, אויף יענער וועלט, ווו דער מאַן זיצט, דאָרט זיצט די ווייב.

באַלד האָט זי געביטן איר טאָן:

— איי, בענטשע, בענטשע, ווייסט קיינמאָל נישט ווי גינציק איך בין דיר. אַז איך צעשריי זיך אַמאָל, איז וואָס? מיינסטו טאַקע, אַז אין מיין כעס, ווייס איך אַקוראַט וואָס איך רייד? אָבער וואָס איך ווינטש דיר זאָל דאָס מיר זיין. איך שיק דיך זאָגן תהילים. איך מיין דיין רעה? אָט ביסטו נעכטן איינגעשלאָפן ביים עסן. נו, האָב איך דיך געוועקט און דיך געבעטן נעמען נאָך אַ שטיקל עוף, נאָך אַ ביסל צימעס. האָסט דאָך נישט געהאַט קיין וואַרעם לעפל געקעכץ אין מויל פולע זעקס וואָכן. די זעקס וואָכן וואָס דו ביסט געווען צווישן די גויים האָסטו נישט פאַרזוכט קיין קדושה, קיין ברכו און קיין קאַפּיטל תהילים מיט אַ ייִדישן עולם. וויל איך, דו זאָלסט פאַרזוכן אַביסעלע תהילים, מיט דער חברה תהילים. ס׳איז עפּעס אַזאַ שלעכטער ביסן? אין שול איז איצט ליכטיק און וואַרעם. דער ניגון פון תהילים צעגייט זיך אין אַלע גלידער. עולם הבא איז מסתמא גוט. אָבער מיט זאָגן אַ פּאָר יומען תהילים קען מען זיך אויך נישט פאַרסמען. הלוואי וואָלטן ווייבער געהאַט אַזאַ מצווה; הלוואי פירט זיך, אַז ווייבער זאָלן גיין צו תהילים איז אַך אַ מצווה. איך וואָלט געלאָפן.

דער טאַטע האָט זיך שטיל צעלאַכט:

— אַ צינגל, — אַ בריטוועז נישקשה, וועסט דאָרטן אויך נישט פאַרלוירן ווערן. וועסט זיך אויסטענהן מיטן רבונו של עולם. דו וועסט אַוועקלייגן אַ מענה־לשון פאַר אים, אַז ער וועט צוגעבן, אַז דו ביסט גערעכט. קאָנסט אַלע אַדוואָקאַטן בייקומען. ער וועט דיר נאָך אַריינפירן אין אַ באַזונדער סאַליע און מיך, ווייס איך, וועסטו מיטשלעפּן.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטיל געלעכטער און אַ פליסטערן פון דער מאַמען:

— נו, געגנוג, גיי זאָגן תהילים!

דער טאַטע האָט זיפץ געטון:

— איי, איז דאָס אַ מערע, אַן אמתע מערעלע, זיס ווי צוקער!

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל וואָס שמעון האָט געהערט וועלכע ס'איז צאַרטע און גוטע רייד, צווישן דעם טאַטן און דער מאַמען.

*****

אַ זומערדיקן שבת פאַרנאַכט. תהילים זאָגן איז געווען אַן איינגעשטעלטער מנהג אין שטעטל. צו דער חברה תהילים האָבן געהערט כמעט אַלע בעלי־מלאכות. מען האָט זיי גערופן „דוד המלכס גוואַרדיע״. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט דעם חוב צו זאָגן אַלע טאָג אַ פּאָר יומען תהילים. חוץ דעם האָבן זיי שבת געזאָגט בציבור דריי מאָל תהילים: שבת פאַרטאָג, שבת בייטאָג און שבת פאַרנאַכט.

צום שבת פאַרטאָגיקן און שבת בייטאָגיקן תהילים זאָגן, פלעגן קומען נאָר די פון דער חברה. אָבער שבת פאַרנאַכט, פלעגט דאָס גאַנצע שטעטל זאָגן תהילים בציבור. געוויינטלעך אין דער בין השמשותדיקער שעה, פלעגט מען אָפּזאָגן דאָס קאַפּיטל קי״ט „אַשרי תמימי דרך״, וואָס האָט גאַנצע הונדערט און זעקס און זיבעציק פסוקים, אַכט מאָל דעם אַלף־בית.

שמעון איז נאָר איינמאָל געווען ביים פאַרטאָגיקן תהילים זאָגן. שבת בייטאָג איז ער געווען פאַרנומען אין חדר. נאָך דעם חדר איז ער אַוועק צו שפּילן זיך מיט די יינגלעך. אָבער דעם פאַרנאַכטיקן תהילים זאָגן, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרפעלט — די בין השמשותדיקע שעה איז געווען אי די העכסטע הויך פון שבת, אי דער סוף פון שבת, אי דער אָנהייב פון וואָך.

ערב־שבת איז דאָס שטעטל געווען אויפגערודערט. אין דער שעה פון פאַר ליכט־בענטשן איז דאָס שטעטל געווען ווי עקזאַלטירט אין איר איילעניש מיט אַרויספּטרן די וואָך און צוגרייטן זיך פאַרן שבת. אָבער שבת נאָכמיטיק, באַלד

נאָכן שבתדיקן שלאָף, האָט אַ זיסע אומעטיקייט אַראָפּגענידערט אויפן שטעטל. די שבתדיקע רו איז געווען אויסגעמישט מיט שווער־געמיט. דער פּרק זאָגן האָט געהאַט אַ מינאָרע מעלאָדיע, דער ניגון פון דער שבתדיקער מנחה, איז נישט געווען קיין האָפּערדיקער און קלינגענדיקער ווי דער שחרית אָדער מוסף. אין די שלוש סעודותדיקע זמירות איז נישט געווען קיין זכר פון פריילעכקייט, אָדער מונטערקייט.

דער קלימאַקס פון איבערברוך פון קודש לחול — פון הייליקייט צו וואָכע־דיקייט, איז געקומען צום תהילים זאָגן, נאָך מנחה. יאָשע דער בלינדער האָט געהאַט די חזקה ביים עמוד. מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער קען דעם תהילים אויף אויסנווייניק צוריקוועגס. ער איז געשטאַנען ביים עמוד, פאַרשטעלט מיט דער האַנט די בלינדע אויגן און אַרויסגעזונגען פּסוק נאָך פּסוק און דער עולם האָט נאָך אים איבערגעחזרט יעדן פּסוק. דער גרעסטער טייל פון דעם עולם האָט נישט פאַרשטאַנען די ווערטער, געוווּסט איין טייטש פון צען. אָבער יעדער איינער האָט אין די ווערטער און אין דעם ניגון אַריינגעלייגט זיין אייגן בענק־שאַפט, צער און טרויער. דער ניגון איז געווען אַ באַגלייטונגס־געזאַנג צו דער מלכה שבת, וואָס האָט געבראַכט רו, זאַטקייט, גליקזעליקייט און געמיטלעכקייט, און מען האָט געקענט דינען גאָט אי מיט דעם גוף, אי מיט דער נשמה. דער פאַר־נאַכטיקער תהילים איז אויך געווען אַ קלאָגליד אויף דער אָנקומענדיקער וואָכע־דיקייט, אויף דער פאַריאָגטקייט, וואָס וואַרט באַלד נאָך הבדלה; ער איז אויך געווען אַ געבעט, אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען און פאַרגרינגערן די מערכה, ווייל ס'איז שווער, זייער שווער צו לעבן. דער דלות איז גרויס, די דחקות איז נישט אויסצוהאַלטן און דאָס פאָלק ישראל איז ווי אַ שעפעלע צווישן וועלף. העלף, אונדז גאָט, איי, רבונו של עולם, האַרציקער טאַטע.

געדענקט שמעון יענעם שבת פאַרנאַכט. יאָשע דער בלינדער וויינט אויס:

— מיין נשמה גייט אויס נאָך דיין הילף, אויף דיין וואָרט וואַרט איך!

דאָס ייִנגל דאַרף נישט נאָכזאָגן יאָשען. יעדער וואָרט איז אַ לעבעדיקע געשטאַלט, וואָס טאַנצט אים פאַר די אויגן. ער ווייסט אַפילו נישט צי דאָס וואָרט ווערט אַרויסגעזאָגט אויף לשון־קודש, צי אויף ייִדיש.

— מיינע אויגן גייען אויס נאָך דיין הבטחה, אַזוי צו זאָגן:

ווען וועסטו מיך טרייסטן?

הגם איך בין איינגעשרומפּן ווי אַ לאָגל, וואָס הענגט אין רויך,

דיינע מצוות טו איך נישט פאַרגעסן!

דאָס וואָרט לאָגל פאַרהאַקט זיך ביי אים. ער האָט קיינמאָל קיין לאָגל נישט געזען. עס איז מסתמא אַ זעקל געמאַכט פון פעל. עס טוט אים אַ בליץ אַ מעשה:

ווען די ייִדן זענען פֿאַרטריבן געוואָרן אין גלות, האָבן זיי געבעטן מען זאָל זיי טרייבן דורך דעם לאַנד ישמעאל. זיי זענען דאָך ברידער, וועלן זיי רחמנות האָבן. די ישמעאלים זענען טאַקע אַרויסגעקומען אַנטקעגן די ייִדן מיט עסן, געזאַלצענע עסנס. נאָכן עסן זענען די געפּאַנגענע דורשטיק געוואָרן, האָבן זיי די ישמעאלים דערלאַנגט אָנגעפּילטע לאָגלען. די ייִדן האָבן צוגעלייגט די מיילער צו די לאָגלען און געעפֿנט זיי, גרייט צו טרינקען דאָס דערלאַנגטע וואַסער. אָבער די לאָגלען זענען געווען אָנגעפּילט מיט ווינט, וואָס איז אַריין צו די גולים אין די געדערים און אויפֿגעריסן זיי די בייכער. אויף דערויף זאָגט דער נביא: איך האָב גערופֿן צו מיינע פֿריינט און זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט.

נאָך די סעקונדן ווי די מעשה האָט זיך ביי שמעונען אויסגעלייגט אין קאָפּ, הערט ער ווי יאָשע דער בלינדער זינגט אויס אַ פּסוק, וואָס איז ווי אָנגעמאָסטן אויף שמעונס דערמאָנונג:

— זיי האָבן מיך שיר נישט אומגעבראַכט פֿון דער וועלט,
אָבער איך האָב נישט פֿאַרלאָזט דיין געבאָט!

דאָס ייִנגל האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן די נשמה צערודערט־קייט. ער איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שול.

ער איז געגאַנגען צום וואַלד צו, „אויפֿן זאַמד״. נאָך די קראָמען איז גע־שטאַנען דער קלויסטער. דער גרויסער גלאָק האָט זיך צעקלונגען.

— אַפּנים ער רופֿט די גויִים צו זייער זונטיק־געבעט, — האָט שמעון גע־טראַכט.

ער איז געגאַנגען ווייטער. ער איז אָנגעקומען צו אַברהם וויינערס שטוב, ווו עס האָט זיך געפֿונען די מאַנאָפּאָל. דער דרויסן איז געווען שוואַרץ פֿון פּויערים. אַ ביסל אָן אַ זייט איז געשטאַנען אַנטאָן, איינער פֿון די בעלי־גופֿים פֿון דאָרף, מיט זיין ווייב פּאַראַשקע, די קעפּ צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן און אין דער לינקער האַנט האָט אַנטאָן געהאַלטן אַ פֿלאַש וואָדקע, אַ פֿלאַש מיט אַ רויטן פֿאַרטעכל. ער האָט גענומען אַ זופּ און איר געגעבן אַ זופּ. צווישן די זופּן זענען זיי זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געזאַנג:

— אוי גורל, מיין גורל,
דו פֿינצטערער מזל מיינער!
נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד,
אוי גורל, מיין גורל,
דו פֿינצטערער מזל מיינער!

שמעון האָט זיי נאָכגעקוקט. זיי האָבן געזונגען דאָס טרויעריקע ליד מיט דעם האַרצרייסנדיקן ניגון, וואָס באַוויינט דעם גורל פון פויער און זיך געשאָקלט, נישט געקענט איינשטיין אויף די פיס. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אונטער־געשפּאַרט. ווען דאָס פלעשל איז געוואָרן כמעט ליידיק, זענען זיי ביידע אומגע־פאַלן. אַנטאָנס רעכטע האַנט איז אַליץ געווען פאַרוואָרפן מיט ליבשאַפט אַרום פּאַראַשקעס נאַקן און די לינקע האַנט האָט נישט אָפּגעלאָזט דאָס פלעשל. ביידע זענען געלעגן אין בלאָטע און געזונגען דאָס ביטערע, אומעטיקע ליד: „אוי גורל, מיין גורל!״

דער קלויסטער האָט זיך צעקלונגען אויף אַלע גלעקער.

שמעון איז אַוועק צוריק אין שול. דער שמש האָט אַ פּאַטש געטון אין שולחן. דער שליח־ציבור האָט אָנגעהויבן:

והוא רחום יכפר עון.

## קאַפּיטל 16

# אַן עפּל

שמעון האָט מקנא געווען זיינע חברים, וואָס האָבן משפּחה און קרובים אין שטעטל. שבת־ראש־חודש גייט מען איינער צום אַנדערן אויף ברכה, יום טוב גייט מען אויף כּיבוד. ייִנגלעך וואָס זענען אייגענע, זענען נאָענטע חברים. ער האָט אָבער נישט געהאַט אין שטעטל נישט קיין זיידעס און נישט קיין באָבעס, נישט קיין פּעטערס און נישט קיין מומעס און נישט קיין אַנדערע קרובים. עס זענען עפּעס יאָ געווען עטלעכע נישט קיין לייבלעכע קרובים, אָבער מען האָט זיך גע־האַלטן פון דערווייטנס.

שמעונס מאַמע, מערע, איז געווען אַ געבוירענע אין אַזאַריטש. דער טאַטע, ירוחים בן־ציון, איז טאַקע געווען אַ קאַלינקאָוויטשער פון אָבות אַבותיו, דאָך זע־נען קיין קרובים אין שטעטל נישט געווען.

שמחה־גוטע, שמעונס זיידע פון טאַטנס צד, איז געווען דעם סטאָלענעם רבינס בעל־עגלה. ער פּלעגט אים אַרומפּירן איבער די שטעטלעך פון געגנט. ווען דער רבי פּלעגט בלייבן זיצן אין דער היים, האָט שמחה־גוטע געפּירט משא פון מאַזיר קיין קאַלינקאָוויטש. איינמאָל, באַלד נאָך פּורים האָט ער געדאַרפט ברענ־גען אַ וואָגן מיט פּסחדיקע מעל אין שטעטל. צווישן מאַזיר און קאַלינקאָוויטש איז געלעגן דער פּריפּעט. אין יענעם יאָר איז געווען אַ פריִער פרילינג. מען האָט געוואָרנט שמחה־גוטען, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזן מיט אַזאַ שווערן שליטן איבער דעם שוואַרץ געוואָרענעם איִז. אָבער שמחה־גוטע האָט אַ בורטשע געטון אין באָרד: „אַ שטעטל ייִדן וועלן בלייבן אָן מצה" — און זיך געלאָזט איבערן טייך.

ער האָט געלאָזט נאָך זיך פיר יתומים: צוויי זין און צוויי טעכטער. דער עלטערער זון, בנימין, האָט חתונה געהאַט זייער יונג, מיט אַ מיידל פון אַ דער־

בייאיקן דאָרף. ער איז געווען אַ שטיקל למדן און קאַנטיק, אַז ער האָט זיך גע־שעמט מיטן ייִנגערן ברודער, ירוחים, וואָס איז געוואָרן אַ שוסטער. דער דאָרף איז געלעגן גאָר דערביי, דאָך איז בנימין זעלטן געקומען אין שטעטל. אַפילו אויף ימים נוראים איז ער געפאָרן אין אַ ווייטערדיקן שטעטל.

שמחה־גוטעס צוויי טעכטער האָבן חתונה געהאַט מיט בעלי־מלאכות פון שטעטל. אָבער ביידע זענען געשטאָרבן נאָכן ערשטן קימפעט. די מענער האָבן ווידער חתונה געהאַט און זיי האָבן זיך געהאַלטן ווייטלעך פון רחל־לאהן — גוטעס אַלמנה.

די באָבע רחל־לאה איז געשטאָרבן אײדער שמעון איז געבוירן געוואָרן. איז פון טאַטנס צד נישט געווען קיין איין בלוט־אייגענער קרוב.

די מאַמע האָט געהאַט ברידער און שוועסטער אין איר שטעטל. אויך איר מאַמע האָט געלעבט. שמעון האָט זיי אַלעמען בלויז איינמאָל געזען. דעם איינציקן וואָס ער האָט גוט געקענט איז געווען דער פעטער מאַטוס, דער מאַמעס מיטלען ברודער.

דער פעטער מאַטוס איז געווען אַ סאַדאָווניק — געהאַלטן סעדער, צוויי מאָל אַ זומער פלעגט ער קומען קיין קאַלינקאָוויטש — באַלד נאָך תשעה־באָב, מיט צוויי וועגענער קאַרשן און אין מיטן אלול — מיט פיר פורן אַלערליי פרוכטן.

ס'איז כדאַי געווען אָנצוקוקן אי די פורן אי דעם פעטער.

די פורן זענען געווען געבויט טיף. די זייטן געמאַכט פון לייטערלעך מיט געדיכטע טרעפּלעך. דער דעק פון דעם וואָגן און די זייטן זענען געווען אויסגע־בעט מיט שטרוי. די פרוכטן האָט ער צעלייגט שיכטנווייז, איבער יעדן שיכט — אַ קאָלדרע פון פרישן שטרוי. דער גאַנצער וואָגן איז געווען צוגעדעקט מיט אַ דיקן לייוונט, וואָס מען האָט גערופן ברעזענט. דער ברעזענט איז געווען שטייף פאַרצויגן איבערן וואָגן, פאַרבונדן און פאַרקנופּט, די פרוכטן זאָלן זיך נישט צעקלאַפּן, ווען דער וואָגן טרייסלט זיך אין גאַנג, און ווערן „בראַק“.

דער פעטער מאַטוס איז געווען אַ הויכער, אַ דינער, שוואַרץ ווי אַ ציגײַ־נער'שער שמיד. די באַקן זיינע זענען געווען גלאַטע, אָן אַ סימן פון אַ באָרד, בלויז אויף דער שפּיץ מאָרדע האָט זיך געטרייסלט אַ לאַנג בערדעלע שוואַרץ ווי סאַזשע. אויגן האָט ער געהאַט בלוי־גרינע, אַט ווי שמעונס אויגן, נאָר אומ־רויקערע.

ווען ער איז אָנגעקומען אין שטעטל האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ ריח פון עפּל, פלוימען, אַגרעסן, געמישט מיט אַ ריח פון אָפּגעשניטענעם היי און דופטיקייט פון ביימער און ווינטיקייט פון דעם דרויסן.

אַ דאַרער, אַ לאַנגער, אַ רירעוודיקער, אַ פריילעכער, פלעגט ער אַריינפאַלן אין שטוב מיט אַ פולער פאָלע אויבס און נאָך אים האָבן זיך געשלעפּט צוויי פּויערים מיט פולע קוישלעך מיט פּרוכט. ער האָט אַרויסגעזונגען אַ שיינעם גוט־העלף און אָנגעהויבן מאָלן:

— דיר, שוועסטער מערע, טו אַ קוק, האָב איך געבראַכט אַגרעסן די גרויס ווי וועלשענע ניס, אַ קווערטעלע צוויי דריי. וויינפּערלעך — דאָס צייל איך נישט — גרויס זענען זיי ווי אַגרעסן און רויט ווי „זיצקע". גדוילן און עפּל און ווינגערקעס (שוואַרצע לענגלעכע זיסע פלוימען), טראָגן די ערלים. איצט וועסטו זיין פאַרנומען טאָג און נאַכט. פון די אַגרעסן און וויינפּערלעך וועסטו אויספּרעגלען וואַרעניע. די סאַפּאַזאַנקיס (אַזעלכע באַרנעס) וועלן זיין גוט אויף שבת אויבס. זיי זענען זיס ווי צוקער און צעגייען זיך אין מויל ווי כאַלוואַ. פון די ווינגערקעס וועסטו מאַכן סאָק אויף ווינטער. אויסרעכענען אַלץ, וואָס דו וועסט קענען טון מיט די פּירות האָב איך נישט קיין כוח. נישקשה, דיר האָט אויך נישט אויסגעדאַרט דער מוח — פאַרענדיקט דער פעטער מיט אַ גראַם.

די מאַמע האָט אים אָנגעקוקט מיט לאַכנדיקע אויגן:

— זע נאָר ווי ער האָט זיך צעמאָלט ווי אַ מיל. אַ מין אַריינפאַלן אין שטוב. האָסט שוין געמעגט אַריינקומען אין שטוב ווי אַ מענטש, זיך אַוועקזעצן טאַקע ווי אַ טאַטע פון אַ דערוואַקסענער טאָכטער און אָפּגעבן אַ גרוס פון אַלעמען. וואָס מאַכט פראַדע, דוד, פייגע און ריווע? האָסטו געהערט פון שלמהן אין באַברויסק?

דער פעטער טוט אַ צי אויס די האַנט, צעשפּרייט די פינף פינגער און הייבט אָן ציילן:

— אונדזער ברודער, שלמה דער געלער, זיצט אין באַברויסק און עסט פון טעלער. דוד נייט סערמיענגעס, האַלט אַ סאַד און גייט אַלע טאָג אין באָד. פראַדע איז אויף דער צייט און אַן איך־יאַריק יינגל האַלט זי ביי דער זייט. פייגען און ריווען האָב איך אייערנעכטן געזען. אַליין ביי זיי אין שטוב געווען.

די מאַמע האָט זיך צעלאַכט:

— ווערסט גאַרנישט עלטער, מאַטוס, ביסט געבליבן דער זעלביקער לץ. אָבער ביסט אַ גוטער, אַלעמאָל געווען אַ גוטער. וואָס מאַכן די קינדער?

— וועלכע קינדער? מיינע צי אירע, צי אונדזערע בײדנס?

— נו, איך וועל שוין ביי דיר גאַרנישט דערגיין. וואַש דיך עסן — זאָגט די מאַמע.

— וואַרט, איך וועל נאָך עסן. פריִער קומט חברה באַץ, — האָט ער זיך אַ קער געטון צו אונדז, קינדער, וואָס האָבן געוואַרט אומגעדולדיק ער זאָל אונדז

רופן. — דיר, רחל־לאה, נאַ אַ פלוים. דיר עלקעלע אַ גדויל. און מיר אַליין? — האָם —אַ פּאָר פלוימען גליידך אין מויל!

אַזוי ריידנדיק האָט ער קונציק אַ וואָרף געטון אַ פּאָר פלוימען אין דער הויך, צעעפנט זיין מויל און זיי אַריינגעכאַפּט. ער האָט שנעל צעקייט די פלוימען, אַרויסגעשפּייט די קערלעך, אַ שלונג געטון און ווייטער געגראַמט:

— שמחהן אַ באַרנע, שלמהן אַן עפּל, דיר, שמעון — אַ קניפּ אין בעקל.

שמעון פאַרשטייט נישט פאַרוואָס האָט דער פעטער ליב דווקא אים צו קנייפּן. קיין פּוכקע באַקן האָט ער נישט, קיין גרעסערער שטיפער פון די אַנדערע קינדער איז ער אויך נישט. איז פאַרוואָס קנייפּט אים דער פעטער? שמעון שטויסט זיך אָן, אַז דער פעטער וויל אַרויסווייזן אַ באַזונדערע ליבשאַפט צו אים, דעם לערנער, מיט וועלכן די משפחה גרויסט זיך.

שמעון איז נישט צופרידן פון אָט דער מאָדנער ליבשאַפט — דעם פעטערס קנייפּן, „שטציפּען" האָט מען עס גערופן אין שטעטל, איז גאָרנישט געווען קיין מאכל. דעם פעטערס פינגער זענען געווען ביינערדיקע, דינע, שטייפע ווי דראָט. וואָלט ער נאָך אָנגענומען מיט די פינגער די גאַנצע באַק, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. ער האָט אָבער געהאַט אַ טבע אָנצונעמען נאָר אַ קליין שטיקל באַק, די הויט מיט עטוואָס פלייש אונטן. צום ערשטן האָט ער עס אַ קניפּ געטון, דערנאָך אַ דריי געטון דאָס פּיצעלע אַריינגעכאַפּטע באַק און עס אָפּגעלאָזט מיט אַ קנאַק. פון אַזאַ קניפּ פאַרקאַלופּעט ביים האַרצן און עס בלייבט אַ רויטער סימן אויפן באַק אויף שעהן לאַנג.

אין יענעם זומער האָט שמעון געליטן אויף צאָן־ווייטיק. וואָכן לאַנג האָט אָנגעהאַלטן דער צאָן־ווייטיק. ביסלעכווייז האָבן זיך די ווייטיקן איינגעשטילט, נאָר איין באַק איז געבליבן אַביסל געשוואָלן. נישט צו שטאַרק אַזוי, אַז עס זאָל זיין קאָנטיק, אָבער גענוג, אַז מען זאָל זיך נישט קענען צורירן צו איר.

קומט שמעון פאַרנאַכט פון חדר, אַהאַ! דער פעטער איז דאָ. ער זיצט ביים טיש און עסט. ער שנײַדט אָפּ בנעימותדיק מיט אַ קליין קעשענע־מעסערל דינע פּענעצלעך פון לעבל ברויט, טונקט דאָס ברויט אין זאַלץ און פאַרזופּט מיט קאַלטן שטשאַוו, פאַרווייסט מיט זויערער סמעטענע. ער האָט דערזען שמעונען, שלינגט ער שנעל אַראָפּ דעם ביסן, ווישט אָפּ דאָס מויל און הייבט אָן צו ריידן צום גראַם:

— ליגן ליגט דאָ פּאָר דיר אַן עפּל, די גרויס פון אַ קרויט־קעפּל, זיס ווי צוקער, געשמאַק ווי סאַק, קום און נעם, זיי נישט קיין באַק!

שמעון גייט נישט צו צו נאָענט. מער פעלט אים נישט, אַז דער פעטער זאָל איצט אַריינכאַפּן די צעווייטיקטע באַק אין די קנאָכעדיקע פינגער. דער פעטער

באַקוקט אים פון דער זייט מיט איין אייגל, נעמט זיך צוריק צו זיין שניידן דינע פענעצלעך ברויט און גראַמט מיט אַן אַנגעפּאַקטן מויל: נישט, דאַרף מען נישט, קיינעם וועט מען נישט שליסן אין קייטן, מען טוט קיינעם נישט נויטן צו נעמען אַן עפּל, אַ רויטן.

שמעון זעט זיינע צרות. אויפן טיש ליגט אַ רויטער עפּל, די גרויס ווי צוויי קולאַקעס. די שאָלעכץ גלאַנצט פון אָנגעגאָסענעם זאַפט. מען קען זען, אַז דער עפּל איז ערשט היינט אַראָפּגענומען געוואָרן פון בוים. דאָס שטענגעלע שטעקט אין מיטן און אויפן שטענגעלע זענען נאָך צוגעקלעפּט צוויי פרישע בלעטעלעך. ס'איז שוין איינמאָל אַן עפּל. אָבער מאַלע וואָס עס זענען פאַראַן גוטע זאַכן אויף דער וועלט!

שטייט שמעון פון דערווייטנס. ער היט זיך פאַרן פעטער. די ברידערלעך און שוועסטערלעך האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום טיש און דער פעטער טיילט פרוכט מיט דער פולער האַנט. שמעון זעט ווי דער פעטער איז פאַרעסקט מיט די קינדער, רוקט ער זיך צו נענטער צום טיש, אפשר וועט דער פעטער היינט נישט קנייפּן. אָבער מיטאַמאָל טוט דער פעטער אַ בייג דעם שטול און טוט אַ פּאַק שמעונען און כאַפּט אַריין מיט די קנאָכעדיקע פינגער דעם יינגלס באַק און טוט אַ קנייפּ מיטן גאַנצן כוח.

דאָס יינגל האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, אַז די שויבן פון די פענצטער האָבן אַ ציטער געטון. דער פעטער איז געבליבן זיצן אַ צעטומלטער — אַ נייעס ביי אים געבן אַ קניפּ און דאָ האָט דאָס יינגל צוגעלייגט ביידע הענט צו דער פאַרלאָפענער באַק און זיך פאַרגאַנגען אין אַ יללה, וואָס האָט געריסן די ווענט.

דער פעטער האָט אים אָנגעקוקט:

— זע נאָר ווי דאָס גמרא־יינגל האָט זיך פאַרנאַנטשעט, נישקשה, אַזאַ עפּל איז ווערט אַ קניפּ אין בעקל.

שמעון האָט אַרויסגעוויינט:

— איך וויל נישט אייער עפּל!

דער פעטער האָט זיך רויק צוריקגעזעצט אויף דער טאַבורעטקע, ווידער אָנגעהויבן צו אָפּשניידן דינע פענעצלעך ברויט און גערעדט ערנסט:

— ביסט אַ שוטה, אַן אָפּגעריסענער נאַר, אַ לעקעש, נו, טו נאָך אַמאָל אַ קוק אויפן עפּל. ביסט אַ מבין אויף אים? ס'איז דאָך אַן אַנטאָנאָווער. אַלע ווייסן אַז אַנטאָנאָווער זענען מעליק און ווייניק, צעגייען זיך אין מויל. אָבער אַלע אַנטאָ־נאָווקעס זענען געל, איינמאָל אין אַ יובל טרעפט אין אַ גאַנצן סאַד עפּל, אַ רויטער אַנטאָנאָווקער. איז טו אַ קוק, אָט איז דאָ טאַקע אַזאַ עפּל. זיי־זשע נישט קיין

שוטה בן פיקהאָלץ און נעם דעם עפּל. איך לייג אים דאָ אַוועק און נעם — איך וועל דיך נישט אָנרירן.

שמעון קוקט אויפן עפּל און עס רינט אים די סלינע אין מויל. אָבער ער איז גוט אין כּעס, רעדט ער אַרויס פאַרעקשנט:

— לא מדובשך ולא מעוקצך — איך וויל נישט אייער האָניק און איך וויל נישט אייער שטאָך!

קוקט אים אָן דער פעטער און זאָגט:

— באמת האָב איך זיך נישט געדאַרפט בעטן ביי דיר. ווער בעט זיך עס מיט אַ רויטן אַנטאָנעווער עפּל? אָבער אַז דו טוסט אַ זאָג אַ גמרא־ווערטל האָסטו מיך אָפּגעקויפט. בעט איך זיך: באַקוק גוט דעם עפּל און האָב חרטה!

דער פעטער דרייט דעם עפּל פאַרן שטענגל. דרייט אים מיט צוויי פינגער און שמעון כליפּעט און ענטפערט נישט.

זאָגט דער פעטער:

— איך אַליין בין אַ בעלן צו פאַרזוכן אַ רויטן אַנטאָנאָווער עפּל. ווילסט נישט? דאַרף מען נישט!

און דער פעטער נעמט דאָס מעסערל און הייבט אָן אָפּצושיילן דעם עפּל. ער שיילט רויק, געלאַסן, אין איין לאַנגער שאָלעכץ. די זאַפט פון עפּל רינט איבער זיינע פינגער און דער ריח פון דעם פריש־אָפּגעשיילטן עפּל צעטראָגט זיך איבער דער שטוב און שמעון שטייט מיט פאַרביסענע ליפּן. ער איז אין כּעס אויפן עפּל, אין כּעס אויפן פעטער און אין כּעס אויף זיך אַליין, וואָס צוליב זיין עקשנות האָט ער פאַרשפּילט אַזאַ עפּל.

די מאַמע איז אַריינגעקומען פון גאַס. שמעון ברעכט אויס אין אַ פרישן געוויין, די מאַמע פאַרשטייט וואָס עס איז געשען און זי צעבייזערט זיך אויף איר ברודער:

— דו מיט דיינע חכמהלעך! ביסט שוין אַ טאַטע פון זעקס קינדער, האָסט שוין געמעגט אויפהערן פּראַווען שטוקעס. זעסט ווי דעם קינדס געשוואָלענע באַק איז אויפגעלאָפן?

דער פעטער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— ס׳וועט זיך פאַרהיילן ביז דער חתונה. דו ביסט אַלעמאָל געווען אַ מרה־שחורהניצע און דיין לערנער איז אַ צעפּעטשעטער ווי אַ בן־יחיד, זאָל שוין זיין געגנוג צו פאַרווינען די יאָרן. נאַ, אָט קריגסטו פיר גדוילן, צוויי הויפן אָגרעסן, אַ גלאָז ווייַנפּערלעך און צוויי אַנדערע, נאָך גרעסערע עפּל. נאָך אַלץ ווייניק? ווייסטו וואָס? נעם דעם גאַנצן וואָגן!

# וואָרצלען

שמעון לאָזט זיך נישט טרייסטן. ער איז שוין מער נישט אין כעס אויפן פּעטער, נאָר אויף זיך אַליין. אויף זיין עקשנות. יענער עפּל איז דאָך שוין אָן אויפגעגעסענער!

דער פּעטער שטייט אויף מיט אַ זיפץ: פֿאַרקאָכט אַ קאַשע. מילא, ווייך, וועסט זיך אויסווייינען אַ גוטע מערכה. צייט צו דאַווענען מנחה!

איין פּעולה האָט שמעונס וויינען יאָ געהאַט. פֿון דעמאָלט אָן האָט אים דער פּעטער מער נישט געקנייפּט. אַפילו ווען שמעון איז געקומען קיין אזאריטש.

קאַפּיטל 17

# אַן אָרעם הויז

עס איז געווען אַ שווער לעבן ביי דער משפּחה פון ירוחים בן־ציון דעם שוסטער און זיין ווייב מערע, די בעקערין — אַלע אין שטוב האָבן געאַרבעט, געהאָרעוועט, געפּראַצעוועט און ס'איז קוים געווען אויף חיונה.

ווינטער האָט דער טאַטע געאַרבעט ביי זיין שוסטעריי. ער האָט זיך געוואַל־גערט אויף די דערפער, אַן אַביסל וואַרעם געקעכץ און אַן אַ באַד וואָכן לאַנג. ער האָט דאָך נישט געגעסן פון קיין גוייִשן טיש און אין דאָרף איז נישט געווען קיין באָד. זומער האָט ער אָפּט געאַרבעט ביי טאַנדעט. אַז עס איז נישט געווען קיין טאַנדעט, איז ער געגאַנגען אויפן וואָקזאַל אויף שוואַרצע אַרבעט — אויסגרוזעווען וואַגאָנעס, עס מיינט אויסלאָדן פּראַכט. רחל־לאה פלעגט אים טראָגן וואַרמעס. אָפּט איז זי צוריקגעקומען מיט פאַרוויינטע אויגן און האָט מער נישט געוואָלט טראָגן קיין טעפּלעך צום טאַטן, די מאַמע האָט זיך צעשריגן:

— וואָס פאַר אַ טאַטערשע האַרץ האָסטו? ביי דיר איז ניחא, אַז דער טאַטע זאָל אָפּקומען אַ גאַנצן טאָג מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט. אפשר ווילסטו דער טאַטע זאָל עסן פון גוייִשן בופעט?

רחל־לאה האָט זיך צעוויינט:

— איך קען נישט צוזען זיין צער. ער שלעפּט אויף זיך פינף פּודיקע זעק מיט וואַפּנע. דו האָסט געדאַרפט הערן סאַרא גראָבע רייד די טרעגערסריידן. ביי יעדן צווייטן וואָרט נייען זיי אָפּ אַ „יופּע". ער אַרבעט ווי אַן אייזל און עסט זיך אָן מיט בושה, אַלץ פאַר אַ האַלבן רובל אַ טאָג.

די מאַמע איז געוואָרן בייז:

— געזען אַ בעל־רחמנותניצע? צוליב איר ווייך האַרץ איז זי כיבע גרייט

צו לאָזן דעם טאַטן אַ גאַנצן זומערדיקן טאָג אָן אַ לעפל געקעכץ. ער אַרבעט שווער און עסט זיך אָן מיט בזיון! נו, אָנצוקומען צו קצבה איז ווייניקער בושה? דערווייל האָבן מיר נאָך נישט גענומען קיין קצבה און אם־ירצה־השם אויך ווייטער נישט.

רחל־לאה האָט ווידער געטראָגן טעפּלעך צום וואָקזאַל.

פון אַלע זיינע פּרנסות האָט דער טאַטע פאַרדינט אין דורכשניט קיינמאָל נישט מער ווי אַ צוויי, דריי רובל אַ וואָך. שיקן קינדער אין חדר און קאָרמענען צען מיילער: פיר מיידלעך, פיר יינגלעך און טאַטע־מאַמע, האָט מען נישט געקענט מיט אַזאַ סך־הכל. האָט די מאַמע אָנגעפירט מיט אַ בעקעריי. זי האָט פאַרדינט אַ דריי מאָל אַזויפיל ווי דער טאַטע. אָבער דעם שפּאָן פון דער בעקעריי האָבן געדאַרפט העלפן אַלע קינדער איר צו שלעפּן. גיטע, די עלטסטע טאָכטער, האָט פאַרקנאָטן די טייגן פון די בייגל, בולקעס און קיכלעך. רחל־לאה האָט געקאַטשעט די בייגל, געוועלגערט די קיכלעך און געהאָלפן מאַכן די בולקעס. שלמה איז געשטאַנען אין מאַרק אינדערפרי, ביז ער האָט געדאַרפט גיין אין חדר. ביי־טאָג זענען געשטאַנען אין מאַרק רחל־לאה און גיטע — זיך געביטן. די מאַמע האָט פאַרקנאָטן די דייזשע ברויט, געמאַכט די לעבלעך ברויט און זי האָט געטון די גאַנצע אַרבעט ביים אויוון. יעדן טאָג האָט מען אויסגעבאַקן אַ פוד בייגל, אַ האַלבן פוד בולקעס און אַ צען פונט קיכלעך און איינגעשובערט אַ דייזשע אָדער צוויי דייזשעס ברויט. די קלענערע קינדער האָבן געניזשעט די בייגל אויף שטריקלעך — צען בייגל אויף אַ קרענצל. זיי האָבן צוגעטראָגן די קאָשיקעס געבעקס אין מאַרק. דער טאַטע האָט געדאַרפט אָנהאָקן „זאהניט" — האָלץ, אַלע אינדערפרי, אַמאָל האָט ער אויך פאַרקנאָטן אַ דייזשע ברויט.

די שטוב איז שטענדיק געווען פול מיט תביעות און טענות, געשרייען און קריגערייען. די מאַמע איז אויפגעשטאַנען „ווען גאָט איז נאָך געשלאָפן". זי האָט גענומען וועקן די קינדער. די קינדער האָבן געבורטשעט, נישט געוואָלט אויפשטיין. די מאַמע האָט געקלאַפּט מיט דער קאַטשעלקע איבער די בעטן און אַמאָל טאַקע דערלאַנגט אַ קלאַפּ אויך. די קינדער האָבן נישט געשוויגן, זיך געשטעלט אַנטקעגן מיט רייד און אויסגעלאָזט דעם כעס איינער צום אַנדערן. דער טאַטע האָט זיך שטענדיק געבייזערט, וואָס „זיבן רוחות זיצן אין איר" — אין דער מאַמען. זי וויל די וועלט אַריינכאַפּן. די מאַמע, אַ קליינינקע, אַ דראָטענע, איז געשטאַנען ביים אויוון און געשאָטן פעך און שוועבל אויף די קינדער, וואָס מען דאַרף וועקן, אויף דעם מאַן דעם שלימזלניק. ווען נישט זי, וואָס טראָגט דעם גאַנצן יאָך אויף אירע פּלייצעס, וואָלט מען אָנגעקומען צו קצבה.

חוץ שבת געדענקט נישט שמעון קיין רו‌יקן, שטילן פרימאָרגן. אַלעמאָל קולות, געשרייען, קריגערייען און קללות. דאָך איז געווען אַ גרענעץ, וואָס מען האָט קיינמאָל נישט איבערגעטראָטן. מען האָט קיינמאָל נישט געהערט קיין מיאוס וואָרט פון קיינעם און אוודאי נישט קיין שמוציקע רייד, און עס זענען נישט געווען קיין געשלעגן. צווישן די קלענערע קינדער יאָ, אָבער קיינמאָל נישט צווישן די עלף־צוועלף־יעריקע, אָדער חלילה צווישן טאַטע־מאַמע. זעלטן איז אויך געווען אַן אַנגעהאַלטענער ברוגז.

די אָרעמקייט איז געווען גרויס. איבערהויפּט זומער־צייט, ווען עס זענען געווען ווייניק מאַרק־טעג און דער טאַטע האָט געאַרבעט ביי טאַנדעט, אָדער ביי גרוזעווען וואַגאָנעס. ווען מען וואָלט נישט געהאַט קיין אייגענע בהמה, וואָלט מען געדאַרפט אָפּקומען מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט און אַ ציבעלע. אַ סך זומער־דיקע שבתים איז מען אָפּגעקומען מיט אַ מילכיקן טשאָלענט.

שמעון געדענקט אַ זומער־טאָג. ס'איז געווען ביטער אין שטוב. דער טאַטע האָט נישט געאַרבעט און דער מאַמעס פאַרדינסטן זענען געווען קליין. זומער־צייט זענען דאָ ווייניק מאַרק־טעג און אין יענעם זומער זענען די מאַרק־טעג אויך נישט געווען קיין געראָטענע. די מאַמע האָט שוין נישט געבאַקן קיין ברויט יענעם טאָג — איבערגעבליבן פון נעכטן. יענעם פרימאָרגן האָט זי איבערגעלאָזט דריי לעב־לעך ברויט פאַר דעם הויזגעזינד. חברה האָט זיי צעפּלאַכטן. פאַרנאַכט האָבן די קינדער, איבערהויפּט די חדר־ייִנגלעך געקומען זוכן ברויט און נישט געפונען. זיי האָבן זיך צעשריגן: „עסן, מאַמע. ווו איז דער ברויט?" די מאַמע האָט מאָדנע געשוויגן. ווען חברה איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו איר, איז זי צוגעגאַנגען צום טיש, אַרויסגערוקט דאָס טישקעסטל און מאָדנע רו‌יק אַרויסגערעדט:

— נאַט, זעט, נישטאָ. נאָר דער מעסער איז מיר געבליבן!

חברה איז געבליבן שטיין צעשראָקן. די מאַמע האָט גערעדט צו רו‌יק מיט אירע טרערן אין האַלדז. דערצו האָט זי מאָדנע אַרויסגערעדט: „נאָר דער מעסער איז מיר געבליבן". עפּעס ווי זי וואָלט אָנגעדייט צו זיי: וואָס ווילט איר פון מיר? זאָל איך דאָס אייגענע האַרץ פאַר אייך אויסשניידן?

פאַרנאַכט האָט די שוועסטער צוריקגעבראַכט אַ האַלבן מולטער בייגל פון מאַרק — איבערגעבליבן. זי האָט אַ פאַרביטערטע אַ שטעל געטון דעם מולטער אויפן טאַפּטשאַן און אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן:

— אַ טאָג, קיין משוגענער הונט האָט זיך נישט געוויזן. נישט געלייזט געננוג אַפילו צו באַצאָלן פאַרן הייווז. אָט ווי די וועלט איז אויסגעשטאָרבן. וואָס

וועלן מיר טון מיט די איבערגעבליבענע בייגל? זיי וועלן מאָרגן זיין האַרט ווי שטיין. אַזאַ היזק!

די מאַמע האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— גם זה לטובה. וועלן די קינדער האָבן מיט וואָס איבערצוכאַפּן דאָס האַרץ. עס שטייט נאָך אַביסל מאַסלינקע. מיט די בייגל וועט עס זיין אַ גוטע וועטשערע. און דער טאַטע האָט נאָך אין מויל נישט געהאַט פון אינדערפרי אָן.

שמעון זעט איצט באַשיימפּערלעך, אַז די אָרעמקייט איז געווען אַזוי גרויס, ווייל די משפחה האָט אויף זיך גענומען אַ צו גרויסן גייסטיקן יאָך פון ייִדישקייט. טאַטע־מאַמע האָבן פּשוט אויסגעגעבן די גאַנצע מותרות אויף גייסטיקע לוקסוסן. די שכנים גוייִם האָבן פאַרגרעסערט זייער נויט, ווייל זיי האָבן פּשוט פאַרשיכורט יעדע גרייטע קאָפּיקע און די ייִדן האָבן אויסגעגעבן יעדן מזומנעם גראָשן אויף זייערע גייסטיקע הצטרכותן.

נישט ירוחימען און נישט מערען איז אין זייער אָרעמקייט איינגעפאַלן צו שפּאָרן פון שכר־לימוד. דריי ייִנגלעך זענען געגאַנגען אין חדר. די מיידלעך האָבן געלערנט ביי אַ מיידלשן לערער, וואָס האָט זיי געלערנט שרייבן און לייענען — דאַוועגען. צדקה איז געווען אַן איינגעשטעלטע זאַך. מען האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזט קיין אָרעמאַן אָן אַ נדבה: אַ האַלבן גראָשן, אַ ציגעלע צוקער. די קלענסטע נדבה — אַ שטיקל ברויט; און אַלע וואָך אַ קאָפּיקע אין מאיר בעל־הנס פּושקע. מען האָט געגעבן מעות חיטים. געשיקט דעם רב, פּורים, שלח־מנות. צוגעטראָגן צו די קערות ערב יום־כּיפּור; מען האָט דעם טאַטן אויפגערופן צו אַן עליה עטלעכע מאָל אין יאָר. מען האָט גאָרנישט געטראַכט פון אויפגעבן די שטאָט אין שול, אַ ירושה פון זיידן שמחה־גוטע — אַ שטאָט אין שפּיגל־באַנק.

אַמאָל ווען אויף שמעונען פאַלט שווער דער יאָך פון ביישטייערונגען, דער־מאָנט ער זיך אָן טאַטע־מאַמע. ער האָט איינמאָל געמאַכט אַ חשבון פון טאַטע־מאַמעס צדקה־געבן, און הוצאה אויף ייִדישער דערציִונג פון די קינדער, האָט ער אויסגערעכנט, אַז זיי האָבן אויסגעגעבן מער ווי אַ פינפטל פון זייערע פאַר־דינסטן — אויף זייערע גייסטיקע הצטרכותן. ער האָט אַריינגערעכנט שכר־לימוד אין די גייסטיקע הצטרכותן און אין צדקה, ווייל די מערסטע גוייִשע שכנים פון דעם זעלביקן מצב, האָבן נישט געשיקט די קינדער אין קיין שום שול. ער האָט די רשימה פון זיין טאַטע־מאַמעס הוצאה אָנגעקלעפּט אויפן „טשעק־בוך", אַז ער זאָל נישט קומען צום נסיון פון נישט געבן.

חוץ די איינגעשטעלטע צדקה איז נאָך געווען אַ שעת־הכושר־צדקה: אַ קינד איז געבוירן געוואָרן, עמעצער איז קראַנק געוואָרן; אַ נדר, אויך ווען ס'איז צוגע־

פאַלן אַן אומגעריכטער פאַרדינסט. ער געדענקט איין פאַל אַזאַ. ער געדענקט עס אַזוי גוט, ווייל ער האָט דעמאָלט געהאָלפן דער מאַמען צעטיילן איר צוזאָג. נאָך איצט האָט ער זיך נאָך נישט באַפרייט פון דעם פאַרדרוס פאַרוואָס די מאַמע האָט געליטן בושות, צוליב איר גוט האַרציקייט.

אין יענעם יאָר איז דער ווינטער געווען אַ גוטער פאַר דער משפחה. די מאַרק־טעג זענען געווען גרויסע און מען האָט גוט געלייזט אין דער בעקעריי. דער טאַטע איז געווען גאָר אַ בעל־מוצלח אויף די דערפער. מען האָט זיך באַקליידט און באַשוכט. ס'איז נאָך געווען צוויי וואָכן צו פורים און שוין איז געלעגן באַהאַלטן אונטער דער פערענע אַ פּאָר רובל אויף פסח. אַ וואָך פאַר פורים האָט זיך די בהמה אָפּגעקעלבט. איצט וועט זיין אין שטוב אַ טעפּעלע מילך, אַ שטיקל קעז, אַ פּיצעלע פּוטער, אַ קריגל זויערמילך און מאַסלינקע. דערצו וועט דאָס קעלבל אַריינברענגען אַ פּאָר רובל.

ס'איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט אין דרויסן. דאָס ניי־געבוירן קעלבל האָט מען אַריינגענומען אין הויז. די מאַמע האָט געהייסן אָפּרוקן די סאָפּקע פון דער לאַנגער וואַנט פון דער הרובע, מען האָט אויסגעשפּרייט אויפן דיל אַ קאָלדרע און דאָרט אַוועקגעלייגט דאָס קעלבל.

שטייט חברה האַלב־אַנגעטאָן און קען זיך נישט זאַט אָנקוקן אויף דער ניי־געבוירענער באַשעפעניש. עלקע, אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט, קוקט אויף דעם קעלבלס אויגן — גרויסע, קיילעכדיקע, טיף־ברוינע אויגן, באַצויגן מיט אַ נאַס הייטל. דאָס מיידעלע פּאַטשט מיט די הענטלעך: זעט, זעט, ס'האָט אויגן פּונקט אַזעלכע ווי ביי אַ מענטשן!

שמחה באַקוקט די קאָפּיטעס. ער ציילט אָן אויף זיי מיט אַ פינגער מיט גרויס חידוש:

— קוקט זיי נאָר אָן — דורכזיכטיק ווי בורשטינענע קרעלן. וואָס גיטע טראָגט.

בריינע צעלאַכט זיך אַזוי שטאַרק, אַז זי דאַרף זיך צוהאַלטן ביים האַרצן:

— זעט נאָר ווי עס צעאַרבעט מיטן עקעלע. עס רוט נישט קיין רגע!

שמעון האָט אויך שטאַרק חשק צוצוגיין צום קעלבל. אָבער ער שעמט זיך פאַר דער מאַמען. ער דאַרף האַלטן שטאַט. ער איז דאָך שוין אַ גמרא־ייִנגל און די מאַמע גרויסט זיך מיט אים.

דער טומל אין צימער ווערט אַזוי גרויס, אַז די קאַלב דערשרעקט זיך. זי וויל זיך אויפהייבן, אָבער זי קען נאָך נישט שטיין אויף די פיס. שטייט זי אויף און פאַלט. צעליאַרעמען זיך די קינדער נאָך העכער. די מאַמע עפנט די טיר

און שטעקט אַריין דעם קאָפּ. שמעון מיינט, אַז זי וועט זיך צעבייזערן. אָבער זי שמייכלט גאָר. ס׳איז איר גוט אויפן האַרצן, רעדט זי רויק:

— נו, קינדער, זאָל שוין זיין גענוג. גייט טוט זיך אָן. מאָרגן וועלן מיר האָבן „מאַלאַדיעוואַ״.

דריי טעג האָבן די קינדער געהאַט ,מאַלאַדיעוואַ״. אָבער נאָך די דריי טעג האָט די מאַמע קיינעם נישט געגעבן קיין טראָפּן מילך. די מילך פון די ערשטע פיר טעג נאָך דער מאַלאַדיעוואַ איז פאַר אָרעמעלייט. זי האָט געשטעלט קריגלעך. ביז שבת וועלן זיי איינזויערן און שבת וועט זי זיי צעטראָגן.

שבת נאָכמיטיק. מערע האָט גענומען איר לערנער און איז אַוועק מיט אים צו צעטראָגן די קריגלעך מילך. שבת נאָכמיטיק איז די פּאַסיקסטע צייט. געוויינט־לעך איז דער שלוש־סעודות אַ מילכיקער, וועלן די אָרעמעלייט האָבן אַ „ספּאָדקע״, אַ שאָל, זויערמילך און אַ לעפל סמעטענע.

שמעון איז מיד. צעטראָגן צען גרויסע און שווערע קריגלעך איז נישט קיין קלייניקייט. ס׳איז אַ טאָפּעלע אַרבעט: אָפּטראָגן פולע קריגלעך און צוריק ברענגען ליידיקע. עס איז געבליבן דאָס לעצטע קריגל. די מאַמע האָט עס אָפּגעשטעלט פאַר אַ ווייטער קרובה, וואָס האָט געהאַט די השגחה אויפן הקדש. ס׳איז אַ ווייטער מהלך. דער הקדש איז אין עק שטעטל. לעבן דובניק. די מאַמע וואָלט אים גיך־האָלפן טראָגן, אָבער אין יענעם שבת האָט זיך דער ערוב צעריסן, טאָר מען דאָך נישט טראָגן. שמעון איז נאָך פאַר בר־מצווה, מעג ער טראָגן.

גייט שמעון און טראָגט דאָס לעצטע קריגל. זיינע הענט זענען שוין אָפּגעחלשט און ער קען נישט האַלטן דאָס קריגל, אַז עס זאָל זיך נישט טרייסלען. די טראָטואַרן זענען געווען צעבראָכענע, די גאַס — הרודעס און גריבער. דאָס קריגל זויערמילך האָט זיך גוט „צעבויטשעט״.

זיי זענען אָנגעקומען אין הקדש פאַרנאַכט צו. שמעון איז קיינמאָל נישט געווען אינעווייניק פון הקדש. קיין פירהויז האָט די שטוב נישט געהאַט. מען איז אַריין גלייך פון דרויסן אין אַ לאַנגן אָפּגעלאָזענעם צימער. די ווענט האָבן געהאַט אַ מאָדנעם קאָליר. אַמאָל זענען זיי געווען בלוי געקאַלכט. איצט זענען זיי גע־שטאַנען מיט מאָדנע פלעקן: טונקל־ברוינע, ווו דער טינק האָט זיך געזען, גרוי — ווו דער קאַלך איז אָפּגעקראַכן; שוואַרצע פלעקן, ווי עמעצער וואָלט אויסגע־שמירט אַ שטיק וואַנט מיט בלאָטע און לאַנגע שמוציקע קאַרבן, קאָנטיק דער דאַך האָט גערונען. אויף קיין איינער פון די ווענט איז נישט געווען קיין בילד, אָדער אַ שפּיגעלע, אָדער אַ צוגערוקטע שאַפע. אין מיטן חדר איז געשטאַנען אַ נאַקעטער און לאַנגער טיש אַרומגעשטעלט מיט בענק. אויף די בענק זענען געזעסן

יונגען און מיידלעך, אַנגעטון ווי קאַטאַרינשטשיקעס. זיי זענען געזעסן אַרומגעזעצט אַרום טיש, געזונגען און צוגעקלאַפּט צום טאַקט. צוויי יונגען האָבן געבראַזגעט מיט טאַצן. אַ מויד מיט רויטע קאַרעלן און אין אַ שיקסעוואַטער קליידל האָט געטאַנצט אַ קראַקאָוויאַק מיט אַ יונג אין הויכע שטיוול און אַ גרויסער טשופּ־רינע. זיי האָבן געטאַנצט אימפּעטיק און צוגעקלאַפּט מיט די אָפּצאַסן (קנאַפּל). דער מאַמעס זיידענע קאַסינקע האָט געריסן די אויגן צווישן די אָפּגעלאָזענע ווענט און וואַכיק־אַנגעטאָנענע מענטשן און נישט־שבתדיקן טומל.

די קרובה האָט באַגעגנט דער מאַמען:

— ס׳קאָצל קומט, וואָס האָסטו זיך עפּעס אַראָפּגעלאָזט אין אונדזערע מקומות אין אַ שבת־פאַרנאַכט?

— די בהמה האָט זיך אָפּגעקעלבט, — האָט די מאַמע געזאָגט, — האָב איך דיר, חנה, געבראַכט אַ געשטעלטן קריגל מילך.

— דאָס איז דיין לערנער?

— יאָ. — האָט די מאַמע געענטפערט.

— אויסגעדאַרט ווי אַ ציגענע באָבקע, — האָט חנה געזאָגט מיט ביטול.

זי האָט צוגענומען פון שמעונס הענט דעם קריגל, אַראָפּגענומען דאָס ריינע לייוונטענע טיכל פון מויל פון קריגל, אַריינגעקוקט אינעווייניק, אַ קוק געטון אויף די צעבויטשעטע זויערמילך און זיך אַ קרים געטון:

— זע נאָר, געבראַכט אַ צעבויטשטן קריגל זויערמילך, מען זאָל נישט זען, אַז זי האָט אַראָפּגענומען די סמעטענע פאַר זיך!

— גאָט איז מיט דיר, חנה, — האָט די מאַמע געענטפערט, — ווי פּאַלט דיר גאָר איין אַזאַ זאַך?

— איז ווו זשע איז די סמעטענע, מערע? אַ קאַץ האָט אויסגעלעקט?

— דער קריגל האָט זיך צעבויטשעט. ס׳איז אַ מהלך פון מיין שטוב אַהער!

— נו, גלייב איך דיר, — האָט זי געזאָגט מיט פאַרשטייפטע ליפּן, — אָבער איך קען די שיינע באַלעבאָסטעס, זיי ווילן אַלעמאָל איינהאַנדלען אַ מצווה וואָלוול. נעמען זיי אַראָפּ די סמעטענע און די זויערמילך לאָזן זיי איבער פאַר אונדז. זיי כאַפּן אַריין אַ מצווה אַ מציאה — פאַר גראָשנס. דו שניידסט זיך דאָך אויף אַ שיינער באַלעבאָסטע. געקויפט אַ נייע קאַסינקע און האָסט אַ זון אַ לערנער.

חנה האָט אויסגעליידיקט דאָס קריגל אין אַ גרויסער שיסל און אַ זעץ געטון דעם קריגל אויף שמעונס הענט און אויסגערופן בייז:

— נו, לערנער, טראָג! אַ גוטן שבת!

## וואָרצלען

שמעון האָט זיך אַזש אַ שאָקל געטון, ער איז שיר נישט אומגעפאַלן פון אויפכאַפּן דאָס קריגל.

מאַמע און זון זענען אַרויס שווייגנדיקע פון הקדש. פון דער שאָפּע אַרום הקדש איז אָנגעקומען אַ בעטלער און געפירט אַ פערד ביים ציימל, קאָנטיק גע־גאַנגען אים אַנטרינקען. דער בעטלער האָט אַרויסגעזונגען צו מערען: „אַ גוט שבת, אייך, באַלעבאָסטע!" מען האָט נישט געקענט אויפכאַפּן צי ער האָט אָפּגע־שפּאָט פון מערען, צי ער האָט עס געזאָגט מיט דרך־ארץ. מערע האָט מיט ציטערדיקע ליפּן געענטפערט: „אַ גוט שבת, אַ גוט יאָר". זי האָט אָנגעהויבןווישן מיט די עקן פון דער קאָסינקע די פאַרלאָפענע אויגן.

— פאַרוואָס איז די מומע חנה געווען בייז? — האָט שמעון געפרעגט.

די מאַמע האָט זיפץ געטון:

— אַ רחמנות אויף איר. איר זלמן פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע. זי דאַרף אַכטונג געבן אויפן הקדש. מיר זענען אמתע גליד־שוועסטערקינדער. איז זי מיר מקנא. איך פיר שטאָט און גאָט האָט מיך געבענטשט מיט קינדער. און זי? אַ טרוקענער שפּאָן און אַ נחות דרגא.

דאָס ייִנגל האָט גוט באַנומען וואָס די מאַמע האָט געזאָגט. אָט ווי אין ספר שמואל. פנינה האָט געהאַט קינדער און חנה נישט. דאָרטן ווייבער פון איין מאַן און דאָ אייגענע משפחה. ס'איז דערזעלביקער פּלאָנטער.

די מאַמע האָט אַ זיפץ געטון:

— פונדעסטוועגן האָט זי מיך נישט געדאַרפט פאַרשעמען פאַר אַזויפיל מענטשן. זי ווייסט, אַז איך האָב מנדר געווען די מילך פאַר אַנדערע. פאַרוואָס זאָל זי מיך חושד זיין אין גנבה? ווער, ווער! זי ווייסט, אַז איך האָב פון קליינוויז אָן, קיינמאָל נישט אָנגערירט קיין פרעמדן גראָשן. באַשערט עגמת־נפש. דאָך איז אויף איר מער רחמנות!

שמעון האָט צוערשט געוואָלט טרייסטן דער מאַמען, אָבער ער האָט דערפילט, אַז די מאַמע רעדט נאָר כדי זיך אַראָפּצורײדן פון הארצן. זי זוכט נישט קיין טרייסט. זי אַליין האָט אי טענות צו חנהן, אי זי פאַרענטפערט זי. ער האָט מיד געשלעפּט די פיס און געשוויגן.

## קאַפּיטל 18

# דער „תנא דבי אליהו"

שמעון לערנט שוין ביי מענדלען דעם זעקסטן זמן און די מאַמע האָט נחת פון איר לערנער. זי גרויסט זיך וואָס ער מאַכט שוין אַ לייענען, אָבער נחת האָט זי, וואָס אַלע פרייטיק איז ער מעביר די סדרה, טאַקע שנים מקרא ואחד תרגום און זאָגט שיר־השירים. נישט איר טאַטע און נישט איר מאַן האָט אַזוי שיין און אָפּגעהיט מעביר געווען די סדרה און אַוודאי נישט אַזוי פּאַרזיכטיק געזאָגט שיר־השירים. דערצו זענען שמעונס אויגן שטענדיק אין אַ ספר. ער האַלט פאַר זיך אַן אָפענעם ספר אַפילו ווען ער עסט. די מאַמע בייזערט זיך און שפּאָט פון אים: „אָט וועסטו באַלד צוטראָגן דאָס עסן צו דער נאָז. פאַרמאַך דעם ספר און טו אַ קוק אין שיסל". אָבער דאָס בייזערן איז גוטמוטיק. ווער אין דער משפחה האָט דאָס אַ זכיה צו בייזערן זיך אויף אַ יינגל, ווייל ער איז פאַרקאָכט אין לערנען?

קיין צופיל ספרים זענען נישטאָ אין שטוב. בלויז פיר קליינע פולע פּאָליצעס, אַריינגעקלאַפּט אין אַ קעסטל, וואָס הענגט איבער דער טיר, וואָס פירט פון דער סאַליע צום שלאָפצימער. אויף די פיר פּאָליצעס זענען געשטאַנען: סידורים, בענטשערלעך, אַ גאַנג חומשים, מחזורים פאַר אַלע יום טובים, אַ שוואַרבע, תחינה, סליחות, הגדות, דער יוסיפון, אַ קב־הישר, אַ מנורת המאור און אַ צאינה־וראינה. דער יוסיפון און צאינה־וראינה זענען געווען אינגאַנצן אויף עברי־טייטש. די איבעריקע ספרים זענען געווען אויף לשון־קודש און עברי־טייטש.

שמעון קען שוין דורכדראַפּן אַליין אַ תוספות, פאַרשטייט ער גאַנץ גוט פירוש המילות, פונדעסטוועגן קוקט ער אָפט אַריין אין דעם עברי־טייטש. איבערהויפּט, ווען עס קומט צו די האַרטע שטיקלעך פּיוט. די ווערטער זענען דאָרטן בכיוון

אַזוי אויסגעשטעלט, אַז זיי זאָלן זיך גראַמען. קלינגען זיי האַרט און נישט נעטיר־לעך. דער בעל־עברי־טייטש גראַמט נישט און טייטשט אויס. קומט אַרויס דער לשון ווייך, היימיש און באַקאַנט אייגנס. זאָגט שמעון פּיוט:

„ירוצצו כברקים, ישתפכו כמזרקים, ישרתו לפרקים" קלאָרע רייד, איבער־הויפּט ווען ער קוקט אַריין אין „מטה־לוי". אָבער ווי געשמאַק איז דער עברי־טייטש, ווי קלאָר און היימיש! — „ירוצצו: מלאכים טוען לויפן און גאָטס שליחות ווי אַ בליץ דערנאָך, אַז זיי טוען אָפּ זייער שליחות ווערן זיי פאַרברענט אין טייך דינור. דינען גאָט איטלעכער אין זיין צייט". נישט נאָר ווערן קלאָר די ווערטער פאַר שמעונען, נאָר ער קען אויסשטעלן אַ גאַנצע מעשה.

אַפילו ווען ער זאָגט שיר־השירים קוקט ער אַריין אין עברי־טייטש. „צרור המור דודי לי, בין שדי ילין" פאַרשטייט נישט שמעון וואָס דאָס איז. וואָס מיינט עס? אין דער תורה ווערט שטיין: ווי אַ בינטל געווירץ איז מיין געליבטער צו מיר, צווישן מיינע בריסט וועט ער נעכטיקן? וועט אַ צנועותדיקע יידישע טאָכטער אַזוי ריידן? אָבער ווען דער עברי־טייטש זאָגט לויט רש"י און מדרשים: „צרור, אַזוי ווי איין בינטל גוטן געווירץ, וואָס זיין גוטער ריח הערט נישט אויף, אַזוי איז מיין פריינט, הקדוש ברוך הוא, צו מיר. ער פאַרלאָזט מיר נישט. בין שדי — צווישן מיינע בריסט, צווישן די שטאַנגען פון ארון־קודש, אין בית־המדרש, טוט ער נעכטיקן". דאָס זענען יידישע רייד, וואָס פּאַסן טאַקע צו זיין פאַרשריבן אין שוואַרבע. אַזעלכע רייד הערט ער אין בית־מדרש און אין שטוב, אָבער די פאַר־שייטע רייד פון פּסוק הערט ער אין ערגעץ נישט.

אין די מחזורים אויף עברי־טייטש זענען אויך פאַראַן שיינע אגדות און משלים, וואָס זענען אין לשון־קודש נישטאָ. אין שבועותדיקן מחזור זענען צונויפ־געקליבן אַלע אגדות פון מתן תורה. די הגדה של פּסח האָט דעם דובנער מגידס משלים. אַפילו דער צאינה־וראינה, דוכט זיך אים, איז פולער און גאַנצער פון חומש. ער שעמט זיך עס צו זאָגן הויך, ס'איז אַ ווייבערישער ספר. אָבער בשתיקה האָט ער איבערגעלייענט דעם צאינה־וראינה מיט דעם זעלביקן חשק ווי דעם יוסיפון.

די ווייבער זענען מקנא דער מאַמען. „מסתמא האָט זי אַ זכות אין הימל" — זאָגט שימע דבורה די גבאיטע, וואָס ווינט אַ שטוב לעבן אַ שטוב מיט מערען.

שמעון געדענקט אַ פּורים, ווען די מאַמע האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד פון שמחה. ס'איז געווען אַן אַלטער איינגעשטעלטער מנהג, אַז דוד דער שמש זאָל קומען צו לייענען די מגילה פאַר די ווייבער, ביי מערען אין שטוב. די סאַליע איז

געוועזן גרויס געגוג אַריינצונעמען אַלע שכנות. פלעגט זיך דאָס גאַנצע געסל וויבער איינזאַמלען אַהין צו דער מגילה.

אין יענעם יאָר איז דער שמש קראַנק געוואָרן. ער האָט געהייסן, אַז שמעון זאָל לייענען די מגילה פאַר די ווייבער. אמת, דאָס יינגל איז קנאַפּע עלף יאָר אַלט, אָבער על פּי הדחק, מעג ער לייענען די מגילה און מען וועט יוצא זיין מיט הערן אים.

ווען דאָס יינגל האָט געענדיקט לייענען דעם תורה כתב פון דער פּאַרמע־טענער מגילה, האָט זיך מערע אַזוי שטאַרק צעוויינט, אַז מען האָט זי נישט געקענט איינשטילן. שימע דבורה האָט זיך צעבייזערט:

— מערע, הער אויף, זאָג איך דיר. דאַרפסט טאַנצן פון נחת, נישט וויינען. הער אויף, זאָג איך דיר. קאָנסט נאָך אים פאַרזינדיקן, מיט דיין געוויין!

די מאַמע האָט אַרויסגעכליפּעט:

— איך בין אין גאַלער שרעק, שימע דבורה לעבן, אַלע ווייבער האָבן גע־האַלטן „אַרויסגעסאַלאָפּעט״ די אויגן אויף אים, ווען ער האָט געלייענט. זאָל אים נאָר קיין בייז אויג נישט שאַטן. זאָל נאָר, רבונו של עולם, קיין עין־הרע נישט האָבן קיין שליטה אויף אים!

— קעגן עין־הרע, קעגן אַלע בייזע שלעק און פּורעניותן, — האָט שימע־דבורה געזאָגט — איז דאָ נאָר איין סגולה — צדקה. זיי מנדר ח״י קאָפּיקעס, וועט אים זיכער קיין בייזע אויגן נישט שאַטן.

מערע האָט געגעבן.

***

בין הזמנים פלעגט שמעון קומען אַלע נאָכמיטאָג צו ר׳ מענדלען. דאָס איז איינגעשטעלט געוואָרן זינט די מעשה מיטן הרוג. רבי מענדל האָט מיט שמעונען אי יאָ געלערנט, אי נישט געלערנט. מער גערעדט אין לערנען מיט אים ווי גע־לערנט. אַמאָל האָט ער אים געוויזן אַ שטיקל מדרש, אַמאָל אַ שטיקל עין־יעקב, אפילו שטיקלעך פון חסידישע ספרים.

רבי מענדל איז געווען עלנט אין שטעטל — דער איינציקער ליבאַוויטשער חסיד. דערצו איז ער געווען פרום, זייער שטאַרק פרום און דאָס שטעטל איז געווען ווייט פון אַזאַ חסידישער פרומקייט. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט אין שטוב. קיין קרובים אין שטעטל אויך נישט, ער איז גאָר געווען אַ קאַפּיט־קעווויטשער. איז ער געווען אין דעם שטעטל אָן אַ קרוב און אָן אַ גואל. דער גע־ראַטענער תלמיד איז געווען פאַר אים אי אַ חבר, אי אַ קרוב, אי אַ קינד. דער

מלמד האָט אים געוואָלט צובינדן צו זיך, געזוכט אַלע וועגן. דעם לעצטן בין־הזמנים איז איינגעפאַלן מענדלען אָנהייבן צו לערנען מיט שמועלנען דעם „תנא דבי אליהו".

איז מיטן אלול איז געקומען דער מוכר־ספרימניק אין שטעטל. צוויי מאָל אַ יאָר פלעגט ער קומען: פאַר פסח און פאַר ימים נוראים. ער האָט, ווי אַלעמאָל, צעלייגט זיין סחורה אויפן לאַנגן שולחן, לעבן הרובע, און די יינגלעך זענען געשטאַנען אַרום טיש און געשלונגען מיט די אויגן די צעלייגטע ספרים. וואָס איז דאָרטן נישט געווען? פון אַ קליין בענטשערל, נישט איינגעבונדן, די גרויס ווי אַ טל־מטרל אין אַ קליין סידורל, ביז אַ גרויסער ווילנער גמרא, איינגעבונדן אין לעדער מיט אַ רויטן גלאַנציקן רוקן. פּראָסטע יידן האָבן געקויפט סליחות, מחזורים, מוסר־ספרים, תחינות און די למדנים — ספרים געדרוקט אין רש"י־כתב. ר' מענדל איז צוגעגאַנגען צום טיש, באַקוקט עטלעכע ספרים, דערנאָך גענומען אין האַנט דעם „תנא דבי אליהו" און געזאָגט צום מוכר ספרימניק:

— אָבער אָן באַרייסן, ר' עזריאל!

— שייך באַרייסן, האָט געענטפערט דער מוכר־ספרימניק, — איך וועל עס אייך פאַרקויפן פאַר אַ מקח השוה לכל נפש. אָבער ר' מענדל, מיר באַמבלט זיך אין רעיון, אַז איר האָט שוין ביי מיר אַמאָל געקויפט אַ „תנא דבי אליהו". שוין צעריסן?

ר' מענדל האָט בנעימותדיק אַ גלעט געטון אַ פיאה:

— חלילה, איך היט אָפּ אַ ספר און קיין קינדער זענען נישטאָ אין שטוב. אָבער איך דאַרף האָבן נאָך איינעם. איך וויל עמעצן מהנה זיין מיטן ספר. אַ תלמיד מיינעם.

ר' עזריאל האָט געענטפערט:

— וויבאַלד פאַר עמעצן, וועל איך אייך רעכענען נישט מער ווי פערציק קאָפּיקעס.

— ס'איז אַ שלל מיט געלט!

— נו, — זאָגט דער מוכר ספרימניק — טוט אַ קוק אויף דער סחורה. גוטער פּאַפּיר און שטאַרקער איינבונד און מיט אַ פירוש און אויף עברי טייטש. אפילו מיט רש"י אויז תוספות.

ר' מענדל האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— עט, איר זייט מגזם. רש"י און תוספות זענען דאָ נאָר אין דער הקדמה, וואָס איז אַ גמרא אין כתובות. דעם „ישועות יעקב" האָבן אַלע „תנא דבי אליהוס". און עברי טייטש? צו וואָס דאַרף איך עברי טייטש?

## שלמה סיימאָן

ר׳ עזריאל, ווי אַ געניטער סוחר, האָט זיך נישט געלאָזט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט:

— נו, איז נעמט דעם וואָס איז מיט רש״י־כתב!

— פאַר אַ יינגל פון אַ יאָר עלף — זאָגט ר׳ מענדל — איז אַ ביסל צו שווער רש״י־כתב. בכלל, אויב שוין יאָ אַ מתנה, זאָל זיין אַ ספר אַ מהודר!

— נו, פאַר אַ מהודר דאַרף מען באַצאָלן. גיט פינף און דרייסיק קאָפּיקעס.

— איך האָב נאָר אַ פערטעלע!

— איך קען נישט פאַר ווייניקער ווי דרייסיק קאָפּיקעס.

— איז ווו נעמט מען נאָך אַ פיעטאַקל?

— איר זייט אַ בעל־בטוח, איר וועט מיר ברענגען דעם צענערל צו מנחה!

**
*

ביי שמעונען אויפן טיש ליגט איצט דער „תנא דבי אליהו״, וואָס דער רבי האָט אים מיט קרוב פערציק יאָר צוריק געגעבן אַ מתנה. די בלעטער פון ספר זענען געבליבן גרין, אָבער קיין איין ריס איז נישטאָ אין זיי. ווען מען קערט איבער די בלעטלעך שאָרשקען זיי ווי דינער פאַרמעט. ער בלעטערט דעם ספר. אויפן ליידיקן זייט פון שער־בלאַט איז אָנגעשריבן מיט אַ געצוקטן כתב: זה הספר שייך להבחור שמעון בר׳ ירוחים בן ציון תרס״ד לפ״ק. מיט פערציק יאָר צוריק האָט ער פאַרפאַקט אין אַ קעסטל אָט דעם „תנא דבי אליהו״, כל כתבי זלמן עפשטיין, מורה הלשון, התועה בדרכי החיים, אַ גאַנג מחזורים, אַ משניות, שמעון דובנאָווס ידישע געשיכטע אויף העברעיש און אַ באַנד פרוגס לידער. ער האָט געטאַסקעט דאָס קעסטל אַזש ביז ניו־יאָרק. ער געדענקט ווי דער אַגענט, בערל שמערלס (זיין אמתער נאָמען) האָט אַ הייב געטון דאָס הילצערנע קעסטל און אויסגערופן מיט רוגזה:

— אַן איינפאַל פון אַ בחור צו שלעפּן קיין אַמעריקע די שמאַטעס. דאַרפסטו וועסטו זיי דאַרפן צען טיסטשע כפּרות!

שמעון האָט פאַרעקשנט געענטפערט: „איך לאָז זיי דאָ נישט איבער״. זיין עקשנות וואָלט נישט געהאָלפן ווען נישט בערלס טאָכטער, ציפע. פופצן יאָר שפּעטער, ווען זי האָט שמעונען באַגעגנט אין ניו יאָרק, האָט זי אים באַלד געפרעגט: „דערבראַכט די ביכער און די ספרים ביז ניו יאָרק?״ — „יאָ, דערבראַכט און איך האָב נאָך זיי!״

בלעטערט איצט שמעון דעם „תנא דבי אליהו״ און ער געדענקט דעם נאָכמיטאָג ווען דער רבי האָט עס אים געגעבן בתורת מתנה.

ר׳ מענדל שפּרייזט איבערן צימער. די פענצטער זענען אָפן און מען זעט ווי די גערטנער שטייען האַלב אַראָפּגעגנומענע. אין דער ווייטנס זעט זיך דער גרינער וואַלד. די אַלולדיקע זון איז מילד און דער שאָטנדיקער, קילער צימער פאַר־שמאַרקט די אַרומיקע רויִקייט און געמיטלעכקייט. צוויי גלעזער קוואַס שטייען אויפן טיש. זיי זענען שוין געוואָרן וואַרעם. אָבער נישט דער רבי און נישט דער תלמיד האָט זיך צוגערירט צו זיי. מענדל לערנט:

— זעסט, שמעון, וואָס אויפן שער־בלעטל שטייט? דאָס איז, וואָס אליהו הנביא האָט געלערנט מיט רב ענן. ווייל איז דעם מענטש, וואָס ער לערנט דעם הייליקן ספר. ווויל איז צו דעם, וואָס דער ספר ווערט געלערנט אין זיין שטוב און ער וועט זוכה זיין צו גוטע מידות.

שמעון פילט איצט ווי דעמאָלט האָט דער רבי און דער תלמיד איינעם דעם אַנדערן דערפרייט. פאַר שמעונען איז דעם רבינס וועלט געווען דאָס געגאַרטע גליק, אַ טיר צו דער ברייטער, גרויסער וועלט, אין פאַרגלייך מיט דעם מאַמע און טאַטנס וועלטל, וואָס באַשטייט בלויז פון אַרבעט, עסן און שלאָפן. פאַר דעם רבין איז דער תלמיד געווען דער בית קיבוץ פאַר זיינע, דעם רבינס, געדאַנקען און תורה. שמעון איז געווען זיין עולם, פאַר וועלכן ער האָט זיך געקענט אויס־פּיינען.

שמעון קוקט אויף דער הקדמה פון ספר, אָדער ווי עס רופט זיך באמת „פּתיחת הספר" און ער הערט איצט אין זיין קאָבינעט דעם רבינס רייד:

„אַ מענטש האָט געבראַכט צו ר׳ ענן אַ מתנה, אַ קאָרב מיט פישעלעך. פרעגט ר׳ ענן: פאַרוואָס האָסטו מיר געבראַכט די מתנה? ענטפערט אים דער מענטש: איך האָב אַ דין־תורה מיט אַ מענטשן, בין איך געקומען צו אייך איר זאָלט פּסקענען. האָט ר׳ ענן געענטפערט: איך בין פּסול פאַר דיר צו זיין אַ דיין, ווייל דו האָסט מיר געבראַכט אַ מתנה. זאָגט דער פרעמדער: קיין דין־תורה וועל איך פאַר אייך נישט האָבן, אָבער די מתנה נעמט צו, ווייל אַנישט וועט איר פון מיר פאַרמיידן די מצווה פון מקריב זיין ביכורים. וואָרום מיר האָבן געלערנט, אַז דער וואָס ברענגט אַ מתנה צו אַ תלמיד חכם, איז גלייך ווי ער איז מקריב ביכורים. האָט ר׳ ענן געענטפערט: איך האָב נישט געהאַט אין זינען צו נעמען פון דיר די מתנה, אָבער וויבאַלד אַז דו האָסט מיר געגעבן אַזאַ גוטן טעם, נעם איך זי אָן!"

„און ר׳ ענן האָט געשיקט דעם מענטשן צו רבי נחמנען און האָט צו אים געשריבן: דו זאָלסט משפטן, ווייל איך בין פּסול אים צו משפטן. ווען ר׳ נחמן האָט עס דערזען, האָט ער געטראַכט, וויבאַלד אַז ר׳ ענן האָט זיך מטריח געווען צו שרייבן צו מיר, איז עס דאָך אַ סימן, אַז דער מאַן איז ר׳ ענס אַ קרוב. פאַר

ר׳ נחמנען איז דעמאָלט געשטאַנען אַ דין־תורה פון אַ יתום, האָט ר׳ נחמן גע־טראַכט: משפטן אַ יתום איז אַ מצוות־עשה און אויסצוהערן ר׳ ענגס פאַרלאַנג איז אַ מצוות־עשה — כבוד התורה. די מצווה פון אָפּגעבן כבוד דער תורה איז גרעסער. ר׳ נחמן האָט אָפּגעלייגט די דין־תורה פון יתום און פריער אויסגעהערט די דין־תורה פון דעם מענטשן, וואָס ר׳ ענן האָט צו אים געשיקט. ווען דער בעל־הדין האָט דערזען וויפל כבוד ר׳ נחמן האָט אָפּגעגעבן זיין קעגנער, האָט ער פון צעטומלעניש נישט געוווסט וואָס צו טענהן און פאַרלוירן די דין־תורה״.

„ר׳ ענן איז געווינט געווען, אַז אליהו הנביא זאָל צו אים קומען און לערנען מיט אים „סדר אליהו״. נאָך יענער מעשה האָט זיך אליהו מער נישט געוויזן צו אים. ר׳ ענן האָט געפאַסט און געבעטן רחמים ער זאָל ווידער קומען צו אים. ווען אליהו איז געקומען, האָט זיך ר׳ ענן געשראָקן צו קוקן אויף אים. האָט ער געמאַכט פאַר אליהו אַ באַזונדער חדר און אליהו איז דאָרטן געזעסן ביז ער האָט מיט אים אָפּגעלערנט דעם גאַנצן סדר. דערפאַר רופן מיר דעם ערשטן טייל „סדר אליהו רבא״. עס מיינט דעם גרויסן טייל וואָס אליהו האָט גע־לערנט מיט ר׳ ענן פנים אל פנים, אין איין חדר. דעם קלענערן טייל, וואָס אליהו האָט געלערנט מיט ר׳ ענן, ווען זיי זענען געזעסן באַזונדער, ווייל ר׳ ענן האָט זיך געשראָקן פאַר אים, רופן מיר „סדר אליהו זוטא״.

ר׳ מענדל דערקלערט דעם ענין באריכות:

„ס׳איז דאָ, שמעון, אין דער מעשה, וואָס איז גענומען געוואָרן פון דער גמרא כתובות, אַ טיפער זין און זי לערנט אונדז אַ גרויסן מוסר השכל. אַ תלמיד חכם דאַרף מדקדיק זיין אין זיינע מעשים, אַנישט איז ער נישט ווערט צו זיין קיין תלמיד חכם.״

„אַ ייד אַ תלמיד חכם טאָר נישט עסן שטייענדיק, נישט לעקן די פינגער און נישט אָפּגרעפּצן פאַר מענטשן. ער דאַרף זיין באַשיידן אין זיין עסן, אין זיין טרינקען, אין זיין הלבשה און טאָר נישט אויפהייבן זיין קול. אַ תלמיד חכם, ביי וועמען עס געפינט זיך אַ פליאַמע (אַ פלעק) אויף זיין בגד איז חיב מיתה בידי שמים, ווייל ער האָט פאַרמיאוסט די תורה אין לייטישע אויגן.״

דער רבי האָט לאַנג גערעדט. שמעון איז געזעסן מיט צעעפנטע אויערן און געלאָזט אַריינדרינגען אין זיך די רייד, ווי לייקעס לאָזן דורך וואַסער. דער רבי רעדט צו אים וועגן אַ תלמיד חכם. דאָס מיינט דאָך, אַז ער האַלט אים, שמעונען, ירוחם דעם שוסטערס, פאַר אַ תלמיד חכם, פאַר איינעם וואָס איז ראוי צו טראָגן די קרוין פון תורה. פון יחוס איז ער, שמעון, נישט; קיין עשירות פאַרמאָגט אויך נישט זיין טאַטע, אָבער אַ תלמיד חכם דאָס קען ער, שמעון, ווערן. ער קען אַריין

אין דעם היכל פון תורה און ווערן דאָרט אַ בן־בית. לויט זיינע פאַרדינסטן, לויט זיינע מעשים איז דער וועלט פון תורה. און תורה קען מען נאָר דערווערבן אַליין. עס קומט נישט בירושה. ווייל איז צו איםן!

ער איז געגאַנגען אַהיים מיטן ספר פאַרשטייפט אונטערן אָרעם. דאָס שטעטל איז געלעגן אַ רויקס אין דעם שטילן סוף־זומערדיקן נאָכמיטיק. שמעון האָט געפילט ווי דאָס שטעטל שטייט אַזוי פון דור־דורות. קיין בייזער ווינט קען עס קיינמאָל נישט אויסרייסן. אין אָט דער יידישער מלוכה זענען די גרעסטע בעל־יחוס די תלמידי חכמים און פאַר אים האָבן זיך געעפנט זייערע פּאַלאַצן.

ס'איז געווען פאַר אים אַ גליקלעכע צייט יענער בין־הזמנים. רבי מענדל איז אים געוואָרן נענטער פון טאַטע־מאַמע. אַלע טאָג נאָכמיטיק לערנען זיי. כמעט דעם גאַנצן „תנא דבי אליהו" איז דער רבי מיט אים דורכגעגאַנגען. ווען שמעון בלעטערט איצט דעם ספר, קומט אים אַנטקעגן פרק י"ד. דער רבי, ווי זיין שטייגער איז, שפּרייזט איבערן צימער און פאַרטייטשט, טייטשט אַריין און טייטשט אויס דעם פּרק:

„עס זענען פאַראַן צוויי זאַכן אויף דער וועלט וואָס איך האָב ליב מיט דער אמתער ליבשאַפט פון מיין האַרצן. דאָס זענען: די תורה און ישראל. אָבער איך ווייס נישט ווער עס קומט פריער. האָב איך געזאָגט צו אים: דער שטייגער פון דער וועלט איז צו זאָגן — די תורה קומט צו ערשט. אָבער איך זאָג, אַז יידן קומען צו ערשט, ווייל ווען נישט די יידן, וואָלט די וועלט נישט געשאַפן געוואָרן און נאָכדעם ווי זי איז געשאַפן געוואָרן, וואָלט זי חרוב געוואָרן".

— פאַרשטייסטו, שמעון, דעם סוד פון דער זאַך? ווער זאָגט „אָבער איך זאָג, אַז יידן קומען צוערשט?" אליהו הנביא! ער, וואָס גייט איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס איז אויף אַלע בריתן און צו אַלע סדרים. ער קען דאָס פאָלק ישראל און ווייסט זיין גרויסקייט און הייליקייט. ער זעט ווי יידן לעבן, ליידן און מאַטערן זיך און בלייבן יידן. דערפאַר איז אַזוי גרויס זיין אהבת ישראל — דער מדת הרחמים איז ביי אים אַלעמאָל גובר דעם מידת הדין.

און רבי מענדל פאַלט אַריין אין התלהבות:

— איך זאָג דיר, שמעון, אַז אַלע דברי מוסר, וואָס די נביאים האָבן גערעדט צו יידן, איז ווייל די יידן זענען געווען חשוב אין די אויגן פון גאָט. ווען זיי וואָלטן געווען ווי אַלע אומות העולם, וואָלטן די נביאים קיין טענות נישט געהאַט צו זיי.

שמעון שמייכלט איצט. אָט שטייט פאַר אים אַ יידישער שרייבער און האַלט אים פאַרן לאַץ און טענהט אין אים אַריין:

— דער אומגליק מיט אייך, שמעון, איז וואָס איר האָט צופיל אהבת ישראל.

אַפילו מיט אייער מוסר־זאָגן דערהייבט איר די ייִדן. אָבער ייִדן זענען ווי אַלע אַנדערע פעלקער, נישט בעסער און נישט ערגער. אָפט דוכט זיך מיר, אַז זיי זענען גאָר ערגער!

שמעון טראַכט: אפנים דער שרייבער האָט נישט געהאַט קיין רבי מענדלען, ווי איך האָב געהאַט. ווי קען מען אַרויסרייסן וואָרצלען וואָס ציִען זיך אַזוי ווייט און טיף? זיינע וואָרצלען ציִען זיך ביז ר׳ מענדלען, ביזן „תנא דבי אליהו״ און נאָך ווייטער.

קאַפּיטל 19

# דאָס גרויע, אַלטע שניידערל

אינמיטן דער נאַכט האָט אַ טרויעריקער שטילער געזאַנג אויפגעריסן שמעונען פון שלאָף. דאָס יינגל האָט זיך ראַפּטאָם אויפגעזעצט אויף זיין געלעגער און אין דער האַלב־וואַכיקער צעחושטקייט זיך צוגעהערט צום ניגון און די ווערטער:

„עד מתי ה׳ ביום זה לעמתך/ ביר תילל עדתך/ על בית תפילתך/ אשר שרפו צריך/ והרגו בני בריתך/ אלהים באו גוים בנחלתך.

„ביז וואַנען, גאָט, וועט פאַר דיר אינעם טאָג
דיין עדה ביטער קלאָגן אַ קלאָג.
דיין געבעט־הויז האָבן שונאים פאַרברענט,
די קינדער פון דיין בונד פאַרלענדט —
גאָט, גוים האָבן אַריינגעדרונגען אין דיין נחלה!״

שמעון האָט זיך באַלד געכאַפּט: עמעצער ריכט אָפּ חצות. אָבער ווער? זיכער נישט דער טאַטע. אין דעם גאַנצן געסל זענען דאָ ווייניק ייִדן, וואָס זענען אַזוי פרום, אַז זיי זאָלן אָפּריכטן חצות. בלויז דער שכן לייבקע שרהס היט אָפּ די מצווה. דער שכן איז אַ לאַנגער, אויסגעדאַרטער ייִד, אויסגעטריקנט פון סיגופים און תעניתים. ער איז אַ גרויסער זאַגער. ער בלייבט אַלעמאָל דער לעצטער אין שול. ווען מען קוקט אים אָן שאָקלט ער זיך איבער אַ גראָבן סידור. אין די זור־מערדיקע נעכט פלעגט שמעון אָפּט הערן זיין חצות ניגון, וואָס האָט זיך צעטראָגן דורך די אָפענע פענצטער.

איצט הערט דאָס יינגל דעם ניגון און די ווערטער ביי זיך אין הויז. ער האַלט איין דעם אָטעם, כדי זיך בעסער צוצוהערן. ס'איז אַ פרעמד קול, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהערט. ווער קען עס זיין?

ער קען מער נישט איינשלאָפן. שטיל קריכט ער אַראָפּ פון בעט, גייט צו אַ פּאָר טריט צו דער טיר, וואָס פירט צום קאָרידאָר, וואָס טיילט אָפּ זיין חדר פון דעם שמאָלן ווינקל לעבן אויוון און שטעקט אַריין אַהין דעם קאָפּ. ער זעט: האַרט ביי דער סאָפקע, אויף אַן איבערגעקערטער באַנק זיצט אַ קליין, דאַר, אַלט יידעלע. זיין קאָפּ און באָרד זענען אינגאַנצן ווייס. אויף אַ טאַבורעטקע, וואָס שטייט לעבן דער איבערגעקערטער באַנק ליגט אַן אָפענער גראָבער סידור און לעבן סידור שטייט אַ צוגעשמאָלצן חלבנע ליכט, וואָס באַלייכט טונקל דעם אַרום. דאָס יידעלע האַלט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער פלאַך פון דער רעכטער האַנט. אויף דעם שטערן, אויף דעם אָרט ווו מען לייגט תפילין, איז אָנגעשאָטן אַש. דאָס יידעלע ברומט שטיל דעם ניגון און באַגיסט זיך מיט טרערן. ער רעדט אַרויס קלאָר די ווערטער; קלאָר אָבער זייער נידעריק כדי קיינעם נישט אויפ־צוּוועקן.

שמעון האָט זיך צוריק אַריינגעגנבעט אין בעט. ער האָט דאָס יידעלע דער־קענט. דאָס איז דאָך דער עלטערפעטער ר' אַרע. ביז פינף און פערציק יאָר איז ער געווען אַ רב, דערנאָך האָט ער פּלוצלינג פאַרלאָזט זיין רבנות און איז געוואָרן אַ שניידער, ווי דער טאַטע זיינער. דער גאַנצער קאַנט האָט זיך געטומלט מיט דער געשעעניש. מען האָט דערציילט פאַרשיידענע מעשיות פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות. אין שטעטל האָט מען גערעדט, אַז ר' אַרע איז געוואָרן אויס רב, ווייל מען האָט פאַרשעמט זיין טאַטן אויף אַן אַסיפה.

מען האָט דערציילט, אַז אין דער קהילה, ווו ער איז געווען רב, איז אויס־געבראָכן אַ גרויסער סכסוך צווישן די חשובע באַלעבאַטים. נאָך לאַנגע קריגע־רייען האָבן ביידע צדדים מסכים געווען צו האָבן אַ דין־תורה פאַר דריי רבנים. מען האָט אַראָפּגעבראַכט צוויי רבנים פון אַנדערע שטעט און ר' אַרע איז געווען דער דריטער. נאָך לאַנגע שקלא וטריא האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין. דער ראש המדברים איז געווען ר' אַרע. ער איז דאָך געווען דער מרא־דאתרא — דער שטאָטישער רב. דער גביר, וואָס האָט פאַרלוירן די דין־תורה, איז געווען אַ גרוי־סער למדן און בעל־מיוחס, און ער האָט געהאַלטן, אַז דער פּסק־דין איז נישט געווען קיין ריכטיקער. דערצו האָט ער אויסגעפונען, אַז די פרעמדע רבנים זענען לכתחילה געווען אויף זיין צד, נאָר ר' אַרע האָט זיי מכריע געווען, איבערצייגט. דער גביר, דער מיוחס האָט טאַקע אָנגענומען דעם פּסק־דין, אָבער ער האָט

געוואָלט אַמווייניקסטן געבן אַ שטאָך דעם רב, וואָס איז אַ זון אַ נחת דרגא — אַ שניידער, האָט ער געזאָגט:

— איר ווייסט, רבי, מיר איז שטענדיק געווען קשה אַ פּסוק. עס שטייט אין דער תורה, אַז גאָט האָט געזאָגט צום דור המדבר: שמלתך לא בלתה מעליך ורגלך לא בצקה — דיין קלייד איז אויף דיר נישט צעפוילט געוואָרן און דיין פוס איז נישט געשוואָלן געוואָרן. וואָס פאַר אַ סמיכות הפרשה איז עס? מילא, געשוואָלענע פיס איז אַן אומגליק, אַ מחלה, אַ מכה, אָבער וואָס פאַר אַ גליק איז עס צו טראָגן פערציק יאָר דיזעלביקע בגדים? דער תירוץ איז: אַז זיין אונטער דער ממשלה פון אַ שניידער איז אויך אַן אומגליק, אַ מחלה, אַ מכה.

די רבנים האָבן נישט נאָר נישט אָנגעשריגן אויפן גביר, נאָר האָבן נאָך זיך צעשמייכלט פון שאַרפן וויץ. ר' אַרע האָט געזאָגט: וויבאַלד אַז מיין רבנות פאַר־שעמט מיין טאַטן, ווער איך אויס רב. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס בעטן פון די שטעטלשע באַלעבאַטים. אַרע איז געוואָרן אויס רב און האָט זיך אַריבערגעקליבן צוריק קיין פאַריטש, אין דעם שטעטל ווו ער איז געבוירן געוואָרן, און זיך גע־נומען צו זיין טאַטנס מלאכה, שניידעריי.

דאָס יינגל האָט אַ סך געהערט ריידן וועגן עלטערפעטער. אָבער ער האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געזען. איצט זיצט ער הינטערן אויוון און ריכט אָפּ חצות. וואָס טוט ער דאָ אין שטעטל? ווען איז ער געקומען? ווער האָט אים אַריינגעלאָזט אין שטוב?

דער שטילער ניגון פון חצות פילט אָן די שטוב מיט אַ מאָדנעם געמיט:

„ווי, חרוב איז געוואָרן גאָטס געצעלט,
צעשטערט איז געוואָרן די וועלט;
טונקל געוואָרן זענען די שטערן און זייער שיין,
דער כוהן אין היכל איז מער נישט פאַראַן!"

עס ציט זיך דער וויינענדיקער ניגון און ציט זיך, און שמעון וויל זיין וואַך און הערן ווייטער, אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איבערגעוועלטיקט אים דער יוגנט־שלאָף און ער דרעמלט איין.

פאַרטאָג האָבן אים אויפגעוועקט דער מאַמעס טענות ביים אויוון. די מאַמע איז קאָנטיק בייז אויף עמעצן. זי האַלט קיינמאָל נישט איין איר כעס אָדער פאַר־דרוס. זי רעדט עס אַרויס אויפן קול. איצט האָט זי טענות צום עלטערפעטער. זי רעדט צו אים ווי ער וואָלט געווען דערביי.

שמעון האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעטשוכעט פון זיין איבערגעררי־

סענעם שלאָף, קען ער נישט אויפכאַפּן קלאָר דער מאַמעס רייד. זי רעדט שנעל, מיט אימפּעט און אין אירע טענות צום פעטער פּלעכט זי אַרײַן יעדע װײַלע אַנזאָגן צו רחל־לאהן, װאָס קאַטשעט די בייגל, שאַפט זיך מיט שלמהן, װאָס גרייט זיך צום מאַרק מיט אַ מולטער געבעקס. אין זײַן האַלב־װאַכיקייט קען זיך שמעון נישט פּאַנאַנדערקלײַבן אין דעם פּלאָנטער פון די טענות. אָבער צום סוף הערט ער קלאָרע רייד:

— איך װעל זיך נישט שעמען פאַר אים. װען ער װעט קומען פון דאַװענען, װעל איך אים פרעגן. מען קען דאָך פּלאַצן. אַזאַ עװלה טאָר מען נישט פאַרשװײַגן!

שמעון װוּנדערט זיך: װאָס פאַר אַן עװלה איז דער עלטערפעטער באַגאַנגען, װאָס די מאַמע קען עס נישט פאַרשװײַגן?

שמעון טוט זיך אָן, גיסט אָפּ נעגל־װאַסער און נעמט זיך צו זײַן אַרבעט — ניזשען בייגל — יעדער קרענצל איז אַ צענדליק בייגל. װען ער טוט עס, װוּנדערט ער זיך אַלעמאָל אויפן מאָדנעם אײַנשטעל. מען פאַרקויפט אַ צענדליק בייגל פאַר אַ פּיאַטאַקל — פינף קאָפּיקעס. אָבער אַלעמאָל גיט מען צװיי בייגל „נאַקידטקע" — אַ צוגאָב. איז פאַרװאָס ניזשעט מען נישט אַן צװעלף בייגל אויף אַ קרענצל און פּטור? היינט אָבער איז אים דער קאָפּ פאַרטאָן אין עלטערפעטער.

ר' אַרע איז געקומען פון דאַװענען. די מאַמע לאָזט איבער אַלע אַרבעטן און גרייט פאַר אים דעם טיש. זי פאַרשפּרייט אַ טישטעך, לייגט גאָפּל, מעסער, זאַלץ און דערלאַנגט אים אָנבייסן. דער עלטערפעטער װאַשט זיך, זאָגט פרום שאו־ידיכם, טוט אַ הייב דאָס ברויט, פאַרמאַכט די אויגן און מאַכט „המוציא" מיט כּוונה. ער טונקט אײַן דאָס ברויט אין זאַלץ און הייבט אָן עסן. די מאַמע בלײַבט שטיין אַנטקעגן אים מיט פאַרלייגטע הענט. אַ װײַלע שװײַגט זי, װי זי װאָלט זיך געיִשובֿט פון װאַנען אָנצוהייבן. באַלד הייבט זי אָן ריידן געכאַפּט און האַסטיק, װי זי װאָלט מורא געהאַט, אַז זי װעט נישט האָבן גענוג מוט אַלץ אַרויסצוזאָגן:

— אדרבה, ר' אַרע, דערקלערט עס מיר. איר זענט אַ רבֿ, אַ גדול. אויף מײַן שמעונקען געזאָגט געװאָרן. די װעלט זאָגט, אַז איר זענט אַ צדיק. זײַער גאַנצער קאַנט האָט מיט אײַך געקלונגען, װען איר האָט מער נישט געװאָלט זײַן רבֿ. אַ קלייניקייט, אַװעקװאַרפן רבנות אויף דער עלטער און זיך נעמען צו שנײַדערײַ? אין מײַן װײַבערישן קאָפּ האָט זיך עס נישט „פּאַטופּיעט". עס פעלן שנײַדער אין דער משפּחה? אָבער אַ ייִדענע, מסתּמא טאָר זיך נישט מישן אין אַזעלכע זאַכן. אָבער איצט, ר' אַרע, רייד איך נישט װעגן רבנות, נאָר װעגן נחמהן. מײַן װײַבערישער שכל באַנעמט נישט װאָס איר האָט אָפּגעטון. לייט װעלן זיך שעמען

איך עס צו זאָגן, אָבער צוליב נחמהס טובה אַרט מיך נישט אַפּילו ווען מען וועט זאָגן אויף מיר, אַז איך בין אַ חצופה.

דער עלטערפעטער האָט אַוועקגעלייגט דאָס לעפל אויפן טיש, אויפגעהערט עסן און געזאָגט בנעימות:

— אַדרבה, מערע, אויב דו מיינסט, אַז איך בין באמת באַגאַנגען אַן עוולה קעגן מיין נחמה, איז דיין חוב מיר דאָס אויסריידן!

— נו, אַ דאַנק, רבי, אָבער איך וואָלט אַלץ איינס געהעדט, אָם אַזאַ טבע האָב איך. זאָגט זשע מיר, ווו איז יושר? ס'איז פאַר יום טוב. אַ גאַנצן זומער שמעקט נישט אַריין קיין גוי אין שטעטל. איצט, אַז מען האָט אַראָפּגענומען פון פעלד האָט דער גוי אַ גראָשן אין קעשענע און כאַפּט זיך אַריין אין שטעטל עפּעס איינקויפן און אויפנייען אַ בגד. פאַר די ימים נוראים ווערט שטענדיק אַביסל אַרבעט. וואָס טוט איר נאָך אַ זומער נייען טאַנדעט? איר הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַוועק קיין סטאָלן צום רבין אויף די ימים נוראים. און איר האָט ליב פעטע מצוות. איר גייט זיך צופוס פון פאַריטש קיין סטאָלן. איר ווילט אויך פאַרדינען שכר־הליכה. גיין אַהין און צוריק אַזאַ מהלך וועט אייך נעמען אַ זעקס וואָכן. פיין און גוט! אָבער אויף וועמענס חשבון טוט איר עס? אויף נחמהס חשבון און אויף דער רעכענונג פון די קינדער. איר גייט פאַרדינען מצוות און זיי האָט איר איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. ווער וועט זיי שפּייזן די זעקס וואָכן? ווער וועט זאָרגן פאַר זיי? וואָס פאַר אַ יום טוב וועט זיין ביי נחמהן, אָן אייך? איך, איך בין אַ פּראָסטע ייִדענע און איך קום צו אייך, דעם רבּ, פרעגן אַ שאלה. מעג מען עס? מעג מען פאַרדינען מצוות אויפן חשבון פון ווייב און קינדער?

דער מאַמעס פּנים האָט געפלאַמט פון אויפגעבראַכטקייט און פאַרדרוס. שמעונען האָט זיך געדוכט, אַז אויך פון שרעק. דער אַלטיטשקער האָט אַ זיפץ געטון, נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט אויף דעם טישטעך אויפן טיש און געענטפערט טרויעריק:

— ביסט גערעכט, מערע, דו האָסט אַרויסגערעדט מיינע מחשבות, וואָס פּיקן מיר אין קאָפּ און גיבן מיר נישט קיין מנוחה.

די מאַמע האָט זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ ענטפער. זי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אַ צעטומלטע. באַלד איז זי געקומען צו זיך און געזאָגט מיט ניצחון:

— וויבאַלד אַזוי, איז אַדרבה, פאַרוואָס, טוט איר דאָס?

דער אַלטער האָט אָנגעהויבן ריידן שטיל ווי צו זיך אַליין, מיט די אויגן אויפן טיש:

— מען זאָגט, מערע, אַז דו ביסט אַ קלוגע און אַן אשת־חיל, דו ביסט מפרנס דיין משפחה בכבוד. ווּעסטו אפשר פאַרשטיין וואָס איך וועל דאָ זאָגן.

ער האָט שווער אַ זיפץ געטון:

— ס׳ווערט מיאוס צו זיצן און רק נייען פעלצלעך פאַר פויערים. אַ גאַנצן זומער געגייט טאַנדעט. ניי און ניי; אַלעמאָל איז אינדערוואָכן, ס׳ווערט שווער אייסצוהאַלטן. מען דערגרייכט אַזאַ מדרגה פון שפלות, אַז מען פילט ממש ווי מעז פאַרלירט דעם צלם אלקים. פאַרשטייסט, די נשמה וויל מזונות אַזוי ווי דער גוף. אַנטלויף איך איינמאָל אַ יאָר צום רבין. דאָרטן איז נישטאָ קיין עול פרנסה, נישטאָ קיין וואָכעדיקייט, לויטער שבת און יום טוב. זיך איך אָפּ אַ צוויי וואָכן ביים רבין, מער פאַרגין איך זיך נישט. מיין נשמה זאַפּט זיך איין מיט קדושה און איך קער זיך אום צוריק צו די פויערישע פעלצן. איך וויל דו זאָלסט פאַרשטיין, מערע, אַז די נשמה איז אויך אַ לעבעדיקע זאַך און בעט און פאָדערט עסן!

—אָבער, רבי, אויף וועמענס חשבון? דאָס איז מיין טענה. וואָלט איר זיך געזעצט עסן ביי אַ טיש פון כל טוב און געלאָזט נחמהן און די קינדער הונגערן? צוליב אייער נשמה דאַרף נחמה בלענדן די אויגן ביי דער זינגער מאַשין. איר וועט האָבן יום טובדיקייט ביים רבין און ביי נחמהן וועט דער יום טוב זיין אַ פאַרשטערטער. און נחמה, רבי, איז דאָך יונג און מיט אַזאַ עול?

— גאָלדענע רייד רעדסטו, מערע, — האָט איר געענטפערט געדולדיק ר׳ אַרע. — אָבער וואָס מיינסטו? איך האָב חלילה אָפּגענאַרט נחמהן מיט שיינע רייד און הבטחות? ווען איך האָב מיט איר חתונה געהאַט האָב איך איר צוגעזאָגט זיידנס און סאַמעט, יאַיכלעך און צימעס אין אינדערוואָכן, אָדער אַפילו שבת? ווען שרה, עליה השלום, איז געשטאָרבן בין איך געבליבן מיט פינף קינדער. האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַ שידוך. מען מוז דאָך האָבן אַ באַלעבאָסטע אין שטוב. ווען נחמה האָט עס דערהערט, איז זי געקומען צולויפן צו מיר און אָנגעהויבן איינטענהן מיט געוויין און יללות, אַז זי וויל נישט, אַז איר שוועסטערס קינדער זאָלן קריגן אַ שטיפמאַמע. איצט ווען איך האָב פאַרלאָזט רבנות, ווער וועט זיך משדך זיין מיט מיר? „אַן אַלטע קראַנקע ייִדענע, האָט געטענהט נחמה, וואָס וועט אויסלאָזן איר גאַנץ פאַרביטערט האַרץ צו די קינדער”. איך האָב זי אויסגעהערט און מיינע האָר האָבן מיר זיך געשטעלט קאַפּויר. איך האָב באַלד געכאַפּט וווהין דאָס מיידל שפּאַרט זיך און האָב אַ קוק געטון אויף איר — אַ קינד, בלוט און מילך, און איך? אַ ייִד מיט אַ סיוועד באָרד. האָב איך געזאָגט צו זיך: אַרע, דערלאָז נישט, אַז אַ ייִדישע טאָכטער זאָל זיך קוילענען מיט אַ שטומפּיקן מעסער. זאָג איך צו איר:

— נחמה טאָכטערשי, ניטע, איך בין אַן אַלטער ייד. אַ גאַנץ לעבן בלאָנדזשע איך. שרה עליה השלום, האָט זיך געזעגנט אָנגעליטן פון מיר ווען איך בין געווען אַ רב, און נאָך מער ווען איך בין געוואָרן אַ שניידער. צו וואָס דאַרפסטו אַן אַלטן אָרעמען יידן, אַ בעל מטופל מיט פינף קינדער, וואָס פאַרדינט נישט אויף חיונה? ס'איז נישט רעכט וואָס דו ווילסט טון!

— וואָס מיינסטו האָט זי געענטפערט? זיך צעוויינט און אַלץ געהאַלטן אין איין טענהן: „איך וועל נישט דערלאָזן, אַז מיין שוועסטערס קינדער זאָלן קריגן אַ שטיפמאַמע. פרעמדע דילן וועל איך וואַשן און העלפן האָדעווען די קינדער!"

— איי, איי, מערע, מיינסטו איך האָב תיכף מסכים געווען? איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וויל גאָר נישט חתונה האָבן. איז זי געקומען אַלע טאָג אין שטוב, געטאָגט און גענעכטיקט. נו, יחוד! האָב איך זיך געבעטן ביי איר: „לאָז אָפּ, נחמה, וואָס פאַר אַ צרות זוכסטו זיך? איך בין אַן אַלטער ייד, נישט קיין בעל פרנסה. חוץ דעם זיץ איך אַלעמאָל אויף שפּילקעס — איך מוז פאָרן איינמאָל אַ יאָר צום רבין. איך בין פאַרטאָן אין עולמות". עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. זי האָט געסטראָשעט, אַז זי וועט זיך חלילה אַ מיתה אָנטון. נו, האָבן מיר חתונה געהאַט. איך סטאַרע זיך מיט אַלע כוחות צו מפרנס זיין די משפחה. איצט, ברוך השם, זענען שוין דאָ אַכט נפשות, און פרנסה איז זייער בדוחק, אָבער אָט פאַלט אויף מיר אַ נאָגעניש, אַ בענקעניש און עס ווערט איבער מיינע כוחות. איך מוז אַוועק אויף אַ פּאָר וואָכן. ס'איז טאַקע נישט רעכט. אָבער איך נעם אויף זיך די זינד באהבה. אַנישט קען איך חלילה אַריינפאַלן אין אַזאַ עצבות, אַז איך זאָל פון איר נישט קענען אַרויסקריכן.

ר' אַרע האָט זיך צוריק גענומען צום עסן. די מאַמע איז שטיל אַרויס פון שטוב אין שפּיזשאַרנע און איז באַלד צוריקגעקומען פון דאָרטן. זי האָט געטראָגן אויף אַ גרויסן טעלער אַ האַלב־זויערע אוגערקע, אַביסל זויערמילך, אויסגעמישט מיט סמעטענע, צוויי בייגל און צוויי גאָמעלקעס. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס עסן אויפן טיש און אַן אַ וואָרט אַוועק אין קיך.

ר' אַרע האָט אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט און גענומען זיך גרייטן אין וועג. די מאַמע איז אַרויס פון קיך, איז צוגעגאַנגען צום טיש און גאָרנישט ווי איר שטייגער אָנגעהויבן ריידן ווי שטאַמלענדיק:

— ר' אַרע, איך בעט איך, זייט מיר מוחל מיינע שאַרפע און ביטערע רייד. איר מיינט, אַז איך האָב עס גערעדט? דאָס האָבן מיינע צרות אַרויסגערעדט פון מיר. ס'איז מיר שווער צו לעבן, ר' אַרע, שווער. מיין פינצטערער מזל האָט מיך

אויסגעלערנט צו פאַרנעמען עמעצנס אַנדערש ביטער האַרץ. אָפּט דוכט זיך מיר, אַז דאָס האָב איך נישט רחמנות אויף יענעם, נאָר אויף זיך אַליין!

— מוחל, מוחל, מערע, האָסט גאָרנישט גערעדט אויסערן וועג, — האָט געענטפערט ר' אַרע, — אָבער זינדיק נישט און באַקלאָג נישט דיין מזל. גאָט האָט דיר באַלוינט פאַר דיינע יסורים. ר' מענדל האָט מיט מיר היינט גערעדט נאָכן דאַווענען, וועגן דיין שמעונען. ער האָט אים גערימט ביזן הימל.

—איך האָב טאַקע געוואָלט איר זאָלט אים פאַרהערן. אָט ליגט אַ גמרא אויפן טיש!

— צו וואָס? מען קען זיך פאַרלאָזן אויף ר' מענדלען. ווייסט וואָס ער האָט מיר געזאָגט? ער קען מער מיט אים נישט לערנען. דאָס יינגל פּאַסט זיך נישט אַריין אין חדר. ער לערנט מיט אים באַזונדער, אָבער ס'איז קיין תכלית נישט. אַ יינגל דאַרף האָבן חברים. ר' מענדל טוט זיין אַרבעט באמונה, ער גיט אויף אים גוט אַכטונג. ער זעט ער זאָל לערנען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז שמעון האָט אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך משניות. פאַראַיאָרן איז ער מיט אים איבערגעגאַנגען דעם „תנא דבי אליהו". אָבער דאָס יינגל דאַרף האָבן אַ כיתה. גיב אים אָפּ צו ר' געצלען.

די מאַמע האָט זיך אָנגערופן מיט שרעק:

— ס'איז נישט פאַר מיין קעשענע, ר' אַרע. ר' געצל לערנט נאָר מיט געצײלטע תלמידים. רעכנט פינף און דריי רובל אַ זמן שכר־לימוד.

— נו, נו, אויף שכר־לימוד העלפט גאָט!

די מאַמע האָט געענטפערט ביטער:

— מסתמא וועט ער העלפן אויב איך וועל אויסבאַקן נאָך צוויי מולטערס בולקעס. מיר וואַרפט ער נישט קיין אייער־קיכלעך פון הימל.

דער עלטערפעטער האָט אויפגעהויבן זיין קלומיקל, עס אַרויפגעלייגט אויף די פלייצעס, זיך געלאָזט צו דער טיר. ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און אַ קער געטאָן זיך צו מערען:

— האָב בטחון. גיב אָפּ שמעונען צו ר' געצלען אין חדר. איך בין דיר מבטיח הצלחה!

ער האָט אַ קוש געטון די מזוזה און איז אַרויס פון שטוב.

די מאַמע איז געבליבן שטיין פאַר אַ היפּשער ווײַלע און געקוקט אויף דער טיר. נאָכדעם האָט זי זיך אומגעקערט אין קיך צו איר אַרבעט. זי האָט געקלאַפּט מיט דער לאָפּעטע אויפן פּאָד פון אויוון, ווי איינע וואָס וויל אויסלאָזן צו עמעצן איר שווער געמיט. באַלד האָט זי אַרויסגעפּלאַצט:

— איי, ווען איך קען זיך שטעלן פאַרן רבונו של עולם און אויסטענהן זיך מיט אים, גערעכט וועט ער מסתמא בלייבן. ער ווייסט דאָך וואָס ער טוט. אָבער פאַר זיך וואָלט איך געוואָלט אַן ענטפער: פאַרוואָס מאַטערט זיך אַזאַ צדיק ווי ר׳ אַרע און אַ געגאָלטע מאָרדע ווי לייבקע פּאָליאַק באָדט זיך אין מילך און אין האָניק?

שמעון, וואָס האָט קיינמאָל נישט גערעדט מיט דער מאַמען ווען זי האָט זיך אויסגעטענהט מיט דער וועלט און מיט גאָט, אָבער איצט האָט ער זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן און געזאָגט:

— מאַמע, און יענע וועלט?

— יענע וועלט? אַ גביר האָט אַ טריפהנעם מזל, עס קען אים איינפאַלן צו תשובה טון אַ רגע פאַרן טויט, ווען ער וועט מער נישט קיין צייט האָבן צו זינ־דיקן, וועט ער האָבן אי עולם הזה, אי עולם הבא. שפּילסט זיך מיט גבירישן מזל!

שמעון האָט אויסגערופן מיט התפעלות:

— דו האָסט געדאַרפט לערנען גמרא, מאַמע, איי האָסטו אַ קאָפּ. אויף אַלץ האָסטו אַ שאַרפן תירוץ.

די מאַמע האָט אַ זיפץ געטון:

— איי, ווען איך וואָלט געווען אַ מאַנסביל! דו ביסט אָבער אַ מזלדיקער האָז, ביסט אַ מאַנסביל און האָסט אַ גוטן קאָפּ. זע זשע געפין אויס וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. פונוואַנעט נעמען זיך אַזויפיל עוולות? געפין אויס. אַזויפיל ספרים זענען דאָ. פאַר מיר זענען זיי ווי פאַרחתמעטע — איך קען קוים דורכ־קריכן אַ תחינה. אָבער דו קענסט דאָך אַפילו רש״י־כתב. געפין אויס אַלץ און זע עס זאָל נישט זיין אַזויפיל הימל־שרייענדיקע עוולות. ס׳קען דאָך נישט זיין, אַז אַלץ פירט זיך אָן אַ שכל און אָן אַ טאָלק!

דאָס יינגל איז געשטאַנען מיט אַן אָפענעם מויל:

— פון וואַנעט ווייסט די מאַמע, וואָס עס טוט זיך ביי אים אין האַרצן? פון וואַנעט?

## קאַפּיטל 20

# ז ר ח

שמעון איז געווען פאַרקאָכט אין לערנען. חוץ דעם טעגלעכן לייענען האָט ער אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך משניות. אָבער מיטאַמאָל, ער געדענקט עס ווי דורך אַ חלום, איז פאַר פּסח געוואָרן אומרויִק אין שטעטל. מען האָט זיך געריכט אויף אַן אומגליק. די מאַמע האָט אים אַרויסגענומען פון חדר און אים אַוועקגע־שיקט קיין אזאריטש, איר געבוירן שטעטל. אויף וואָס פאַר אַן אומגליק מען האָט זיך געריכט, געדענקט ער נישט. אויך ווי דורך אַ נעפּל געדענקט ער דאָס שטע־טעלע. אפשר וואָלט ער גאָרנישט נישט געדענקט פון יענעם באַזוך, ווען נישט די מעשה מיט זרח דעם משוגענעם.

**
*

שמעונען איז געווען גוט אין אזאריטש. אַ שטעטל פול מיט קרובים. צוויי לייבלעכע פעטערס: דער פעטער מאָטוס און דער פעטער דוד און אַ לייבלעכע מומע — פראַדע און איר מאַן אַברהם־חיים. היינט די באָבע און אַזויפיל קוזינען און קוזינקעס. אומעטום שלעפּט מען אים צו גאָסט. מען קעכלט אים און מען גרויסט זיך מיט אים. איבערהויפּט האָט אים מקרב געווען דער פעטער אַברהם־חיים, דער מומע פראַדעס מאַן, אַ דאַרער סטולעוואַטער יונגערמאַן מיט אַ פּנים פול מיט זומער־שפּרינקעלעך — קלייען. ער איז געווען דער למדן אין דער משפּחה. ער האָט זיך פאַרהאַלטן מיט שמעונען ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן. באַלד נאָכן ערשטן טאָג האָט ער מיט אים פאַרפירט אַ שמועס אין לערנען. דערנאָך האָט ער זיך צו אים פאַרטרויט ווי צו אַ דערוואַקסענעם:

— נו, האָסטו אַ גוט קעפּל. אָבער די שאלה איז צי דו וועסט בלייבן אַ למדן. פאַרשטייסט מיך? אַ למדן איז נישט דער וואָס קען לערנען, נאָר דער וואָס לערנט. אַ למדן איז געגליכן צו אַ גנב. נישט דער וואָס קען גנבענען רופט מען גנב, נאָר דעם וואָס גנבעט טאַקע. לערנען אַ גאַנצן לעבן איז שווער. ס'וועט זיך ווי ווייט דו וועסט דערגרייכן. וועסטו אַריינפאַלן נאָך דער חתונה אין אַזאַ העק ווי איך און האָבן אַן עול־פּרנסה, וועסטו ווערן דאָס וואָס איך — געווען קלאָר אין נזיקין, נשים און מועד. אַריינגעקוקט אין חקירה ספרים און איצט? זע אַליין פאַר זיך. די פראַגע איז וואָס טוט מען מיט דעם למדנות נאָכדעם ווי מען ווערט אַ למדן?

מיט שמעונען האָט ער גערעדט ווען ער איז געשטאַנען אין זיין שטעלכל איז געוואָרט אויף קונים. דאָס יינגל האָט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען וואָס דער פעטער וויל, אָבער ער האָט געפילט, אַז דער פעטער איז נישט צופרידן מיט זיין גורל. פאַרוואָס? דאָס יינגל האָט נישט געוווסט. דוכט זיך, אין פאַרגלייך מיט דער דחקות אין שמעונס שטוב, איז דאָ אַ רחבות. און פאַרוואָס קלאָגט דער פעטער, אַז ער האָט קיין צייט נישט צו לערנען. דער טאַטע אַרבעט שווערער און געפינט צייט פאַר זאָגן תהילים. און דער בית־מדרש אין אזאריטש איז געפּאַקט אַלע נאַכט. דער גאַנצער בית־מדרש איז געווען העל באַלויכטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ביי אים אין שטעטל איז דער בית־מדרש נאָר אַזוי פול בין מנחה למעריב. דאָ, באַלד נאָך מעריב קומט זיך צוזאַמען כמעט דאָס גאַנצע שטעטל — יונג און אַלט און מען זיצט און מען לערנט. מען לערנט בחברותא — אַ חברה ש״ס, אַ חברה עין־יעקב, אַ חברה משניות און ביחידות. עס זיצן יידן ביי די שטענדערס מיט אַ רמב״ם פאַר זיך, מיט אַ יורה דעה, חושן משפט אָדער אבן העזר. מען לערנט געשמאַק. אַ סך יונגעלייט בלייבן אויף אַ משמר. פאַרוואָס לערנט נישט דער פעטער?

שוין מער ווי אַ יאָר, אַז שמעון האָט געלערנט פאַר זיך משניות. פאַרן אָפּפאָרן האָט ער צוגעזאָגט דעם רבי מענדלען, אַז ער וועט איבערגיין פאַר זיך נאָכאַמאָל סדר זרעים. דאָס יינגל האָט געהאַלטן וואָרט און איצט איז ער געווען אַריינגעטון אין מסכתא כלאים.

אין אַ שיינעם נאָכמיטיק איז ער געזעסן אַליין אין בית־המדרש ביי דעם פעטער דודס שטענדער און זיך געשמאַק געשאָקלט איבער דער זעקסטער משנה:

— אין מביאין אילן באילן — מען טאָר נישט אַריינפלאַנצן איין מין בוים אין דעם אַנדערן — טייטשט ער פאַר זיך; ירק בירק איין מין קרייטעכער אין דעם אַנדערן מין. שמעון מאַטערט זיך מיט דעם לערנען. משניות אַנטקעגן גמרא

איז גרינג אָבער די נעמען פון די געוויקסן זענען אים פרעמד. ער ווייסט נישט וואָס מלפפון איז. וואָס פּאַראַ געוויקסן זענען דאָס פורקדן, ספּיר, און שעועית? ווען עס וואָלטן געשטאַנען פּראָסטע נעמען ווי באָב, אַרבעס, רעטעך, אוגערקעס, כריין, פּאַסאָליעס, ברוקווע, מערן, ריבן, קייאַכעס, קרויט, וואָלט גאַרנישט געווען שווער צו פאַרשטיין וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. אַזוי מעג מען קענען גאַנץ כלאים אויף אויסנווייניק און דאָך ווען עס זאָל קומען צו פאַרזייען, איז גאַנץ מעגלעך, אַז מען זאָל זייען כלאים.

שאָקלט ער זיך ווייטער, ער וויל וואָס גיכער איבערקומען די אַלע אויס־טערלישע מינים קרייטעכער, וואָס ער כאַפּט איין נאָמען פון צען, און צוקומען צו אַ גרינגערן פּרק. מיטאַמאָל דערפילט ער, ווי עמעצער שטייט איבער אים. ער הייבט אויף דעם קאָפּ — ס׳איז זרח דער משוגענער. אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק מיט אַ שוואַרץ בערדל, אַ לאַנג כאַלאַטל, יאָ פּיאות נישט פּיאות. ער שטייט מיטן היטל פאַרוקט איבער דער פּאַטילניצע, די אויגן גרויסע, אומרויקע שמייכלען צום יינגל און זאָגט:

— דער קאַלינקאָוויטשער למדן לערנט גאָר משניות?

שמעונען פליט דורך אַ געדאַנק: ער רעדט דאָך צו דער זאַך. ווי אַלע למדנים איז ער מבטל משניות. ענטפערט אים שמעון ערנסט:

—ס׳איז אויך גאָטס תורה. איך לערן משניות פאַר זיך. צוגעזאָגט מיין רבין איבערגיין סדר זרעים דורך דער צייט פון מיין זיין דאָ.

— מען זאָגט, אַז דו קענסט לערנען, — רעדט זרח געלאַסן, — ביסט ערשט עלף און אַ האַלב יאָר אַלט און שוין אַ למדן, — זאָגט זרח געלאַסן, ווי אַן עלטע־רער רעדט צו אַ יינגערן.

שמעון ענטפערט אים אין דעם זעלביקן שטייגער:

— איך וויל לערנען. צי איך בין אַ למדן בין איך מסופּק.

זרח האָט אַ לאַך געטון:

— גאָר נישט ווי אַנדערע עילוים — אַן עניו. מיט אַלע מעלות!

שמעון איז רויט געוואָרן, ער האָט געטראַכט: ער רייצט זיך מיט מיר, ווי אַלע שיינע יידן. ער האָט געענטפערט ברוגזלעך:

— איך בין נישט קיין עניו, איך בין נאָך אַ חדר־יינגל, וואָס מוטשעט זיך צו פאַרשטיין אַ שטיקל גמרא.

זרח האָט ווידער אַ לאַך געטון:

— אויב אַזוי, איז דאָך דיין פעטער אברהם־חיים אַ ליגנער. ער זאָגט, אַז דו קענסט אַלע דריי בבאָס אויף קלאָר.

שמעון האָט געשוויגן.

זרח האָט ווייטער גערעדט:

— וווּנדערסט זיך פון וואַנעט איך ווייס וואָס דייַן פעטער האָט געזאָגט? איך ווייס אַלץ, וואָס עס טוט זיך אומעטום. איך קען נאָך אַלץ בעסער לערנען ווי אַלע אַזאַריטשער למדנים. אָבער איך וויל בעסער קלייבן שטיקער גלעזלעך אויפן מאַרק.

שמעון איז געוואָרן מער נייגעריק: ער רעדט דאָך פּאָרט ווי אַ קלאָרער. וואָס איז זיין משוגעת? ער האָט אים געפרעגט ערנסט:

— פאַרוואָס?

— ווייל דער וואָס האָט שכל מוז זיין משוגע. איך האָב געטראַכט און געטראַכט, ביז עס האָט זיך מיר אָנגעהויבן מישן אין קאָפּ. זיי אַלע לעבן אין ליגן. ריידן וועגן תורה און האַלטן זי נישט. פאַרדרייען אַ פסוק אַפילו, ווען זיי לוינט זיך. האָב איך עס נישט געקענט אויסהאַלטן. ממה נפשך, איז אמת, את און ליגן — ליגן, איז ווי פאָרן זיי אמת מיט ליגן? אלא וואָס, מען קען יאָ פאָרן אמת מיט ליגן, ס'איז נישט קיין כלאים? איז צו וואָס זיין קלאָר? פאַרשטייסט וואָס איך מיין?

— נישט אינגאַנצן.

— איז שאַ, איך וועל דיר ווייזן וואָס איך מיין, — האָט ער געזאָגט מיט אימפּעט.

ער האָט אַראָפּגענומען דעם משניות פון שטענדער, אים אַוועקגעלייגט אויפן באַנק און אָנגעהויבן אויסליידיקן זיינע קעשענעס און אויסלייגן פאַרשידענע שטיקלעך גלאָז אויפן שטענדער. אַלערליי שטיקלעך גלאָז זענען דאָס געווען: גרינע, געלע, שוואַרצע, ווייסע, פּירקאַנטיקע, שפּיציקע, קיילעכדיקע און מיט שאַרפע שפּיצן. ווען ער האָט זיי אויסגעלייגט אין אַ שיינעם סדר, האָט ער זיך אָנגערופן:

— קוק זיך גוט צו. דאָס זענען די דימענטן פון חושן, וואָס משה רבינו האָט געהייסן מאַכן. רעכטס ליגט אַ שוהם, אַ פּיטדה, אַ ברקת און אַ נופך. לינקס ליגן אַ ספּיר, אַ יהלום, אַ לשם און אַ שבו. אין מיטן ליגן אַ חלם, אַ תרשיש און אַ ישפה. אָט טו אַ קוק אין פּרשה תצוה, ווו עס ווערן אויסגערעכנט די איידלשטיינער.

זרח האָט גערעדט מיט אַזאַ מישובדיקן שכל, אַז שמעון האָט געפילט אַז עס וועט העלפן זיך אויסטענהן מיט אים. האָט ער איבערגעקוקט מיט אָפּגעהיטקייט די גלעזלעך און געזאָגט:

— ס'איז מיר אַ פּלא, אַ ייִד אַ למדן, אַ בר־שכל ווי איר, זאָל זאָגן אויף

פּראָסטע שטיקלעך גלאָז, אַז דאָס זיינען די דימענטן פון חושן, וואָס משה רבנו האָט געהייסן מאַכן.

— ס'איז דאָ אַ שכל דערביי. האָט זרח געענטפערט רויק. איך וויל ווייזן דער גאַנצער וועלט אַז וויבאַלד מען קאָן פאַרדרייען אַ פּסוק, אויסטייטשן קלאָרע רייד פון חומש ווי עס לוינט פאַר זיי, קאָן מען מיט דעמזעלביקן שכל זאָגן אויף גלעזלעך, אַז זיי זענען דימענטן.

— ווער פאַרדרייט אַ פּסוק? — האָט שמעון געפרעגט.

— אַלע, די גמרא הייבט אָן און עס גייען איר נאָך דער רמב״ם, דער אבן־העזר און נאָך זיי שלעפּט זיך נאָך יעדער רב, — האָט געענטפערט זרח מיט היץ.

שמעון האָט אויף אים געקוקט מיט צעעפנטע פרעגנדיקע אויגן. זרח האָט צונויפגעשאַרט די גלעזלעך און זיי צוריק אַריינגעלייגט אין זיינע קעשענעס. צו־געלאָפן צו דער וואַנט ספרים און געבראַכט אַ חומש, אַ גמרא כתובות, אַ רמב״ם און אַן אבן־העזר. ער האָט געעפנט דעם חומש, אויפגעמישט די פּרשה משפּטים און אָנגעהויבן טייטלען מיטן פינגער:

— „וכי יפתה איש בתולה — אויב אַ מאַן וועט איבעררײדן אַ יונגפרוי, אַ בתולה, וואָס איז נישט פאַרקנסט, און שלאָפן מיט איר, זאָל ער מיט נדן זי נעמען פאַר אַ ווייב. אם מאן ימאן אביה — אויב איר טאַטע וועט נישט וועלן זי אים געבן פאַר אַ ווייב, זאָל ער אים אָפּוועגן זילבער, געלט, ווי עס איז דער נדן פון די בתולות״. עד כאן דער פּסוק. שטייט אין דער תורה אַז אויב דער שיינער חתן וויל זי נישט, מעג ער אָפּקומען מיט קנס?

שמעון שווייגט. זרח שרייט אויס מיט האַרץ: אדרבה, ענטפער מיר!

— ניין, זאָגט שמעון.

— אָבער איצט טו אַ קוק אין כתובות דף ל״ט און אין רמב״ם הלכות נערה בתולה״ און אבן העזר אין „הלכות אונס ומפתה״. זיי אַלע פּסקענען פונקט פאַר־קערט — אויב דער שיינער יונגערמאַנטשיק וויל דערנאָך נישט חתונה האָבן מיט איר, קומט ער אָפּ מיט אַ געלט קנס און איז פּטור. הא, וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ אומווירדיקייט?

שמעון האָט אים אָנגעקוקט פאַרחידושט:

— וואָס ווילט איר איך זאָל פּסקענען דינים? און צוליב אַ קשיה אויף דער גמ״א, אָדער אויפן רמב״ם ווערט מען אַזוי אין כעס אויף דער וועלט? מסתמא איז דאָך דאָ אַ תירוץ.

זרח איז אַ ווילע געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגענומענער. ער האָט אָנגעקוקט שמעונען מיט ליבשאַפט, באַלעקט די טרוקענע ליפּן מיטן שפּיץ צונג און געזאָגט:

— אום, אַ יינגל, אפילו נאָך קיין בר מצווה נישט, און רעדט מיט אַזויפיל שכל. אַלע באַפאַלן מיך, אַז איך בין משוגע, ווען איך לייג פאַר זיי אויס מיינע טענות. ער אָבער נישט — ענטפערט מיט שכל.

ס׳האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען יונגעלייט און עלטערע יידן אין שול. אַלע האָבן פאַרווונדערט געקוקט ווי זרח שטייט רויק און רעדט בנעימותדיק מיט זעלדע שמעונס אייניקל. זרח איז אומרויק געוואָרן. ער האָט זיך אַ קער געטון מיט געבעט אין די אויגן צו שמעונען:

— קום, לאָמיר זיך דורכגיין. איך וויל אייך דערציילן אַן אויסטערלישע מעשה, קום, אַנישט וועט עמעצער מיר באַלד וואַרפן אַ נאַסן האַנטעך אין קאָפּ.

זיי זענען אַרויס פון בית־מדרש. שמעון איז אים נאָכגעגאַנגען. דאָס שטעטל איז געלעגן רויק און שטיל, אַז דאָס מעקן פון אַ ציג אין איין עק שטעטל האָט זיך געהערט אין צווייטן עק. זיי זענען אַוועק צום טייכל. זרח האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און שמעון לעבן אים. ביידע האָבן געשוויגן. זרח האָט גענומען די שטיקלעך גלאָז פון די אָנגעפילטע קעשענעס און זיי קונציק געוואָרפן אויף דער פלאַך פון וואַסער. יעדעס גלעזל האָט געמאַכט רינגען און רינגען מיט זיין פאַלן. ווען ער האָט אויסגעליידיקט האַלב די קעשענעס האָט ער זיך אָנגערופן:

— ס׳איז שלעכט אַז מען קען נישט פאַרגעסן. צופיל געדענקען טויג נישט. מיינסט אַז איך ווייס נישט אַז די גמרא און דער רמב״ם און דער אבן העזר זענען געערכט אין אויסטייטשן דעם פסוק? איך קען דיר ברענגען דעם רמב״מס טייטש — וועט דיר ליכטיק ווערן אין די אויגן. אָבער ווען איך זאָל נאָר קענען פאַרגעסן,

— ווּעמען פאַרגעסן, רב זרח? — האָט שמעון געפרעגט.

— מיין שיינעם עלטערן ברודער, דעם פּושע ישראל. דו ווייסט אונדזער יחוס? מיר זענען פון די אמתע הורעוויצעס. מיין טאַטע קען אָנווייזן אויף אַ שלשלת היחוס וואָס ציט זיך אַזש ביז פיר הונדערט יאָר צוריק. גאַלע רבנים, גבירים אַדירים, שתדלנים און גילדערנע פאָן. דער טאַטע מיינער פאַרנעמט זיך מיט וואַלד־מסחר, מיט פאַדראַדן. ער קומט אַהער נאָר צווי מאָל אַ יאָר אויף די ימים נוראים און פסח, מיט פערצן יאָר צוריק האָבן מיר געוווינט אין פּיעטראָקאָוו. איך בין אַלט געווען זעכצן יאָר, געלערנט אין דער ישיבה און מיין עלטערער ברודער גרשון איז אַלט געווען ניינצן יאָר, אַ חתן־בחור, געשטאַנען אין שידוכים. אין חודש סיון דערהאַלט איך אַ בריוו דורך אַ שליח, אַז איך זאָל קומען

אַהיים. די גאַנצע משפחה וועט פאָרן קיין באַברויסק אויף גרשונס תנאים. די כלה איז געווען אַ יפת תואר, געשטאַמט פון רבנים און גוטע ייִדן. זי האָט אויך געקענט פויליש און רוסיש — אַ מושלמת און טאַקע אַ גבירס אַ טאָכטער. אַ שידוך ווי עס פּאַסט פאַר די הורעוויצעס.

איך בין געקומען צו פאָרן אַ היים זיך פרייען מיט מיין ברודער. אָבער מאָדנע, איך האָב נישט אָנגעטראָפן קיין שמחה, קיין פרייד אין הויז. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען מיט געשוואָלענע אויגן פון געוויין. דער טאַטע האָט געהאַלטן אין איין צופּן די באָרד און מיין ברודער גרשון איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ נעכטיקער.

איך האָב דערשמעקט, אַז עפּעס איז נישט גלאַט. נאָר וואָס, האָב איך נישט געקענט דערגרונטעווען. אָבער דאָנערשטיק, ווען די פורן זענען געשטאַנען ביי דער שטוב, איז געקומען צולויפן ביילע־חיה, די אלמנה, און געשלעפּט ביי דער האַנט איר טאָכטער עלקע, וואָס האָט געדינט ביי אונדז. זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ יללה און זיך צעשריִען איבער דער גאַס פאַר אַלעמען:

— זעט, ייִדן, און קוקט ווי דער משומד האָט אומגליקלעך געמאַכט מיין טאָכטער!

דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן. ביילע־חיהס קרובים זענען גע־קומען מיט העק און גענומען האַקן די רעדער פון די וועגענער. עלקע איז גע־שטאַנען איינגעקוטעוועט אין אַ פאַטשיילע און איר בויך איז געווען העכער פאַר דער נאָז. און ביי אונדז אין שטוב איז געווען תשעה־באב. מיר זענען שוין נישט געפאָרן אויף די תנאים.

איך האָב זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט. איך בין געווען בייז אויפן טאַטן, אויף דעם ברודער און אויף דער מאַמען, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פאַרגיסן טרערן. וואָס וויינען זיי? וואָס קלאָגן זיי? ס׳איז דאָך אַ בפירושער פסוק — גרשון דאַרף חתונה האָבן מיט דער יתומה!

אין אָנהייב האָב איך נישט געהאַט די חוצפה צו ריידן מיטן טאַטן, האָב איך איינגעטענהט מיטן ברודער: גרשון, הייתכון! האָסט גאָרנישט קיין ייִדיש האַרץ? ס׳איז אַ בפירושער פסוק און ס׳איז אַ רחמנות אויף אַ יתומה. און זי איז דאָך טאַקע אַ יפת־תואר. וואָס איז דער אומגליק? קומט זי נישט פון דער גילדענער פּאָן.

גרשון האָט מיר געענטפערט, אַז ער קען מיט איר נישט חתונה האָבן. אמת, ער האָט זי מפתח געווען, איבערגערעדט, אָבער איצט האָט ער זי פיינט. קען זי נישט אָנקוקן.

איך האָב אים נישט אָפּגעלאָזט:

— וואָס מיינסטו, פריִער האָסטו זי ליב געהאַט און לאחר המעשה שוין פיינט געקראָגן?

ענטפערט ער מיר:

— וואָס וווּנדערסטו זיך? אָט שטייט דאָך ביי אמנונען, נאָכדעם ווי ער איז געלעגן מיט תמרן: „און אמנון האָט זי פיינט געקראָגן מיט אַ גרויסער שנאה, די פיינטשאַפט, מיט וועלכער ער האָט זי פיינט געקראָגן איז געווען גרעסער פון דער ליבשאַפט, וואָס ער האָט זי פריִער ליב געהאַט”.

זאָג איך צו אים:

— וואָס איז פאַר אַ פאַרגלייך? דאָרטן, אין תנ״ך, איז געווען אַ מעשה צווישן אַ פּרינץ און אַ פּרינצעסין. חוץ דעם האָט דאָך אַבשלום טאַקע אַמנון געטויט פאַר דער זינד. אָבער דאָ האָסטו באַעוולט אַ יתומה. זי איז טראַגעדיק. וואָס וועט זי טון מיט דיין ממזר?

— מירן איר פאַרגיטיקן!

שבת האָבן ביילע חיהס קרובים מעכב הקריאה געווען, דער טאַטע האָט מסכים געווען אויף אַ דין־תורה.

שבת צום עסן האָב איך זיך אָנגענומען מיט לבבות און גערעדט צום טאַטן:

— טאַטע, ס׳איז אַ בפירושער פּסוק. און ווּ איז יושר?

דער טאַטע איז אַריינגעפאַלן אין אַ צאָרן, האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיש:

— שטיל, שייגעץ, איך ווייס וואָס דער דין איז. און דו פּסקן נישט קיין שאלות פון פּסוק!

איך בין אַוועק מיט כעס פון טיש. געוואַלד, וואָס טוט זיך דאָ מיט מיין פרומען טאַטן און טייערער מאַמען. ווי קענען זיי צוקוקן צום צער פון אַ יתומה?

איך האָב יענעם נאָכמיטיק דורכגעקוקט אַלע דינים פון „אונס ומפתה” און איך האָב געזען, אַז דער טאַטע און מיין ברודער וועלן אָפּקומען נאָר מיט אַ קנס. אָט אַזוי איז דער דין. אַ גרויסער צאָרן איז מיך באַפאַלן און איך האָב אַ שליידער געטון די גמרא און דעם רמב״ם און אַלע אַנדערע ספרים אויף דער ערד. איך האָב גענומען מאַכן סקאַנדאַלן, געבראָכן געשריר אום שבת. דער טאַטע האָט מיך פאַרשפּאַרט אין אַ חדר, פאַרשלאָסן די טיר און מיך נישט אַרויסגעלאָזט ביז נאָך דער דין־תורה.

מען האָט צוגעפּסקנט דער יתומה צוועלף הונדערט רובל און מזונות פאַרן קינד. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה. איך האָב ווייניק געגעסן און נישט געוואָלט איבערטאָן זיך. מען האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט. צוריק אין דער ישיבה בין איך נישט געפאָרן.

מענטשן פֿאַרגעסן גרינג. עלקע איז אַװעקגעפֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. גרשון איז װידער געשטאַנען אין שידוכים. אין אַ שײנעם טאָג איז ער געקומען צוריק פֿון אַן אַנדער שטאָט מיט אַ גאָלדענעם זײגער — אַ מתנה פֿון אַ כּלה. דער טאַטע איז געװען צופֿרידן און די מאַמע גליקלעך.

װען איך האָב דערזען דעם זײגער, האָב איך געפֿילט װי עפּעס האָט זיך מיר אַ ריר געטון אין קאָפּ. איך האָב אים אַרײנגעשריגן אין פּנים:

— גנבֿ! אַ גנבֿ ביסטו! און דו, טאַטע, װאָס מײנסטו? גאָט װעט פֿאַרשװײגן די טרערן פֿון אַן אַלמנה און אַ יתומה? און איך האָב זיך געװאָרפֿן שלאָגן. — איך געדענק נישט, צי נאָר אױף גרשונען אָדער אױך אױפֿן טאַטן.

איך בין װילד געװאָרן און ביז מען האָט מיך געבונדן האָב איך צעבראָכן אַלץ, װאָס עס איז מיר געקומען אונטער דער האַנט.

מען האָט מיך געפֿירט צו דאָקטױרים. זײ האָבן גערעדט, אַז איך בין משוגע געװאָרן. אָבער באמת בין איך געװען קלאָר. איך האָב נאָר געװאָלט אָפּטון עפּעס דעם טאַטן און מאַמען און גרשונען. איך האָב זײ געװאָלט פֿאַרשװאַרצן דאָס פּנים. װען מען האָט מיך געהאַלטן געבונדן און געגאָסן קאַלטע װאַסער אױפֿן קאָפּ, מײנסטו אַז איך האָב נישט געװוּסט װוּ איך בין אין דער װעלט? איך האָב דעמאָלט נאָר אַלץ געטראַכט אָפּצוטון אַ גרױסן להכעיס דער משפּחה.

ס׳איז מיר געקומען אױפֿן זינען צו שמדן זיך. אַנטלױפֿן און שמדן זיך. אָבער װען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך װעל װערן אַ גױ, האָב איך אָנגעהױבן ברעכן גרין און גאַל. די דאָקטױרים האָבן אַלץ געװאָלט פֿאַרשטײן פֿאַרװאָס ברעך איך. גײ דערצײל זײ אַ מעשה.

מען האָט מיך אַרײנגעגעבן אין אַ בית־משוגעים, ערגעץ אין אױסלאַנד. איך האָב אַלץ געטראַכט װאָס צו טון, ביז איך האָב בײ זיך באַשטימט װערן שטיל משוגע. איך װעל נישט דאַרפֿן אָפּהיטן קײן ייִדישקײט, װאָס זײ האַלטן אױף מיט שקר און איך װעל נישט דאַרפֿן זײן קײן גױ און זײ װעל איך פֿאַרשװאַרצן דאָס פּנים.

װען מען האָט מיך געבראַכט פֿון אױסלאַנד, האָט דער טאַטע זיך אַריבער־געקליבן אַהער, אין אַט דעם העק, װוּ קײנער קען אונדז נישט. ער האָט אַלעמען דער־צײלט אַ מעשה, אַז איך בין משוגע געװאָרן פֿון צופֿיל לערנען.

שמעון איז געזעסן די גאַנצע צײט און געקוקט זרחן אין מױל — ער רעדט דאָך פֿאָרט נישט װי קײן משוגענער. װען זרח האָט געענדיקט האָט שמעון געזאָגט:

— איר װײסט, ר׳ זרח, איר רעדט דאָך מיט שׂכל און טעם.

זרח האָט געקוקט אױף אים מילד:

— ביסט פאַרשטאַנדיק, אַ קליין יינגל אָבער פאַרשטאַנדיק. שוין אַ מעשה אַ יאָר, אַז איך האָב חרטה אויף דעם גאַנצן עסק. אָבער ווי ווערט מען אויס משוגע אינמיטן דרינען?

שמעון האָט נישט ווילנדיק זיך צעלאַכט:

— אויך אַן עסק! מען טוט איצט וואָס מען וויל, ווי איר האָט פריִער געטון וואָס איר האָט געוואָלט.

זרח האָט שטיל מיטגעלאַכט, — ס׳איז אַ געדאַנק!

זיי זענען ביידע געבליבן זיצן שטיל. זרח האָט אַלץ געוואָרפן „קלאַפּטער״ מיט די שטיקלעך גלאָז. די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן. שמעון האָט זיך אויפֿ־געהויבן: „איך וועל פאַרשפעטיקן מנחה!״

— גיי, — האָט זרח געענטפערט, — איך בלייב דאָ. איך וועל אַריינכאַפּן נאָך אַ פּאָר שעה משוגע. איך מיין, אַז מאָרגן וועל איך אָנהייבן קלאָר ווערן!

**
*

דער פעטער אברהם־חיים איז געשטאַנען אין זיין קרעמל און גערעדט צו שמעונען:

— נו, ער האָט מיט דיר איינגעטענהט, אַז די גמרא און דער רמב״ם און אַלע פּוסקים טייטשן שלעכט אַ פּסוק.

— יאָ, — האָט שמעון געענטפערט.

— אויסגעלייגט די שטיקלעך גלאָז, דערציילט די מעשה מיט אַ „נערה מפתה?״ דו מיינסט, אַז דו ביסט עס דער ערשטער פאַר וועמען ער האָט אויס־געלייגט זיינע טענות? יעדן נייעם מענטשן, וואָס ער כאַפּט דערציילט ער עס. ווען איך בין אָנגעקומען פאַר אַן איידעם אַהער האָט ער מיך אויך מקבל־פּנים געווען מיט די זעלביקע דרשות. איך האָב געפּרוווּ אים באַווייזן, אַז די פּוסקים זענען גערעכט, איז ער ווילד געוואָרן. האָסט זיך מיט אים געפּילפּולט?

— איך האָב אים נישט געקענט אָפּפרעגן, איך האָב קיינמאָל נישט געלערנט די שיטה פון „אונס ומפתה״, — האָט שמעון געענטפערט.

— אָבער, זאָלסט וויסן, שמעון, אַז די גאַנצע מעשה מיט זיין ברודער איז לא היה ולא נברא. ער איז משוגע געוואָרן פון צופיל לערנען. ער איז געווען אַ בקי אין גאַנץ ש״ס, צו זעכצן יאָר.

די באָבע האָט אַפּנים אונטערגעהערט דעם שמועס. זי האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— דו, אַברהם־חיים גלייבסט זרחס טאָטן און איך גלייב זרחן. דער משוגע־

נער דערציילט דעם אמת. האָסט געקענט הורוויצן אײדער ער איז געקומען קיין אַזאָריטש?

אַברהם־חיים האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— ווייבער האָבן אַלעמאָל ליב שיינע מעשיות!

**
*

אויף מאָרגן האָט גאַנץ אַזאָריטש געקאָכט מיט דער גרויסער נייס: זרח איז איז געקומען אין שול צום דאַווענען, זיך געשטעלט אויף זיין טאַטנס שטאָט און געלייגט תפילין. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מען האָט אים געזען לייגן תפילין און דאַווענען. אָבער זיינע קעשענעס זענען אַלץ געווען פול מיט די גלעזלעך.

שמעון איז אַ וואָך שפּעטער צוריקגעפאָרן אַהיים.

## קאַפּיטל 21

# דער רבי אליקום געצל

רבי אליקום געצל, דער בעסטער גמרא מלמד אין שטעטל איז נישט געווען קיין קאַלינקאָוויטשער. מיט יאָרן צוריק האָט אים דער גביר פון שטעטל אַראָפּגעבראַכט פאַר אַ מלמד פאַר זיינע קינדער. פינף יאָר האָט רבי געצל געקנעלט מיט דעם גבירס קינדער. נאָך דעם האָט ער געמאַכט אַ קנעלונג פאַר זיך. אין שטעטל האָט מען אים אונטער די אויגן גערופן ר׳ געצל. אין די אויגן אַלעמאָל רבי אליקום געצל, אָדער סתם רבי.

אין שמעונס צייטן איז רבי געצל געווען אַ הויכער, דינער אַלטער ייִד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרינלעכקייט; שוואַרצע טיף אַריינגעזעצטע אויגן און הענט מיט דינע לאַנגע פינגער. ווען שמעון איז אָנגעקומען צו אים אין חדר, איז געצל שוין געווען אַ ייִד אַ זקן. ער אַליין האָט צוגעגעבן, אַז ער איז אַ בן־שבעים. אין שטעטל האָט מען גערעדט, אַז ער איז אַ סך נענטער צו אַכציק ווי צו זיבעציק. אָבער נישט געקוקט אויף זיין הויכן עלטער, איז ער נאָך געגאַנגען גלייך ווי אַ סטרונע, נישט געטראָגן קיין ברילן, געזאָגט אַ שיעור אין חברה ש״ס, זיך געמישט אין קהלשע זאַכן און איז נאָך אַלץ געווען פאַררעכנט פאַר דעם בעסטן גמרא־מלמד.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר אים. מער ווי אַ האַלב שטעטל שיינע באַלעבאַטים זענען געווען זיינע געוועזענע תלמידים. ביי יעדן איינעם פון זיי איז נישט נאָר געבליבן אין האַרצן אַ גרויס אָפּשיי פאַרן אַלטן רבין, נאָר אַביסל מורא אויך.

שוין איבער פערציק יאָר, אַז ער איז גמרא־מלמד אין שטעטל. אַמאָליקע יאָרן פלעגט ער נישט אַריינעמען קיין תלמידים ייִנגער פון דרייצן יאָר, סיידן

דער תלמיד איז געווען אַן אמתער עילוי. לערנען האָט מען ביי אים געלערנט אין יענע צייטן ביז מען האָט חתונה געהאַט, אָדער אָפּגעפּאָרן אין אַ ישיבה. איצט אָבער האָט ער נישט קיין תלמידים, וואָס זענען עלטער פון פערצן יאָר. אַנדערע צייטן היינט, מען הערט אויף לערנען יונג, מוז ער איצט אַריינעמען יינגלעך אין עלטער פון עלף יאָר אַפילו.

יאָ, אַמאָל, אַמאָל האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסן יחוס צו זיין געצלס אַ תלמיד. ס׳איז אויך געווען אַ סגולה פאַר אַ רייכן שידוך. היינט איז שוין נישט אַזוי. נייע צייטן, נייע השגות. אָבער אַפילו אין שמעונס צייטן האָט דאָס שטעטל נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז ווען געצל נעמט אָן אַ יינגל פאַר אַ תלמיד איז מען שוין נישט אַבי ווער.

מער ווי צען יינגלעך האָט רבי געצל נישט אַריינגענומען אין זיין חדר. ווי אַמאָל — זעקס פאַרמעגלעכע און פיר אָרעמע. די פאַרמעגלעכע האָבן געצאָלט פינף און דרייסיק רובל אַ זמן שכר־לימוד. די אָרעמע האָבן געצאָלט וויפל זיי האָבן געקענט. אָבער ווי ווייניק זיי האָבן געצאָלט, איז אַלץ געווען אַ סך מער ווי וועלכן ס׳איז אַנדער גמרא־מלמד.

***

איניינעם מיט שמעונען האָבן אין יענעם ווינטער אָנגעהויבן צו לערנען ביי רבי געצלען, נאָך צוויי תלמידים פון רבי מענדלס חדר: בײנוש סייטשיקס און ישׂראל־משה שמואליקס. רבי מענדל האָט די דריי יינגלעך געהאַלטן פאַר גוטע קעפּלעך. אַלע דריי האָבן זיך אַ היפּש ביסל געשראָקן פאַרן ערשטן טאָג אין רבי געצלס חדר, האָבן זיי אָפּגעמאַכט צו באַגעגענען זיך לעבן לייבקע שרהס קראָם, וואָס איז געשטאַנען אין אָנהייב קלויסטער גאַס, וווּ רבי געצלס חדר איז געווען.

די יינגלעך זענען אַריין אין אַ גראָמען צימער. אין מיטן חדר איז געשטאַנען אַ לאַנגער רויטער טיש מיט עלף אַרומגעשטעלטע שטולן. די דריי נייע תלמידים זענען געווען די ערשטע אין חדר און זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון. זיי זענען געקומען נישט קיין געדאַוונטע און זיי האָבן באַשלאָסן צו שטעלן זיך דאַוו־נען, ווי זיי פלעגן טון ביי מענדלען אין חדר.

דער רבי און די עלטערע יינגלעך זענען אַריינגעקומען נישט אַ סך שפּעטער. ווען די אָנגעקומענע תלמידים האָבן דערזען ווי די דריי נייע יינגלעך דאַווענען, האָבן זיי אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. רבי געצל האָט זיי איינגעשטילט. ווען די דריי יינגלעך האָבן אָפּגעדאַוונט, האָט ער געזאָגט צו זיי רויק:

—איר זאָלט וויסן, קינדער, אַז דאָ איז נישט קיין דרדקי־חדר, מען קומט צו מיר אָפּגעדאַוונטע!

ער האָט די יינגלעך פאַרהערט ס'איז געווען אַ מאָדנע פאַרהערעניש. ער האָט יעדן איינעם געפרעגט: וועלכע סוגיה ער קען אַמבעסטן. יעדער יינגל האָט געזאָגט זיין סוגיה, וועלכע ער האָט געקענט אויף קלאָר. רבי געצל האָט זיי נישט אָפּגעשטעלט, ווען זיי האָבן געמאַכט אַ טעות, האָט זיי נישט איבערגעפרעגט קיין זאַך. נאָכן פאַרהערן האָט ער זיי געזאָגט קורץ: איר אין דרייען וועט אָנהייבן מסכתא ברכות.

וואָרמעס צייט, האָט ער די דריי יינגלעך געהייסן בלייבן. ווען די אַנדערע תלמידים זענען אַוועק, האָט ער געזאָגט צו די דריי:

— איך האָב אייך בכיוון געהייסן דאָ בלייבן, ווייל איך וועל צו אייך ריידן ווי איך טו אַלעמאָל מיט נייע תלמידים. איך וויל איר זאָלט פאַרשטיין, אַז דאָ דאַרפט איר זיך נישט פאַרלאָזן אויף מיר. איר דאַרפט לערנען פאַר זיך. איך וועל נאָר אַכטונג געבן אויף אייך, איר זאָלט זיך נישט נאַרן. וועט איר פעלשעווען, וועט עס זיין אייער שאָדן. אַ רבי דאַרף זיין ווי אַ קוואַל וואַסער, גרייט צו געבן. וויפל איינער טרינקט פון קוואַל, ווענדט זיך אָן דעם מענטשנס דורשט און זיין יכולת. איר אַלע דריי האָט גוטע קעפלעך. איר קענט נישקשה מאַכן אַ לייענען. איר וועט מאַכן אַ לייענען אַלע טאָג אָן עמוד, אויב דער עמוד איז אַ גרויסער, וועט זיין גענוג אַ האַלבער עמוד. איך וועל אייך פאַרהערן דריי מאָל אַ וואָך. צי וועל איך אייך האַלטן איינעם אין איין כיתא צי נישט, ווענדט זיך אָן אייך. וועט איר מיך און זיך אַליין נישט נאַרן, בלייבט איר אַ כיתא, אַנישט וועל איך אייך צעטיילן. איצט גייט אַהיים אויף וואָרמעס!

די יינגלעך זענען געוואָרן פרייע פייגל. זיי האָבן געטון וואָס זיי האָבן געוואָלט, יאָ געלערנט נישט געלערנט. אַפילו ווען זיי האָבן נישט געקענט גוט דעם לייענען, האָט רבי געצל זיך נישט געכעסט, נישט געשריגן, ער האָט נאָר טרוקן באַמערקט: איר בטלט צייט!

חברה האָט טאַקע געבטלט צייט. שמעון האָט זיך אויסגעלערנט צו שפּילן אין קוויטלעך. געוואָרן אַ גוטער גליטשער. צעטרענצלט צייט אויף הערן מעשיות און דערציילן מעשיות. די עלטערע בחורים האָבן געקוועכערט. ביינוש און ישראל־משה האָבן געבראַכט טאַבאַק פון די טאַטנס קראָמען און אויסגעלערנט אויך שמעונען רויכערן.

אַזוי איז אַנגעגאַנגען פולע פיר וואָכן.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז אָבער דאָס ייִנגל אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה: וואָס טוט ער? די מאַמע גרויסט זיך מיט אים. די ברידער און שוועסטער קוקן אַרויף צו אים. די גאַנצע משפּחה שטאָלצירט מיט אים ווי דער איינציקער לערנער. און ער? ער נאַרט אַלעמען. ער פעלשעוועט. וואָס וועט זיין דער תכלית?

נאָכמיטיק, ווען דער רבי איז געזעסן און אַריינגעקוקט אין אַ ספר, איז שמעון אַריינגעקומען, זיך געזעצט אַנטקעגן דעם רבין און געשוויגן. די גמרא ברכות איז געלעגן אַ פאַרמאַכטע און שמעון האָט געהאַלטן די האַנט אויף דער גמרא און געקוקט מיט דערוואַרטונג אויפן רבין. באַלד האָט רבי געצל פאַרמאַכט זיין ספר, אַרויסגענומען זיין שמעק טאַבאַק פּושקעלע, אַ שמעק געטון טאַבאַק, אַ שמייכל געטון און געזאָגט צום ייִנגל:

— נו, פּסוק לי פּסוקך — עפּעס ווילסטו דאָך מיר זאָגן. רעד!

שמעון האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— רבי, איך בטל צייט. איך פאַלשעווע אין לערנען. ס'איז אַ גרויסע עוולה קעגן דער מאַמען!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, ווייל אַ האַרטע קנויל האָט זיך אים געשטעלט אין קעל און זיך געריסן אַרויסצופּלאַצן מיט טרערן. אָבער אים איז געראָטן אַראָפּצושלינגען דאָס שטיק פאַרהאַרטעוועטע געוויין און צוגעבן:

— איך גלוסט צו לערנען און קען נישט. איך קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיך אַליין.

רבי געצל האָט געקוקט לאַנג אויף דעם ייִנגלס פּנים, וואָס איז געווען אָנגעגאָסן מיט צער, געטראַכט אַ היפּשע ווײַלע און אָנגעהויבן ריידן:

— זייַ שטיל און הער זיך צו. איך וועל פאַר דיר האַלטן אַ גאַנצע דרשה. ראשית, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס וואָס דו האָסט מיר דערציילט, אַז דו בטלסט צייט, האָסטו פאַר מיר גאָרנישט נישט מחדש געווען. איך ווייס, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין חדר. שנית, ווייל איך דו זאָלסט וויסן, אַז איך האָב דיך בכיוון געשטעלט צו אַ נסיון. דער מדרש תנחומא זאָגט: והאלקים נסה את אַברהם, ווייל מען שטעלט צו אַ נסיון נאָר אַ גערעכטן מענטש, אַזוינעם, וואָס מען ווייסט, אַז ער וועט נישט אַראָפּ פון דרך הישר. רבי יונה ברענגט אַ משל: דאָס פלאַקס, וואָס מען קלאַפּט ווערט בעסער. ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען ס'איז גוטע פלאַקס. אָבער ווען דאָס פלאַקס איז פון אַ שלעכטן מין, ווערט עס צעדריבלט ווען מען קלאַפּט אים. באמת האָב איך געמיינט, אַז דו וועסט נאָך פריִער קומען. ס'וועט דיר אויך גיך נמאס ווערן דאָס בטלענען. אָבער דו האָסט אויסגעהאַלטן גאַנצע פיר וואָכן.

דאָס ייִנגל האָט געקוקט פאַרוווּנדערט אויפן רבין:

רבי געצל האָט ווייטער גערעדט אויף זיין געלאַסענעם שטייגער:

— פאַראַן צוויי שיטות צו לערנען מיט תלמידים. איין שיטה איז אַספּי ליה כתורא — שטאָפּ אים ווי אַן אָקס. די צווייטע שיטה איז: אויב ס׳איז אַ שלעכטער תלמיד איז „צו דיר אַליין זאָלן געהערן די קוואַלן”. אויב ס׳איז אָבער אַ פּאַסיקער תלמיד איז „זאָלן זיך צעשפּרייטן דיינע קוואַלן אין דרויסן”. איך האַלט פון דער צווייטער שיטה.

דאָס יינגל האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען וווהין דער רבי צילט. דער אַלטער האָט ווייטער גערעדט:

— איך בין שוין קרוב פופציק יאָר אַ מלמד. וויפל למדנים, מיינסטו, האָב איך אויפגעשטעלט? גאָר ווייניק. למדנים, מיין איך, נישט ייִדן וואָס קענען לערנען. אַזעלכע זענען פאַראַן אַ סך ביי אונדז. איך מיין יודעי תורה — וואָס זייער דער־קענטשאַפט איז תורה, תורה איז זייער אָטעם, זייער נשמה, זייער דרך החיים! געציילטע. פאַרוואָס? ווייל דער רבונו של עולם האָט געשאַפן די וועלט מיט גרויס פזרנות. קוק זיך צו. צוליב אַ קליין קאַראַסקעלע (בלום) מאַכט ער אַ גאַנצן קוסט. צוליב געציילטע עפּל האָט ער באַשאַפן אַ גאַנצן בוים, מיט אַ גראָבן שטאַם, צווייגן און טויזנטער בלעטלעך און בלי‌עכץ אין די מיליאָנען. דער מדרש זאָגט, אַז אַ מלמד איז געגליכן צו אַן אשה, וואָס זעצט אַ הון אויף אייער. זי זעצט די הון אויף אַ סך אייער אָבער נאָר געציילטע בריִען זיך אויס. פאַראַן נאָך אַ מדרש: טויזנט גייען אַריין צו לערנען פּסוק, נאָר הונדערט פון זיי צו משנה, פון די הונדערט — צען צו גמרא און נאָר איינער קומט אָן צו הוראה — צו פּסקענען, צו ווערן אַ מנהיג ביי ייִדן.

שמעון איז אַלץ געזעסן פאַרוווּנדערט: איז וואָס וויל דער רבי? רבי געצל האָט אים מער קלאָר געמאַכט דעם ענין:

— דו האָסט אַ גוט קעפּל. נישט אַזאַ גוטן קאָפּ ווי אפרים־דוד ר׳ אַברהם־יוספס, אָבער דער חילוק איז, וואָס ביי אים איז תורה קיין חידוש נישט. די גאַנצע משפחה זיינע זענען למדנים, מופלגים, אויסגעוווּיקט אין תורה. ביי דיר אָבער איז תורה אַ חידוש, ביסט איינער אין אַ משפחה. פאַר דיר איז תורה אַלע טאָג אַ נייע התגלות. קענסט ווערן איינער אויף וועמען איך קוק אויס אַ גאַנץ לעבן.

דאָס יינגל האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט צי עס איז כדאַי געווען צו קומען מיט זיין חרטה צום רבין. ווייל וואָס וועט אַרויסקומען פון רבינס רייד? באַלד אָבער איז רבי געצל געקומען צום עיקר:

— איז אַזוי וועט זיין. דו וועסט איצט אַנהייבן פּסחים. וועסט לערנען אַליין. אַברהם־משה וועט דיך פאַרהערן אַלע טאָג. צו מיר וועסטו קומען פאַרטאָג, אַלע

אינדערפֿרי, צװײ שעה פֿאַרן דאַװנען, װעלן מיר בײדע לערנען יורה־דעה. מירן אָנהײבן לערנען „בשר בחלב״ און גײן אַזױ װײטער. איך האָב מײן טעם דערױף. אינגאַנצן פֿאַר זיך אַלײן לערן װײטער משניות. קוק אױך אַרײן אין תנ״ך!

— איצט האָסטו אַרבעט איבערן קאָפּ. װעסט מיך אױך משמש זײן. צי איך װעל זײן צופֿרידן מיט דיר, אָדער דו מיט מיר, װעלן מיר זען. איך האָב געלערנט אױף דעם אופֿן, אין מײן לעבן, מיט פֿינף תלמידים. דו װעסט זײן דער זעקסטער. פֿון די פֿינף זענען דרײ געגאַנגען לאיבוד — אַרױסגעװאָרפֿן געװען די אַרבעט. דער פֿערטער איז ערגעץ אין פּאַריזש — אַ גרױסער מלומד. געביטן זײן ייִדישן נאָמען. דער פֿינפֿטער איז געבליבן אַ למדן, גאָר אַ גרױסער למדן, אַ מופֿלג, אָבער נאָך אַ גרעסערער קבצן. נו, װאָס זאָגסטו אױף אַזאַ תּכלית?

— איך װעל מאָרגן פֿאַרטאָג קומען, איר זאָלט לערנען מיט מיר, — האָט שמעון געענטפֿערט.

***

צװײ און אַ האַלב יאָר האָט שמעון געלערנט בײ רבי געצל. דער ערשטער יאָר און אַ האַלב זענען געװען פֿרײדיקע און התמדהקע. דער סוף פֿון צװײטן יאָר און דער דריטער זענען געװען פֿול מיט איבעררײסן און ראַנגלענישן. אָבער די צװײ און אַ האַלב יאָר האָבן איבערגעלאָזט נאָך טיפֿערע סמנים אין אים, װי די דרײ יאָר װאָס ער האָט געלערנט בײ מענדלען. ביזן הײנטיקן טאָג, װײסט שמעון, אַז ער האָט זיך נישט באַפֿרײט פֿון דער השפּעה פֿון יענע יאָרן. דאָס גײסטיקע לעבן זײנע פֿון די שפּעטערדיקע יאָרן, איז געװען נישט מער װי אַן איבער־חזר׳נג און אַ פֿאַרטיפֿונג פֿון יענער צײט. אָפֿט נישט מער װי אַ דופּליקאַציע.

אַממײנסטן געדענקט שמעון פֿון יענער צײט די גרױסע פֿרײד און תּכליתדיקײט װאָס עס האָט אים דורכגענומען. די טעג זענען געװען אײנגעשעטעלטע. אינדערפֿרי נאָכן דאַװנען, האָט ער זיך געזעצט מאַכן דעם לײענען אין מסכתא פּסחים. אברהם־משה, װאָס איז געװען עלטער מיט צװײ און אַ האַלב יאָר פֿון שמעונען, האָט אים פֿאַרהערט נאָכמיטיק. דאָס עלטערע בחורל איז געװען זײער צופֿרידן מיטן נײעם תּלמיד זײנעם, װאָס איז שנעל געװאָרן אַ חבר. אברהם־משה האָט געטון זײן אַרבעט ערלעך. שמעון האָט געהאַט אַ פֿלינקערן קאָפּ און אַ בעסערן זכרון פֿון אַברהם־משהן. אָבער אַברהם־משה האָט געהאַט מער טיפֿקײט, האָט ער צוריק־געהאַלטן שמעונען פֿון לױפֿן, כאַפּן און נאַרן זיך. אײדער די ייִנגלעך האָבן זיך אַרומגעקוקט זענען זײ געװאָרן צוגעבונדענע חברים און געשאַרפֿט אײנער דעם אַנדערן.

נאָכן פּאַרטיק ווערן מיטן טעגלעכן שיעור, האָט שמעון געלערנט פאַר זיך משניות. נאָכן משניות, אינאָוונט האָט ער אַריינגעקוקט אין די נביאים. שמעון האָט ליב געהאַט דעם משניות מער נאָך ווי די גמרא. ער האָט געפילט אַ נאָענטע שייכות צווישן דער משנה און די יורה דעה, וואָס דער רבי האָט מיט אים גע־לערנט פאַרטאָג.

רבי געצל האָט מיט אים מער גערעדט ווי געלערנט. ער געדענקט, אַז נאָך אַ וואָך לערנען האָט רבי געצל פאַרפירט מיט אים אַ שמועס:

— ערשטנס, שמעון, וויל איך, אַז דו זאָלסט פאַרשטיין פאַרוואָס איך לערן מיט דיר יורה דעה. איך האָב דיר געוואָלט באַווייזן, אַז דער גאַנצער לימוד פון דער תורה איז נישט גלאַט צוליב חידוד — צו שאַרפן דעם מוח. עס האָט אַן אחיזה. תורה צוליב מעשים. שנית, וויל איך דיר אָנווייזן, אַז דו כאַפּסט צופיל, ווילסט צופיל אַריינלערנען. ס׳איז דאָ אַ הלצה, וואָס איז אַ גרויסער אמת. מען דערציילט וועגן ר׳ חיים־לייבן, דעם עילוי פון סאָסנאָוויץ, אַז איינמאָל איז אַריין צו אים אַ בחור, וואָס איז געווען באַוווּסט ווי אַ גרויסער מתמיד. ווי עס פירט זיך צווישן למדנים, האָבן זיי גערעדט אין לערנען. ווען דער מתמיד איז אַוועק, האָבן די באַלעבאַטים געפרעגטביים סאָסנאָוויצער עילוי:

— נו, רבי, ווי געפעלט אייך דער מתמיד?

דער עילוי האָט אַ זיפץ געטון און געענטפערט:

— ער איז אַ גרויסער מתמיד. אָבער ער פאַרשווענדט אַזויפיל צייט אויף לערנען, אַז ער האָט קיין צייט נישט זיך עפּעס וואָס זיך אויסצולערנען.

— דו ווילסט אויך צופיל אַריינכאַפּן. עס שטייט דאָך אין פסוק: ואץ להעשיר לא ינקה — דער וואָס איילט זיך רייך צו ווערן, וועט נישט אָפּשניידן גוט. אין לערנען, דאַרף מען פאַרשטיין, איז נישט דער עיקר וויפל, נאָר ווי אַזוי. קענען איין סוגיה גוט איז בעסער ווי צו איינשלינגען אַ גאַנצע מסכתא. קענסטו גוט איין סוגיה און דו פאַרשטייסט וואָס דו לערנסט, קריגסטו אַריין אַ שליסל אין דיינע הענט, אַ שליסל צו דער גאַנצער תורה שבעל פה.

***

רבי געצל האָט אָנגעהויבן לערנען מיט שמעונען פון הלכות מליחה, נישט פון בשר וחלב. אין צוויי חדשים צייט האָט ער מיט אים דורכגעלערנט ביז בשר וחלב, פערציק זייטן. נאָכדעם האָט ער מיט אים אויפגעהערט לערנען:

— לערן פאַר זיך, — האָט רבי געצל געזאָגט, — איך האָב דיר אָנגעוויזן דעם וועג. אָן פּילפּול. לאָז אויס דעם „פּתחי תשובה״, נוץ זיך נאָר מיט „באר

היטב״. אָבער כדי דו זאָלסט זיך נישט נאַרן, זאָלסטו מיר צושטעלן אַלעמאָל אַ געשריבענעם קיצור פון יעדן סעיף. נישט אין לשון פון יורה דעה, נאָר אין דייַנע ווערטער.

דאָס איז געווען שמעונס ערשטע „ליטעראַרישע״ אַרבעט. ביז היינטיקן טאָג איז ביי אים געבליבן דער הרגל, טאָמער לייענט ער אַ שווערן ענין מאַכט ער באַלד אַ קיצור פון דאָס געלייענטע. זייַנע ספרים און ביכער זענען אַלע פאַרשריבן אויף די שולי הגוילים — אויף די ראַנדן פון די בלעטלעך.

אַפילו ווען רבי געצל האָט מיט אים נישט געלערנט איז שמעון אַלץ געקומען צו אים אין די פאַרטאָגן. דער רבי האָט געלערנט אויף איין ברעג טיש און דער תלמיד אויף דעם אַנדערן. דער אַלטער האָט ליב געהאַט צו האָבן לעבן זיך דעם רירעווודיקן, נייַגעריקן און לערן־דורשטיקן יינגל, וואָס האָט אַפּנים דערמאָנט דעם אַלטן אין זייַנע יונגע יאָרן. חוץ אַלעם האָט אים דאָס יינגל משמש געווען: אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי, אַרויסגענומען אַ ספר פאַר אים פון די פּאָליצעס און געגאַנגען אַ שליחות פאַר אים.

רבי געצל האָט געהאַט דאָס גאַנצע שטעטל אויפן קאָפּ. נישט נאָר האָט ער זיך געמישט אין קהלשע זאַכן, נאָר גאַנץ אָפט געזען אויסצוגלייכן עפּעס אַן עוולה, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן, אָדער אַרויספירן עמעצן אויפן דרך־הישר.

***

איינמאָל אַ פאַרטאָג, ווען עס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן טאָגן, האָט רבי געצל געזאָגט צו שמעונען:

— לויף צו צו לייבקען דעם בלעכער און זאָג אים, אַז איך וויל זיך דורכריידן מיט אים!

לייבקע דער בלעכער איז געווען אַ ייִד אַ יאָר פינף־און־זעכציק. אַ ברייט־פּליי־ציקער, מיט אַ פּאָר שטאַרקע הענט, אַ געדיכטע שוואַרצע באָרד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין איין גרויע האָר און אַ פּנים, וואָס עס האָט פון אים אַרויסגעשלאָגן גבורה. ער האָט שוין מער נישט געאַרבעט ביי בלעכעריי. זיין ראיה איז אים גע־וועזן געשלאָגן. זיין חיונה האָט ער געצויגן, וואָס ער פלעגט אַלע טאָג גיין צום וואָקזאַל, וואָס איז געווען צוויי וויאָרסט ווייט פון שטעטל. ער פלעגט דאָרטן אויפקויפן ברויט. אַממיינסטן די פלאָמבעס, בלייַענע חתימות, מיט וועלכע די וואַ־גאָנעס זענען געווען פאַרפלאָמבירט. דעם טאָג, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט בלויז די פּלאָמבעס, פלעגט ער טראָגן דעם בליי אין פּאַזוכע. ער האָט פאַרשטייפט די

הויזן מיט אַ פּאַסיק און די גראַבע, לייוונטענע העמד האָט אויסגעהאַלטן די צוואַנ־ציק, דרייסיק פונט בליי. ווען ער האָט איינגעהאַנדלט ברויט, האָט ער עס געטראָגן אין אַ זאַק אויף די פּלייצעס.

ער איז געווען אַ געזונטער, שטאַרקער ייִד און אָפט האָט ער געגעבן, אין שפּאַס, אַ שלום־עליכם צו אַ בחור, אַ קוועטש געטון אים די האַנט, אַז דער יונג האָט זיך איינגעבויגן אין דרייען. דער אַלטער האָט געשפּאַט:

— אַ דור, געמאַכט פון ווייצנס!

אַט דער לייבקע איז געווען מוראדיק פרום. ווען ער איז געגאַנגען פון וואָקזאַל האָט ער געזאָגט תהילים אויף אויסנווייניק. „ער פלעגט זיך אָפט אַזוי פאַרזאָגן אין מעמדות, אַז ער איז פאַרקראַכן צו מנחה", האָט מען געשפּאַסט אין שטעטל. שבת פלעגט ער גיין פּאַמעלעך, ווי אַן עופהלע. מען טאָר דאָך נישט מאַכן קיין איילנדיקן טראָט. דעם טאָג, וואָס ער האָט געגעסן פליישיקס, האָט ער זיך נישט צוגערירט צו מילכיקס.

אין שטעטל האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ חסיד שוטה. אָבער מען האָט אים ליב געהאַט, ווייל נישט נאָר איז ער געווען להוט נאָך מצוות בין אָדם למקום, צווישן מענטש און גאָט, נאָר ער האָט זיך אויך געיאָגט נאָך מצוות בין אדם לחברו — צווישן מענטש און מענטש. דער גבאי פון ביקור חולים האָט געוווּסט, אַז לייבקע וועט נישט נאָר קומען מבקר־חולה זיין אַן אָרעמען קראַנקן, נאָר וועט אים אויך באַזאָרגן מיטן רעצעפּט, און אויב נייטיק, מיט אַ שטיקל עוף און חלה. ווען דער גבאי פון לינת הצדק האָט קיינעם נישט געקענט קריגן צו איבערנעכטיקן ביי אַ חולה מסוכן, האָט ער געוווּסט, אַז לייבקע וועט זיך נישט אָפּזאָגן, אַפילו ווען ער האָט שוין די פריערדיקע דריי נעכט נישט געשלאָפן אין דער היים.

אויך האָט נאָך דאָס שטעטל ניט פאַרגעסן, אַז ער איז דער בעסטער „רייבער". ווען די כאָלירע האָט אויסגעבראָכן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, איז לייבקע גע־שטאַנען אויף די פיס פיר טעג און פיר נעכט, געריבן מיט שפּירט (אַלקאָהאָל) די געפּאַלענע. ער האָט יענע פיר טעג געלעבט אויף בראָנפן און אייער־קיכלעך, בראָנפן איז אַ סגולה קעגן כאָלירע און אייער־קיכלעך האָט ער געגעסן, ווייל מען דאַרף זיך נישט וואַשן צו זיי און מען דאַרף נישט בענטשן נאָך זיי. אַזוי אַז ער האָט נישט געדאַרפט פטרן קיין צייט.

ער איז אַזוי געווען אַ גוטמוטיקער, אַ צוגעלאָזענער, אָבער אין עניני פרומ־קייט, אַ גרויסער עקשן. אין זיין פרומקייט, האָט ער קיינעם נישט געהערט, קיינעם נישט געפאָלגט, אַפילו דעם רב. ווען דער מרא דאתרא האָט אים געוואָלט

מקיל זיין, מתיר מאַכן עפּעס, האָט לייבקע געענטפערט קורץ — איך זוך נישט קיין התירים.

לייבקע האָט געהאַט איין קינד, — אַ בן־יחיד, שאַיע. דער בחור איז אַוועק קיין אַמעריקע. אַ לאַנגע צייט האָט מען פון אים נישט געהערט. אָבער אין יענע צייטן, ווען שמעון האָט געלערנט ביי געצלען, האָט שאַיע אָנגעהויבן שיקן אָפטע בריוו צו טאַטע־מאַמע און אויך זיי געשיקט אַ פּאָר טאָלער. דער אַלטער האָט זיך אָפּגעלעבט. ער האָט נישט געדאַרפט אַזוי שטאַרק האָרעווען אויף חיונה און דער עיקר, ער האָט געהאַט אַ פרייען גראָשן פאַר צדקה.

אַזוי איז אַנגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, ביז שאַיע האָט צוגעשיקט אַ פּאָרטרעט צו זיין טאַטע־מאַמע. לייבקע האָט אַ קוק געטון אויפן בילד און אויפגעהערט אַראָפּנעמען דאָס געלט פון דער פּאָטשט. אַהרן־דוד, דער פּאָטשטאַליאָן (בריוו־טרעגער) האָט דערציילט געצלען, אַז עס ליגט אין פּאָטשט פאַר לייבקען קרוב הונדערט רובל און דער אַלטער וויל זיי נישט אַרויסנעמען: ער גייט בעסער אַלע טאָג צום וואָקזאַל און פאַרדינט פּרוטות.

ס'איז ערשט געוואָרן ליכטיק ווען שמעון איז געקומען רופן לייבקען צו רבי געצלען. דער אַלטער בלעכער איז שוין געשטאַנען מיט אַ זאַק פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס, גרייט צו גיין אויפן וואָקזאַל. ווען ער האָט דערהערט, אַז רבי געצל רופט אים, האָט זיך לייבקע אַ קער געטון ביז צו זיין ווייב:

— שרה, האָסט שוין מיך פאַרמסרט פאַר רבי געצלען? עס וועט דיר העלפן ווי האַרטשיצע אַ טויטן!

— זאָל איך נישט דערלעבן צו זען קיין איניקלעך, אויב איך האָב אויסגע־רעדט אַ וואָרט צו אים, — האָט זיך די אַלטע געשווירן.

לייבקע האָט געבורטשעט:

— רק מיט שבועות. ייִדענע, ווער שלעפּט דיך ביי דער צונג?

ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע, געטראַכט און דערנאָך זיך אָנגערופן צום ווייב:

— גיב מיר זיין שיינעם פּאָטרעט!

— אויף וואָס דאַרפסטו דעם פּאָטרעט?

— וועסט נישט קליגער ווערן, אַז איך וועל דיר דערציילן!

ווען שמעון און לייבקע זענען אָנגעקומען צו רבי געצלען, איז דער רבי באַלד צוגעטראָטן צום ענין:

— איך האָב געהערט, לייבקע, אַז דו ווילסט נישט אַראָפּנעמען פון פּאָטשט דאָס געלט, וואָס דיין בן־יחיד שיקט דיר. היתכן?

# װאַרצלען

לייבקע האָט אַרויסגענומען פון דער פּאַזוכע דעם יונגס פּאָרטרעט, עס אַװעק־געלייגט אױפן טיש און אַ בורטשע געטון:

— נאָט, טוט אַ קוק אויפן פּרצוף. נישטאָ קיין סימן פון צלם־אלקים. אַ פּנים גלאַט װי אַ לאָקשן־ברעט!

— איז ער דער איינציקער גלות ביי יידן? האָט רבי געצל געפרעגט.

— נישט נאָר אַ גלות, רבי, מען זאָגט, אַז ער עסט טאַרפע (טריפה), איז מחלל שבת. איך וויל נישט, אַז ער זאָל מיך מהנה זיין מיט זיין געלט. דער גוי וויל מיך אונטערקויפן מיט זיין גוטסקייט!

רבי געצל האָט שמייכלענדיק געענטפערט:

— מע זאָגט, מע דערציילט. מע — מאַכט אַ ציג. פון וואַנעט ווייסטו עס אַלץ? אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז אַלץ איז אַן אמת. נו, מיינסטו, אַז ער איז שוין קיין ייד נישט, אַרויס פון כלל ישראל?

— זאָל ער בלייבן געזונטערהייט אין כלל ישראל, — האָט לייבקע געענטפערט, — אָבער איך וויל פון אים נישט וויסן, איך וויל פון אים נישט הערן און איך וויל מיט אים קיין עסק נישט האָבן.

רבי געצל האָט שוין געערדט בייז:

— ביסט אַן אַכזר, לייבקע, אַ ייד אַן אַכזר. נו, גוט! זאָל זיין, אַז ער איז אַ פּושע בישראל. אָבער איין מצווה וויל ער אָפּהיטן, די מצווה פון כיבוד אָב ואם. שטעלסטו זיך אַנטקעגן און דערלאָזט נישט. דו ווילסט דווקא, אַז דיין בן־יחיד זאָל נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, קומען פאַרן רבונו של עולם אָדם־נאַקעט, אָן מצוות. וואָס פאַר אַ זכות וועט אים ביישטיין נישט צו פאַרפאַלן ווערן אין כף־הקל (חקלע)? איז עס שיין, יושרדיק? האָסט דאָך אַ גוט האַרץ, העלפסט אָרע־מעלייט, אָבער דעם אייגענעם בן־יחיד ווילסטו נישט העלפן.

לייבקע איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם מויל. ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— אירט מיך צעטומלט, רבי. איכל אַ טראַכט טון!

לייבקע האָט אָנגעהויבן אָפּנעמען דאָס געלט פון פּאַטשט.

**
*

רבי געצל האָט אומעטום מיטגענומען שמעונען: אויף אַלע קהלשע אַסיפות, אויף דין־תורות, אָדער ווען דער רב האָט אים גערופן וועגן אַ סירכה; ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ הפסד מרובה, אַ גרויסן היזק, האָט דער אַלטער רב,

רבי ישראל, קײנמאָל נישט געשטעלט אויף זיך. רבי געצל האָט מיטגענומען שמעונען מיטן תירוץ, אַז ער דאַרף האָבן עמעצן זאָל גײן מיט אים אין בײנאַכ־טיקער אָדער אָונטיקער חשכות. שמעון איז איצט חושד, אַז עס איז געווען בלויז אַ תירוץ. דער רבי האָט אים אומעטום מיטגענומען מיט אַ כיוון, ס׳איז געווען אַ טײל פון זײן דרך צו מחנך זײן דעם תלמיד.

שמעון געדענקט גוט דעם יאָר ווען ער איז געווען דעם רבינס שאָטן.

*****

ס׳איז געווען ערב־פּסח. דאָס שטעטל איז געגאַנגען כּאַדאָראָם: פון די ווינ־טערדיקע שנײען איז דער דאַך פון הקדש געוואָרן לעכערדיק ווי אַ רעשעטע. די פּריזבעס זענען פון דעם צעגאַנגענעם שנײ אונטערגעשווײנקט געוואָרן. די טירן זענען געהאָנגען אויף ניסים און האַלב פון די פענצטער האָבן נישט געהאַט קײן שױבן. חוץ אַלעמען האָט מען שוין נישט געקאַלכט דעם הקדש מער פון פינף יאָר. קהל האָט אָבער נישט געהאַט קײן געלט. מען האָט אין האַרבסט געבראַכט אַ דאָקטער אין שטעטל צום ערשטן מאָל. מען האָט אים געצאָלט אַכט הונדערט רובל אַ יאָר און געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט אים אויף דרײ יאָר צײט. דאָס האָט צוגענומען די גאַנצע הכנסה פון דער באָד, פון דער בוינע (שלאַכט־הויז) און דעם גרעסטן טײל פון דער קאָראָבקע־געלט. אַ סך באַלעבאַטים האָבן געשריגן, געליאַרעמט, אַז מען טאָר נישט לאָזן דעם הקדש אַזוי הפקר און אַפילו מעכבֿ קריאה געווען, אָבער מען האָט נישט געקענט געפינען קײן אַנדער מקור פון הכנסה. דערצו האָט זיך אָנגערוקט דער פּסח און קהל האָט געדאַרפט אײנזינען האָבן מעות־חיטים.

אינעם פרײטיק פון פאַר שבת־הגדול, פאַרטאָג, האָט רבי געצל געשיקט שמעונען צו רופן נחום־פאַלקן און יאַנקל דעם סטאָליער. די לײענער געדענקען דאָך נחום־פאַלקן און זײנע זעקס בנים. יאַנקל סטאָליער איז אויך געווען אַ ייִד אַ גבר, מיט פינף דערוואַקסענע זין. ווען זײ זענען געקומען צו רבי געצלען, האָט ער צו זײ געזאָגט קורץ:

— זאָל עס בלײבן צווישן אונדז. הײנטיקן שבת נאָכן דאַווענען נעמט צו די טליתים.

— רבי, — האָט זיך נחום־פאַלק אָנגערופן, — מילא יאַנקל אין נײעם בית־מדרש וועט קײן צרות נישט האָבן. אָבער איך, אין אַלטן בית־מדרש? איר ווייסט דאָך, לײבע פאָליאַק איז גבאי. ער איז אַ ייִד אַ תקיף, אַ גביר, אַ האַלב שטעטל

ציט פון אים חיונה. ער האָט פיינט, אַז מען טוט עפּעס איידער מען פרעגט אים. עס קען נאָך קומען צי געשלעגן.

רבי געצל האָט אַ שמייכל געטון:

— איי, נחום־פאַלק, ווערסט אַלט. אַמאָל האָסטו נישט מורא געהאַט פאַר אַזעלכע זאַכן און אַוודאי נישט ווען עס איז געקומען צו אַ דבר־מצווה. אָבער פאַרך נישט, איך וועל שטיין לעבן דיר. דו וועסט צונעמען די טליתים און וועסט זיי מיר אָפּגעבן. איך וועל זיי דערלאַנגען דיינע זין און זיי וועלן זיי אַנלייגן אויפן שולחן. כדי צו אויסהיטן מחלוקתן וועל איך מודיע זיין לייבע פּאַליאַקן פאַרן דאַוונען, אַז מיר וועלן צונעמען די טליתים. איך קען מיינע ידן; ס׳וועט נישט קומען צו קיין מחלוקת.

רבי געצל איז געווען גערעכט. קיינער האָט זיך נישט געשטעלט אַנטקעגן. נחום־פאַלקס זין האָבן אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג געהיט די טליתים אויפן שולחן. שבת־צו ־נאַכט האָט יעדער באַלעבאָס אויסגעלייזט זיין טלית און ס׳איז געווען מיט וואָס צו פאַרריכטן דעם הקדש.

שמעון געדענקט ווי איצט, אַז ער האָט זיך געוווּנדערט פאַרוואָס מען האָט אויך צוגענומען דעם טלית ביי אייזיקן „די געקאַלעכטע פּאַטילניצע״. שמעון האָט געטענהט צו אַברהם־משהן:

— וואָס קענען זיי קריגן ביי אייזיקן, אַ ייִד אַ דלפן, אַ קבצן וואָס לעבט אַליין פון קצבה?

אַברהם־משה האָט געענטפערט מיט ביטול:

— האָסט אַ פּויערישן קאָפּ. ס׳איז שלא לבייש — נישט צו פאַרשעמען די וואָס האָבן נישט!

***

דריי טעג האָט דעם רבינס שטוב געקאָכט ווי אין אַ קעסל. די עלטערע צוויי זין פון לייבע פּאַליאַק, געוועזענע תלמידים פון רבי געצל, האָבן געהאַט אַ דין־תורה מיט אַנדערע צוויי סוחרים, אויך אַמאָליקע רבי געצלס תלמידים. ביידע צדדים האָבן געוואָלט, אַז נאָר בלויז דער רבי זאָל זיין דער דיין און ער זאָל אַרויסגעבן אַ פּסק לויט דעם דין נאָך. זיי ווילן נישט קיין פּשרה. זיי ווילן נאָר, אַז דער רבי זאָל אַרויסזאָגן, ווער עס איז גערעכט.

רבי געצל האָט געהאַלטן שמעונען לעבן זיך, ער זאָל פאַרשרייבן די טענות, דערלאַנגען ספרים. נאָך דריי טעג לאַדעניש האָט רבי געצל אַרויסגעטראָגן אַ פּשרה־פּסק.

ביידע צדדים זענען געוואָרן אויפגעקאָכט און בפה אחד זיך געשטעלט אַנט־קעגן רבין:

— מיר נעמען נישט אָן דעם פּסק דין. מיר האָבן אייך געזאָגט, רבי, אַז מיר ווילן זיין צופרידן צו פאַרלירן, אַבי איר זאָלט פסקענען ווער עס איז אינגאַנצן גערעכט.

רבי געצל האָט אַ פאַטש געטון אין שולחן:

— שטיל זאָל זיין, שקצים! וואָס פאַר אַ דיבורים זענען דאָס: פסקענען ווער עס איז אינגאַנצן גערעכט? בלויז דער כביכול אַליין איז אינגאַנצן גערעכט; און אַפילו קעגן אים טענהט דער נביא: צדיק אתה ה׳, אך משפטים אדבר אותך: גע־רעכט ווערסטו טאַקע בלייבן, רבונו של עולם, אָבער איך וועל פונדעסטוועגן משפטן זיך מיט דיר. קיינער חוץ דעם כביכול איז נישט אינגאַנצן גערעכט!

די בעלי־דינים האָבן אָנגעהויבן טומלען:

— אָבער, רבי, מיר קענען נישט אָננעמען דעם פסק־דין. די מסחר־וועלט וועט...

רבי געצל האָט שוין באמת פאַרלוירן דאָס געדולד און אויפגעהויבן אַ קול:

— שטיל זאָל זיין, האָב איך געזאָגט, עכברושים, וואָס מיינט איר זיך „די מסחר־וועלט?״ איר וועט נישט אָננעמען מיין פסק־דין? איך האָב קיינמאָל נישט געהויבן קיין האַנט אויף אַ ילוד־אשה. אָבער איצט, ווי גרויס איר זענט, וועל איך געבן פעטש. וואָס מיינט איר זיך, איך האָב כוח פאַר אייער עקשנות?

זיי האָבן געשוויגן.

רבי געצל איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק געוואָרן מיט זיי:

— איר זענט ווערט איך זאָל אייך קנסענען פאַר אייער חוצפה. אָבער איך בין אויך ווערט קנס, וואָס איך האָב אויפגעהאָדעוועט אַזעלכע תלמידים. קנסע איך זיך אַליין מיט דעם פסק־געלט, עס גייט פאַר ביקור־חולים.

די פיר ייִדן מיט בערד, טאַטעס פון דערוואַקסענע קינדער און שאַרפע סוחרים, זענען געבליבן שטיין פאַרשעמט. רבי געצל איז ווייכער געוואָרן:

— גוט, יעדער איינער פון אייך גיט צו גילדן. זאָל שמעון גיין און ברענגען אַביסל בראָנפן און אייער־קיכלעך און מירן טרינקען לחיים. געדענקט: בלי ברוגז, בלי פאַרדרוס איינער אויפן אַנדערן. דאָס איז אויך מיין פסק־דין.

די פיר ייִדן האָבן זיך צעשמייכלט.

***

רבי געצל האָט נישט ליב געהאַט קיין פילפול. ס׳איז גאָר נישטאָ קיין קשיה, פלעגט ער זאָגן, וואָס מען זאָל נישט קענען פאַרענטפערן ווען מען קען גמרא

מיט רש״י. אפרים־דוד איז געווען דער געראָטנסטער בחור אין שטעטל, אַ בקי און אַ חריף. איינמאָל קומט ער צו רבי געצלען און הייבט אָן דערציילן מיט נצחון:

— איר הערט, רבי, אָן איינפאַל פון מרדכי קראַל, שלמה דעם מנקרס איי־דעם? איך קום אַריין אין בית־מדרש, זע איך ווי ער זיצט ביים שולחן פון חברה ש״ס און אַ גמרא ברכות ליגט אָפן פאַר אים. ער האָט אויפגעמישט דף ו׳ און טייטלט מיטן פינגער: הני תפילין דמרי עלמא — דאָס זענען די תפילין פון קודשא בריך הוא. ומה כתיב בהו — וואָס שטייט אין זיי? ומי כעמך ישראל, גוי אחד בארץ — ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל, איין פאָלק אין דער וועלט. זאָגט דער תוספות: זה שיסד הפיטן בראשון לפסח, — דאָס איז וואָס דער פיטן האָט געזאָגט אין פיוט פון ערשטן טאָג פסח: טוטפת כללי גדלי, — די תפילין האָבן זיין קרוין געגרויסט. וואָלט איך געוואָלט וויסן, קאָלינקאָוויטשער למדנים, וואָס איז די קשיה, וואָס דער תוספות פרעגט און וואָס איז דער תירוץ?

— פאַרשטייט מיך, רבי, ער האָט אויסגעקליבן אַ צייט ווען נישט ר׳ משה שוחט איז געווען אין שול און נישט ברוך דעם רבס און נישט יצחק אַהרנס, די אמתע למדנים. די אַרומיקע יידן האָבן געקנאַקט מיט די צינגער און נישט גע־ווּסט וואָס צו ענטפערן. ווערט ער ביי זיך ברייטער ווי לענגער. ער האָט מיך דערזען און מיך צוגערופן, און שפּאָטיש געזאָגט:

— מען זאָגט, אפרים־דוד, אַז איר האָט אַ שאַרפן קאָפּ, אַדרבה, וואָס איז דעם תוספות קשיה און וואָס איז דער ענטפער אויף דער קשיה?

איך האָב אים באַלד געענטפערט:

— די קשיה איז, פאַרוואָס שטייט אין דעם כביכולס תפילין ומי כעמך ישראל — ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל, עס האָט דאָך געדאַרפט שטיין: ומי כעמי ישראל, — ווער איז מיין פאָלק ישראל. דער תירוץ איז, וואָס דער פיטן זאָגט — די תפילין האָבן זיין קרוין געגרויסט: טוטפת כללי גדלי. די תפילין זאָגן צום רבונו של עולם: ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל? איך האָב אים געוויזן וואָס רבי געצלס אַ תלמיד קען.

דער רבי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין געראָטענעם געוועזענעם תלמיד, אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— דו ווילסט דאָך אַ קניפּ אין בעקל, אָבער עס קומט דיר נישט. מילא, ר׳ שלמה מנקרס איידעם האָט זיך געוואָלט אויספיינען פאַרן עולם, צו באַווייזן, אַז ער איז ווערט דעם נדן. אָבער פאַרוואָס ביסטו אַזוי צעטרייטלט? פאַרוואָס האָסטו זיך אַביסל נישט אַריינגעטראַכט אין דעם ענין? ס׳איז דאָך פּשוט: ווען דער רבונו של עולם לייגט תפילין, איז אין זיינע תפילין אָנגעשריבן אַ פסוק פון דער תורה,

פונקט ווי אין די תפילין פון יעדן ייִדן ליגן פיר פרשיות פון דער תורה. דער רבונו של עולם וועט דאָך נישט ענדערן דעם פסוק, צופּאַסן אים עס זאָל זיך לייגן אונדז אויפן שכל. טו אַ קוק אין רש״י, וועסטו עס זען קלאָר. נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען דו כאַפּסט אַ בליק אין מהרש״א. וואָס מיינסטו, טאַקע דער כביכול האָט אַ האַנט, אַ קאָפּ אויף וואָס צו לייגן דעם של יד, אָדער דעם של ראש? אויף דעם השם יתברך ווערט דאָך געזאָגט אין די אַני מאַמינס: „אינו גוף ולא ישיגיהו משיגי הגוף אין לו שום דמיון כלל״: ער איז נישט קיין גוף און און מען קען אים נישט באַגרייפן ווי מען באַגרייפט אַ גוף און האָט בכלל קיין שום פאַרגלייכונג. פאַרטיף זיך אַביסל אין דעם ענין. ביסט אַ חריף און עס וועט דיר נישט אָנקומען שווער. און אפשר ביסטו צו שאַרף פאַר פשטות.

— רבי, — איז אפרים־דוד אַריינגעפאַלן אין התפעלות, — איך כאַפּ וווהין איר צילט. אין אייער פשטות איז דאָ מער חריפות ווי אין דעם גרעסטן פילפול!

**
*

שמעון געדענקט אַ שפּאַציר מיטן רבין. אַלע פיר האָבן זיי געשפּאַצירט: דער רבי, אפרים־דוד, אברהם־משה און שמעון. זיי האָבן געשפּאַצירט הינטער די גערטנער, צום וואַלד צו. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם בית־עולם. רבי געצל האָט צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער און זיך צוגעהערט מיט חידוש און געזאָגט:

— עפּעס הער איך אַ באַקאַנט קול פון בית־הקברות. ס׳איז מיין שנור אויף מיין ברכהס קבר. וואָס יעלהט זי דאָרטן?

מיר זענען צוגעקומען נענטער און מען האָט שוין געהערט קלאָר אירע רייד:

— שוויגער, צדקת, גייט גלייך צום כסא הכבוד און שטעלט זיך פאַרן רבונו של עולם און זאָגט אים, אַז אייער אייניקל, מיין זון, ברוכל, דאַרף שטיין צום פּריזיוו. זאָל ער נישט אַריינפאַלן אין גוייִשע הענט. קלאָגט, וויינט, בעט רחמים און רירט זיך נישט פון אָרט, ביז דער רבונו של עולם וועט אייך נאָכגעבן. דערמאָנט אים אייער צדקות, דערמאָנט אים אייערע תחינות, דערמאָנט אים אייער צדקה און דעם שווערס תורה!

רבי געצל איז געוואָרן אָן אויפגעקאָכטער:

— טפו! צו די שונאי־ישראלס קעפּ, ס׳איז דאָך דורש אל המתים — אַרויסרופן די טויטע!

— רבי, — האָט אפרים־דוד זיך אָנגערופן, — גיין אויף קבר־אָבות איז דאָך דערמאָנט אין גאַנץ ש״ס. היתכן?

— ווייטער די זעלביקע צרה מיט דיר, — האָט אַ זיפּץ געטון רבי געצל, — האָסט אַ צו שאַרפן מוח. גיין אויף קבר־אָבות גייט מען כדי צו דערמאָנען זיך אָן די מעשים־טובים פון אונדזערע אָבות, און מען זאָל קומען צו הרהורי תשובה — צו מחשבות פון תשובה. אָבער אַרויסרופן די מתים, זיי זאָלן זיין גוטע בעטער פאַר אונדז? דאָס איז ווי כישוף. פּונקט ווי אַ טרעפער און אַ גייסט באַשווערער!

— רבי, — האָט אפרים־דוד נישט אָפּגעלאָזט, — וואָס וועט איר טון מיטן פּסוק „קול ברמה נשמע, נהי, בכי־תמרורים, רחל מבכה על בניה”: אַ קול הערט זיך אין הימל, אַ יאָמער, אַ ביטער געוויין, רחל קלאָגט אויף אירע קינדער?

רבי געצל האָט אויף אים אַ קוק געטון אומצופרידן:

— קוק אַריין אין רש״י. עס שטייט אַנדערש — אַ קול האָט זיך געהערט אין רמה, ווו די ייִדן האָבן געקלאָגט, וואָס ירמיהו פאַרלאָזט זיי. וועגן רחל טייטשט ער על פּי אַגדה — לויט מדרשים. דאַרפסט באַנעמען, אַז אַלע אַזעלכע רייד אין דער תורה זענען נישט מער כדי לשבר את האוזן — געבן דעם מענטשנס אויער צו פאַרשטיין הויכע ענינים על פּי מליצה. דו ווייסט, אפרים־דוד? מיר דוכט זיך, אַז אַזוי גיך ווי דו וועסט אויסגעפינען, אַז אַלע ווייבערישע מנהגים זענען נאַרישקייטן, וועסטו מיינען, אַז די גאַנצע אמונה איז שפּינוועבס און וועסט ווערן אַן אַפּיקורס. מען דאַרף קענען אָפּטיילן מעקענע פון תבואה.

רבי געצל האָט געהאַט אַ ווייט אויג. ער האָט געטראָפן מיט אפרים־דודן. ביי שמעונען זענען אָבער דעם אַלטן רבינס רייד געווען זריעה, וואָס איז אויפגע־גאַנגען אין תבואה. טאַקע גאָר אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אָבער דאָך נישט געגאַנגען לאיבוד.

ס׳איז געווען אַ גליקלעכער יאָר און אַ האַלב ביי שמעונען. אָבער דאָס לעצטע יאָר וואָס ער האָט געלערנט ביי רבי געצלען, איז אים פאַרשטערט געוואָרן. פריִער איבערגעריסן געוואָרן און דערנאָך פאַרשטערט געוואָרן.

## קאַפּיטל 22

# ווי אַ פֿאַרוווּנדעטער פֿויגל

שמעון זיצט ביים שרייבטיש און דאָס פּאַפּיר ליגט פאַר אים נישט פאַר־שריבן. שוין אַ וואָך ווי ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קעפּל פון קאַפּיטל און שרעקט זיך אָנצוהייבן צו דערציילן וועגן דעם ווינטער פון פאַר זיין בר־מצווה. ס׳איז פאַר אים פיינלעך, זייער פיינלעך צוריקרופן די דריי חדשים פון יענעם ווינטער. נאָך מער שרעקט ער זיך אויסצולייגן די געשעענישן אויפן פּאַפּיר. איין נישט־פּאַסיקער אויסדרוק, איין נישט־ריכטיק וואָרט און אַלע געשעענישן וועלן אַרויסקומען נישט ווי ער געדענקט זיי, נישט ווי זיי האָבן געווירקט אויף אים און אַוודאי נישט אַזוי רייך און ליכטיק ווי זיי זענען באמת געווען, ווייל די גע־שעענישן זענען דאָך פאַרוויקלט אין מיאוסער, שוידערליכער אַרעמקייט.

ער געדענקט פיר יאָר שפּעטער אַ צופאַל. ער איז דעמאָלט געווען אַ לערער אין דאָרף קראָטאָוו. ס׳איז געווען שפּעט אין האַרבסט. אַ גאַנצן טאָג איז דער הימל געווען פול מיט ווילדע גענדז, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט נאָך די וואַרעמע לענדער. פאַרנאַכט צו האָט שמעון געשפּאַצירט איבער די אָראָפּגענומענע פעלדער און איז פאַרקראָכן אין אַ דערבייאיקן וועלדל. אין זיין פאַרטראַכטקייט איז ער שיר נישט אַרויפגעקראָכן אויף אַ ווילדער גאַנדז, וואָס איז געלעגן אין די טיפע, האַלב פאַרוועלקטע גראָזן. די גאַנדז האָט אַ צישע געטון און מיט אַ פלאַטער אָפּגעשפּרונגען אַ פּאָר איילן. שמעון האָט דערזען, אַז די גאַנדז האָט געשעדיקטע פליגל. ער האָט זיך שטיל דערנענטערט צו איר און געוואָלט זי אָנכאַפּן, ברענגען זי צו זיך אַהיים. אָבער ווי ער האָט זי אָנגערירט, האָט זי אים אַ פּיק געטון מיטן שאַרפן שנאָבל, אַ צישע געטון און מיט אַ שניידיקן גאַגאַ אַ פּאַטש געטון מיט די פליגל און מיט אירע לעצטע כוחות זיך אויפגעהויבן און פאַרפלויגן אויף אַ הויכן צווייג

פֿון אַ בוים. זי איז דאָרטן געבליבן זיצן, קאַנטיק אַ דערשעפּטע, אָבער אַלץ געצישעט.

שמעון האָט געקוקט אויף דעםווילדן פֿויגל, וואָס איז געזעסן אויף דער צווייג אַ דערשעפּטער, מיט אַ צעשעדיקטן פֿליגל, איינגעקלאַמערט אין צווייג און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער מאַמען, ווי זי איז אַזוי געזעסן מיט אים יענעם פֿרייטיק־צונאַכט — אַ קראַנקע, אַ דערשעפּטע און אַ הילפֿלאָזע.

לאַנג איז ער געשטאַנען און געקוקט אויף דער באַשעפֿעניש אויף דעם בוים. באַלד האָט ער געזען ווי די גאַנדז האָט זיך פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן און מיט איר צעשעדיקטן פֿליגל האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט אין דער קלאָרער בלויער טונקלקייט פֿון דעם פֿאַרנאַכט. שמעון איז געווען זיכער, אַז זי האָט דעריאָגט איר פֿאַרלוי־רענע טשאַטע גענדז.

— זיך נישט אונטערגעבן, האָט שמעון ביי זיך געטראַכט, ווי די מאַמע דעמאָלט. אַלעמאָל זענען פֿאַראַן אויסדערוויילטע, איבערגעקליבענע, וואָס האָבן אין זיך גענוג גבֿורהשאַפֿט אָנצוהאַלטן מוט ביי זיך. אַלעמאָל זענען פֿאַראַן גע־ציילטע, וואָס גיבן זיך קיינמאָל נישט אונטער.

* * *

דעם ערשטן יאָר און אַ האַלב, וואָס שמעון האָט געלערנט ביי געצלען, איז די אָרעמקייט אין שטוב געוואָרן קלענער. דריי קינדער האָבן אַרויסגעהאָלפֿן אין דער בעקעריי. די עלטערע טאָכטער, גיטע, האָט געאַרבעט צוגלייך מיט דער מאַמען. שלמה, דער עלטערער זון, איז געשטאַנען אין מאַרק מיט דעם געבעקס. רחל־לאה, דאָס פֿערצן־יעריקע מיידל, האָט אַרויסגעהאָלפֿן אין בעקעריי און אי־בערגעביטן שלמהן אין מאַרק. דעם צוועלף־יעריקן שמעונען, דעם לערנער, האָט מען איינגעאַנצן באַפֿרייט. מען האָט אים נישט געלאָזט זיך צורירן אַפֿילו צו ניזשען די בייגל. די גאַנצע משפּחה האָט זיך געגרויסט, וואָס ער איז אַזוי פֿאַרקאָכט אין לערנען און איז געווען אַריינגעטון מיט דער נאָז אין ספֿרים, טאָג און נאַכט.

די מאַמע האָט גוט פֿאַרדינט. איר האָט נישט געאַרט ווי ווייניק דער טאַטע האָט אַריינגעבראַכט. „זיין פּרנסה קלעקט אויף שכר־לימוד — פֿלעגט זי זאָגן — איז אויך אַ דאַנקען גאָט. וואָס וואָלט געווען, ווען איך ווער חלילה געשטראָפֿט מיט אַ קראַנקן מאַן אָדער אַ קאַליקע? צום שלימזל דאַרף מען אויך האָבן מזל. אַ דאַנק דיר, גאָט, דערפֿאַר!“

מיטאַמאָל איז אַלץ איבערגעבראָכן געוואָרן. גיטע האָט פּלוצלינג חתונה

געהאַט. עס האָט זיך געמאַכט אַ שידוך, אַ גאָלד. אַ טאַקע פון הימל אַראָפּגע־פאַלן. ביי מערעס שכנה, קיילע־רייקע האָט געוווינט אַ יונג פּאָרל. דער מאַן אַ יאָר פיר און צוואַנציק, אַ טייערער בעל־מלאכה, אַ מענער שניידער. די פרוי זיינע איז פּלוצלינג געשטאָרבן, מערע האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן יונגנמאַן. זי האָט געוווסט זיין יחוס, זיין טאַטע איז געווען אַ מלמד אין אַזאַריטש. דער יונגערמאַן האָט זיך טאַקע באַלד צוגעקלעפּט צו דער שיינער, אַכצן־יעריקער גיטען, און איינס און צוויי איז געוואָרן אַ שידוך.

די מאַמע האָט גוט אויסגערעכנט דעם גאַנצן ענין. זי דאַרף נאָך האָבן די טאָכטער אין בעקעריי אַ יאָר צוויי, ביז רחל־לאה וועט אונטערוואַקסן. האָט זי געמאַכט אַ פּלאַן. דאָס יונגע פּאָרל וועט בלייבן וווינען טאַקע אין שטוב מיט איר. איי, ווו וועט מען זיך אַהינטון? נו, וועט זי איבערבויען דאָס הויז, צובויען פיר חדרים. דער איידעם שמואל־חיים, וועט האָבן אַ שיינע וווינונג, ווו ער וועט עפּענען פאַר זיך אַ מאַסטערסקאַיע — אַ וואַרשטאַט. ער האָט אַ פּאָר רובל, וועט ער געבן צו שטייער אויפן איבערבויען. נאָך דער חתונה, וועט גיטע נאָך אַלץ צוהעלפן אין דער בעקעריי.

אָבער דער חשבון האָט זיך אויסגעלאָזט נישט ווי מערע האָט אים באַרעכנט. דאָס ווייבל האָט זיך אָנגעהויבן פוילן און נישט געוואָלט אויפשטיין אין די פאַר־טאָגן. די מאַמע האָט שוין אויף איר נישט געקענט שרייען ווי אַמאָל. אויף אַ חתונה געהאַטער טאָכטער האָט דער מאַן מער שליטה ווי די מאַמע. האָט מערע איינגעטענהט מיטן גוטן:

— טאָכטערשי, האָסט דאָך מיך געלאָזט ווי אויפן וואַסער. איבערבויען דאָס הויז האָט געקאָסט אַן אוצר מיט גאָלד. איך דאַרף צאָלן וואָכער. רחל־לאה איז צו יונג צו פאַרקנעטן געבעקסן און דייזשעס ברויט. איך האָב דיר קיין רעה נישט געטון, וואָס איך האָב דיר חתונה געמאַכט יונג: האָסט אַ שיינעם מאַן, אַ בעל־פּרנסה. ער האָט דיך ליב. האָב רחמנות אויף דער מאַמען. איך וועל דאָך פאַלן פון די פיס, דריי חדר־יינגלעך. וואָס ווילסטו, אַ טויטע מאַמע?

גיטע האָט געהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, צוגעזאָגט אויפשטיין פרי, גע־שווירן זיך, אַז זי וועט האַלטן וואָרט. געהאַלטן וואָרט אַ טאָג, צוויי און ווידער אָנגעהויבן שלאָפן שפּעט.

אַזוי זענען אַנגעגאַנגען חדשים. די מאַמע האָט זיך דאָס האַרץ אויסגעגעסן. זי האָט גענומען שרייען און שעלטן, ביז גיטע איז זיך פאַרגאַנגען אין טרערן. שמואל־חיים האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען מיטן שורעוען וואָרט, אַז זי זאָל לאָזן צו רו זיין ווייב. מערע האָט זיך גוט אויסגעוויינט און זיך אונטערגעגעבן. זי

האָט אָנגעהויבן אויפשטיין נאָך פריִער, זי האָט ביטער געשפּאַסט: פריִער בין איך אויפגעשטאַנען צוויי שעה פאַרטאָג און איצט פינף פאַרטאָג. זי האָט אָבער נישט פאַרקלענערט די בעקעריי.

באַלד איז אָנגעקומען אַ נייע צרה מיט שלמהן, דעם עלטערן זון.

מערע האָט זייער ליב געהאַט איר בכור. ער איז געווען אַ שיינער, אַ גע־שטאַלטנער, מיט קוטשעראַווע שוואַרצע האָר און טיף־בלויע אויגן. ער האָט ליב געהאַט צו פּוצן זיך ווי אַ מיידל און די מאַמע, וואָס האָט ליב געהאַט ריינקייט, האָט דערפאַר נאָך מער האָלט געקראָגן איר בכור, וואָס זי האָט אים געבוירן צוויי חדשים איידער איר מאַן איז אַוועק צו דינען דעם קייסער. פינף יאָר האָט זי שלמהן געהאָדעוועט אַליין, אָן אַ מאַן. אָבער עס האָט דעם יינגל און זיין שוועס־טער גיטע, נישט געפעלט פון פייגל מילך. מערע האָט דעמאָלט זיך פאַרנומען מיט נייען און געהאַט גאָר שיינע חיונה. דער מאַן האָט זי דערוויסט מיט צוויי שיינע דערוואַקסענע קינדער און אַ אָפּגעשפּאַרטע פיינע פאַר רובל.

אָבער שלמה איז געבליבן אַ היפש ביסל צעפּעשטשעט, צעלאָזן. ער האָט ווייניק געפאָלגט און זיך געפוילט צו לערנען. קיין שלעכט קעפּל האָט ער דווקא נישט געהאַט, אָבער דער וועלער איז געווען גאָר אַ קליינער. די מאַמע האָט אים יונג, פאַר דרייצן יאָר, אָפּגענומען פון חדר און געדונגען פאַר אים אַ לערער. אָבער אויך ביי דעם לערער האָט ער נישט געוואָלט לערנען.

נאָך גיטעס חתונה איז אַ סך מער אַרבעט געפאַלן אויף אים. צופיל אַרבעט. נישט נאָר האָט רחל־לאה אים זעלטן איבערגעביטן אין מאַרק, נאָר ער האָט אויך געדאַרפט אויפשטיין פרי און העלפן קאַטשען בייגל. די מאַמע האָט געוווסט, אַז דאָס יינגל אַרבעט צו שווער, אָבער זי האָט פאַר אים אויך געהאַט אַ גוטן חשבון. זי האָט אויסגערעכנט, אַז זי וועט אים דאַרפן האָבן אין בעקעריי נאָך אַ יאָר און אַ האַלב, ביז שמחה וועט אונטערוואַקסן און רחל־לאה וועט עלטער ווערן. דעמאָלט וועט זי שלמהן אָפּגעבן פאַר אַ פּריקאַזשטשיק אין אַ מאַנופאַקטור קראָם. אַ גוטער פּריקאַזשטשיק, נישט קיין משרת, דאַרף קענען רוסיש און חשבונען. האָט זי זיך אָנגעטון אַ כוח און געגומען צום יינגל דעם בעסטן לערער. אָבער דאָס בחורל האָט נישט געוואָלט טראָגן דעם יאָך, ער האָט אָנגעהויבן טון צו להכעיסן: ער האָט אַלעמאָל אויסגעמאַרקירט צו לייגן זיך שלאָפן איידער דער לערער קומט ווען דער לערער איז געקומען האָט דאָס בחורל געכראָפּעט אויף אַלע כלים.

ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין רייד, קיין געשרייען און אַפילו קיין קלעפּ. דעם לערער איז מיאוס געוואָרן די געשרייען און אַמפּערייען, האָט ער זיך אָפּ־געזאָגט צו קומען.

די מאַמע האָט דעמאָלט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס ייִנגל מאַכט זיך נאַר, אַז ער שלאָפֿט איין פֿון מידקייט. האָט זי אָנגעהויבן צושטיין צום ייִנגל:

— הער, שלמה, מיך ווּעסטו נישט נאַרן. עס פֿאַלט נישט אָן קיין שלאָף אויף דיר אָט צו דער מינוט, צו דער רגע, וואָס דער לערער קומט. עפּעס שטעקט אין דעם. דערצייל מיר דעם אמת, וועל איך אויפֿהערן פֿון דיר רייסן שטיקער און זיך אַליין גריזשען.

— איך וויל ווערן אַ שניידער, — האָט שלמה אַרויסגעפּלאַצט. — גיב מיך אָפּ צו מאָשע דעם שניידער אין דער לערע.

פֿאַר דער מאַמען איז עס געווען אַזאַ קלאַפּ, אַזש זי האָט גאָר אָנגעהויבן ריידן מיט גוטן:

— איך האָב געמיינט, אַז מיר האָבן גענוג בעלי־מלאכות אין דער משפּחה און דו וועסט ווערן אַ פּריקאַזשטשיק. וועסט זיך אויסלערנען רוסיש, קענען חשבונען און וועסט אויף גיך ווערן אַ מענטש. ערשט עס ציט דיך גאָר צו דער נאָדל.

— וואָס איז שמואל־חיימען שלעכט אָן רוסיש און אָן חשבונען? — האָט דאָס ייִנגל ברוגז געענטפֿערט — ער האָט אַן אייגענע מאַסטערסקאַיע און האָט שוין צוויי פּועלים.

די מאַמע האָט געמוזט נאָכגעבן און זי איז געבליבן נאָר מיט רחל־לאהן אין דער בעקעריי. וואָס טוט מען איצט?

די מאַמע האָט זיך אָן עצה געגעבן. שמעון האָט אויפֿגעהערט צו גיין אין די פֿאַרטאָגן צו רבי געצלען. דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן אַרויסהעלפֿן רחל־לאהן אין דער בעקעריי; ער האָט זיך אויסגעלערנט קאַטשען בייגל, וואַלגערן קיכלעך און אַפֿילו פֿאַרקנעטן אַ טייג, אויב די מולטער איז נישט געווען קיין גרויסע. די קאַרגע פּופּצן־יעריקע רחל־לאה האָט איבערגענומען די צווייענדיקע אַרבעט — פֿאַרטאָג אַרבעטן אין דער בעקעריי און בייטאָג איז זי געשטאַנען אויפֿן מאַרק מיט דער מולטער געבעקס. שמעון איז אַרויס אינדערפֿרי אין מאַרק און איז געשטאַנען ביז אַ זייגער צען, ביז די שוועסטער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט די געבעקס.

די אַרבעט אין דער בעקעריי האָט נישט געקלאַפּט, צוויי יונגע קינדער האָבן געדאַרפֿט אָפּטון די אַרבעט פֿון צוויי־דריי דערוואַקסענע מענטשן. די שווערסטע אַרבעט איז געפֿאַלן אויף דעם דאַרן גוף פֿון דער מאַמען, איז זי געווען פֿאַרבײַ־טערט, צערייצט און דערדריקט. איבערהויפּט האָט איר געריסן דאָס האַרץ, וואָס שמעון האָט אויפֿגעהערט לערנען ווי פֿריִער. איר כעס האָט זי אויסגעלאָזט צום

טאַטן. ער האָט זיך צו שטאַרק צום האַרצן נישט גענומען, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז אַלץ איר שולד. ער האָט געטענהט:

— וואָס ווילסטו אַלעמאָל קריכן אין די פעדערן? דו פאַרגעסט, אַז דו ביסט די ווייב פון אַ ייִדן אַ שוסטער, אַ קבצן, אַ דלפון, וואָס קען נישט אויסהאַלטן אַזאַ גרויסע משפחה, קיין עין־הרע נישט. איך פרעג דיר, וואָס קומט מיר פאַר זיין אַן אָרעמאַן? אָבער בעלי־מלאכות מיט אַ פולע שטוב קינדער שטאַרבן נישט פון הונגער, אויב זיי האָבן שכל. ווי נאָר די קינדער וואַקסן אונטער, נעמט מען זיי צו צום וואַרשטאַט. ביי עליען אין וואַרשטאַט אַרבעטן צוויי זין. אייזיק אַרבעט מיט דריי בנים. ווי נאָר די ייִנגלעך האָבן זיך אויסגעלערנט דאַווענען, האָט מען זיי צו־גענומען צום קאָפּול. אָבער דו? — ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — ס'איז שוין מיר מיאוס און „מאָוועס" געוואָרן צו ריידן, צו איבער מעלה־גרהן די ווער־טער. דעם עלטערן האָט זיך איר געוואָלט מאַכן פאַר אַ פריקאַזשטשיק. נישט קיין פריקאַזשטשיק איז אַ שניידער. דעם ייִנגערן — נאָר פאַר אַ לערנער מאַכן! ווו האָסטו לערנער אין אונזער משפחה? געווען איין שטיקל רב איז אים מיאוס געוואָרן צו זיין צווישן למדנים, איז ער געוואָרן צוריק אַ בעל־מלאכה, ווי דער טאַטע זיינער.

די מאַמע איז נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער:

— זע נאָר וועמען ער וויל איך זאָל נאָכטון, עליע און אייזיק דער שוסטער! פאַרוואָס זאָלסטו נישט נאָכטון משה דבורהס, אָדער חיים גילדינס? זעסט נאָר סאַראַ עוולה ער געפינט אויף מיר, איך וויל זיך אַרויסשטעלן שיין פאַר גאָט און לייט. אַז מען וויל האָבן אַ פּנים פאַר די שוסטער האָט מען נישט קיין פּנים ביי זיך אַליין. ווען איך פאַרלאָז זיך אויף דיר וואָלטן מיר אָנגעקומען צו קצבה. איך וואָלט געהאַט אַזאַ פּנים ווי חנה די הקדשניצע.

— מערע, — האָט דער טאַטע געהויבן דאָס קול, — איך וויל זיך נישט פאַרמעסטן מיט משה דבורהס, אָדער חיים גילדינס. דו ווילסט יאָ? קלאַפּ זיך קאָפּ אין וואַנט און לאָז מיך צורו.

וואָס געשלאָגענער און שווערער ס'איז געוואָרן די פּרנסה אין שטוב, אַלץ שטאַרקער זענען געוואָרן די קריגערייען. ס'איז נישט געווען קיין רגע רו אין הויז. שמעונס האַרץ האָט געוויינט אין זיך. ווי אַלעמאָל האָט ער געזוכט פּסוקים און מאמרי חז"ל צו געבן אים אַ באַשייד. אָבער נישט דער פּסוק, וואָס איז אים אַריינגעפאַלן אין מויל און נישט קיין מאמר חז"ל, האָט אים געגעבן קיין טרייסט. ווען ער האָט אַ מיש געטון דעם תנ"ך, האָט זיך אויפגעמישט קהלת און דאָס אויג איז געפאַלן אויפן פּסוק „כי גם לא ידע האדם..." ווייל דער מענטש קען אויך

נישט װיסן זײַן גורל װי פֿיש, װאָס װערן געכאַפּט אין אַ שלעכטער נעץ, װי פֿײגל װאָס װערן געפֿאַנגען אין אַ פּאַסטקע. אַט פּונקט װי זײ, װערן די מענטשן געפֿאַנגען אין אַ בײזער צײַט, װאָס פֿאַלט אָן אױף זײ פּלוצלינג. פֿאַרװאָס אָבער זאָלן טאַטע־מאַמע געפֿאַנגען װערן פֿון אַזאַ מאָדנער בײזער צײַט? און אַז די בײזע, שלעכטע צײַט קומט, דעמאָלט — „כד משלם שערי מכדא, נקיש ואתי תיגרא בביתא" — גײט אױס דאָס גערשטן פֿון קרוג, הײבט זיך אָן אַ קריגערײַ אין שטוב.

פּסוקים און מאמרים אָן אַ טרײסט. װײסט נישט שמעון װאָס צו טון, אים איז דערװידער דאָס קריגערײַ. אים גײט נישט אײַן אַפֿילו די רױקע שעהן אין רבי געצלס חדר.

מיטאַמאָל איז די מאַמע שטיל געװאָרן. זי איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מרה־שחורה. זי האָט אױפֿגעהערט שרײַען און קריגן זיך. איר פּנים האָט זיך געענדערט, געװאָרן פֿול מיט געלע פֿלעקן, זי האָט װײניק געגעסן און אָנגעהױבן אײַנדאַרן. שמעון האָט אײנמאָל געזען װי אײנמיטן באַקן איז זי צוגעפֿאַלן צום װינקל, װוּ די פּאָמוניצע איז געשטאַנען, און אױסגעבראָכן גרין און גאַל. שמעון האָט שױן מער איר נאָכגעקוקט, זי פֿלעגט זיך פּלוצלינג אָנכאַפּן בײַם טיש, בײַ אַ שטול אָדער לעבן װאָס זי איז געשטאַנען כּדי נישט אומצופֿאַלן. „די מאַמע איז אַפּנים גוט קראַנק", — האָט דאָס ייִנגל געטראַכט.

פֿרײַטיק נאָך װעטשערע האָט זיך שמעון פֿאַרקליבן אױף דער סאָפֿקע לעבן אױװן, װוּ אױבן איז געהאַנגען דאָס נאַכט־לעמפּל. ער איז געזעסן פֿאַרטוליעט אין װינקל, װוּ עס איז געװען װאַרעם און געלײענט מיט די אױגן, פֿאַר זיך, פֿון דעם „צמח דוד". דעם ספֿר האָט אים געגעבן ר׳ מרדכי קראַל און אים געהײסן גוט אָפּהיטן.

שױן גאָר שפּעט אין נאַכט האָט זיך די מאַמע אַרױסגעשלײַכט פֿון שלאָף־קאַמער און זיך אָװעקגעזעצט בײַם אַנדערן עק סאָפֿקע, מיט דער פּלײצע צו דער װאַנט פֿון דעם װאַרעמען אױװן. שמעון האָט אױף איר אַ קוק געטון: דער פּנים געל װי װאַקס, די הענט — צװײ שטרויען; זי איז געזעסן אײַנגעקוטעװעט אין אַ פֿאַטשײלע, די פֿיס אונטער זיך און אױסגעזען װי אַ קלײן מײדעלע, װאָס האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ מאַמען.

שמעון האָט פֿאַרמאַכט דעם ספֿר און געזאָגט שעפּטשענדיק:

— מאַמע, דו ביסט נישט בקו הבריאה.

זי האָט אַ היפּשע װײַלע געשװיגן, נאָכדעם האָט זי באַנעצט די ליפּן מיט דער צונג, שאַרף אַ קוק געטון אױפֿן פֿאַרזאָרגטן ייִנגל און געזאָגט:

— איך װײס נישט װאָס עס טוט זיך מיט מיר. אַ נײַעס בײַ מיר צו פֿאַרגײן

אין טראָגן? איך בין ערשט אין פערטן חודש, ווי גיטע. אָבער איך פיל מיך ווי אַלע אברים מיינע וואָלטן געוואָרן הילצערנע.

— גיטען קיכלסטו און דו אַרבעטסט נאָך שווערער, — האָט שמעון גערעדט שטיל. — דו האָסט געדאַרפט גיין צום דאָקטער, מאַמע. ער נעמט דאָך נישט מער ווי אַ פערטעלע ווען מען גייט צו אים.

— געוועזן, — האָט די מאַמע געענטפערט מיט אַ זיפץ. — האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף רוען, גוט עסן, האָבן ווילטיק, זיך נישט כעסן, נישט זאָרגן. גיי, דערצייל אים, אַז איך דאַרף אַרבעטן פאַר צוויעען. עס גוט און האָב ווילטיק! גוטע זאַכן טאַקע. אָבער, אַז די פרנסה איז געשלאָגן איז דאָ ווייטיק, נישט קיין ווילטיק. איך שטיק אין זיך אַלע מיינע צרות. מיט וועמען קען איך זיך דורכ־ריידן, אָדער פאַר וועמען קען איך אויסגיסן דאָס ביטער האַרץ? דו ביסט שוין אַ גרויסער בחור. זומער וועסטו דאָך שוין בר־מצווה. אַ לערנער ביסטו. אפשר האָסטו אויסגעפונען פאַרוואָס אַן אָרעמע יידענע, וואָס האָט געהאַט שוין זיבן קינדער, דאַרף פאַרגיין אין טראָגן אין דער זעלבער וואָך ווי איר עלטערע טאָכ־טער? ווו איז געהערט געוואָרן, אַז ווילע איך האָב געוואָלט זיין גוט צו די קינדער, קען איך קומען איצט צו בעטל־ברויט? איך בין קראַנק און טראָגעדיק, פאַרשוילדיקט איבערן קאָפּ. איינגעטונקען אין חובות און נײַן מיילער. פאַרוואָס קומט עס מיר, שמעון?

דעם יינגל האָט פאַרקוועטשט אין האַלדז:

— איך ווייס נישט, מאַמע. איך ווייס נאָר, אַז עס איז דאָ השגחה. אָט לייען איך דעם „צמח דוד“, „צרות פורעניות, גזירות, שחיטות. גאַנצע קהילות ווערן אויסגעקוילעט, משפחות ווערן אָפּגעווישט. אָבער גאָטס השגחה איז גרויס. שטאַר־קע און מעכטיקע מלוכות און מדינות זענען פאַרלוירן געגאַנגען, פאַרשניטן, אויס־געוואָרצלט געוואָרן און עס איז פון זיי אַפילו קיין געדעכעניש נישט געבליבן, אָבער אונדז האָט גאָט ברוך הוא געשיצט אונטער זיינע פליגל און האָט אונדז נישט איבערגעגעבן פאַרצוקט צו ווערן“.

די מאַמע האָט אַ זיפץ געטון:

— ס'איז אַ קנאַפּע טרייסט פאַר די משפחות, וואָס זענען אָפּגעווישט געוואָרן און די קהילות וואָס זענען אויסגעקוילעט געוואָרן. אַוודאי איז גאָטס השגחה איבער אונדז, אָבער איצט, אַז איך בין קראַנק און ס'איז נישטאָ קיין פרוטה אין שטוב, איז כאָטש גיי און טרינק זיך. נאָר דער טייך איז פאַרפרוירן. גיי האַק דורך פיר אַרשין אייז. אַפילו טרינקען זיך קומט נישט אָן גרינג דעם אָרעמאַן.

— מאַמע, — האָט שמעון געזאָגט באַהאַרצט, — די גמרא זאָגט, אַז ווען

אַפּילו אַ שאַרפע שווערד ליגט דיר אויפן האַלדז זאָלסטו זיך נישט פאַרמײדן, נישט מיאש זײַן, פון גאָטס **רחמנות.**

— זאָג עס מיר אויף לשון־קודש, — האָט די מאַמע געזאָגט, — ווי אין **דער גמרא.**

— אַפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אָדם, אל ימנע עצמו מן הרחמים. די מאַמע האָט אַ זיפץ געטון מיט הנאה:

— איי, ס'איז גוט צו הערן אַ טרייסט־וואָרט פון דער תורה, ווען עס גייט נאָך אַרויס פונעם מויל פון אַן אײגענעם זון, איז עס טאָפּלט טײער. אָבער דאָך, וואָס טוט מען מוצאי שבת, גלײַך נאָך הבדלה?

— ווייסט, מאַמע, איך וועל זונטיק אַוועק מיטן טאַטן אויפן דאָרף, — האָט **שמעון איר געזאָגט.**

— וואָס, — האָט זיך די מאַמע אויפגעזעצט פון איר האַלב־אָנגעלענטקייט, — **ווילסט ווערן אַ שוסטער?**

— און וואָס איז, אַז אַ שוסטער? — האָט שמעון געענטפערט מיט אָנגע־בלאָזענע ליפּן, — ס'איז אויך געווען א תנא, אַ שוסטער.

— איך ווייס נישט ווי אַזוי פון אַ שוסטער קען ווערן אַ תנא, — האָט די מאַמע געענטפערט. — ווען האָט אַ שוסטער צײַט צו לערנען און ווערן אַ תנא? מילא, וואָס עס איז געווען אַמאָל ווייס איך נישט, אָבער איצט ווייס איך נאָר איין זאַך: דו לאָזסט איבער דאָס לערנען און ווערסט אַ שוסטער.

— איך וועל נישט איבערלאָזן דאָס לערנען, — האָט שמעון געענטפערט.

— לאָז מיך אַרויסהעלפן דעם טאַטן כאָטש ביז דו וועסט געזונט ווערן. עפּעס וועל איך דאָך פאַרדינען אויפן **דאָרף.**

— איך האָב מורא — האָט די מאַמע געענטפערט שוין שטיל. זי האָט זיך צוריק אַרײַנגעוויקלט אין דער פאַטשײלע און זיך צוגערוקט צום אויוון, — דו וועסט נאָך בלײַבן בײַ שוסטערײַ. צופיל שוסטער אין דער משפחה. ס'איז נישט נאָר די אָרעמסטע מלאכה, וואָס גיט וואַסער אויף קאַשע, ס'איז אויך אַ מיאוסע מלאכה.

— מיט וואָס איז שוסטערײַ ערגער פון אַנדערע מלאכות, מאַמע?

— ביסט נאָך אַלץ אַ קינד. מענטשן זענען וואָס זייערע מלאכות זענען. אַ שוסטער האָט צו טון מיט די פיס, איז ער נידעריקער פון די נידעריקסטע, ווי די פאָדעשוועס פון די שיך זענען. אַ שנײַדער האָט צו טון מיט בגדים, איז ער אַ ביסעלע העכער. אַ קרעמער האָט צו טון מיט זאַכן, וואָס קומען פון דער גאַנצער וועלט, איז ער נאָך העכער. אַ רב האָט צו טון מיטן רבונו של עולם, וואָס זיצט

אין די הימלען, איז דער רב העכער פון די העכסטע. ווערסטו אַ שוסטער־פּועל — היט זיך! איידער דו וועסט זיך אַרומקוקן וועסטו העכער פון אַ פּאָר כאָליעוועס נישט טראַכטן.

— אָבער, מאַמע, נאָך נידעריקער פון אַ שוסטער איז דער וואָס קומט אָן צו קצבה. פּאָרך נישט, איך וועל נישט בלייבן ביי שוסטעריי. לאָז מיך גיין מיטן טאַטן אויפן דאָרף אָן קריגערייען און אָן געשרייען.

די מאַמע האָט אָנגעהויבן שלוכצן שטיל. זי איז געזעסן אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע מיט אַ פּנים געל ווי וואַקס, די נאָז פאַרשפּיצט און בלייך. זי האָט אָנגעהויבן שלוכצן שטיל און געווישט די טרערן מיט די קולאַקעס פון די הענט, פון אונטער דער פאַטשיילע. שמעון איז געזעסן אַנטקעגן און נישט געוווּסט וואָס צו טון. ער וואָלט געוואָלט וויינען. ס׳וואָלט אים זיכער געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. אָבער ווי וויינט עס אַ יינגל, וואָס טרייסט אַ מאַמען און רעדט מיט מאמרי חז״ל?

דאָס לעמפּל האָט אָנגעהויבן צאַנקען. ביידע האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן שלאָפן

## קאַפּיטל 23

# דריי וואָכן אַ שוסטער

ירוחים האָט נישט געגלויבט זײַנע אייגענע אויערן ווען מערע האָט צו אים געזאָגט נאָך הבדלה:

— דו ווילסט דאָך אַ זון אַ שוסטער. גוט, נעם מיט שמעונען מאָרגן מיט דיר אויפן דאָרף!

ירוחים האָט אויף איר שאַרף אַ קוק געטון:

— ס׳איז נישט עפּעס אַ נײַע שטוקע דײַנע?

די מאַמע איז געזעסן אַ דערשעפּטע, אַן אָפּגעלאָזענע, האָט אַ זיפץ געטון און אַרויסגערעדט אַפּאַטיש:

— לאָז געמאַך. איך האָב קיין כוח נישט פאַר שטוקעס, קאַפּשטיק, אָדער המצאהס. שוין יאָרן, אַז דו ווילסט אייגענע פּועלים. נאַ, נעם אים פאַר אַ פּועל.

— איז וואָס זאָגט דער לערנער?

— איך בין מסכים, טאַטע, — האָט שמעון געענטפערט.

ירוחים איז געבליבן שטיין אַ צעמישטער. וואָס טוט זיך דאָ? דער לערנער וויל גאָר ווערן אַ שוסטער און די מאַמע זײַנע שטופּט אים. ס׳האָט אים אי גע־פרייט אי באַנג געטון. געפרייט, אַט דאָס האָט ער דאָך געוואָלט. מיט אַן אייגענעם פּועל וועט ער נאָך־פּסח קענען עפענען אַ מאַסטערסקאַיע און פּטור פון דער בע־קעריי און דעם שטענדיקן האַרמידער. אָבער עס האָט אים עפּעס באַנג געטון: ראשית, איז עס אים צוגעגאַנגען צו גרינג. אַט שוין זענען זיי מסכים. שנית, אָנהייבן מיט שמעונען? אויס לערנער אין דער משפּחה? מערע האָט נישט געוווסט, אָבער ירוחים פלעגט זיך גרויסן מיטן יינגל. ביי זיך אין האַרצן איז ער געוווען צופרידן און שטאָלץ מיט שמעונען. פלוצלינג — אויס! ווען ער האָט אײַנגעטענהט

מיט מערען, אַז שמעון זאָל ווערן אַ שוסטער־פּועל, איז עס געווען צוליב להכעיס, צוליב אויסטענהן זיך מיט דעם ווייב, אָבער נישט צו אויספירן. האָט זי גאָר נאָכגעגעבן. אָט אַזוי, נישט מיר נישט דיר. ווי קען ער זיך אַרויסדרייען? באַלד איז ער געוואָרן אין כעס אויף זיך, — „נו, איך האָב דאָך געוואָלט זיין שוסטערס. צום ערשטן מאָל האָב איך אויסגעפּירט ביי דער ווייב, וואָס איך האָב געוואָלט!"

— ער האָט זיך געמאַכט האַרץ און אַ זאָג געטון זאַרגלאַז:

— איך לויף שון צו עלענקע רימער און גרייט צו אַלץ אויף מאָרגן. איך וועל קענען נעמען יוכט, פּאַדעשוועס און אַנדערע מכשירים אויף גאַנצע פינף וואָכן. איך וועל זיך איצט ערשט קענען צעפירן די הענט.

די מאַמע האָט אַ זיפץ געטון און געטראַכט מיט פּאַרדרוס:

— זע נאָר, עס אַרט אים גאָרנישט, וואָס ער נעמט אַוועק דאָס קינד פון לערנען. ווי ער האָט זיך עס אָנגעכאַפּט אָן מיין נאָכגעבן. וויי צו מיר!

זי האָט אָבער געשוויגן. זי איז געווען צו קראַנק, צו דערשעפּט, זי האָט געפילט, אַז זי האָט נישט קיין גענוג כוח אַפילו זיך אַנבייזערן.

**
*

אויף מאָרגן, זונטיק, זענען טאַטע און זון אַוועק אין דאָרף. עס איז געווען אַ קאַלטער, פּראַסטיקער און זוניקער טאָג. זיי זענען געגאַנגען קיין אַטשוטשעוויץ, וווּ ירוחים האָט אָפּט געאַרבעט פאַר די פּויערים. דער שליאַך האָט זיך געצויגן דורך אַ סאָסנאָוון וואַלד. דער הימל איז געווען בלוי, אייז־בלוי. דער שניי האָט געגלאַנצט און געסקריפּעט אונטער די פיס. טאַטע און זון האָבן געטראָגן שווערע פאַרשנורעוועטע פּעק, וואָס זענען געווען פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס און צוגעבונדן מיט שטריק אונטער די פאַכוועס. אין שמעונס פּאַק איז, אַ חוץ די שוסטערשע מכשירים און מאַטעריאַלן, אויך געווען איינגעפּאַקט אַ סידור, אַ משניות, אַלע זעקס סדרים אין איין באַנד, מיט קליינע אותיות, אַ קב הישר און אַ מדרש תנחומא.

זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ היפּשע עטלעכע וויאָרסט. דער טאַטע אַ מונטערער, אַ פריילעכער איז געגאַנגען פאָרויס און שמעון נאָך אים. דאָס יינגל האָט זיך ביסלעכווייז אָנגענומען מיטן טאַטנס גרינגן געמיט און אויפגערוימטקייט. ווען שמעון איז אַרויס פון שטוב איז דאָס האַרץ אים געווען פאַרקלעמט, פול מיט פאַרדרוס אויף זיין נאָכגעבן צו ווערן אַ שוסטער. ער האָט נישט געוואָלט ווערן קיין שוסטער און וועט נישט בלייבן קיין שוסטער. צו וואָס האָט ער אָפּגענאַרט

דעם טאַטן? ער איז אויך געווען אין שרעק וואָס ער האָט איבערגעלאָזט די מאַמע אַ קראַנקע און ער האָט געוווסט, אַז די מאַמע וועט האָבן אַ סך צער און עגמת נפש, וואָס ער האָט פאַרביטן דאָס לערנען אויף שוסטעריי. זי זיצט מסתמא און וויינט — האָט ער געטראַכט.

אָבער די זון, די שניי־באַדעקטע סאָסנאָווע ביימער פון ביידע זייטן שליאַך, דער שלענגלדיקער, גלאַטער, גוט־איינגעפרוירענער, פינקלדיקער שליט־וועג, האָבן אים פאַרכאַפּט און ער האָט זיך אָנגענומען מיטן טאַטנס מונטערקייט.

מיט אַמאָל האָט זיך דער טאַטע אָפּגעשטעלט. שמעון נאָך אים. דער טאַטע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם שטאָם פון בוים, און ברומענדיק אַ חזניש שטיקל, האָט ער פאַמעלעך אַראָפּגעשלעפּט פון די פיס די שטיוול און זיי פאַרוואָרפן אויפן אַקסל. ער האָט זיך געלאָזט גיין באָרוועס אויף דעם האַרטן, שנייִיקן שליט־וועג.

דאָס ייִנגל האָט אויפגעציטערט:

— טאַטע, ס׳איז דאָך פראָסטיק קאַלט!

דער טאַטע האָט נישט געענטפערט באַלד. ער האָט אַריינגעשמייכלט אין דער פראָסט־באַדעקטער באָרד און אויסגעזונגען מיט דעמזעלביקן חזנישן ניגון וואָס ער האָט פריִער אונטערגעברומט:

— איי, איי, עס איז גוט ווען די פיס ווערן קאַלט; ווען זיי ווערן באמת קאַלט, האַלב דערפרוירן טוט מען אָן צוריק די שטיוול. דעמאָלט, אָ, דעמאָלט איז ערשט אָנגענומען ווען זיי דערוואַרעמען זיך. איי, איי, ס׳איז גוט אַזוי צו גיין!

דאָס ייִנגל האָט געקוקט אויפן טאַטן און געטראַכט:

— ס׳איז גאָר נישט דער זעלביקער טאַטע. ס׳איז גאָר אַן אַנדער טאַטע ווי דער אָרעמער, דערשלאָגענער בעל־מלאכה, וואָס ציטערט פאַר דער מאַמען. ער איז אַזוי גאָר זיכער מיט זיך און פילט זיך דערהייבן מיטן פּאַק אויף די פּלייצעס. גייענדיק באָרוועס אויפן שנייענדיקן שליאַך. אָט אַזוי בכבודיק און דערהייבן פילט זיך רבי געצל צווישן זיינע ספרים.

*****

דאָס ייִנגל טוט זיין אַרבעט ערלעך. קיין צו־גרויסע תורה פאַר אים איז עס נישט. דער טאַטע האָט אים געדאַרפט נאָר איינמאָל וויזן ווי אָנצוצי̇ען אַ שטיק אָנגעווייקטע יוכט אויפן ברעטל, אַרומקלאַפּן עס מיט טשוועקלעך און עס ווערט אַ פּאָר כאָליעוועס מיט אַ „קעפּל“. ער האָט זיך אויך גיך אויסגעלערנט

גוט אָנצושאַרפֿן דעם רונדן שוסטער־מעסער, אַרומפּיילן די ראַנדן פֿון דעם שוד און אָפּרייבן די פּאָדעשווע מיט גלאָז־פּאַפּיר. נאָך דער ערשטער וואָך האָט ער שוין געקלאַפּט פּלעקלעך און אָפּגעפּוצט מיט אַן אָנגעהייצטן אייזנדל אַ פּאָר קנאַפּל אַזוי, אַז מען האָט זיך געקענט שפּיגלען אין זיי.

אָבער שמעון פֿילט אַז דער טאַטע איז אינגאַנצן נישט צופֿרידן. אַט זיצט דער טאַטע אויפֿן שוסטער־בענקל און שמעון מאַכט אַ דראַטווע. ער פּעכט די פּאָדעם פֿלייסיק, פֿלינק און די פּאָדעם ווערט גלאַנציק און שטייף — אַ גוטע דראַטווע. דער טאַטע דאַכט זיך איז פֿאַרטאָן אין זיין אַרבעט. אָבער שמעון פֿילט ווי דעם טאַטנס אויגן זיינען אויף זיינע פּלייצעס. וואָס וויל ער?

שפּעט אין אָן אָוונט האָט ער אויסגעפֿונען פֿאַרוואָס דער טאַטע איז אומ־צופֿרידן. זיי זיינען געזעסן און געגעסן וועטשערע. דער טאַטע האָט אַרויסגענומען פֿון אויוון הייסע, געבאַקטע קאַרטאָפֿל און האַרטע אייער פֿון אַ קאָכעדיקן טאָפּ. שמעון האָט אַריינגעטראָגן קאַלטע מילך, וואָס די גויע האָט פֿאַרנאַכט אָנגעמאָלקן. ווען שמעון האָט אַכטונג געגעבן אויף איר. ער האָט געלאָזן דאָס מילך אָפּקילן אין שפּיזאַרניע, אין אַ כשרן קריגל. ער האָט אַריינגעגאָסן דאָס קאַלטע מילך אין גלעזער.

טאַטע און זון האָבן אויפֿגעבראָכן די הייסע קאַרטאָפֿל. שמעון האָט זיי געלאָזן אָפּקילן און דערווייל אַריינגעקוקט אין משניות. דער טאַטע האָט גע־שלונגען די הייסע קאַרטאָפֿל און געלאָשן זיי מיטן קאַלטן מילך. ער האָט געגעסן און גערעדט:

— היטסט זיך, דער פּעך פֿון דער דראַטווע זאָל זיך נישט צוקלעפּן צו דיינע פֿינגער. האַלסט דאָס פּעכלקע אַזוי, אַז נאָר דער רימען זאָל אָנרירן דיין האַנט. נאָכן ווייקן די יוכט האָסטו צעוואַשן די הענט. פֿאַרן וואַשן זיך צום עסן האָסטו געזייפֿט און געריבן די הענט אַז עס האָט אָנגעהויבן שלאָגן די גאַל צום האַרצן קוקנדיק.

שמעון האָט ניט אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון משניות און געענטפֿערט:

— פּעך עסט זיך איין אין הויט, ווען מען וואַשט עס באַלד נישט אָפּ.

— אַ שוסטער דאַרף האָבן שוואַרצע הענט, אַנישט איז ער קיין שוסטער נישט. האָסטו ווען עס איז געזען אַ שוסטער זאָל נישט האָבן קיין פּעך אונטער די נעגל?

— איך ווייס נאָך נישט צי איך וועל בלייבן אַ שוסטער, — האָט דאָס יינגל געענטפֿערט. — איז פֿאַרוואָס בלייבן מיט פֿאַרפּעכטע הענט?

דער טאַטע האָט אויף אים שאַרף אַ קוק געטון:

— איז פאַרוואָס אַרבעסטו מיט אַזאַ חשק? פאַרוואָס האָסטו פאַרצויגן די דראַטווע מיט אַזאַ אימפּעט, אויב דו ווילסט נאָר אָפּקומען?

— אַז מען טוט אַן אַרבעט, דאַרף מען זי טון ווי עס באַדאַרף צו זיין, נישט פאַרטאַטשעווען, — האָט געענטפערט דאָס יינגל און אַלץ נישט אַרויסגענומען די אויגן פון משניות.

— רעדסטו דאָך ווי אַ מענטש, ווי אַן אמתער בעל־מלאכה, ווי אַ געבאָרענער שוסטער — האָט דער טאַטע אויסגערופן מיט פרייד.

— דאָס זענען נישט מיינע רייד, — האָט דער זון געענטפערט, — דאָס האָט געזאָגט די גמרא: חזקה על חבר שאינו מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן.

— אה, דאָס האָט די גמרא געזאָגט, — האָט דער טאַטע אַ ברום געטון אומצופרידן, — אַלץ גייט ביי דיר צו מיט אַ גמרא.

דאָס יינגל האָט נישט געענטפערט. טאַטע און זון האָבן אָפּגעגעסן שווייגנדיקערהייט.

***

די פויערשע כאַטע איז געווען באַלויכטן מיט אַ „לוטשניק". ביי ירוחימס וואַרשטאַט איז געשטאַנען אַן אַכטער לאָמפּ, וואָס האָט געברענט, ווען ער האָט געדאַרפט אַרבעטן. נאָך דער אַרבעט האָט מען אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. אַן עבירה גאַזע. דער פויער האָט אָנגעצונדן די קינעלעך אויף דער סקאַרוואַרדע, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע אויף דריי קייטן. די קינעלעך זענען געווען דין, גוט אויסגעטריקנט, און זיי האָבן גאָר נישקשהדיק באַלויכטן דעם חדר. דער רויך איז אַרויסגעגאַנגען דורך דעם קוימען פון לוטשניק. שמעון פלעגט אָנגרייטן אַ גרויסע קופּע קינעלעך. זיי האָבן געסטייעט פאַר שעהן לאַנג.

ס'איז געווען שוין נאָך עלף ביינאַכט. דאָס יינגל איז געזעסן און געשאָקלט זיך מיט התמדה איבער אַ משניות. ער האָט געלערנט מסכתא „עבודת כוכבים" — עבודה זרה. דאָ, אין דער גוישער הויז, ווו עס האָט געברענט אַ לעמפּל אונטער אַ געטשקע, האָט ער געמיינט איז עס די פּאַסיקסטע מסכתא. פיאָטער איז נישט איינער פון די עבודה זרהניקעס, וואָס איז חשוד אויף שפיכת דמים און אויף רביעה. ס'איז אַ גוי, וואָס וועט נישט אָנרירן קיין גאָלד וואָס וואַלגערט זיך אויפן דיל. פיאָטער וויל נישט רעכענען אַפילו פאַר די אייער און מילך, וואָס ער גיט די צוויי ייִדן. די אַלטע פיאָטעריכע שאָקלט מיטן קאָפּ און האָט טענות צו ירוחימען:

— מילא, דו ווילסט אָפּקומען מיט טרוקנס, פֿאַרשטיי איך, אָבער דאָס יינגל דיינס? ער איז דאָך נאָך אַ קינד. וואָס פֿאַר אַן עבירה וואָלט געווען ווען ער וואָלט אויפגעגעסן אַ טעלער קאַפּוסטע־באַרשטש מיט סאַלא און דערקוויקט זיין הערצל?

שמעונען הייבט אָן איבלען פֿון אירע רייד. אָבער ער ווייסט, אַז די גויה וויל אים נישט מכשיל זיין מיט אַן עבירה. זי איז אַ גוטהאַרציקע, ווי איר מאַן. זיי זענען טאַקע עבודה־זרהניקעס, אָבער דאָך טאָר מען זיי נישט אַריינרעכענען אין כלל עבודה־זרהניקעס וואָס דער משניות זאָגט, אַז אַ באָבע טאָר ביי אַזאַ גויה נישט אָפּנעמען קיין קינד.

שמעון צעלאַכט זיך שטיל:

— מאַלע וואָס עס שטייט געשריבן: יענטל, די באָבע פֿון שטעטל, וואָלט אוודאי נישט געשטאַנען מיט פֿאַרלייגטע הענט אפילו ווען אַן אמתע געצן־דינערן גייט צו קינד. יענטל וואָלט געזאָגט קורץ: „ווער קען צוזען דעם צער פֿון גאָטס אַ באַשעפֿעניש און נישט העלפֿן?“.

שמעון זיצט לעבן לוטשניק און לערנט. ער שאָקלט זיך געשמאַק און ברומט שטיל אַ ניגון. ס׳איז שטיל אין שטוב ווי אין אַן אויער. די פּיאַטעריכע זיצט אין שפּינט אויפֿן שפּין־ראָד. פּיאַטער ליגט אויפֿן אויוון. דער טאַטע זיצט אויף דעם ברעג פֿון נאַרע, ווו ער שלאָפֿט און זאָגט תהילים אויף אייסנווייניק. מיט אַמאָל הערט שמעון ווי פּיאַטער קריכט אַראָפּ פֿון אויוון. דער פֿויער קומט־צו צום לוטשניק און שטעלט זיך לעבן יינגל, קוקט אַריין אין משניות אַ ווײַלע און רופֿט זיך אָן:

— ירוחים, קום נאָר אַהער. זאָג זשע מיר, וואָס זענען דאָס פֿאַר אַ ביכער, וואָס דיין יינגל לאָזט ניט אַרויס פֿון האַנט?

— דאָס זענען נישט קיין ביכער, — האָט דער טאַטע געענטפֿערט, — דאָס זענען הייליקע ספֿרים, אויף לשון קודש, וואָס ער לערנט.

— הייליקע ספֿרים אויפֿן אַלטן לשון? — האָט דער פֿויער זיך געקראַצט אין באָרד. — קום נאָר אַהער. טו אַ קוק.

דער טאַטע איז צוגעגאַנגען.

— טו נאָר אַ קוק, — האָט דער פֿויער געטייטלט מיטן פֿינגער אויפֿן משניות. — זע נאָר אין מיטן זיינען קליינע ווערטערלעך, אָבער טו אַ קוק ביי די זייטן — ער האָט אָנגעוויזן אויפֿן „עיקר תוספֿות־יום־טוב“ און „ברטנורה“ — דאָס זענען גאָר נאָר פּינטעלעך. דו קענסט עס לייענען?

— איך? — האָט זיך דער טאַטע צעלאַכט — איך וואָלט זיי נישט געקענט איבערלייענען אפֿילו ווען יעדער אות וואָלט געווען די גרויס ווי אַ פּאַדקאָווע אויף

זויל פון גרעסטן שטיוול. איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז עס איז אויף לשון קודש. דאָס איבערצולייענען דאַרף מען זיין אַ קענער.

— זאָג־זשע דעם אמת, דער קליינער מאַכט זיך ווי ער לייענט, אָדער קען ער טאַקע לייענען די פּינטעלעך?

— ווי אַ וואַסער!

פּיאָטער האָט אַ שמוצער געטאָן:

— קען ער דאָך בעסער לייענען ווי אונדזער „פּיסאַר" — דער שרייבער פון יוואָלאַסט. איז זאָג־זשע מיר, פאַרוואָס האָסטו אים געמאַכט פאַר אַ שוסטער?

— אַ זון דאַרף גיין אין די פוסטריט פון זיין טאַטן — האָט ירוחים געענטפערט.

דער פויער האָט אַ לאַך געטון:

— ביסט אַ דוראַק! אַ נאַר ביסטו! אויב ער איז אַזאַ קענער, וואָס קען לייענען ווי אַ וואַסער דאָס אַלטע לשון, איז ער קליגער פון טאַטן. דו ביסט נאָך נאַרישער פון אַ כלאָפּ. פאַרשטייסט גאָרנישט. הער וואָס פּיאָטער זאָגט דיר: אַז עס וועלן אָנהייבן וואַקסן האָר אָט־דאָ — האָט דער פויער אָנגעוויזן אויף דער דלאָניע — וועט ער בלייבן אַ שוסטער.

***

דעם געשפּרעך מיטן פויער האָט דער טאַטע געהאַט מיטוואָך אויף דער דריטער וואָך. פרייטיק האָט זיך ירוחים אומגעקערט אַהיים. ער האָט שוין נישט געוואָלט האַלטן דאָס בחורל מער אויפן דאָרף.

זיי זענען אַריין אין שטוב. דער טאַטע האָט צוערשט אַראָפּגענומען דעם פּאַק פון שמעונס פּלייצעס, נאָכדעם האָט ער אַראָפּגענומען זיין אייגענעם פּאַק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם ברעג פון דער קאַנאַפּע און געזאָגט צו דער מאַמען:

— נאַ דיר צוריק דיין לערנער. קיין שוסטער וועט ער אַלץ איינס נישט ווערן. איך גיב דיר ערבות אויף דעם.

די מאַמע האָט שוין געהאַט גאָר אַן אַנדער מראה אין פּנים. זי האָט אויך אויסגעזען מונטער און מער זיכער מיט זיך, די אַלטע מערע. דעם יינגלס האַרץ האָט אָנגעקוואָלן. זי האָט רויִק געפרעגט:

— וואָסי, ער פאָלגט נישט? אָדער אפשר האָט ער ניט געקאָנט אויפכאַפּן די גרויסע תורה פון שוסטעריי?

— ער פאָלגט שוין צופיל, — האָט דער טאַטע געענטפערט בייזלעך. — נישט אויסגעטויגט? ער האָט גילדערנע הענט. אמתע בעלי־מלאכישע פינגער.

אָבער קיין שוסטער וועט ער נישט ווערן. אים ליגט צופיל דאָס לערנען אין קאָפּ און וואָשט צופיל די הענט, ווי אַ לערנער.

די מאַמע האָט געשמייכלט:

— מילא, וועט זיין מיט איין שוסטער ווייניקער אין דער משפחה.

דאָס ייִנגל איז אַוועק אין קיך זיך אײַנוואַשן. דער טאַטע האָט שטיל גערעדט צו דער מאַמען:

—הער נאָר, מערע, מיר דאַרפן זיך די פינגער שנײַדן און זען ער זאָל לערנען. ער איז אַ כלי. ס׳האָט געדאַרפט קומען אַ גוי און פאַרשעמען מיך אין מײַנע אייגענע אויגן. מיינסט טאַקע אַז איך האָב אים געוואָלט נעמען מיט זיך? נאָר איך האָב זיך געשעמט נישט צו האָבן איבער דיר קיין ניצחון. האָב איך זיך פאַרעקשנט. אָבער ווען פּיאָטער האָט צו מיר געזאָגט...

די מאַמע האָט רויִק אויסגעהערט, וואָס דער מאַן האָט איר דערציילט. זי האָט געענטפערט מיט פאַרדרוס:

— דער אומגליק מיט דיר, בענטשע, איז וואָס דו הערסט זיך קיינמאָל נישט צו צו מײַנע רייד.

— אָבער ווי וועלן מיר עס אויספירן, איצט, אַז דו ביסט קראַנק?

— דער אויבערשטער וועט העלפן. איך בין שוין געקומען צו זיך. שוין אַ וואָך, אַז איך באַק צוביסלעך. איך האָב שוין אַפילו אַוועקגעשיקט שכר־לימוד דעם רבין. דער אַלטער האָט נישט געוואָלט נעמען סיידן, אַז איך זאָל אים צוזאָגן, אַז איך זאָל זען דו זאָלסט זיך מער נישט נאַריש מאַכן און אָפּרייסן דאָס ייִנגל פון לערנען.

ירוחים האָט זיך אויפגעשטעלט:

— פּיאָטער האָט מיך שוין אָנגעלערנט. איך בין שוין געקומען צום שכל.

— מילא, זאָל די ישועה קומען פון פּיאָטערן — האָט די מאַמע אַרײַנגעוואָרפן אַ שטאָך־וואָרט. נו, געגנוג באַלעמוטשען. איר ביידע קענט נאָך פאַרכאַפּן די באָד. אָט ליגן אָנגעגרייטע גרעט.

די מאַנצבילן זענען אַוועק אין באָד. מערע איז געבליבן זיצן אויף אַ בענקל אין סאַליע, וואָס האָט געשמעקט מיט שבת. זי איז געזעסן אַ גליקלעכע:

— אַ דאַנקען גאָט, אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזן צום גוטן. שמעון וועט מאָנטיק צוריקגיין אין חדר!

קאַפּיטל 24

# אין יידיש הינטערלאַנד

## א

### דער סטאָלענער רבי

מענדעלע מוכר ספרים זאָגט אויף זיך, אַז עס האָבן אין אים אַלעמאָל געלעבט צווײ מענדעלעך. וועגן שלמה ר׳ חיימס דערציילט ער, און שלמה איז דאָך מענ־דעלע אַליין, אַז „עפּעס האָבן צווײ נשמות — אַ מלאך מיט אַ רוח — געשטעקט אין אים ביידע אײַנײנעם. שלמהלע אין חדר און שלמהלע אין דרויסן זענען עפּעס גאָר אַנדערע, פֿאַרשידענע מענטשן". אין שמעונען איז אויך אָפּט אָנגעגאַנגען אַ געראַנגל, אָבער קיינמאָל נישט קיין ויתרוצצו. ער האָט אַלעמאָל געדענקט אָן דעם עיקר. ווען ער האָט זיך פֿאַרשטיפֿט אָדער „צעהרייעט", האָט ער נישט פֿאַרגעסן, אַז ער פּירט זיך ניט אויף ווי עס באַדאַרף צו זיין, ס׳איז ביטול תורה, ס׳איז געפּטרט צייט אויף נאַרישקייטן. ס׳איז דאָ אַן עיקר זאַך, וואָס דאַרף און מוז און וועט טאַקע סוף כל סוף איבערגעוועלטיקן די אַלע שטותערייען אין אים.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען שמעון איז געווען אין אַמעריקע און אַלע זיינע נאָענטע חברים זענען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער גרויסער זאַטקייט און פֿיי דער שפע, וואָס האָט זיך געשפּאַרט פֿון אַלע זייטן; עס האָבן זיי פֿאַרפּלייצט אַלע גרינגע פֿאַרגעניגס, וואָס שטרענגען נישט אָן דעם מוח און שוואַכן נישט אָפּ דעם גוף, איז שמעון אַ לאַנגע צייט נישט אָפּגעשטאַנען פֿון דער חברותא. אָבער טיף אין זיך האָט געשלומערט דער אַלטער עיקר, דאָס ערנסטקייט פֿון לעבן, דאָס באַטייט פֿון זיין באַשאַפֿן אין געשטאַלט פֿון גאָט און דאָס באַגער צו דערגרייכן אַ מדרגה, אַז עס זאָל זיין כדאי צו לעבן.

ווען ער זיצט איצט און זיפֿט איבער זיינע זכרונות, צו דערמאָנען זיך דאָס יאָר פֿון זיין קומען פֿון דאָרף, ווו ער איז געווען אַ שוסטער דריי וואָכן, ביז זיין אָפּפֿאָרן אין דער ישיבה, קומען אים אַרויף אויפֿן זכרון מאָדנע קלייניקייטן, בילדלעך, וואָס אויבנאויפֿיק זענען זיי בלויז באַפֿוצונגען, ווינעטקעס. דאָס שטעטל האָט געקאָכט, געזירעט, זיך איבערגעבראָכן. ווען ער איז צוריקגעקומען צוויי יאָר שפּעטער פֿון דער ישיבה, האָט ער דערזען גאָר אַן אַנדער שטעטל. דאָך אָבער געדענקט ער בלויז יענע געשעעניש, וואָס זענען דורכגעגאַנגען דורך זיין פּריזמע און זיך דורכגעזייט דורך זיין געמיט. איצט פֿאַרשטייט ער, אַז ער געדענקט בולט בלויז די פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך אַריינגעפּאַסט אין דער ראַם, וואָס רבי געצל און רבי מענדל האָבן איינגעראַמט זיין לעבן. די ראַם און די באַפֿוצונגען און דאָס בילד גופֿא זענען מסתמא עפּעס עקזאָטיש און פֿרעמד פֿאַר אַ זייטיקן, אָבער נישט פֿאַר שמעונען. ווייל נאָך איצט האַלט זיך שמעון פֿאַרן יורש פֿון יענע יידן, אַפֿילו ווען די גאַנצע ראַם איז איצט אַן אַנדערע.

***

פֿון דעם טאָג וואָס דאָס יינגל איז געקומען פֿון דאָרף, האָט ער באַלד באַ־מערקט, אַז די מאַמע האָט ניט נאָר צוריקגעקראָגן איר זיכערקייט, האַסט און מו־טיקייט, נאָר זי איז עפּעס געוואָרן געזעצטער, גוטמוטיקער און אויפֿגעהערט צו האָבן טענות צו גאָט.

זונטיק פֿאַרטאָג. שמעון איז געשטאַנען און געדאַוונט. ער האָט נישט קיין צייט געהאַט צו גיין אין שול דאַוונען מיטן טאַטן. דאָס יינגל האָט געדאַרפֿט אַרויסגיין אין מאַרק מיטן מולטער געבעקס, ווי עס וועט נאָר ליכטיק ווערן. ער האָט געוואָרפֿן בליקן אין קיך און זיין האַרץ האָט זיך געפֿרייט. די מאַמע איז געשטאַנען ביים אויוון און מיט איר אַלטער געשווינדקייט געוואָרפֿן די ערשט־אויסגעקאָטשעטע בייגל אין „וואַר״ (קאָכיקן טאָפּ וואַסער) און באַלד האָט זי זיי אַרויסגענומען מיטן שפּינדל און זיי אויסגעלייגט צו צוויי אין אַ ריי, אויף די לאָפּעטעס. זי האָט אַריינגערוקט די לאָפּעטעס אין אויוון, זיי איבערגעקערט אין דער ריכטיקער מינוט. געהאַלטן אַן אויג אויף די אויסגעבאַקענע בייגל און זיי אַרויסגענומען ווי נאָר זיי האָבן זיך צעברוינט. די אַרבעט האָט ווידער געקלאַפּט. אַלץ צו דער מינוט.

זי האָט צוגעקראָגן וואָג. אָבער איר טראָגן האָט נישט געשטערט איר רירעווו־

דיקייט און באַוועגלעכקייט. זי האָט ניט געאַרבעט שטיל. זי האָט גערעדט ווי אַלעמאָל. אָבער אירע רייד זענען ניט געווען מער קיין ביטערע.

זי האָט גערעדט צו שמעונען:

— איצט, זון מיינער, פאַרשטיי איך אויף אַן אמת, וואָס עס מיינט גאָטס השגחה. עס מיינט עפּעס גאָר אַנדערש ווי איך האָב פריִער געטראַכט. איך האָב געמיינט, אַז גאָט דאַרף דיך נעמען ביי דער האַנט און פירן דיך ווי מען פירט אַ קינד. אָדער אפשר, האָט זיך מיר געוואָלט, ער זאָל מיך פירן ווי מען פירט אַ פערד ביים צוים — רעכטס, לינקס, גלייך אָדער אַן אַ זייט. דאָס איז דאָך אַ בזיון, אַ חרפּה פאַרן מענטשן. אַ מענטש דאַרף עס נישט. ער דאַרף גאָר האָבן אַ רצון צו שטעלן זיך אַנטקעגן. האָט ער מיך אָנגעלערנט. ער האָט ביי מיר צוגענומען דאָס ביסעלע חיות און אויס! איך בין געוואָרן ווי אַ שטיקל האָלץ. עס האָט מיך נישט געאַרט דו זאָלסט ווערן אַ שוסטער. ס'האָט מיר נישט אויסגעמאַכט, אַז די מיידלעך זאָלן גיין דינען. ס'איז ביי מיר געווען רעכט איך זאָל ווערן ווי מיין קרובה חנה־די־הקדישניצע און אָנקומען צו קיצבה. אַ פחד באַפאַלט מיך! רבונו של עולם! איך זינדיק נישט מער. ווי דער טייטש־חומש זאָגט: „בעסער צו עסן אַ ביטערע בלאַט פון גאָטס האַנט, ווי זיסע שפּייז פון מענטשנס האַנט".

די מאַמע האָט נישט פאַרלאָרן איר מונטערקייט די גאַנצע צייט פון איר טראָגן. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט האָבן אַ יינגל און די טאָכטער אירע וועט געבערן אַ מיידל. ווען די טאָכטער האָט זיך געלייגט אין קימפּעט מיט אַ מיידל און די מאַמע האָט, דריי טעג שפּעטער, געהאַט אַ יינגל, האָט זי זיך געגרויסט:

— איך האָב געוווּסט, אַז איך וועל האָבן אַ יינגל. איך קריוודע נישט דער וועלט — אַ מיידל, אַ יינגל, אַ מיידל, אַ יינגל — אַזוי האָב איך קינדער. דאָס קינד פאַר דעם איז דאָך געווען אַ מיידל, איז איצט די צייט פאַר אַ יינגל. מיין טאָכטער איז ווי די מאַמע אירע — דאָס ערשטע קינד — אַ מיידל. זי איז מיין טאָכטער, וווינט ביי מיר אין שטוב, גייט זי אין מיינע דרכים און טוט נאָך דער מאַמען.

דעם יינגל האָט מען אַ נאָמען געגעבן בנימין. עס האָבן זיך אויסגענומען נעמען פון דער משפחה, האָט די מאַמע אים אַ נאָמען געגעבן בנימין. דעם לעצטן פון די צען שבטים האָט מען אויך אַזוי גערופן.

צום ברית איז אומדערוואַרט געקומען דער יונגער סטאָלענער רבי. ווען די מאַמע האָט דערהערט, אַז דער סטאָלענער רבי קומט, איז זי צוריק אַריינגעקראָכן אין בעט. זי האָט שוין דריי טעג געבאַקן געבעקס. אָבער זי האָט זיך צוריקגעלייגט מעשה קימפּעטאָרין. זי האָט געזאָגט:

## וואָרצלען

— מער פעלט מיר נישט, דער רבי זאָל מיך טרעפן אַרומקריכן איבערן שטוב. ער וואָלט דאָך געמיינט אַז איך בין אַ פּויערטע, וואָס האָט אָפּ דעם שרץ און שטעלט זיך ביים אויוון אַנגרייטן וואַרמעס פאַרן מאַן. ביי שיינע ייִדן ליגט די ווייב אין קימפּעט ביז נאָכן ברית.

דער יונגער סטאָלענער רבי איז דעמאָלט געווען צופעליק אין שטעטל. ער איז געקומען נישט געבעטענערהייט צום ברית און דער טאַטע האָט אים מכבד געווען מיט סנדק. ווען דער טאַטע האָט אַריינגערוקט דעם גבאי אַ פּדיון, האָט ער נישט גענומען. דער רבי האָט געהייסן נישט נעמען. נאָכן מוהלס ברכה, האָט דער רבי געטרונקען לחיים מיט ירוחימען און געזאָגט צו אים:

— ירוחים־בן־ציון, איך געדענק גוט דעם טאַטן דיינעם, ר׳ גוטע, אַפילו איך בין נאָך געווען אַ קינד, ווען ער איז נפטר געוואָרן. אַן ערלעכער ייִד איז דיין טאַטע גוטע געווען. כשמו כן הוא. אַ ייִד מיט אַ גוט האַרץ, אַ בעל רחמים. איך בין געווען אַ ייִנגל אַ שטיפער און דווקא געוואָלט רייסן סטרונעס פון דעם פערדס עק. ווען דער טאַטע דיינער, עליו השלום, פלעגט קומען פון אַ נסיעה און געבראַכט אַהיים מיין טאַטן, עליו השלום, פלעגט דיין טאַטע ר׳ גוטע נישט לאָזן אָנרירן דאָס פערד. ער האָט נישט געשריגן אויף מיר, נאָר געשטראָפט מיט גוטן:

— מאָטעלע, מאָטעלע, און צער בעלי חיים?

נאָכדעם ווי מען האָט גענומען צו קוילעשאַקלעך בראָנפן און פאַרביסן מיט לעקעך און טאָרט, וואָס די מאַמע האָט אַליין אָפּגעבאַקן, האָט זיך ר׳ מאָטעלע צעזונגען. ער איז געשטאַנען אין מיטן סאַליע און זיך פאַרגאַנגען אין דעם זיסן, פריילעכן סטאָלענעם ניגון.

ביז איצט טראָגט שמעון אין זכרון דעם רבינס געשטאַלטיקייט. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ בלאָנד־רויטער באָרד, די פּיאות שוואַרץ און געקרייזלט. דער פּנים ווי אַן אויסגעשניצטער. אַן אַטלאַסענע געהאַקטע קאַפּאָטע איז געלעגן אויפן דינעם גוף ווי אַן אויסגעגאָסענע. אַ זיידענער גאַרטל האָט אַרומגעשטייפט זיינע לענדן; זיידענע ווייסע זאָקן און גלאַנציקע טופליעס אויף די פיס. ער איז געשטאַנען פאַרדבהקעט אין זינגען. די לאַנגע אָרעמס מיט די דינע צאַרטע פינגער צעשפּרייט און באַוועגט זיי לויטן ניגון נאָך. שמעון קוקט און קוקט אויף אים — גייען נאָך די הענט נאָכן ניגון? אָדער דער ניגון זינגט זיך נאָך דעם מאַכן מיט די הענט?

יאָרן שפּעטער איז שמעון געזעסן אין אַ סביבה פון חברים און פריינט. אַלע האָבן אָפּגעשפּאָט פון דער ייִדישער הלבשה, פון ייִדישן הילוך אין לאַנגע קאַפּאָטעס, בערד און פּיאות. פאַר שמעונס אויגן האָט אַ שימער געטון דער יונגער סטאָלענער רבי. שמעון האָט געזאָגט באַהאַרצט:

— ס'איז נישט די ייִדישע הלבשה, וואָס איז מיאוס, נאָר פאַרגעסט נישט אַז איר זעט אָרעמע, פאַרפּינצטערטע, דערשלאָגענע ייִדן. ווען איר וואָלט געזען ווי אַן אמתער ייִדישער אַריסטאָקראַט — אַ ייִדישער תלמיד חכם, טראָגט אויף זיך די ייִדישע מלבושים!

—מיינסט, עס וואָלטן דיר געפּאַסט באָרד און פּיאות?

— איך מיין אַז יאָ. זיכער וואָלט זיך אָנגעזען אויף מיר דער צלם אלקים א סך מער ווי איצט, וואָס איך טראָג אַ פּנים גלאַט ווי אַ לאָקשן־ברעט און מייך קורצע הלבשע קוקט אויס ווי פון אַ מאַשין אַרויס — פריִער צוגעפּאַסט צו אַ גולם — אַ מאַנעקין — דערנאָך ערשט אָנגעטאָן אויף מיר.

די חברים האָבן זיך צעלאַכט. שמעון האָט אַ זיפץ געטון מיט בענקשאַפט:

— איי, ווען איר וואָלט געזען אין אייער קינדהייט אַ סטאָלענעם רבי. ניט אויף דער בינע, ניט אויף אַ יום טוב אין שול אַפילו, נאָר אין אַ פּראָסטן מיטוואָך ביי אַ שוסטער אין שטוב, אויף אַ ברית־מצוה. וואָס ווייסט איר פון שיינקייט פון הלבשה? פון פּראַכט פון ייִדישן טראַכט? ווי זאָל איך עס איך באַשרייבן? ס'איז שווער, ווייל ווי קען איך ניצן דאָס טאָג־טעגלעכע לשון צו באַשרייבן אַ פּיזישע שיינקייט, וואָס האָט בלויז רוחניות? שאַ, ס'איז שוין באַשריבן געוואָרן. איר געדענקט דעם פּיוט יום כיפּור, וואָס באַשרייבט די שיינקייט פון כוהן גדול ווען ער איז אַרויס פון קדשי־קדשים בשלום, אַן אַ שלעכטער באַגעגעניש? איר האָט שוין פאַרגעסן, לאַנג נישט געווען אין שול. נאָט איך דריי שורות:

כדמות הקשת בתוך הענן —
— ווי דער געשטאַלט פון רעגנבויגן אין וואָלקן
כורד הנתון בתוך גנת חמד:
ווי אַ רויז, וואָס איז אין אַ לוסט־גאָרטן,
ככוכב הנוגה בגבול מזרח:
ווי דער שטערן נוגה, וואָס שיינט אין מזרח.

— הער אויף, הער אויף, דו אומהיילבאַרער ראָמאַנטיקער, — האָט חברה אָנגעהויבן שרייען — אַלץ וואָס איז ייִדיש שמעקט ביי דיר מ׳ט זאַפּרען און נעגעלעך, צימערינג און ראָזשינקעס. ס'איז נישט געווען אַזוי, ס'איז נישט געווען אַזוי! ס'איז נאָר דייִן יחידישע ייִדישקייט; — ניין, אַן אויסגעטרוימטע, באַפּוצטע אויסגעדוכטע ייִדישקייט.

## ב

# אַהאַפּאַ

פון דעם טאָג, וואָס שמעון איז געקומען פון דאָרף, זענען אויך איינגעשטעלט געוואָרן פאַר אים באַשטימטע אַרבעטן אין בעקעריי: ער האָט געדאַרפט פּאַרקנעטן גרינגע ראָשטשינעס; אַ געבעקס בייגל, קיכלעך און אַפילו אַ טייג פאַר בולקעס, אויב די ראָשטשינע איז נישט געווען צו גרויס. אויך האָט ער געדאַרפט אַרויפניזשען די בייגל. דערצו האָט ער געדאַרפט אַרויסגיין אין מאַרק מיט אַ מולטער געבעקס, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן ליכטיק צו ווערן. ער איז געשטאַנען ביז שפּעט אין פרימאָרגן, ביז רחל לאה איז פאַרטיק געוואָרן אין בעקעריי און איז געקומען אים איבערבייטן. ער איז געקומען אַ היים, אָפּגעגעסן אָנבייסן און איז אַוועק אין חדר.

פון יענע צייט געדענקט שמעון די פרישקייט און נייקייט פון די פאַרטאָגן. נאָך עפּעס, ער פלעגט זען אַלע אינדערפרי ווי די הייזער שטייען אויף פון שלאָף. הייזער זענען דאָך געמאַכט פון קלעצער און ברעטער, אָבער שמעון האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען ווי די שטיבער פון שטעטל כאַפּן זיך אויף אין דער פרי און ווערן זעעוודיק און לעבעדיק. ער האָט עס קיינמאָל קיינעם נישט דערציילט, ווייל סיי־ווי־סיי פלעגט מען אָפּט לאַכן פון אים, אַט ווי עס איז געווען מיט דער אַהאַפּאַן.

דאָס שטעטל האָט געהאַט אַ דריי הונדערט משפחות; מער ווי צוויי טויזנט איינוווינער, אָבער קיין אויסגעלאַסענע יידישע טעכטער זענען נישט געווען. יידישע בחורים האָבן געוווסט וועגן זונות נאָר פון דעם וואָס זיי האָבן געלערנט אין תנ״ך, אָדער גמרא. יאָ, עס האָט געטראָפן, אַז אַ מיידל איז טראָגעדיק געוואָרן פון אַ בחור, וואָס איז באַלד אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. ס׳איז געווען אַזאַ אויפטרייסלענדיקע גע־שעעניש, אַז די משפחה האָט געדאַרפט עוקר זיין פון שטעטל. אָבער לעצטנס איז דאָס שטעטל אַ סך גרעסער געוואָרן, עטלעכע יידן זענען רייך געוואָרן און געהאַט גוייִשע דינסטן. ביי לייבע פּאָליאַק האָט געדינט אַ יונגע שיקסע, אַהאַפּאַ. מען האָט גערעדט, אַז זי פאַרדינגט זיך צו וועלכן ס׳איז בחור, וואָס וויל זי. אָבער גאָר אָפן האָט זי געהאַט צו טון מיט די פאַנקעס אויפן וואָקזאַל. אַלע זונטיק אַזוי.

ס׳איז געווען אַ זונטיק אינדערפרי. שמעון שטייט ביים מולטער געבעקס אין מאַרק. ס׳איז געווען רויק און שטיל, גאָר ווייניק קונים. ווען קיין קונים שטערן אים נישט קוקט ער אַריין אין אַ ספר. שטייט שמעון ביים מולטער געבעקס און קוקט אַריין אין אָפענעם ספר. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ פריילעכער, פאַר־שייטער געלעכטער. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און דערזען אַהאַפּאַן מיט

זעקס שקצים, דריי רעכטס פון איר און דריי לינקס פון איר. איינער האָט געטראָגן אַ קאָשיק מיט פיר פלעשלעך בראָנפן און אַ גרויסע שטיק סאַלע — חזיר־פעטס, אַ לאַנגע קאָלבאַסע און אַ בינטל קישקעלעך. אַן אַנדער שייגעץ האָט געטראָגן אַ ליידיקן קאָשיק. די שיקסע און שקצים זענען צוגעקומען צו שמעונס מולטער געבעקס. דאָס יינגל איז געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעמאָלטער פון איבערראַשונג. ער האָט קיינמאָל נישט געזען אַזאַ פּאַן. ווי שיין זי איז! דער פּנים ווייס קלאָר מיט פולע, רויטע באַקן. דער האַלדז אַן אויסגעפילטער, מילך ווייס, באַפּוצט מיט אַ שנירל רויטע פּאַטשערקעס. די אויגן גרויסע, בלויע, מיט שאַטיגנע ברעמען. די האָר, דער קאָליר פון קאָרן־זאַנגען, פאַרפלאָכטן אין אַ דיקן צאָפּ, פאַרוואָרפן אויפן האַרצן. דער קאָפּ אַרומגענומען מיט אַ געבלימט טיכל און די ראָזעווע אויער־לעפּלעך זענען געווען פאַרשטאָכן מיט אויערינגלעך מיט בלויע שטיינדלעך, די שטיינדלעך זענען געווען העל־בלוי, ווי דער שיקסעס אויגן.

זי האָט אָנגעשטעלט אַ קינדיש פּנים אויף דער מולטער געבעקס, צוגעלייגט דעם קליינעם פינגער צום מויל ווי אַ קינד, וואָס חנדלט זיך און אַרויסגעזונגען:

— וואָס פאַר אַ געבעקס דאַרפן מיר קויפן, יעפּים?

— קויף וואָס דיין האַרץ גלוסט, — האָט דער עלטסטער שגץ געענטפערט.

— זי האָט אָנגעהויבן ריידן ווי צו זיך:

— אַזוי, בראָנפן איז גוט צו פאַרבייסן מיט „פּאַדאָבנע״ בייגל, איז גיב, יידעלע, אַ צענדליק און אַ האַלב. הערינג איז גוט צו עסן מיט ברויט, גיב זשע א גוט אויסגעבאַקן ברויטל. סאַלאָ איז גוט צו קייען מיט בולקע, גיב מיר פיר בולקעלעך. קעז איז געשמאַק מיט בייגל, גיב דריי צענדליק בייגל. נו, יעפּים, באַצאָל!

דער שגץ האָט אַרויסגענומען אַ טייסטער, אַ לאַנגע רימענע בייטל פאַרצויגן מיט לעדערנע שנירלעך, און אָנגעהויבן אַרויסנעמען זילבער מינץ. אַזאַפּאַ האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— עס געפעלן מיר די קיכלעך אין מולטער. דיינינקע, צוגעברוינטע און דיק באַשאָטן מיט „פּעסאָק״ (זאַמד־צוקער), זיי וועלן זיך צעגיין אין מויל, גיב, יידעלע, אַ צענדליק!

יעפּים האָט אָנגעהויבן ציילן דאָס זילבער.

— און ווו איז די באַקידקע? (אַ צוגאָב צום איינקויף) האָט יעפּים געזאָגט ציילנדיק דאָס געלט. עס קומט אונדז אַ גרויסע באַקידקע: צוויי פּאַדאָבנע בייגל, זעקס אַנדערע בייגל, אַ קיכל און עפּעס אויף די בולקעס.

אַהאַפּאַ האָט אים אַ שטויס געטון מיטן עלנבויגן:

— דיר איז אַלעמאָל קאַרג. דו גייסט דאָך מיט מיר האָבן אַ פּראַזדניק (אַ יום טוב, אַ גוד טיים), זאָל דאָס ידעלע אויך הנאה האָבן!

די שקצים האָבן זיך צעלאַכט, יעפּים האָט אַ בורטשע געטון:

— אַ מויד, אַ מכשפה. אָבער אַ גוטע מיט אַ ווייך האַרץ. עס רינט ביי איר האָניק פון מויל.

שמעון איז געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט אַן אָפענעם מויל, אויפגעריסענע אויגן און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט מעכאַניש צוגענומען דעם גרויסן פדיון און אַפילו נישט געזאָגט קיין דאַנק. „געוואַלד, — האָט אין אים געברויזט, — דאָס איז זי דאָך, די זונה, וועגן וועלכער שלמה המלך דערציילט אין משלי:

„אָט קומט אים אַ פּרוי אַנטקעגן, פאַרפּוצט ווי אַ זונה און אַ פאַרדאָרבן האַרץ. טומלדיק איז זי און פאַרפירעריש. אירע פיס טוען נישט רוען אין איר הויז. אַמאָל אין גאַס, אַמאָל אין מאַרק, אין יעדן ווינקל לויערט זי. זי נעמט אים אָן און קושט אים, (דאָס וועט אַהאַפּאַ שפּעטער טון אין וואַלד, טראַכט שמעון), מיט אַ פּנים פון אַ חצופה זאָגט זי צו אים: מיט קאָפּעס האָב איך באַפּוצט מיין בעט, מיט שיינעם אויסגעהאַפּטענעם לייוונט פון מצרים. איך האָב אויסגעשפּריצט מיין געלעגער מיט מור, אהלים און צימערינג. (שמעון ווייסט, אַז מור און אהלים זענען מינים פון בשמים), קום, לאָמיר זעטיקן זיך מיט ליבעניש ביזן פרימאָרגן; מיט ליבע פאַרגעניגנס וועלן מיר זיך פרייען".

לעבן מולטער געבעקס איז אויסגעוואַקסן אַ נייער קונה — משה גערשטיין, דער גאַלאַנטעריי קרעמער. אַ ייד אַ משכיל און אַ תנ"ך־קענער. ער האָט געקוקט פאַרחידושט אויף שמעונען, וואָס האָט נאָך נאָכגעקוקט אַהאַפּאַן און די זעקס שקצים. ווי זיי זענען אַוועק צום וואַלד צו. דער קרעמער האָט אַ זאָג געטון שפּאַטיש:

— וואָס האָסטו אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגאַפּעס אויף דער שיקסע און אירע אונטערפירער? ביסט נאָך קיין בר־מצווה נישט און שוין! עס שפּילט שוין ביי דיר דער וועלער?

שמעון האָט אויסגעפּלאַצט מיט התפּעלות:

— ר' משה, פּונקט ווי אין משלי.

אויף ר' משהס פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַ צופרידענער שמייכל:

— אַזוי, אין וועלכן קאַפּיטל, שייגאַץ?

— אַביסל אין קאַפּיטל ב׳ און ה׳, מער אין ו׳ אָבער איבערהויפּט אין קאַפּיטל ז׳ פון פּסוק חית.

— יאָ, געדעכט, קענסט שוואַרבע. אָבער זאָלסט וויסן, אַז די כלאָפּעס שרעקן זיך נישט פאַר פּסוק כ״ג „ביז אַ פייל שפּאַלט דורך זיין לעבער און ער ווייסט נישט, אַז ער שפּילט זיך מיט זיין לעבן״. קיין אשת־איש איז זי נישט. אָבער גלאַט גייט זיי נישט אָפּ אַזאַ פּראַזדניק. נאָכדעם ווי זיי זעטיקן זיך אָן מיט איר און שיכורן זיך אָן, צעממיתן זיי זיך. נו, ס׳איז אַלץ ביי זיי אַ טייל פון זייער עולם הזה. אויף קיין עולם הבא ריכטן זיי זיך נישט. גיב מיר דריי אייער־בייגל, צוויי קיכלעך און אַ בולקע.

שמעון איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט. אין שלמה המלכס צייטן און היינט — די וועלט האָט זיך נישט געביטן. שטייט אין משלי:

— האָניק־זאַפּט טריפן אירע ליפּן און גלאַטער פון אויל זענען אירע רייד. דו זאָלסט נישט געלוסטן איר שיינקייט אין דיין האַרצן און זי זאָל דיך נישט פאַנגען מיט אירע ברעמען״.

פון שלמה המלכס צייטן אָן, אין ירושלים, ביז היינט, דאָ אין גלות, פאַנגען זיי די מענטשן אין זייער נעץ פון זנות. די זונה פון משלי האָט מסתמא אויסגע־זען ווי אַהאַפּאַ.

## ג

## יעקב און עשו

דאָס שטעטל קאַלינקאָוויטש איז אַ יידיש פּינטעלע אין אַ ים פון גויים. אַ טראָט איבערן „זאַמד״, דאָס נייע פאַרשטעטל, און עס הייבט זיך אָן אַ פרעמדע גויישע וועלט. דאָס שטעטל איז אַרומגערינגלט מיט צענדליקער און צענדליקער דערפער, וווּ עס וווינען געציילטע יידן.

גלייך ווי מען פאָרט אַריין אין שטעטל שטייט דער קלויסטער: אַ שיינער, הויכער בנין געפאַרבט גרין און רויט. דער בלעכערנער דאַך, דער איינציקער אין שטעטל, גלאַנצט מיט זיין רויטער פאַרב אַנטקעגן דער זון און רייסט אויף די אויגן.

אַלע טאָג קומען אין שטעטל צענדליקער פּויערים איינצוקויפן זייערע נייטי־קייטן. זונטיק, און אין אַ חגא־טאָג, אָדער אויף אַ יאַריד, קומען אין שטעטל הונ־דערטער, הונדערטער און טויזנטער פּויערים, די יידן זענען אָפּהענגיק פון די

פויערים מיט פּרנסה. פון די ייִדן זענען די גויִים אָפּהענגיק מיט זייערע באַלעבאַטישע הצטרכותן און מותרותן. ווען נישט די ייִדישע קראָמען, די ייִדישע בעלי־מלאכות, וואָלט דער גוי נישט געהאַט ווו צו קריגן אַ פּאָר שטיוול, אַ היטל, טשוועקעס, אַ סערפּ און אַן אַקער, אַ טיכל, אַ קלייד און וועלכע ס'איז נייטיקייט, וואָס אַ תּרבות מענטש דאַרף.

קאַלינקאָוויטש איז נישט אָזאַריטש, וואָס איז אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער וועלט, ווייט פון אַן אייזנבאַן און פאַרמאָגט אַפילו נישט קיין קלויסטער. שמעונס שטעטל האָט אַ חוץ אַ קלויסטער, וואָס איז גוט פאַר מאַרק־טעג, אויך אַ באַן־סטאַנציע, אַ גרויסע באַן סטאַנציע:

„באַנען קומען צוויי אַ טאָג
און איינער קומט אינאָוונט".

דריי באַנען אַ טאָג! אויף דער סטאַנציע איז דאָ אַ גרויסער ישוב פון וווילגעלערנטע גויִים, וואָס ייִדן באַזאָרגן זיי מיט אַלץ, חוץ חזיר־פלייש. אַ דריטל פון די ייִדן אין שטעטל ציט חיונה פון די תּושבים אויף דער באַן־סטאַנציע. אָט די ייִדן קענען אַפילו גוט רוסיש.

דאָך זענען די ייִדן און די גויִים צוויי באַזונדערע פעלקער, צוויי באַזונדערע אומות, וואָס לעבן לויט אַנדערע באַגריפן, אָדער השגות. צוויי פאַרשיידענע וועלטן ווייט איינער פון דער אַנדערער, ווי זיי וואָלטן געווען אָפּגעטיילט מיט ברייטע ימים.

לעבן קלויסטער שטייט אַ הויכער פאַרצווייגטער באַרנבוים. דער אַלטער בוים האָט נישט קיין נידעריקע צווייגן, דערפאַר איז עס דער איינציקער בוים אין שטעטל און אַרום שטעטל, אויף וועלכן עס ווערן צייטיק באַרלעך. די ייִנגלעך קענען קיינמאָל נישט אַראָפּקלאַפּן אַלע באַרלעך פון די הויכע צווייגן. אָט דער באַרנבוים איז דער טרעפונג־אָרט פון שטעטלשע ייִנגלעך. פון באַרנבוים גייט מען בחבֿרותא אויפן „זאַמד", צום ראַנד פון וואַלד, וווּ מען פירט אַן מלחמות מיט די דאָרפישע שקצים, אָדער איין חבֿרה מיט דער אַנדערער. פון באַרנבוים גייט מען שייקעווייז צום וואַלד קלייבן יאַגעדעס, אָדער זיך שפּילן אין די זאַמד־גריבער.

אַנטקעגן באַרנבוים שטייט דער קלויסטער. איבערן טיר שטייט ער, יאַשקע פּאַנדרע, אַן אָפּגעמאָלטער מיט דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף אַ זייט און אַ פּנים פול מיט יסורים. פון דער אָפּגעדעקטער האַרץ רינט בלוט און די פיס און די הענט זענען צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס צו אַ צלם. שמעון ווייסט נישט מער, אַז דער תּלוי איז געווען אַ געשמדטער ייִד, אַ גרויסער לערנער, אַן אמתער למדן, דערפאַר לערנט מען נישט אין חדר אין נאַכט פון ניטל, די נאַכט פון זיין געבוירן,

כדי דער זכות פון דער תורה זאָל אים נישט ביישטיין און אים גרינגער מאַכן זיינע יסורים.

שמעון ווייסט נישט, אַז דער „אָפּגעמאָלטער" איז דער גרינדער פון דער גוייִשער אמונה. דאָס האָט ער זיך דערוווּסט ערשט ווען ער האָט זיך אויסגעלערנט ענגליש אין אַמעריקע. פאַר דעם האָט ער גאָר געגלויבט, אַז דער תלוי איז אַ משומד, וואָס איז געוואָרן אַ גאָט ביי די עבודה־זרהניקעס, נאָך אַ געטשע צווישן געטשן. אָט זעט שמעון אַ סך, גאָר אַ סך בילדער פון געטשן, ווען זיי טראָגן זייערע „אַניצעס" אין אַ פּראָצעסיע, אין זייער ניי־יאָר, אָדער עפּעס אַן אַנדער יום טוב, ווען זיי גייען צום טייך און זענען „מטמא" די וואַסער.

ביי שמעונען איז נישטאָ קיין איבעררייס צווישן אַמאָל און היינט. עס איז איין גלייכער שנור פון אברהם אָבינו ביזן איצטיקן טאָג. ביי יצחקן זענען געבוירן געוואָרן צוויי זין: עשו און יעקב. די וועלט איז צעטיילט געוואָרן צווישן זיי. ווי עס שטייט אין דער סדרה תולדות און אַזוי קלאָר אויסגעטייטשט פון רש"י:

— ויתרוצצו הבנים בקרבם — און די קינדער האָבן זיך געשטויסן אין איר. מאַכט רש"י: ויתרוצצו, דער פּסוק בעט זיך: דרשהנט מיך: ווייל וואָס מיינט „זיי האָבן זיך געשטויסן" און דערנאָך זאָגט רבקה „למה זה אנכי" — צו וואָס דאַרף איך לעבן? אונדזערע חכמים האָבן געדרשהנט, זאָגט רש"י, ויתרוצצו מיינט לשון ריצה — לויפן. ווען רבקה פלעגט פאַרבייגיין די טיר פון בית־מדרש, ווו שם און עבר האָבן געלערנט תורה, פלעגט יעקב אָנהויבן לויפן און צאַפּלען זיך, ער פלעגט יועלן אַרויסגיין. ווען זי פלעגט פאַרבייגיין די טיר פון אַן עבודה־זרה, אַ קלויסטער, פלעגט עשו אָנהויבן לויפן און צאַפּלען זיך און וועלן אַרויסגיין. דעמאָלט האָט זי געזאָגט למה זה אנכי? צוליב וואָס דאַרף איך לעבן?

און עס ציִען זיך ווייטער דער ניגון און די דערקלערונגען: צוויי פעלקער יועלן פון דיין אינגעווייד זיך פאַנאַנדערשיידן. דער צו רשעות און דער צו פרומקייט. „ולאם מלאם יאמץ, ורב יעבוד צעיר" — און אַ פאָלק פון אַ פאָלק וועט זיין שטאַרקער, און דער עלטערער וועט דינען דעם יינגערן. טייטשט רש"י דעם פּסוק: זיי וועלן נישט זיין גלייך אין גרויסקייט. ווען דער וועט אויפשטיין, וועט דער פאַלן.

שמעון האָט דעם שליסל צו דעם איינשטעל פון דער וועלט. איצט איז עשוס ממשלה. עס געוועלטיקט דער, ווען ס׳איז באַשערט רשעות. יידן זענען אונטערגעוואָרפן אונטער עשוס ממשלה און זיי דאַרפן זיך אָפּט פאַרטיידיקן. ווען גויים שיכורן זיך אָן און הייבן אָן שלאָגן יידן, וווּנדערט זיך נישט שמעון, אַנדערש

קען נישט זיין. ווען די גויים פאָרן זיך אָן אויף אַ יאַריד איז אַ סכנה. עשו איז עשו — לעבט אויף דער שווערד. געדענקט שמעון איינמאָל אַ יום־כיפור.

ס'איז געווען מוסף־צייט. די עדה יידן איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין טליתים און געשפּאָלטן דעם הימל מיט איר געבעט. ס'איז שוין געווען נאָך „ונתנה תוקף", מען האָט שוין אָפּגעזאָגט דעם פּיוט „האוחז ביד" און דער חזן האָט אָנגעהויבן די תפילה „ובכן תן פּחדך", מיטאַמאָל האָבן זיך אַריינגעריסן אין שול מיידלעך מיט אַ געוויין, אַ יאָמער און אַ קלאָג: מען הרגעט ווייבער און קינדער! וואָסי, עס איז דורכגעפאָרן אַ לאַנגער אָבאָז, האָבן די גויים גענומען זוכן די שטעלכלעך מיט נעבעקסן. ווען זיי האָבן געפונען אַ ליידיקן מאַרק, האָבן זיי אָנגעהויבן ברעכן פענצטער און שלאָגן וועמען זיי האָבן דערזען.

די יידן האָבן געכאַפּט און אויסגעטאָן די טליתים און זיך אַ שפּאַר געטון פון שול. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון צו אַ דערבייאיקן פּלויט און אים צענומען. מיט דרענגלעך אין די הענט האָבן זיי זיך געלאָזט צום מאַרק און צעטריבן די גויים.

ווען עס איז געוואָרן שטיל אין שטעטל, האָבן די יידן זיך אומגעקערט אין שול. דער חזן האָט אָנגעהויבן דעם פּיוט — „ויאתיו כל לעבדך". שמעון ציילט די ווערטער און איצט האָבן זיי ביי אים דעם אמתן זין. ערשט איצט האָט ער באמת פאַרשטאַנען פאַר וועמען יידן זענען מתפלל:

— „און אַלע וועלן קומען דיך צו דינען, וועלן לויבן דיין געערטן נאָמען און וועלן דערציילן וועגן דיין גערעכטיקייט צווישן די אומות, וואָס ווינען אויף די אינדזלען: און די פעלקער, וואָס קענען דיך נישט, וועלן דיך פאַרשן. מען וועט דיך לויבן אין אַלע עקן פון דער וועלט און זיי וועלן תמיד זאָגן: גרויס איז גאָט! זיי וועלן פאַרלאָזן זייערע אָפּגעטער און וועלן זיך שעמען מיט זייערע געטשן און וועלן נייגן זייער אַקסל דיך צו דינען".

דעמאָלט, ווייסט שמעון, וועט מער נישט טרעפן, אַז אין מיטן יום־כיפור זאָלן גויים אָנפאַלן אויף יידן. אַלע וועלן דינען דעם איין־און־איינציקן גאָט; יום־כיפור וועלן זיי אַלע דאַווענען אין שול.

ד

## פאַר נאַטשאַלסטווע

שמעון לעבט אין אָט דעם יידישן הינטערלאַנד און חוץ, וואָס ער זעט גויים אויפן מאַרק, ווייסט ער נישט אַפילו, אַז עס איז דאָ אַ רייכע גוישע וועלט פון

הערשער, פון רעגירער, פון פירער און מלוכה־מענטשן. אויף זיין צוועלפטן יאָר האָט ער צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט פנים אל פנים מיט אָט דער וועלט, און עס האָט זיך ביי אים נאָך מער פאַרשטאַרקט דער גלויבן, אַז עס איז אַן „עם הדומה לחמור". דוכט זיך אָנגעטאָן אין שיינע קליידער, באַפּוצט מיט גילדערנע עפּאָלעטן, געפּרעסטע הויזן און „געטשיסטשעטע" שיך, הערבן אויף די היטלען און „שאַס־קעס" מיט גאָלדענע הענטלעך ביים זייט, און דאָך קעפּ פול מיט חשד, נאַרישקייטן און רשעות.

שמעונס עלטערער ברודער האָט זיך געדאַרפט שטעלן פאַר נאַטשאַלסטוואָ (רעגירונגס־באַאַמטע) אויף „נאַרוזשני וויד" — עס מיינט צו שאַצן אים די יאָרן לויטן אויסזען, כדי צו באַשטימען ווען ער זאָל זיך שטעלן צום פּריזיוו. מיט שלמהן האָט זיך געדאַרפט שטעלן אויך שמעון, אַז מען זאָל אים שאַצן די יאָרן, צוליב שלמהס לעגאָטע. שלמה איז עלטער פון שמעונען מיט פולע ניין יאָר, קומט דעם בכור אַ לעגאָטע — אַ געוויסע פּריווילעגיע, וואָס קען אים באַפרייען פון מיליטער דינסט.

צו דער געלעגענהייט האָט די מאַמע אויפגענייט פאַר שמעונען אַ ספּעציעלן גאַרניטור. דאָס רעקל איז געווען מיט אַ שטייענדיקן קאָלנער. אַ טעזשורקע האָט מען גערופן אַזאַ רעקל. די מאַמע האָט אָנגעקוואָלן פון דעם גאַרניטור „ער זעט דאָך אויס ווי אַ מאָנאַרכע אין אים, איצט זעט מען, אַז עס איז אַ גמרא־יינגל מיט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, ער זעט אויס עלטער פון זיינע יאָרן".

ביי שמעונען איז דער גאַנצער ענין עפּעס אַ שטיק חוכא וטלולא. נאָכדעם ווי די מאַמע האָט אים אויסגעפּוצט, האָט ער געדאַרפט פאָרן אין מאזיר נעמען אַ פּאָרטרעט. נאָכדעם ווי דער פּאָרטרעט איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער געדאַרפט גיין מיטן ברודער אין דודיטש צום שרייבער פון וואָלאָסט, אַז ער זאָל אַרויפלייגן אַ שטעמפּל, אַז די בילדער זענען טאַקע די אמתע בילדער פון די בחורים און אַרויסגעבן זיי, אַז זיי זענען צוגעשריבן צו קאַלינקאָוויטשער אופּראַווע (שטאָט־ראַט). נאָכדעם ווען מען האָט שוין געהאַט די פּאָרטרעטן, מיט די חתימות פון טריוואַקס און דעם דאָקומענט מיט אַן אונטערשריפט פון וואָלאָסט־שרייבער, האָבן ערשט די בחורים געדאַרפט פאָרן אין „אויעזדני גאָראָד" — די הויפּטשטאָט פון געגנט, צו שטעלן זיך פאַר דער קאָמיסיע.

***

שלמה, שמעון און נאָך אַ פּאָר צענדליק בחורים זענען געשטאַנען אויסגע־שטעלט ביי דער וואַנט, אין אַ גרויסן זאַל. זיי האָבן געדולדיק געוואַרט ביז מען

וועט אויסרופן יעדן איינעמס נאָמען אים צורופן צום לאַנגן טיש, ווו די קאָמיסיע איז געזעסן, צו שאַצן די יאָרן פון יעדן בחור. די ברידער האָבן לאַנג געדאַרפט וואַרטן, זייער נאָמען האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פופצנטן אות פון אלף־בית.

די צוויי ברידער זענען צוגעגאַנגען צום לאַנגן טיש. פיר שררות, אויסגעפוצט אין עסיק און אין האָניק, אין מונדירן מיט עפּאָלעטן און שאַשקעס מיט גאָלדענע הענטלעך, זענען געזעסן ברייטלעך אויף ווייכע שטולן. פון ביידע זייטן טיש זענען געשטאַנען צו צוויי זשאַנדאַרן. אויף אַ קליינעם טישל דערביי איז געזעסן אַ פאַרשרייבער.

די פיר אויסגעפוצטע שררות האָבן באַקוקט די בילדער פון די צוויי ברידער. שלמהן האָט דער עלטסטער באַלד געשאַצט צוואַנציק יאָר. די אַנדערע האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: מסכים. אויף שמעונס יאָרן האָבן זיי נישט אַזוי גיך מסכים געווען צווישן זיך.

דאָס יינגל איז געשטאַנען גלייך, מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און זיך געוווּנדערט פאַרוואָס די גויִים באַקוקן אים אַזוי לאַנג. באַלד האָט דער עלטס־טער אַ זאָג געטון: פופצן! דער צווייטער שררה האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין: אַזאַ קלייניקער, ער איז אין מיינע אויגן נישט עלטער ווי עלף און אַ האַלב יאָר. דער דריטער האָט ווידער נישט מסכים געווען: „אַ קליינער, אָבער אַן אַלטער — דרייצן, אפשר נאָך מער”. דער פערטער האָט זיך צעשמייכלט און אַ זאָג געטון: זאָל זיין פערצן! און פערצן איז געבליבן.

שמעון איז צוערשט נשתומם געוואָרן — ווי קענען אַזעלכע בכבוד אָנגע־טאָנענע מענטשן מאַכן אַ טעות? ווען ער האָט ווייטער געהערט זייער וויכוח, האָט ער אַ מאַך געטון צו זיך מיט דער האַנט און אַ זאָג געטון אויף גויִיש: פוסטאַקי — נאַרישקייטן!

אַפּנים אַז נישט ווילנדיק האָט ער עס אַרויסגערעדט הויך. דער עלטסטער איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון שטול — אַ עטאָ טשטאָ — עס מיינט: וואָס איז דאָס? דאָס יינגל האָט זיך דערשראָקן און איז געבליבן שטיין אַ בלייכער. דער שררה האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס שווייגסטו? זאָג מיר וואָס האָסטו געזאָגט?

אין שמעונען האָט זיך דערוועקט אַ כעס, ער האָט געענטפערט: אויף זיין צעבראָכענעם גויִיש (נישט רוסיש):

— איך האָב געזאָגט „נאַרישקייטן”. ווי קען איך זיין פופצן, אָדער פערצן, אָדער דרייצן, אַז איך לייג נאָך נישט קיין תפילין?

דאָס וואָרט תפילין האָט ער נישט געוווסט ווי איבערזעצן, איז עס געבליבן „תפילין".

דער ערשטער שררה האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט כעס: וואָס פּלאַפּלט ער?

דער צווייטער שררה האָט רויק געפרעגט שמעונען:

— און וואָס איז תפילין?

שמעון האָט נישט געוווסט ווי אַזוי צו דערקלערן דאָס וואָרט. אַ בחור מיט אַ גרויסער שוואַרצער טשופּרינע האָר, האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער ריי און עפּעס אַ זאָג געטון. דער צווייטער שררה האָט אים צוגערופן. דער בחור האָט אים דערקלערט וואָס שמעון מיינט.

דער מאַן ביים טיש האָט זיך צעשמייכלט און געענטפערט עפּעס דעם בחור, אָנווייזנדיק אויף שמעונען. דער בחור האָט זיך אַ קער געטון צום יינגל:

— ער זאָגט, אַז אפשר לייגסטו נישט אומישנע קיין תפילין, כדי מען זאָל דיך שאַצן יינגער און דיין ברודער זאָל קריגן אַ לעגאַטע.

שמעון איז נשתומם געוואָרן:

— זאָג אים, אַז אַ ייִד טוט עס נישט. תפילין זענען בילכער פון אַ לעגאַטע. ער פאַרשטייט נישט וואָס עס מיינט קרקפתא דלא מנח תפילין?

דער בחור האָט עס שנעל דערקלערט דער קאָמיסיע. דער צווייטער שררה האָט זיך גוט צעלאַכט. באַלד איז די קאָמיסיע אַריבער צו שאַצן:

דער ערשטער שררה — זעכצן — צו קלוג פאַר אַ יינגערן.

דער צווייטער שררה: — צוועלף, ס'איז בלויז אַ קלוג ייִדל מיט אַ תלמודיש קעפּל.

דער דריטער שררה: — פופצן!

דער פערטער שררה: — וואָס וועט איר זיך דאָ פּאַטשקען מיט אים? זאָל בלייבן פערצן און אַ האַלב און אַלע וועלן זיין צופרידן.

— פערצן און אַ האַלב בלייבט!

שמעון האָט זיך כעסיק אַ קער געטון צום בחור:

— זאָג זיי, אַז עס איז אַן אומגערעכטער משפּט. איך בין בלויז עלף און אַ האַלב יאָר אַלט.

דער בחור האָט עס דערקלערט טויט ערנסט. דער ערשטער שררה איז אין כעס געוואָרן: — סטופּאַיטע, סטופּאַיטע — עס מיינט — רוקט זיך אָפּ, אָוועק!

די זשאַנדאַרן האָבן אָנגעהויבן צואיילן זיי מיט די סאַבלעס: גענוג, גענוג!

אין דרויסן איז אויף שמעונען אָנגעפאַלן דער ברודער מיט אַ כעס:

— דו לאַנגער צונג. דו האָסט דאָך מיך געקענט אומגליקלעך מאַכן. אַפילו

## וואָרצלען

דער שונא ישראל האָט דיך צום ערשטן נישט געשאַצט מער ווי פּופּצן און איך בלייב מיט דער לעגאָטע. האָסטו געעפנט דיין מויל און ער האָט דיר געוואָלט געבן זעכצן.

— וואָס בין איך שולדיק, אַז זיי זענען גויִישע קעפּ? ווי קען מען פאַרשווייגן אַזאַ עוולה? — האָט דאָס יינגל זיך אָנגערופן מיט היץ.

— ער וויל זיך אויסטענהן מיט דריי נאַטשאַלניקעס! וואָס ווילסטו אַלעמען לערנען שכל? וואָלסטו געשוויגן, וואָלטן זיי דיך געשאַצט צוועלף. איצט וועסטו דאַרפן שטיין צום פּריזיוו, ווען דו וועסט קיין אַכצן יאָר נישט אַלט זיין.

— ווער ווייסט וואָס אין זעקס זיבן יאָר אַרום וועט זיין — האָט שמעון געענט־פערט, מען דאַרף זאָגן גם זו לטובה.

— ער הייבט שוין אָן מיט זיינע גמראס.

דער בחור מיט דער גרויסער, שוואַרצער טשופּרינע האָר, איז אַרויס פון דער קאַנצעלאַריע. ער האָט דערזען די צוויי ברידער, איז ער צו זיי צוגעלאָפן:

— איי, קאַראַפּוזיקל, האָסט זיי דערלאַנגט. ווו האָסטו גענומען אַזויפיל העזה? ביסט דאָך אַ לערנער נישט קיין רעוואָלוציאָנער. ווען גאַנץ רוסלאַנד האָט אַזאַ העזה צו די ביוראָקראַטן!

שמעון וואָס האָט ווייניק פאַרשטאַנען וואָס דער בחור האָט גערעדט, האָט געפרעגט נאַיִוו:

— וואָס וואָלט געווען?

דער בחור האָט אים אָנגעקוקט מיט לאַכעדיקע אויגן:

— כ׳מיין, ביסט טאַקע נישט מער ווי עלף און אַ האַלב יאָר אַלט?

דער ברודער האָט זיך אַריינגעמישט:

— אַוודאי איז ער נישט מער ווי עלף און אַ האַלב יאָר אַלט, אָבער ער האָט אַ לאַנגן צונג.

דער בחור האָט געענטפערט ערנסט:

— בעסער האָבן אַ לאַנגן צונג און פאַרפאַלן ווערן אין סיביר אָדער ענדיקן אויפן עשאַפאָט, ווי בלייבן שטום, נכנעדיק צו די ביוראָקראַטן.

אָפּגעזאָגט און אַוועק.

שמעון האָט געפרעגט דעם ברודער:

— וואָס איז עשאַפאָט?

— עשאַפאָט? איך ווייס נישט, — האָט ער געענטפערט, — אָבער קיין בולקע מיט געבריטע מילך איז עס נישט. ס׳איז עפּעס אַ שלעכטער וואָרט, אַ שטראָף!

**
*

אַ לעבן לאַנג װוּנדערט זיך שמעון װעגן יענעם טאָג. איז עס געװען קינ־
דערשע נאַיִװיטעט אָדער השגחה, װאָס האָט אים דעמאָלט געשטופּט צו ריידן
אַזױ צו די רוסישע ביוראָקראַטן? װען זײ שאַצן אים דרײצן יאָר, נישט פֿערצן,
װאָלט אים די ערשטע װעלט מלחמה פֿאַרכאַפּט אין רוסלאַנד. ער איז דאָך געקומען
קײן אַמעריקע סוף נײַנצן דרײצן, װײַל ער איז אַנטלאָפֿן פֿון פּריזיװ.
װער װײסט די װעגן פֿון דער השגחה?

ה

## דער אַגראַנאָם

מיט נאָך אײנעם פֿון דער דרױסנדיקער װעלט איז שמעון געקומען פּנים אל
פּנים אין זײַנע יונגע יאָרן, אײדער ער איז בר־מצװה געװאָרן. יענע געשעעניש
האָט לאַנג געשלומערט אין זײַן געדעכעניש און אים באַװירקט אומבאַװוּסטזיניק.
װי אַ סך אַנדערע געשעענישן און פּאַסירונגען איז רבי געצלס דעמאָלטדיקע דרשה
און אַגראַנאָמס רײד אײנגע׳ישנ׳ט געװאָרן פֿון אַ גוטן מלאך. ערשט אַ פֿערציק
יאָר שפּעטער האָבן די זױמען זיך צעעפֿנט, געשלאָגן װאָרצלען, אַרױסגעבראַכט
שפּראָצונגען, װאָס האָבן זיך צעבליט, געבראַכט פּרוכט און צײַטיק געװאָרן. שמעונס
אַרבעטן אין די ביכער „ייִדן צװישן פֿעלקער״ און „תּוך ייִדישקײט״ זענען ביז גאָר
אַ גרױסער מאָס דער פּועל־יוצא פֿון די קינדהײט געשעענישן. אמת, אָפּט איז
שמעון נישט זיכער צי ער רעדט װי רבי געצל, צי רבי געצל רעדט בײַ אים
װי ער, שמעון. אָבער פֿון לופֿט, װײסט ער, האָט ער די מחשבות נישט גענומען.

**
*

ס׳איז געװען אַ פֿרײטיק בײַטאָג, אין סוף חודש אײר. אַ זוניקער, ליכטיקער,
מילדער בײַטאָג. שמעון איז געזעסן אין קאָרידאָר אױף די טרעפּ, װאָס זענען
אַרױס צום גאָרטן. װי אַלעמאָל פֿרײטיק נאָכמיטיק האָט ער מעביר געװען די
סדרה. עס נעמט אים לאַנג צו מעביר זײַן די סדרה, װײַל װי נאָר עס װערט אים
עפּעס קשה, קוקט ער אַרײַן אין רש״י, אין „עיקר שפֿתי חכמים״, אָדער אין אַנ־
דערע מפֿרשים. ער שעמט זיך אַפֿילו נישט אױפֿצוזוכן דעם טײַטש פֿון אַ װאָרט
אין עברי־טײַטש.

אַ לאַנגער שגץ, אָנגעטאָן אין אַ שיינעם מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ און אַ סטודענטיש היטל, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פּלויט און מיט חידוש און נייגע־ריקייט אַריינגעקוקט אין גאָרטן, וואָס איז געווען פאַרוואַקסן מיט קוסטעס פון פּילעניצעס, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן אין שטעטל, קלובניק (סטראָבעריס אין ענגליש).

ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם פאַרוואַקסענעם גאָרטן און דערנאָך אַ רוף געטון:

— העי, בחורל, זאָג מיר, ווער האָט עס פאַרזעצט די קוסטעס?

שמעון האָט אַוועקגעלייגט דעם חומש און איז צוגעגאַנגען צום שגץ און געענטפערט:

— מיין ברודער און איך.

— הער נאָר, בחורל, איך בין אַן אַגראָנאָם־סטודענט, ווו האָט איר גענומען די קוסטעס? וויפל האָט איר פאַרזייט? זענען געוואַקסן ביי אייך פּילעניצעס פאַראַיאָרן?

שמעון האָט אויף זיין שלעכטן גויִיש אָנגעהויבן ענטפערן און דערציילן:

—מיט אַ פיר יאָר צוריק האָבן מיר געפונען ווילדן קלובניק אין וואַלד. מיר האָבן פאַרפלאַנצט נאָר עטלעכע קוסטעס. פאַראַיאָרן איז דער גאַנצער גאָרטן געווען פול מיט קלובניק. מיר האָבן אָנגעקליבן שיסלען און שיסלען. מיר האָבן אָנגעפרעגלט דריי סלויעס וואַריעניע. היינטיקן יאָר זענען די בייטן פאַרוואַקסן געוואָרן מיט די קוסטעס, און ס'איז נישטאָ קיין זכר פון אַ קלובניק.

דער אַגראָנאָם האָט אויסגעהערט דאָס ייִנגל און געפרעגט:

— קען איך אַריינשפרינגען אין גאָרטן?

— פאַרוואָס נישט? — האָט שמעון געענטפערט. — אויב איר ווילט נאָר.

דער אַגראָנאָם האָט אַראָפּגענומען דאָס רעקל, פאַרקאַטשעט די אַרבל פון זיין בלוזע און די קאַלאָשעס פון די הויזן און איז אַריינגעשפּרונגען אין גאָרטן.

ער האָט לאַנג אַרומגעפּאַדיעט צווישן די קוסטעס, דערנאָך האָט ער אויס־געריסן אַ פּאָר, אַראָפּגעטרייסלט די ערד פון די וואָרצלען און פאַרזיכטיק אַריינ־געלייגט די שפּראָצונגען צווישן צוויי שטיקלעך פּאַפּיר.

שמעון האָט אים נאָכגעקוקט:— וואָס טוט ער דאָרטן? פון וואָס כאַפּט ער עס אַזאַ התפעלות?

דער אַגראָנאָם איז אַרויס פון גאָרטן. ער האָט געבעטן ביי שמעונען אַ קוואָרט וואַסער, אָפּגעוואַשן די הענט, אַרומגעשטויבט די שיך און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן דערקלערן דעם ייִנגל:

— די עטלעכע יאַגעדעס, וואָס איך האָב געפונען, זענען אַ סך גרעסער און זאַפטיקער ווי וואַלד פּילעניצעס. אַפילו די בלעטלעך האָבן זיך געביטן. דאָס וואָס עס וואַקסט נישט היי־יאָר קיין קלובניק איז, ווייל די קאָרטשעס האָבן זיך פאַרמערט און זיי דערשטיקן איינער דעם אַנדערן. מען דאַרף זיי געבן מער אָרט.

ער האָט אַרויסגענומען אַ בלייער פון קעשענע און אַ שטיקל פּאַפּיר און געשווינד אויסגעמאָלט פאַר שמעונען אַ פּלאַנץ, פריער די בלעטלעך, דערנאָך די וואָרצלען. שמעון איז געשטאַנען מיט אַן אָפּענעם מויל און מיט נייגער זיך צוגעקוקט ווי געניט דער שגץ מאָלט. דער אַגראָנאָם האָט שמעונען געגעבן צו פאַרשטיין:

— דו זעסט? יעדער קאָרטש שיסט אַרויס פון זיך פּלאַנצן ווי פינגער. אויף די פּלאַנצן הייבן אָן וואַקסן בלעטלעך און וואָרצלען און זיי אַליין שיסן אַרויס נייע פינגער. אַזוי, אַז אויב דו שניידסט נישט אויס די אַלטע קוסטעס ווערט דער גאַנצער גאָרטן דערוואָרגן פון שפע. האָסטו אַ האַקמעסער און אַ שער?

דאָס יינגל האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ האַקמעסער און אַ שער. דער אַגראָנאָם איז אַריין מיטן יינגל אין גאָרטן און אָנגעהויבן אים ווייזן ווי צו אויסרייניקן די געוויקסן.

ערשט אַ צוויי שעה שפּעטער זענען זיי בײדע אַרויס פון גאָרטן פאַרשוויצטע און אויסגעמאַטערטע. זיי האָבן זיך אַרומגעוואַשן. די מאַמע איז אָנגעקומען פון מאַרק. זי האָט דערזען דעם אויסגעפּוצטן סטודענט, האָט זי זיך דערשראָקן. נאָכדעם ווי שמעון האָט איר דערציילט די מעשה מיטן קלובניק האָט די מאַמע געזאָגט צום סטודענט:

— איר האָט זיך אָנגעאַרבעט. אפשר וועט איר טרינקען אַ קאַלטע גלאָז מאַסלינקע? איך האָב אויך אַ פּאָר אייער־בייגל.

דער שגץ האָט מיט אַ דאַנק גענומען דאָס גלאָז מאַסלינקע און בייגל און זיך אָוועקגעזעצט מיט שמעונען אויף די טרעפּ פון קאָרידאָר. שמעון האָט צוריקגענומען דעם חומש.

— וואָס איז עס פאַר אַ בוך, — האָט דער שגץ געפרעגט.

שמעון נישט געוווּסט ווי מען רופט אַ חומש אויף רוסיש. דער אַגראָנאָם האָט ביי אים אַרויסגענומען דעם חומש פון האַנט, אַ קוק געטון אויף דער דערלויבעניש פון צענזור:

—אַהאַ, אַ ביבלע אין דער אַלטער שפּראַך. אין די שטעטלעך, — האָט ער גערעדט מער צו זיך ווי צו שמעונען, — פאַרנעמט מען זיך נאָך אַלץ מיט דער ביבלע. גלייבן נאָך אַלץ, אַז עס זיצט דאָרטן אין הימל אַ גאָט מיט אַ לאַנגער

ייִדישער באָרד, און אַז ער טוט אַ בלאָז ווערט אַ ווינט. אַז ער טוט אַ הוסט גייט אַ רעגן. בייַנאַכט עפנט ער אַ רעשעטע און עס נידערט אַראָפּ טוי. אַ בחורל, קאָנ־טיק אַ ווויל געלערנטער און מיט גאָלדענע הענט, האָט געמעגט שוין נישט גלייבן אין די אַלע נאַרישקייטן. איר דאַרפט אויסגעפינען וועגן די כוחות פון דער נאַטור־ און דער כעמיע פון דער ערד.

דער אַגראָנאָם האָט גערעדט אַן עכטן רוסיש און שמעון האָט געזאָגט אומ־באַהאָלפן:

— איך פאַרשטיי נישט אַלץ וואָס איר זאָגט.

דער אַגראָנאָם האָט אָנגעהויבן ריידן גויִיש, כאַכאַליש, און פּאַמעלעך ווי ער וואָלט געציילט די ווערטער, פאַר אים איבערגעחזרט די רייד.

— שמעון האָט אים געענטפערט:

— איך קען זיך נישט מתווכח זיין מיט אייך. קען ווייניק רוסיש.

— איר האָט זיך געמעגט אויסלערנען רוסיש און אויסגעפינען דעם אמת פון דער וועלט.

דער אַגראָנאָם איז אַוועק. שמעון האָט צוריקגענומען דעם חומש. ס'איז דעמאָלט אויסגעפאַלן די סדרה בהר־בחקתי. ער האָט צוריק אָנגעהויבן מעביר זיין די סדרה: ואם בחקתי תמאסו ואם את משפטי תגעל נפשכם — און אויב איר וועט פאַרמיאוסן מיינע געזעצן און מיינע משפטים וועט אייער זעל פאַראומ־ווירדיקן — — —

**
*

זונטיק האָט שמעון אויסגעפונען, אַז דער שגץ איז געבליבן אין שטעטל ביז נאָך שבת און ער האָט אויך גערעדט מיט אַנדערע בחורים. דער סטודענט איז געפאָרן אויף קאַניקול אַהיים, צו זיין טאַטנס מאַיאָנטעק, אַ פּריץ אין דאָרף גרויס־אויטשוטשעוויץ. דער אַגראָנאָם איז עפּעס איינער פון דער נייער חברה, וואָס האַלט זייער שטאַרק פון אויפקלערן דאָס פאָלק. דאָס געשעעניש מיטן קלוב־ניק האָט ער צעבלאָזן, פאַרגרעסערט און געמאַכט גאַנצע דרשות וועגן דעם.

ביי געצלען אין חדר האָבן די עלטערע בחורים געהאַלטן שמעונען אין איין אויספאָרשן און אויספרעגן:

— טאַקע, ער האָט מיט דיר אינאיינעם געאַרבעט אין גאָרטן? ער האָט געמאַכט אַ „ריסונעק״, אַ געמעל, פון פלאַנץ? ער האָט גערעדט וועגן טוי און רעגן? ער האָט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט? וואָס האָסטו

אים געענטפערט? האָט ער זיך איבערגעצלמט אײדער ער האָט געטרונקען די מאַסלינקע, צי נישט?

שמעון איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן פון די אַלע פראַגעס. וואָס מאַכן זיי אַזאַ צימעס, וואָס אַ גוי גלייבט נישט אין גאָט? בכלל איז עס אַ נײַעם, אַז עס זענען דאָ אַפּיקורסים אויף דער וועלט?

אָבער די עלטערע בחורים האָבן יאָ געמיינט, אַז עס איז אַ גרויסע זאַך. דער אַגראַנאָם, — האָבן זיי געהאַלטן — איז אײנער פון די חכמי אומות העולם, וואָס ווייסט די סודות פון דער בריאה־באַשאַף. אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי זיך געקאָכט וועגן השגחה, וועגן בריאת העולם און צי רעגן, טוי און ווינט קומען פון גאָט, אָדער ס׳איז נישט מער ווי אַן אויסגערעכנטער חשבון ביי דער נאַטור.

אין די זומערדיקע שבת־פאַרנאַכטן, פאַר מנחה, פלעגט רבי געצל ליב האָבן צו שפּאַצירן מיט זיינע תלמידים „אויפן זאַמד“. שמעון האָט דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז יענע שפּאַצירן זענען נישט געווען קיין צופעליקע. רבי געצל, האָט שמעון שפּעטער אויסגעפונען, האָט בכיוון עס געטון. עס איז געווען אַ טייל פון זיין לערנען מיט זיינע תלמידים.

דאָס ייִנגל איז געווען דער ייִנגסטער תלמיד, וואָס רבי געצל האָט מיטגענומען אויף די שבתדיקע שמועסן. די הויפּט בעלי וויכוח זענען דעמאָלט געווען אפרים־דוד און אברהם־משה. יענעם שבת אויפן שפּאַציר האָבן זיי אײַנגעטענהט מיטן רבין וועגן דעם שגץ און זיינע רייד, און קאָנטיק, אַז אויף די צוויי בחורים האָט דעם סטודענטס אַפּיקורסישקייט שטאַרק געווירקט.

רבי געצל האָט אַ לאַך געטון:

— איך ווייס וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין חדר. אַפילו ווען איך בין נישטאָ דערביי, שטויס איך זיך אָן וואָס איר רעדט. איך קען אײַערע וויכוחים אויף אויסנווייניק. איר זענט אינגאַנצן צעדרומשקעט געוואָרן ווען איר האָט דערהערט אַביסל גוייִשע חכמה. דער מדרש זאָגט: אויב אַ מענטש וועט זאָגן ס׳איז דאָ חכמה ביי די אומות העולם זאָלסטו גלייבן. אויב אָבער מען וועט דיר זאָגן אַז עס איז דאָ תורה ביי גויים זאָלסטו נישט גלייבן. ס׳איז אַ טיפער ענין. מען דאַרף פאַרשטיין דעם חילוק צווישן תורה און חכמה. די חכמה לערנט אונדז ווי אַזוי: ווי אַזוי קומט אַ רעגן, ווי אַזוי וואַקסט אַ בוים. תורה לערנט אונדז פאַרוואָס. פאַרוואָס איז די וועלט געשאַפן געוואָרן? וואָס איז דער תכלית פון דער בריאה? וואָס זאָל אַ מענטש טון, כדי ער זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם צלם אלקים? וועט איר דאָס פאַרשטיין, וועט אײַך ווערן קלאָר אַן אַנדער מדרש, וואָס זאָגט, אַז די תורה איז אַ סם־החיים פאַר ייִדן און אַ סם־המות פאַר די אומות העולם. וואָס

מיינט עס, אַז די תורה איז סם־המות פאַר אַנדערע אומות? ווען זיי וועלן לערנען תורה וועלן זיי אויסשטאַרבן חלילה? ניין, נאָר ווען די אומות העולם וועלן אָננעמען די תורה וועלן זיי ווערן אויס גויים, זיי וועלן ווערן ייִדן.

אפרים־דוד האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן:

— אָבער, רבי, דער תנ״ך איז דאָך פאַרט נישט על פּי וויסנשאַפט. די וויסנ־שאַפט מאַכט די וועלט גרעסער, קלאָרער. אין דער גאַנצער תורה ווערט נישט דערציילט ווי די טבע, די נאַטור אַרבעט.

רבי געצל האָט אַ שמוצער געטון מיט די ליפּן:

— נו, דער תנ״ך דערציילט נישט ווי אַזוי מען בויט אַ הויז, ווי אַזוי מען נייט אַ פּאָר הויזן, ווי מען דרוקט ספרים. די ייִדישע תורה פאַרנעמט זיך נישט מיט די ענינים. אָבער לויט דער תורה איז די גאַנצע בריאה אונטערגעוואָרפן אונטער דעם מענטשן. ער איז די חלה פון דער וועלט, ווי דער מדרש זאָגט: ער איז דער מושל, אַלץ איז געשאַפן געוואָרן פאַר אים. בקיצור, ער איז דער באַלעבאָס איבער דער וועלט. אַ באַלעבאָס דאַרף וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי אים אין שטוב. אָבער וויבאַלד אַז איר געפינט אויס ווי אַ טירעלע עפנט זיך און איר כאַפּט אַ בליק, וואָס עס טוט זיך הינטער איר, קומט איר צו דער מסקנא, אַז עס איז חלילה נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט. אָפּט ווען איך הער אייערע וויכוחים דוכט זיך מיר, אַז איר מיינט אַז די גאַנצע וועלט איז ביז אייך געווען תוהו ובהו — נאַריש און אָן שכל. איר זענט געקומען און אויפגעדעקט, וואָס עס טוט זיך הינטערן פּרגוד. אָבער געדענקט, אַמאָליקע דורות האָבן אויך געטראַכט, געהאַט פילוסופיה און געבליבן ייִדן.

***

אפרים־דוד טענהט איצט צו שמעונען:

— רבי געצל איז טאַקע געווען אַ ייִד אַ למדן, אַ בקי און אַ חקרן, אָבער דו קענסט אים נישט אַוועקשטעלן ווי דעם מקור פון אַלע חכמות. איך געדענק יענעם שפּאַציר. דו האָסט מיך דערמאָנט זיינע רייד. אָבער ביי דיר קומען זיי אַרייס צו קלוג. ס'זענען זיינע רייד און נישט זיינע רייד. ווען איך גיב זיי איבער אין מיין לשון וועלן זיי קלינגען כּניאָקעוואַטע, ווי די רייד פון אַ קליין שטעטדיקן מלמד.

שמעון שמייכלט:

— איז, ווער איז גערעכט — דו צי איך?

אפרים־דוד טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

## שלמה סימאָן

— דער עצם ענין, וואָס דו געדענקסט די אַלע זאַכן און מיך דאַרפסטו דערמאָנען, איז אַ סימן אַז דו געדענקסט בעסער, ווייל אין דיינע אויערן האָבן זיי אַנדערש געקלונגען. זאָל בלייבן ווי דו זאָגסט. אַ ניגון איז ווי אַזוי מען זינגט אים. דיין ניגון קלינגט שיין. זאָל זיין, אַז רבי געצל האָט אים אַזוי געזונגען. אָבער מיר דוכט, אַז עס איז פאַרט דיין ניגון, אַפילו ווען די ווערטער זענען רבי געצל'ס.

## קאַפּיטל 25

# מלחמה

עס האָט אויסגעבראָכן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. שמעון איז נישט צע־רודערט געוואָרן. מלחמות זענען ווי רעגנס, שנייען, זאַווערוכעס און שטורעמס. אַלעמאָל געווען און וועלן זיין נאָך לאַנג, לאַנג — ביז משיח וועט קומען. משיח אַליין וועט קומען ערשט נאָך דער גרעסטער מלחמה — די מלחמה פון גוג און מגוג. אָבער פאַרטאָג, ווען ער שטייט אין מאַרק מיט די געבעקס און ער זעט ווי די רעקרוטירטע זעלנער ווערן דורכגעפירט דורכן שטעטל צום וואָקזאַל, קען ער זיך נישט באַפרייען פון דעם רושם, אַז דאָס זענען שוין מער נישט קיין מענטשן, נאָר שאָף, וואָס מען טרייבט וווהיז דער פאַסטעך וויל. זייער אויסזען אפילו איז ווי פון אַ סטאַדע שאָף. מיט גרויען וואָל זענען באַוואַקסן די שעפּסן, גרויע סערמענגעס טראָגן די רעקרוטן; די קעפּ פון די שעפּסן זענען באַוואַקסן — די רעקרוטן זענען באַוואַקסן און די קעפּ באַדעקט מיט גרויע באַראַשקענע היט־לען. שטומע אויגן האָבן די שעפּסן, פאַרעקשנטע גרויע אויסגעליידיקטע אויגן ביי די מאָביליזירטע. זיי קלאַפּן מיט די שטיוול אין באָדן און לאָזן איבער הינ־טער זיך, ווי אַ סטאַדע שאָף, אַ גרויסן שטויב. קוקט שמעון אויף די ציִענדיקע שערענגעס מענטשן און פאַרשטייט נישט וואָס עס טוט זיך דאָ. מען האָט דאָך נישט געפרעגט ביי זיי. מען זאָגט, אַז רוסלאַנד שלאָגט זיך מיט יאַפּאַניע. ווער איז דער עמעצער וואָס איז רוסלאַנד, וואָס טרייבט אָט די שטומע מחנות?

נאָך עפּעס. ער האָט געזען אויפן וואָקזאַל אַ מודעה־רבה — אַ פּלאַקאַט — אָנגעקלעפּט אויף דער לאַנגער וואַנט פון זאַל, ווו עס איז געשטאַנען דאָס בילד פון פאַנדרע. ס'איז געווען אויסגעמאָלט אַ הויכער, גרויסער רוס, אָנגעטון אין הויכע שטיוול, אַ האָרעדיקע פּאַפּאַכע און אַ קאָזשוך אָרומגענומען מיט אַ רויטן

גאַרטל. אויף אים זענען געקראָכן יאַפּאַנטשיקלעך, אין די הונדערטער. זיי האָבן אָנגעפּילט זיינע קעשענעס, אַריינגעקראָכן אין די שטיוול, אין גאַרטל, פאַר־פּלאָנטערט זיך אין זיינע האָר, פאַרקליבן זיך אין דער פּאַפּאַכע און אין אַלע פאַלדן פון זיינע בגדים. דער רוס איז געשטאַנען און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. אונטן איז געווען אַן אויפשריפּט:

— זשוקעלעך, אַט וועל איך זיך אַ טרייסל טון!

שמעון האָט לאַנג געקוקט אויף דעם פּלאַקאַט און געטראַכט: וואָס חכמהט זיך איוואַנקע גאָר? מלחמה איז נישט קיין שפּיל, ס'איז אַ שטראָף פון גאָט. אַ שטראָף פאַר זינד. ווער ווייסט ווער עס האָט מער געזינדיקט, דער רוס צי דער יאַפּאַנער? ווערט ווייסט ווער עס וועט זיין דער שטראָפער אין גאָטס האַנט און ווער דער געשטראָפטער? ס'איז אַ צייט פון תשובה, נישט פון מאַכן ליצנות.

עס קומט אַרויף שמעונען אויפן זינען אַ שטיקל תנא דבי אליהו.

— „די יידן וואָס האָבן געזינדיקט (אין דער צייט פון די שופטים) זענען ווי חדר־יינגלעך. וואָס זאָל איך טאָן מיט זיי? האָט ער זיי געבראַכט און באַשטראָפט איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל, ביז די זינדיקע יידן האָבן תשובה געטון". די גויים אָבער מאַכן אַ שפּיל פון מלחמה. זיי האָבן גאָר מוזיקאַנטן אויף דעם פעלד פון מלחמה. שלעכט איז דער וועלט. די גויים לערנען נישט גאָטס תורה.

די מלחמה האָט אויך אָנגערירט דאָס שטעטל — זין, מענער און ברידער אין דינסט. מען האָט געזאָגט אַ סך תהילים און ווייבער האָבן געמאָסטן פעלדער. שמעון הערט נאָך איצט די יעלות פון די ווייבער אויפן בית־עולם און דעם טרויעריקן ניגון פון די תהילים־זאָגער.

עס איז געקומען די צייט, ווען די יידישע זאַפּאַסניקעס האָבן געדאַרפט זיך „יאַווען אין סבאָרני פונקט" — זיך שטעלן אין זאַמלפונקט. אין שטעטל איז געוואָרן תשעה באב. ביינאַכט האָבן די רעזערוויסטן זיך געלאָזן איבערן שטעטל, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב אויסמאָנען דעם נאַלאָג — די באַשטימטע סומע — וואָס זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויף יעדן בעל־הבית. דער עסק איז נישט דורכ־געגאַנגען גלאַט. נישט אַלע באַלעבאַטים האָבן געגעבן, וואָס מען האָט פאַרלאַנגט פון זיי. די זאַפּאַסניקעס האָבן געשריגן:

— מיר לאָזן איבער ווייב און קינד אויפן וואַסער און איר זשאַלעוועט אַ פּרוטה!

זיי זענען נישט אָפּגעקומען בלויז מיט געשרייען. זיי האָבן אויפגעזוכט ווי אַ פּלעשל בראָנפן. שיכורע, האָבן זיי געבראָכן וואָס עס איז זיי געקומען אונטער דער האַנט.

מערע ירוחימס שטוב האָבן די זאַפּאַסניקעס דורכגעלאָזן. עטלעכע פון די רעזערוויסטן האָבן געדינט מיט אים אין איין פּאָלק. זיי האָבן נישט געוווּסט אַז ער האָט געקראָגן אַ ווייסן בילעט, ווען ער האָט פאַר צוויי־יאָרן אָפּגעדינט „די דריי וואָכן״.

דער טאַטע איז געזעסן ביים טיש אַ בלייכער, אַ צעשראָקענער, אַ שוויי־גנדיקער און אַ פאַראומערטער. סוף כל סוף איז ער אויפגעשטאַנען און אַ זאָג־געטון צו דער מאַמען:

— מען האָט זיי געדאַרפט אַריינרופן און עפּעס געבן!

— זוכסט זיך צרות? — האָט די מאַמע געזאָגט — זיי קענען נאָך צע־ברעכן אַלץ וואָס אין שטוב. מיין גאַנצער פאַרמעגן איז פיר גילדן. וואָס זיי ווייסן נישט וועט זיי נישט שאַטן. זאָלן זיי מיינען אַז דו ביסט אויך אַ זאַפּאַסניק. מיין חלק וועל איך צוטראָגן צו די סאָלדאַטקעס. זאָלן נאָר אַנדערע אַזוי נישט פאַרשטייפן זייערע הענט.

זי האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. דאָס שטעטל איז געווען אויף ביז דער פרימאָרגן־באַן איז אָנגעקומען און די רעזערוויסטן זענען אָפּגעפאָרן.

## קאַפּיטל 26

# שמעצער דאַרף זיין דער ערשטער

### א

שמעון איז מקנא די וואָס באַשרייבן זייערע קינדער־יאָרן מיט אַזאַ זיכער־קייט, אַז זיי ווייסן אַפילו פּינקטלעך דעם יום פון יעדער פּאַסירונג. אַלץ בינדט זיך ביי זיי, שעהען און טעג, טעג און וואָכן און עס איז ביי זיי קיינמאָל נישטאָ קיין בלויז. ביי אים איז נישטאָ קיין מוקדם און מאוחר. שטיקלעך, ברעקלעך, בילדלעך, געשעעענישן, זענען ביי אים פאַרבונדן אידעיִש אָדער עמאָציאָנעל, אָבער נישט לויט דעם יום. אָפט פּאַסירט, אַז איין געשעעניש זעט ער צום ערשט און זי בלייבט אַזוי, נישט געקוקט וואָס ער ווייסט, אַז עס האָט פּאַסירט לויט אַן אַנדער סדר.

אָט ווייסט ער, אַז די מעשה מיטן טאַטנס אָפּזאָגן זיך צו אונטערנייען וואָלינקעס, איז געשען אין די ערשטע חדשים פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה און די געשפּרעכן אין שול וועגן פּאָליטיק און סטראַטעגיע זענען געווען אַ סך שפּעטער. דאָך זעט ער אין דמיון צוערשט די רעדלעך אין שול, וואָס אַמפּערן זיך וועגן דער מלחמה און דערנאָך שווימט ביי אים אַרויף אין זכרון די מעשה מיט די וואָלינקעס. דעם טאַטנס אָפּזאָגן זיך אונטערצונייען די וואָלינקעס איז ביי שמעונען איצט פאַרבונדן מיט די דריי ווערטער: קוראָפּאַטקין, מאַקאַראָוו און שעטקעווען.

די אַלטע שול אין אַ בין מנחה למעריב. לייזער־איטשע דער משכיל, וואָס איז אַ דרייצן יאָר שפּעטער, אונטער די באָלשעוויקעס, געוואָרן דער קאָמיסאַר פון שטעטל, שטייט אין מיטן פון אַ רעדל און רעדט:

— מען האָט געהאַקט ווי אין קרויט. מען האָט געשעטקעוועט און פּאַרטיק. פּאָניע קוואָס האָט געקראָגן זיין חלק. גענעראַל קוראָפּאַטקין איז געווען דער שומר, דער באַהיטער און באַשיצער פון פּאָרט אַרטור. און איר זאָלט וויסן, אַז פּאָרט אַרטור איז נישט עפּעס אַזוי זיך אַ קרעפּאָסט (אַ פעסטונג). זי איז פירפאַכיק באַ־שיצט. פריִער קומט אַ ראָוו (אַ טיפער גראָבן). נישט גלאַט אַזוי אַ ראָוו, נאָר טאַקע אָנגעפּילט מיט וואַסער, טיף איבערן קאָפּ. נאָך דעם ראָוו קומען די אָקאָפּעס — טיפע גריבער. אין די גריבער — סאָלדאַטן און האַרמאַטן. האַרמאַטן מיט לאַנגע העלדזער, וואָס קענען שיסן אויף צוואַנציק מייל ווייט, און סאָלדאַטן ווי בינען. וואָס, עס פעלן כלאָפּעס אין רוסלאַנד? נאָך די אָקאָפּעס, אַביסעלע אָפּגערוקט, שטייט אַ שטיינערנע וואַנט. אויף דער וואַנט — נאָך אַמאָל האַרמאַטן. הינטער דער וואַנט האָט מען אויסגעשטעלט מאַיאַקעס (טורעמס). אויף די מאַיאַקעס — די אמתע האַרמאַטן. לעבן יעדן כלי־משחית שטייען די סאַמאָראָדנע רוסן, שיסער איינע אין דער וועלט. און גאָר אויף די שפּיצן פון די טורעמס — סאָלדאַטן מיט שפּאַק־טיוועס, אויסקוקערס, וואָס האַלטן אויג טאָג און נאַכט. דערזעען זיי פון דער ווייטנס עפּעס וואָס טוט זיך אַ ריר, גיבן זיי אַ סיגנאַל מיט אַ רויט פענדל און ס׳ווערט אַ שיסעריי, אַ קנאַקעריי — די פייערדיקע קוגלען, וואָס פליִען אַרויס פון די האַרמאַטן, קאָנען מאַכן פּאַראָד (שטויב) פון גאַנצע פּאָלקן סאָלדאַטן.

— זיצט קוראָפּאַטקין און קרעפּאָסט, וואָס אין דער שטאָט פּאָרט אַרטור, און האָט נישט וואָס צו טון. אַז ער דאַרף גאָרנישט נישט טון. ער איז באַשירעמט און באַשיצט. וואָס טוט ער אָפּצובטלענען די צייט? ער שיכורט און איז מזנה. וואָס האָט ער מורא? ווער וועט האָבן די העזה צו אַטאַקירן אים? אָרודיע (געווער) האָט ער גענוג און סאָלדאַטן — צען צו איינעם קעגן די יאַפּאָנטשיקעס.

— אָבער די יאַפּאָנער שלאָפן נישט. זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן. אַ מאָדנע פּאָלק. ביי זיי איז דער קייסער אַ גאָט. רופט צו דער קייסער אַ גענעראַל און גיט אַ קאָמאַנדע: „דו זאָלסט וויסן, אַז דו מיט דיינע פּאָלקן סאָלדאַטן זענען טויט“. גלויבן זיי אים און ווערן טויט.

לייזער־איטשע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט כלומרשט געוואָלט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. באמת האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין סאַמע מיטן געדיכטן ווייל ער האָט געוואָלט, אַז דער רושם פון די לעצטע רייד זאָל שטאַרקער ווירקן אויף די צוהערער. ער האָט געלאָזן די מעשה הענגען אין דער לופטן, ווייל ער האָט גע־וואָלט מען זאָל אים אָפּפרעגן.

שמעונס הערצל צאַפּלט זיך פון שפּאַנונג און דערוואַרטונג. ער וויל וויסן דעם סוף פון דער מעשה, אָבער ער וויל אויך אויסגעפינען וואָס מיינט לייזער־

איטשע אַז דער קייסער גיט אַ קאָמאַנדע צום גענעראַל זיינעם: „דו מיט דיינע פּאָלקן זענען טויט". ער וויל פרעגן, אָבער ער האָט מורא. ער ווייסט שוין דעם פּזמון, באַלד וועט אימיצער אַ זאָג טון מיט רוגזה: „וואָס פּלאָנטערסטו זיך דאָ אונטער די פיס? וווּ מען זייט אים נישט, דאַרטן וואַקסט ער". מען וועט אים אַוועקטרייבן און ער וועט נישט וויסן דעם סוף פון דער מעשה. און לייזער־איטשע שווייגט. אָבער דאָ האָט שמעונען אַרויסגעהאָלפן ברוך־מאיר, דער וואָל־באַרשטער.

ברוך־מאיר איז געווען אַ טשיקאַווער ייִד. ער האָט ווייניק גערעדט. נישט ווייל ער איז געווען אַזאַ חכם, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געהאַט פון וואָס צו רעדן. ער איז געווען פון די געציילטע ייִדן אין שטעטל, וואָס האָבן געקענט קוים דאַווענען, שרייבן — קיין אות נישט. ער האָט אַפילו נישט געקענט חתמענען זיין נאָמען. אָבער אין שטעטל האָט מען אים דאָך געהאַלטן פאַר אַ קאָפּ־מענטש צוליב דער באַרשט־מאַשין.

ער האָט געהאַט אַ מאַשין צו באַרשטן וואָל. דאָס איז געווען זיין פּרנסה. אַ לאַנגע צייט האָט מען גערעדט, אַז ער האָט די מאַשין אַליין אויסגעטראַכט. שפּע־טער האָט מען אויסגעפונען, אַז דאָס איז נישט געווען אמת. אָבער דאָך איז דער דרך־ארץ צו אים געבליבן, ווייל פאַרריכטן די מאַשין האָט ער יאָ געקענט. נאָך יאָרן זיין דער איינציקער וואָל־באַרשטער אין שטעטל, האָט אַ יונגערמאַן באַלד נאָך דער חתונה געבראַכט אַ באַרשט־מאַשין אַזש פון כּאַרקאָוו און ער האָט אָנגע־הויבן שטאַרק צו קאָנקורירן מיט ברוך־מאירן. עטלעכע חדשים איז אָנגעגאַנגען די קאָנקורענץ, ביז די באַרשט־מאַשין פון דעם יונגנמאַן האָט זיך צעבראָכן. עס איז אַוועק מער ווי אַ חודש און דער יונגערמאַן האָט אַראָפּגעבראַכט אַ מעכאַניקער, אַ פאַינקע, טאַקע, פון כּאַרקאָוו, וווּ מען אַרבעט אויס די דאָזיקע מאַשינען. דער פאַינקע האָט אַ קוק געטון אויף דער מאַשין און געזאָגט, אַז עפּעס צוויי שווערע וואַלצן האָבן זיך צעבראָכן און מען מוז ברענגען נייע וואַלצן פון כּאַרקאָוו. עס האָט געשמעקט מיט הונדערטערס. דער פאַינקע האָט דאָך געדאַרפט זיצן אין שטעטל און וואַרטן ביז די וואַלצן קומען אָן, און די דאָזיקע מעכאַניקערס הייסן זיך ווויל באַצאָלן. עס האָט זיך נישט געלוינט דער גאַנצער עסק. ברוך־מאיר האָט אָפּגעקויפט די מאַשין פאַר אַ שיבוש און אין איינע צוויי טעג האָט זי ביי אים געאַרבעט.

שטייט ברוך־מאיר אין מיטן רעדל, קוקט אויף לייזער־איטשען ווי ער שטייט און שווייגט, בורטשעט ער אַרויס אָפּגעהאַקטע ווערטער, ווי זיין שטייגער איז:

— נו, נו, פאַרטייטש וואָס עס הייסט טויט? ווי זאָגט מען עס צו לעבעדיקע מענטשן: איר זייט מתים, ווען זיי עסן, טרינקען און טוען אַנדערע זאַכן? נו, נו?

— אוי, ר׳ ברוך־מאיר, — ענטפערט לייזער־איטשע פריידיק, אָט ווי ערשט איצט קען ער צעקייען דעם ענין, ווייל מען האָט אים געשטעלט די דערוואַרטעטע פראַגע. — איר ווייסט דאָך ווי מען זאָגט אָפּ ביי אונדז אַ טויטן. דער שמש זאָגט דעם מת גלייך אין פנים אַריין: „איר זאָלט וויסן, יצחק ברב אברהם, אַז איר זייט טויט, געשטאָרבן. אייער ווייב איז אייך קיין ווייב נישט, אייערע קינדער זענען אייך קיין קינדער נישט און איר האָט נישט קיין שייכות מיט אונדזער לעבעדיקער וועלט״. פירט זיך דאָרטן אין יאַפּאַניע אויך אַזוי. דער קייסער טוט אַ זאָג צו אַ גענעראַל און צו די סאָלדאַטן, וואָס זענען אונטער זיין קאָמאַנדע: „איר זאָלט וויסן, אַז איר זייט טויט. אייערע טאַטע־מאַמע זענען אייך מער נישט קיין טאַטע־מאַמע, אייערע ווייבער זענען מער נישט אייערע ווייבער און אייערע קינדער זענען אייך פרעמדע״.

— איז וואָס איז דער שכל דערביי? — האָבן שוין עטלעכע קולות אויסגערופן.

— דער שכל דערביי איז אַזאַ, — האָט לייזער־איטשע אויסגעזונגען, — ווען די יאַפּאַנישע יונים הערן דעם גזר, מוזן זיי זיך שלאָגן ביז דעם טויט אַריין. אין דער היים קענען זיי זיך נישט ווייזן, זיי זענען דאָך טויט. אין פלען קענען זיי זיך ניט לאָזן נעמען, ווייל זיי קענען דאָך ניט זיך אומקערן אַהיים קיין טויטע. זייער אויסלייז איז נאָר נצחון. דעמאָלט ווערן זיי צוריק לעבעדיק על פּי דין של יאַפּאַניע. נו, אַזעלכע זעלנער גייען גלייך אין פייער אַריין אָן מורא און ציטער און מיט גרויס האָפענונג אָדער אויף אַ גליקלעכן לעבן אויף יענער וועלט, אָנישט אויף דעם גליק פון נצחון און זיך אומקערן אַהיים. נו, ווי קען מען זיך שלאָגן מיט אַזעלכע סאָלדאַטן? איז טאַקע פאַרט אַרטור געפאַלן.

— אָבער דער ראָוו, די אָקאָפּעס, די מאַיאַקעס, די האַרמאַטן מיט די לאַנגע העלדזער, די קאָזאַקן, די זעלנער און גענעראַל קוראָפּאַטקין?

— עט, קוראָפּאַטקין! אַ גרויסער גענעראַל איז ער טאַקע, אָבער נאָך אַ גרעסערער שיכור. ער האָט פאַרגעסן, אַז עס זענען פאַראַן פינצטערע ווינטערדיקע נעכט מיט ברענענדיקע פרעסט. דאָס וואָסער איבערן ראָוו איז פאַרפרוירן געוואָרן. עס האָט געשנייט, אָן אמתע זאַווערוכע, די יאַפּאַנטשיקעס מיט צוויי פונט רייז אין די טאַשן, מיט אַ פראָסטן ביקס און צען פונט פוליעס, זענען באַלד אַריבער דעם ראָוו. אַז זיי זענען אַריבער דעם ראָוו, איז וואָס טויגן די אָקאָפּעס מיט די גרויסע האַרמאַטן מיט די לאַנגע העלדזער, וואָס שיסן צוואַנציק מייל ווייט? נו, פון די אָקאָפּעס זענען זיי אַוועק צו די מאַיאַקעס, פון די מאַיאַקעס — גלייך אין שטאָט אַריין און גענומען אין פלען דעם גרויסן גענעראַל מיט אַלע האַרמאַטן, פּולעמיאָטן, סאָלדאַטן, קאָזאַקן און פערד.

— נו, נו, און אונדזערע האָבן געשוויגן? פּאַניע נעבעך קען דאָך קיין האַנט נישט הייבן.

— ווער זאָגט עס אַז זיי האָבן געשוויגן? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז מען האָט געשעטקעוועט קרויט. געשאָסן, געשטאָכן, געגאַנגען „נאַ שטיקי״. מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן. דער שניי איז געוואָרן רויט, בלוטיק רויט. אָבער די יאַפּאַנטשיקעס, וואָס האָבן זיך געשלאָגן, זענען דאָך געווען טויטע. זיי האָבן געקענט צוריק לעבעדיק ווערן נאָר ווען זיי פאַלן אין דער „ביטווע״ (שלאַכט) אָדער בלייבן לעבן נאָכן נצחון. די גאַנצע ביטווע איז דאָך פאַר זיי געווען אַ ישועה. פאַלן זיי אין דער שיסעריי, גייען זיי גלייך אין גן־עדן. בלייבן זיי לעבן און זיי זענען מנצח — ווערן זיי צוריק לעבעדיק און קענען זיך אומקערן אַהיים.

ביי שמעונען שווימט אין קאָפּ: „מען שעטקעוועט קרויט. מענטשן פאַלן ווי פליגן. פאַלן זיי, ווערן זיי לעבעדיק. בלייבן זיי לעבן — ווערן זיי צוריק לעבעדיק. וואָס טוט זיך דאָ? ווי קען אַ טויטער ווערן לעבעדיק און אַ לעבעדיקער צוריק ווערן לעבעדיק?״

אַ ייִד טוט אַ שפּיי איבערדריסיק:

— טפו זאָלסטו ווערן! עס קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט.

לייזער־איטשע פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ. ער פרעגט געלאַסן, געמיטלעך:

— זאָגט זשע מיר, איז פּאָרט אַרטור געפאַלן, צי נישט? ענטפערט מיר.

— געפאַלן.

— פרעג איך אייך: פּאָרט אַרטור, אַ קרעפּאָסט איינע אין דער וועלט, סאָלדאַטן לרוב, אָרודיע נישט איבערצוציילן. איז ווי אַזוי פאַלט עס אַזאַ קרעפּאָסט?

— וואָס מיינסטו, ווי אַזוי פאַלט אַזאַ קרעפּאָסט? מען נעמט זי מיט תכסיסי מלחמה.

— אָט, אָט, — ענטפערט לייזער־איטשע מיט נצחון. — איר האָט דאָך פּותר־חלום געווען. דאָס וואָס איך האָב אייך דערציילט, איז די תכסיסי מלחמה פון די יאַפּאַנטשיקעס. דער קייסער זייערער איז אַ גאָט און זיינע זעלנער גייען פאַר אים אויף קידוש השם.

— זאָג זשע כאָטש להבדיל — רופט זיך אָן מיט כעס יאָשע דער שמיד, אַ ייִד מיט פינגער, וואָס קענען בייגן פּיאַטאַקעס — אַ נייער קידוש השם. מען לאָזט זיך גיין הרגענען מענטשן, פאַרכאַפּן שטיין און ערד.

—ביי זיי, ביי די גויים, — האָט לייזער־איטשע געענטפערט, — איז צו פאַלן אין מלחמה קידוש השם. וואָס גרעסער דער גוי, אַלץ מער גרייט איז ער

צו פאַלן אין אַ ביטווע. ס'איז ביי זיי אַ גרויסער כבוד און אַ מצוה צו פאַלן מיט דער שווערד אין דער האַנט.

ברוך־מאיר גיט אַ גלעט די באָרד:

— הייסט עס, אַז די יאַפּאַנטשיקעס, וואָס גייען ווי צום טאַנץ אין מלחמה, זענען גרעסערע גויים ווי אונדזערע פּאַניעס? גיי שוין, גיי, לייזער־איטשע, קיין גרעסערע ערלים ווי אונדזערע פּאַניעס זענען נישטאָ.

— איך בין מודה, קיין גרעסערע כלאַפּעס ווי אונדזערע זענען אויף דער וועלט נישטאָ. אויף דראַקען זיך זענען אונדזערע גרויסע מאַדימס. אָבער ווייסט איר פאַרוואָס מען קלאַפּט זיי דאָרטן?

ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן שטילער, סודותדיק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אפילו דאָ אין שול זאָל עס נישט אויפכאַפּן קיין פרעמדער אויער:

— ווייל דער נאַראָד ביי אונדז איז שוין נישט מער שוה בשוה מיט זיין צאַר באַטיושקאַ. מען כאַפּט דאָרט איין מפּלה נאָך דער אַנדערער און מען וועט נאָך כאַפּן מער. דער נאַראָד וויל זיך נישט שלאָגן. וועלן דער צאַר און זיינע משרתים כאַפּן דאָרטן די אמתע מפּלה, וועט דאָ ווערן אַ קאָנסטיטוציע. עס וועט ביי אונדז ווערן אַ גן־עדן און דעמאָלט וועט דער נאַראָד קריגן חשק זיך צו שלאָגן.

— אַ גליק וועט דיך באַטראַסקען, — האָט זיך אָנגערופן מיט כעס סייטשיק דער באַקאַליי־קרעמער. — דער נאַראָד וועט קריגן חשק זיך צו שלאָגן! דעמאָלט וועט עס אויסגיין צו אונדזער קאָפּ. אַ קלייניקייט, איוואַנקע וועט פאַנאַנדערבינדן די הענט!

לייזער־איטשע האָט געענטפערט שאַרף:

— מישט זיך נישט אין פּאָליטיק, ר' סייטשיק, דאָס איז נישט קיין טאַ־ראַנעס אָדער אָליי. ס'איז אַ קאָפּ־זאַך.

ס'איז געוואָרן אַן איבעררעד צווישן דעם עולם און דאָס רעדל איז זיך צעקראָכן.

ווידער זעט שמעון אַ רעדל אין בית מדרש. ווידער נייעס פון דעם וויטן אַמור, פּאָרט אַרטור, פון די ווייטע ימען דאָרטן. עס שווימט דער רוסישער פלאָט. שיפן און שיפן. זיי לאָזן זיך אויף יאַפּאַן. קיינער שטערט זיי נישט. מאַקאַראָוו, דער אַדמיראַל, וווּנדערט זיך יאָ און וווּנדערט זיך נישט. די יאַפּאַנער האָבן דאָך גאָר אַ גרויסן פלאָט דאָרטן. — ווו זענען זיי? ער וווּנדערט זיך נישט, ווייל ער איז דאָך מאַקאַראָוו, דער גרויסער ים־אַדמיראַל און ער פירט אַ רוסישן פלאָט, און יעדער רוסישער מאַטראָס קען גרינג צעקלאַפּן צען יאַפּאַנטשיקעס. זענען זיי

אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן ווי מייז אין די לעכער. אָבער ער ווייסט נישט, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט. די יאַפּאַנטשיקעס האָבן פאַרזייט מינעס. אַ גאַנץ פעלד. אָבער מאַקאַראָוו איז מזלדיק. די מינעס עקספּלאָדירן נישט און ער שווימט אַריבער בשלום דעם פעלד. נאָר אָט באַווייזן זיך די יאַפּאַנישע שיפן. טוט מאַקאַראָוו כלומרשט זיך אַ רוק צוריק, ער וויל מאַנעווירן, פאַרט ער ווידער אַריין גלייך אין דעם פעלד פון מינעס און איצט עקספּלאָדירן די מינעס און די שיפן זיינע פליִען אין דער לופטן און ער און אַלע זיינע מאַטראָסן כאַפּן פיש אויפן אָפּגרונט פון ים.

— עפּעס גייט ביי דיר צו אַלץ אַזוי גרינג, — בורטשעט יאָשע דער שמיד. — איינס־צוויי, צעקלאַפּט מען דעם רוסישן פלאָט. ווו זענען די שיפן, וואָס ווי מיט אַ בעזים קערן זיי אויס די ימען פון אַלע מינעס, האַ? און פאַרוואָס האָבן אונדזערע נישט פאַרזייט קיין מינעס פאַר די יאַפּאַנטשיקעס? און ווו זענען די גרויסע האַר־מאַטן, די פּולעמיאָטן אויף די שיפן?

— אַהאַ, ס׳איז ווידער דערזעלביקער תירוץ — ענטפערט לייזער־איטשע, — וויניק האַרמאַטן, וויניק פּולעמיאָטן און נישטאָ קיין שיפן אויסצוקערן די מינעס. פאָניע האָט ליב צו גנבענען. מען לקחנט און פאַרטיק. און דער נאַראַד קוקט זיך צו און איז צופרידן, ווייל אויב דער צאַר באַטיושקאָ וועט דאָרטן כאַפּן אַ מפּלה, וועט זיך דאָ אָנהייבן די אמתע חתונה. אירט זען.

שמעונען מישט זיך אין קאָפּ פון דער פּאָליטיק. ער פאַרשטייט עס אינגאַנצן נישט. פאַרוואָס האַלטן זיי דאָרטן מלחמה איינער מיט דעם אַנדערן? אַוודאי זענען אַלע מאָל געווען מלחמות. דער ספר מלכים איז פול מיט זיי. אָבער אַמאָל האָבן די ייִדן מלחמה געהאַלטן ווייל זיי זענען געווען די גערעכטע. אָט ווייס ער פון גרויסע מלחמות איבער רמת גלעד. ארם האָט פאַרנומען אַ ייִדישע שטאָט און די ייִדן האָבן געוואָלט זיך באַפרייען פון פרעמדן יאָך. אָבער פאַרוואָס שלאָגן זיי זיך דאָרטן, אין וויַיטן סיביר? ס׳איז דאָך אַ סברה, אַז די שטעט, פאַר וועלכע מען שלאָגט זיך, זענען כינעזישע!

איבערהויפּט פּיקען אים אין קאָפּ די ווערטער „געהאַקט ווי אין קרויט, גע־שעטקעוועט“. דאָס רעדט מען אַזוי וועגן מענטשן. שמעון פאַרמאַכט די אויגן און ער זעט ווי אַ שווערד הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ און שניידט. עס ווערן פאַר אים לעבעדיק פּסוקים אין יחזקאל, וואָס פריִער זענען זיי געווען טרוקענע ווערטער, וואָס האָבן זיך געקייקלט אין מויל ווי גלאַטע שטיינד־לעך. איצט זענען דאָס נישט מער קיין ווערטער, נאָר חזיונות — וויזיעס, געשע־ענישן. די פּסוקים דערציילן וואָס עס טוט זיך דאָרטן, לעבן פּאָרט אַרטור.

„אַזוי האָט געזאָגט גאָט: זאָג, די שווערד, די שווערד זי איז אָנגעשאַרפט און געשליפן. זי איז אָנגעשאַרפט געוואָרן כדי צו שעכטן אַ שעכטונג. זי איז געשליפן געוואָרן כדי זי זאָל האָבן אַ גלאַנץ. די שווערד איז אָנגעשאַרפט געוואָרן און גע־שליפן געוואָרן מיט אַ גלאַנץ, כדי זי צו געבן אין דער האַנט פון דעם מערדער".

און ער ענדיקט שטיל צו זיך מיט אַ ווייטערדיקן האַלבן פסוק:

„איך האָב געבראַכט די שחיטה מיט דער שווערד. אה, זי איז בליציק, אָנגע־שאַרפט צו קוילענען".

שמעון לערנט דאָס קאַפּיטל אין יחזקאל נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. יאָ, ס'איז אַ שטראָף־ליד. אָן איכה־ליד אויף דעם גרויסן אומגליק, וואָס די שווערד ברענגט אויף דער וועלט. דער נביא האָט ליכטיקע אויגן און ער האָט געזען אויך דעם איצטיקן „שעטקעווען".

איצט, ווען שמעון דערמאָנט זיך אָן יענער צייט און פאַרשרייבט עס, לאַכט ער צו זיך. ער, דער קליינער נוניק, האָט דעמאָלט איבערגעשטעלט פסוקים, אויס־געלאָזט ווערטער ווי אַן אמת עקסטרעמער ביבל־קריטיקער. אָבער שמעון פאַר־שטייט, אַז ער האָט עס דעמאָלט געטון נישט ווייל דער טעקסט איז ביי אים חלילה נישט געווען הייליק, נאָר ווייל דער גאַנצער תנ"ך איז ביי אים געווען אַ לעבעדיק בוך, פאַרבונדן מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן אין שטעטל. פאַר אַלע גע־שעענישן דאַרף מען זוכן אַ באַשייד אין דער תורה. אָט דעמאָלט האָט ער נישט געקענט באַמערקן די מלחמות, אין ספר מלכים, וואָס די יידן האָבן געפירט אונטערטעניק צו מאַכן מואב און אדום. אים האָט גאָרנישט געקענט איינפאַלן, אַז די יידן, וואָס ער קען, זענען מסוגל צו פירן אַגרעסיווע מלחמות. די יידן פון שטעטל און די יידן פון תנ"ך, זענען ביי אים געווען די זעלבע יידן, און די שטעטלדיקע יידן האָבן פיינט מלחמות.

גאַנצע נעכט איז דאָס ניין־יעריק יינגל געלעגן און געפיבערט איינעם מיט די פאַרוווּנדעטע זעלנער, וואָס זענען געלעגן פאַרלאָזענע אין שניי. ער האָט גע־ווייטיקט איינעם מיט די זעלנער, וואָס זענען צעשעטקעוועט געוואָרן. מען האָט דאָך געקענט אין שעטקעווען אָפּהאַקן אַ האַנט, אַ פוס אָדער אַ האַלבע זייט און דער פאַרבלוטיקטער גוף זאָל זיך צאַפּלען הילפלאָז.

עס זענען געווען אַ סך יידישע זעלנער אויף דער מלחמה. זאָגט דאָס שטעטל מער תהילים ווי אַלעמאָל. דער בית־עולם ווערט צעריסן פון ווייבערישע יללות. אָבער אַלע האָבן אָנגענומען די מלחמה אָט ווי מען נעמט אָן אַן אומפאַרמיידלעכע שניי־זאַווערוכע, אָדער ווי די דונערן און בליצן און אַ געוויסער. קיינעם איז נישט

איינגעפֿאַלן צו פּראָטעסטירן אָדער שטעלן זיך אַנטקעגן. נאָר איינער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן דער מלחמה — שמעונס טאַטע, ירוחים בן־ציון.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס שמעון איז געווען אויפֿן טאַטנס צד, נישט געהאַלטן מיט דער מאַמען. יאָ, איין זאַך וויל דאָ שמעון פֿאַרצייכענען: אַלע אין שטעטל האָבן געוווסט פֿון דעם טאַטנס מאָדנעם עקשנות. געוויינלעך אין אַ פֿאַל, ווען איינער איז נישט קאָנפֿאָרמיסטיש גיט מען אים אַ צונעמעניש, וואָס פֿאַראייביקט די געשעעניש. אָבער דעם טאַטן האָט מען קיין צונעמעניש נישט געגעבן. דאָס שטעטל האָט דערפֿילט ירוחים בן־ציונס ערנסטקייט און ערלעכקייט. מען לאַכט נישט פֿון אמתער תמימות. נאָר איין מאָל האָט רפֿאל דער מעל־קרעמער אויפֿגעוואָרפֿן דער מאַמען, איר מאַנס נישט וועלן אונטערנייען קיין וואָלינקעס. אָבער עס איז געטון געוואָרן אויף אַ גוטמוטיקן אופֿן.

יאָ, נאָך די שמועסן אין בית־מדרש וועגן דער מלחמה און אירע גרוילקייטן קריגט די מעשה מיט די וואָלינקעס אַ תּיקון ביי שמעונען אין דער איבערדיכטונג פֿון זיין יוגנט.

## ב

דאָס יידישע ווערטל זאָגט: „די וועלט איז פֿול מיט צרות, אָבער יעדער פֿילט נאָר זיינע". נאָך אמתער איז דאָס יידישע שפּריכוואָרט: „דאָס וואָס פֿאַר איינעם איז טויט, איז פֿאַר דעם אַנדערן ברויט". ערגעץ ווייט אין סיביר זענען יונגע לעבענס פֿאַרשניטן געוואָרן און די שטעטלדיקע בעלי־מלאכות זענען אויפֿגעריכט געוואָרן. איבערהויפּט זענען געווען אין דער מעלה די שוסטערס. די שלאַכטן זענען אָנגעגאַנגען אין דעם ביטערן סיבירישן קלימאַט און די זעלנער האָבן געדאַרפֿט זיין וואַרעם געקליידט. גאָר נייטיק זענען געווען פֿאַר די זעלנערס צו האָבן וואַרעמע שטיוול. יעדער זעלנער האָט געדאַרפֿט האָבן אַ פּאָר וואָלינקעס, האַלב אונטערגענייט מיט יוכט, דיקן לעדער.

רייכע פּאָדריאַטשיקעס (קאָנטראַקטאָרס) זענען אַראָפּגעקומען אין שטעטל און איבערגעגעבן אין קבלנות גרויסע באַשטעלונגען צו די, וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט וואַרשטאַטן. אין שטעטל איז באַלד געוואָרן אַן אויסכאַפּעניש אויף שוסטער־פּועלים. די באַלעבאַטים האָבן געצאָלט צו שנעלע בעלי־מלאכות אַזעלכע הויכע שכירות ווי פֿינף און צוואַנציק רובל אַ וואָך. אַפֿילו פּאַמעלעכע בעלי־מלאכות, פּאַרטאַטשעס, האָבן פֿאַרדינט ביז אַכצן רובל אַ וואָך.

ירוחים בן־ציון האָט, ווי אַלע זומער, געאַרבעט טאַנדעט ביי זיין פֿעטער

איטשע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ וואַרשטאַט פון צוועלף פּועלים. זומער האָט ירוחים נישט פאַרדינט אויף קיין זאַלץ צו זאַלצן פלייש. אָבער ווען דער פעטער איטשע האָט אַריינגעקראָגן אַ גרויסע באַשטעלונג, אויף אונטערנייען וואַלינקעס, האָט מערע זיך אויפגעגנייט אַ גרויסן, ברייטן בייטל. אויף אונטערנייען וואַלינקעס איז ירוחים בן־ציון געווען אַ מאדים. ווינטער אויף די דערפער האָט ער גוט פאַרדינט, ווייל זיינע אונטערגעגנייטע וואַלינקעס האָבן געהאַט אַ שם ביי די פּויערים. נו, וועט ער איצט קריגן די אמתע שכירות.

שמעון האָט געזען ווי אין דער וואָך, וואָס מען האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, ביים פעטער איטשע אויף די וואַלינקעס, האָט די מאַמע אָנגעהויבן קעכלען דעם טאַטן, ווי ער וואָלט געווען ביי איר אַ ציטערדיקער בן־יחיד. אַ גאַנצע וואָך האָט זי גערעדט וועגן די גרויסע שכירות, וואָס דער טאַטע וועט ברענגען שבת־צו־נאַכט, און זי וועט קענען צעלאָזן די הענט. עס וועט ליכטיק ווערן אין שטוב. ווען די אַרבעט זאָל זיך פאַרציִען אויף אַ פּאָר חדשים, וועט מען קענען אויסבייטן די בהמה און פאַרריכטן דעם דאַך פון שטוב. אַ גאַנצע וואָך האָט דער טאַטע געגעסן די גוטע מאכלים אָן אָנגעכמורעטער און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. אין טומל פון דער גרויסער דערוואַרטעניש האָט עס קיינער נישט באַמערקט. אָבער דער שפּירעוודיקער שמעון האָט נאָכגעקוקט זיין טאַטן און זיין האַרץ האָט אים פאַרויסגעזאָגט, אַז עס קאָכט זיך אַ יויך פון קראָפּעווע און רעמיאַנעק.

שבת־צו־נאַכט, גלייך נאָך מעריב, איז דער טאַטע אַוועק נאָך די שכירות. די מאַמע האָט געהייסן שלמהן צו שטעלן דעם סאַמאָוואַר. ווען דער טאַטע איז צוריקגעקומען איז אויפן טיש געשטאַנען דער קאָכעדיקער סאַמאָוואַר און אַרום אים זענען געווען אויסגעשטעלט פינקעלדיקע גלעזער אויף פאַרצעלייענע ספּאָדקעס (שעלעכלעך) און אַ פלעשל מיט יין צמוקים אויף הבדלה. יאָ, די מאַמע האָט אַפילו אָנגעגרייט אַ שיסעלע מיט איינגעמאַכטס.

דער טאַטע איז אַריינגעקומען אין שטוב מיט אַ טרוקענעם „אַ גוטע וואָך". שמעון האָט אַ קוק געטון אויף דעם טאַטנס פּנים און איז שוין געווען זיכער, אַז עס וועט אויסברעכן די אמתע קריגערייַ. וואָס איז געשען? — האָט דאָס ייִנגל זיך געוווּנדערט. — האָט דער פעטער איטשע אָפּגעזאָגט דעם טאַטן פון דער אַרבעט? נייִן, דער פעטער איטשע וועט אַזוינס נישט טון. איז וואָס האָט געטראָפן?

דער טאַטע האָט אויסגעמיטן צו קוקן דער מאַמען גלייך אין פּנים. ער האָט געמאַכט הבדלה מיט אַ געבראָכענעם ניגון, אָן אַ ברעקל האַרץ און מתיקות. שמעון האָט דערזען, אַז דער מאַמעס פּנים האָט זיך אָנגעכמורעט. עפּעס האָט זי שוין אויך דערשפּירט. באַלד נאָך הבדלה האָט דער טאַטע זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי,

צום איינגעמאַכטס האָט ער זיך נישט צוגערירט. ער האָט אַ זופּ געטון פון דעם זודיקן גלאָז, אַריינגעלייגט צוויי פינגער אין דער זשילעט־קעשענע, אַרויסגענומען די שכירות, איינגעוויקלט אין אַ בלויען שטיקל צוקער־פּאַפּיר, און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש פאַר דער מאַמען.

די מאַמע האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פּאַפּירל, אַ קוק געטון אויף די דריי זילבערנע רובל און איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע. זי האָט אַרויפגעלייגט די דריי שווערע רובל אויף דער דלאָניע, געהויבן די האַנט אַרויף און אַראָפּ, ווי זי וואָלט געוויגן די מטבעות, זיי צוריקגעלייגט אויפן טיש, באַטראַכט דאָס בלויע דיקע צוקער־פּאַפּיר, ווי זי וואָלט געוואָלט מאַכן זיכער, אַז אין דעם קליינעם שטיקל פּאַפּיר האָט זיך נישט פאַררוקט נאָך קיין מטבע. זי האָט זיך אַ קער געטון צום טאַטן און אַרויסגערעדט מאָדנע רויק, ווי איינער וויל פאַרשטיין עפּעס נישט קיין קלאָרן ענין:

— בענטשע, וואָס איז דאָס פאַר אַ שכירות?

דאָס יינגל האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון טאַטן. ער האָט געזען ווי דער טאַטע מאַכט זיך האַרץ, טוט צוויי מאָל אַ זופּ פון הייסן טיי, טיפע זופּן. ער שטעלט אַוועק דאָס גלאָז אויף דער שאָל, הייבט נישט אויף די אויגן צו דער מאַמען און ענטפערט:

— שכירות ווי אַלע מאָל. ער צאָלט נישט מער.

— וואָס מיינסטו, ער צאָלט נישט מער? — האָט די מאַמע געפרעגט מיט חידוש.

דער טאַטע האָט אַ בלאָז געטון אויף דעם טיי אין גלאָז. די פליסיקייט האָט זיך אַ כוואַליע געטון, דער טאַטע האָט מיט אַ געמאַכטער רויקייט אַ זופּ געטון דאָס שטאַרקע טיי און געזאָגט:

— פשוט, ער גיט נישט מער.

ביי דער מאַמען האָט זיך אַ לאָז געטון אַ שטראָם ביטערע רייד:

— וואָס מיינט ער זיך, דיין געהויבענער באַלעבאָנד, דער פיינער ייִד, וואָס לערנט משניות נאָכן דאַווענען? וויבאַלד אַז ער איז דיינער אַ פעטער, קען ער צאָלן וואָס זיין האַרץ גלוסט? פאַר אונטערנייען וואַלינקעס צאָלט מען גאָלד און ער ברענגט מיר דאָ...

די מאַמע האָט אַ וואָרף געטון די דריי שווערע זילבערנע רובל אויפן טיש. זיי זענען אָפּגעשפּרונגען פון דעם האַרטן ברעט און זיך צעקלונגען מיט אַ הילכיקן מעטאַלענעם קלונג.

דער טאַטע האָט אַפּילו נישט אויפגעהויבן קיין אויגן־דעקל, ער האָט געזופּט דעם טיי און געשוויגן.

די מאַמע האָט שוין פאַרלוירן איר געדולד אויף אַן אמתן. זי האָט מיט אַ געהויבענעם קול אַרויסגערעדט בייז און ביטער:

— איך רעד דאָך צו דיר! וואָס שוויגסטו ווי יורקעס הונט? האָסט אָפּגעבריט די צונג און פאַרלוירן דאָס לשון?

ירוחים בן־ציון האָט אַ לעצטן זופּ געטון, אַוועקגעשטעלט דאָס ליידיקע גלאָז מיט אַ רעש און געענטפערט אויך מיט אַ הויך קול, מיט אַ היפּש ביסל כעס, גאַרנישט ווי זיין שטייגער:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער גיט נישט מער. וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט ווי אַ קלעשטש? מיט געוואַלד נעמט מען נישט.

ער האָט אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז טיי און ווייטער אָנגעהויבן טרינקען ראַשיק.

די מאַמע האָט געקוקט אומגלויבלעך אויפן טאַטן. זי האָט צונויפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן און אָנגעהויבן זיך אויסטענהן:

— עפּעס פּאַטופּעט זיך מיר נישט אין מוח די גאַנצע מעשה. אַלע שוסטערס שאַרן גאָלד און דו האָסט מיר געבראַכט דריי קאַרבוינים. איך האָב געמיינט, אַז מיר זענען געהאָלפן געוואָרן. דו וועסט ברענגען די גרויסע שכירות און מיר'ן זיך אויסצאָלן מיטן שכר־לימוד, באַקליידן זיך. צוערשט דיר אַ פּאַלטאָ. דיין פּאַלטאָ צעפאַלט זיך שוין. דיין סורדוט איז אַמאָל געווען שוואַרץ, ווי אַ געוואַנט דאַרף זיין. איצט האָט עס שוין אַ מיתה־משונה קאָליר. עס איז דאָך אַ חרפּה צו טראָגן אים אַפּילו תשעה־באָב. איך האָב שוין געמיינט, אַז מיר וועלן בייטן די בהמה. ברענגסטו מיר דיינע אַלטע שכירות, דריי קיילעכדיקע קאַרבוינים און נאַ! וועלכעס לאָך זאָל איך פריִער פאַרשטעקן מיט אַזאַ אוצר?

דער טאַטע האָט ווידער געקראָגן לשון:

— זאַג־זשע מיר, מערע, פאַרוואָס האָסטו זיך אין מיטן דרינען דערמאָנט, אַז איך פאַרדין נישט מער ווי דריי רובל אַ וואָך זומער ביי טאַנדעט? וואָס, איך פויל זיך צו האַרעווען?

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט די מאַמע געענטפערט מיט אַ היציקן פּאַכען מיט דער האַנט, — דו פוילסט זיך נישט. אַלע מאָל האַרעוועסטו ווי אַן עבד כנעני און פאַרדינסט אָדער אויף פּעפער, אָנישט אויף זאַלץ. ביזט אַ שלימזלניק און אַ צו ערלעכער בעל־מלאכה. ביי דיר זענען אַלע מאָל נעט ווי פּערל צי דו נייסט אויף באַשטעלונג אָדער אויף טאַנדעט. אָבער אונטערנייען וואַלינקעס קענסטו דאָך. דיינע פּויערישע שטיוול האָבן אַ שם אין גאַנצן קאַנט. קריגסט איצט פּאַר

אונטערנייען וואַלינקעס ווי פּאַר טאַנדעט. איך וועל דאָס נישט פאַרשווייגן דיין שיינעם פעטער. איך וועל צו אים אַריבערגיין און אים פרעגן איין וואָרט: הייתכן? אייזיק לאַטוטניק, וואָס קען נישט אויפנייען קיין רעכטע פּאָר כאַדאַקעס (פויערישע שטעקשיך), האָט מיר זיין שרה דערציילט אין שול, האָט געבראַכט לעצטע וואָך פולע צוועלף רובל. מיין בענטשע, וואָס קען אויפבויען אַ פּאָר פויערישע שטיוול איינע אין דער מדינה, האָט מיר געבראַכט גרויסע שכירות היינטיקע וואָך! נאַ, זע, גאַנצע דריי קאַרבוינים, גרויס און קיילעכדיק ווי רעדער, קלינגען ווי שווערע פּיאַטאַקעס. דריי קיילעכדיקע קאַרבוינים — סערעבראָם!

— ווערסט שוין אויפהערן צו קאַרבוינעווען? — האָט דער טאַטע געענטפערט מיט רוגזה, — האָב קיין מורא נישט, דער פעטער איטשע איז אַן ערלעכער ייִד. ער וועט דיינס נישט פאַרנעמען.

די מאַמע האָט שפּאַטיש קאָכעדיק אַ מאַך געטון מיט די הענט:

— אַלע גבירים זענען ערלעך און פרום ביז צו דער קעשענע. פאַרשווייג זיי נאַר. אָבער איך וועל עס נישט פאַרשווייגן. אם ירצה השם שבת נאָכן עסן וועל איך אַריבערגיין צו אים און איך קען עפענען אַ מויל. איך בין נישט אַזאַ ניונקעלע ווי דו. איך וועל שוין קומען מיט אים צו אַ טאָלק.

שמעון האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן און אויגן. דער טאַטע איז אויפגעשפּרונגען אַ צעקאָכטער און האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיש:

— איך זאָג דיר, מיש זיך נישט. ס'איז נישט דיין עסק. שטעק נישט דיין ווייבערשע נאָז אין מאַנסבילשע עסקים.

די מאַמע האָט פאַרזשמורעט די אויגן, פאַרשטייפט די ליפּן און אַ זאָג געטון רויִק, ווי איר שטייגער איז געווען, ווען זי האָט באַשלאָסן וואָס צו טון:

— זע נאַר, ווי מיין בעל־פרנסה האָט זיך צעקאָכט! קוקט נאַר אַן דעם מאַנסביל, וואָס זאָגט דעות. די גאַנצע מעשה געפעלט מיר נישט. עפּעס איז דאָ פאַראַן אַ סעקרעט (א סוד), וואָס איך טאָר נישט וויסן. און איך האָב פיינט סעקרעטן און איך האָב דווקא ליב צו וויסן וואָס עס טוט זיך אַרום מיר.

דער טאַטע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שוויגנדיק געדרייט מיט ביידע הענט דאָס פולע גלאָז טיי. די מאַמע האָט שוין מער נישט גערעדט. עס איז געוואָרן פיינלעך שטיל אין שטוב.

## ג

שבת נאָכן עסן, ווען דער טאַטע האָט זיך צוגעלייגט, ווי עס איז דער שטייגער שבת בייטאָג, האָט מערע אַ זאָג געטון צו שמעונען:

— נעם די גמרא. מיר גייען צום פעטער איטשע אויף שבת־אויבס.

שמעון האָט אַ קוק געטון מיט פרעגנדיקע אויגן אויף דער מאַמען. די מאַמע האָט זיך אַ קרים געטון און געזאָגט רוגזהדיק:

— עלוי מיינער, דיר דאַרף מען אויך צעקייען און אַריינלייגן אין מויל? איך וויל דער פעטער איטשע זאָל דיך פאַרהערן.

— וואָס וועט ער מיך פאַרהערן, חומש מיט רש״י? — האָט שמעון געפרעגט.

— איך לערן איצט די מסכתא פסחים, נישט די פרשה פון דער וואָך.

מערע האָט זיך אָוועקגעזעצט אַ מידע. אַ זיפץ געטון און געזאָגט מיט פאַרדרוס:

— איך ווייס, אַז דו לערנסט נישט די פרשה פון דער וואָך. אָבער איך האָב אַ מיין דערביי. דער פעטער איטשע האַלט זיך דאָך פאַר אַ שטיקל למדן, לערנט משניות נאָכן דאַוונען, רוקט זיך צו חברה ש״ס אַלע בין־מנחה־למעריב, וועט ער זיך איבערנעמען, אַז איך וועל דיך ברענגען צו אים צו פאַרהערן. נאָכן אָפּגעבן אים דעם צוקער־לעקעכל וועט זיין גרינגער צו רעדן מיט אים תכלית.

דאָס יינגל האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַלץ רעכנסטו אויס, מאַמע. דיין קאָפּ אַרבעט ביי דיר אָן הפסקות.

— וואָס קומט אַרויס פון מיין חכמה? חכמה אָן מזל איז ווי אַ מעסער אָן ברויט, ווי אַ נאָדל אָן פאָדעם.

דעם פעטער איז דאָס צוקער־לעקעכל נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן. באַלד ווי שמעון האָט אָפּגעזאָגט זיין בלאַט גמרא, נאָך איידער די מומע ריווע האָט דערלאַנגט דעם שבת כיבוד האָט ער אַ זאָג געטון אַביסל רוגזהדיק:

— הער נאָר, מערע, איך קען דיך פאַר אַ קלוגע און אויסגערעכנטע ייִדענע. מיך וועסטו אַזוי גרינג נישט אָפּנאַרן. זאָג זשע מיר, פאַרוואָס האָסטו „מיטשקע דערינען" מיר געבראַכט דיין לערנער צו פאַרהערן? פון ווען אָן האָב איך געקראָגן ביי דיר אַ שם פון אַ למדן, וואָס זאָל קענען כאַפּן אַ סוגיה גמרא און נאָך מיט תוספות?

די מומע האָט דערווייל געבראַכט טיי מיט וואַרעניע און פיינע קיכעלעך. מערע האָט רויק געמישט די וואַרעניע אין טיי, דערנאָך האָט זי אַ גלעט געטון

די קאַסינקע אויפן קאָפּ און איבערגעבונדן דעם קנופּ. שמעון האָט זי געהיט מיט די אויגן: ווי וועט די מאַמע זיך אויסדרייען פון די אָפענע רייד פון פּעטער? אָבער די מאַמע האָט זיך נישט פאַרלוירן. זי האָט געמישט די טיי און גערעדט רו־ִק, מיט אַ זיס ליבלעך קול:

— אַ געזונט אויף אייך, פּעטער. ווי דאָס האַרץ האָט אייך געזאָגט, אַז איך האָב געהאַט אַ מיין מיטן קומען. נו, וויל איך טאַקע נישט באַלעמוטשען. איך פרעג אייך: וווּ איז יושר? וווּ איז יהדות? פאַרוואָס צאָלט איר מיינעם נאָר דריי רובל אַ וואָך פאַר אונטערנייען וואַלינקעס און אייזיק לאַטוטניק האָט ביי אייך געקראָגן לעצטע וואָך פולע צוועלף רובל? מיינער איז דאָך אַ בעל־מלאכה, אַ שוסטער מיט הענט, וואָס קענען האַלטן אַן אָל...

דער פּעטער האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד:

— וואָס טענהסטו אַזוי פיל? ווער האָט עס דיר געזאָגט, אַז דיין ירוחים בן־ציון נייט אונטער וואַלינקעס?

די מאַמע איז געבליבן זיצן צעטומלט. זי האָט אַזש אָנגעהויבן שטאַמלען:

— וואַ־אַ־אַס מיינט איררר, פּפּעטער?

— איך מיין וואָס איך זאָג, — האָט דער פּעטער געענטפערט אומגעדולדיק.

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז דיין ירוחים בן־ציון נייט אונטער וואַלינקעס?

די מאַמע האָט צוריקגעקראָגן איר לשון און אָנגעהויבן רעדן האַרט, שנעל און באַטאָנט יעדעס וואָרט:

— איז דאָך די עוולה נאָך גרעסער, ס׳איז דאָך שוין פּראָסטע גאַזלאָוואַניע (גזלנות). אַלע קאַליקעס, פאַרטאַטשעס שטשאָבען וואַלינקעס און שאַרן געלד און אים האַלט איר ביי אייער טאַנדעט?

דער פּעטער איז געבליבן רו־ִק. ער האָט געזופּט די טיי און צווישן זופּן געציילט די ווערטער:

— ווער האָט עס דיר געזאָגט, אַז איך האַלט אים ביי מיין טאַנדעט? ווער לאָזט אים נישט אונטערנייען קיין וואַלינקעס?

מערע איז שוין געוואָרן באמת בייז:

— הערט אויף, פּעטער, צו שפּילן מיט מיר אין אונטערטערעפלעך. רעדט מיט מיר קלאָרע דיבורים. אַז איר גיט אים אונטערנייען וואַלינקעס, פאַרוואָס נייט ער נישט?

— וואָס פרעגסטו מיך — האָט דער פּעטער געענטפערט אַלץ רו־ִק, ווי איינער, וואָס ווייסט, אַז עס איז נישט כדאַי דאָס רעדן, אָבער מען מוז ענטפערן.

פרעג אים, ער איז דאָך נענטער צו דיר, אַלץ וואָס איך ווייס איז, אַז ער וויל נישט אונטערנייען קיין וואַלינקעס. פאַרוואָס? פרעג אים. הער עס פון זיין מויל.

שמעון איז געזעסן מיט אויפגעריסענע אויגן: אַן אמתער שקלא וטריא. יעדע־רער פרעגט און צו קיין תירוץ קומט מען נישט צו.

די מאַמע האָט געקוקט אויפן פעטער, געזען אַן אומגעדולד און פאַרדרוס אויף זיין פנים, האָט זי געביטן דעם טאָן, אָנגעהויבן ריידן שוין אונטערטעניק, ווי מיט תחנונים:

— זייט מוחל, פעטער, נעמט נישט פאַר אומגוט וואָס איך רעד אַזוי שאַרף און בייז. אָבער עפּעס אייערע רייד און מיינעמס רייד זענען ווי אַ קנויל פאָדעם, וואָס אַ קאַץ האָט אַריינגעכאַפּט צווישן אירע לאַפּקעס, נישט צו פאַנאַנדערפּלאָנ־טערן. מיינער זאָגט מיר: ער גייט נישט מער ווי דריי רובל אַ וואָך. איר זאָגט מיר: ער נייט נישט אונטער קיין וואַלינקעס און איר האַלט אים נישט ביי טאַנדעט. וואָס טוט זיך דאָ? מיר גיסט זיך בלוט פון האַרצן, די קינדער זענען באָרוועס, נאַקעט, מיר זענען פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ. די עלטערע מיידל שטייט אין שידוכים און מער ווי איין ציצענע קליידל האָט זי נישט. ביי דער קליינער רייסט זיך שוין די קאַפּטל אין דער הויך. מיינער האָט שוין אַ סורדוט, וואָס איז היילע פּעדעם. איצט שאַרן שוסטערס גאָלד, האָב איך געמיינט, אַז אָט זענען מיר אויפגעריכט געוואָרן. איז נאָ דיר גאָר, „דער גייט נישט, יענער נייט נישט". גיי ווער קלאָר וואָס עס טוט זיך דאָ.

די אויגן ביי דער מאַמען זענען געוואָרן גרויס און פאַרלאָפן מיט טרערן און זי האָט געווישט די ווינקלען פון די אויגן מיט די עקן פון דער קאַסינקע.

דער פעטער האָט נישט געענטפערט אַ היפּשע צייט. ער האָט געקוקט פאַר־טראַכט אויף אַ קווייט פון דעם ווייס־בלויען סערוועט, וואָס האָט צוגעדעקט דעם טיש. ער האָט דערנאָך מיט דער רעכטער האַנט זיך אָנגעהויבן שפּילן מיט דעם זילבערנעם טיי־לעפעלע; שמעון האָט געזען אַז עפּעס קוועטשט דעם פעטער. סוף כל סוף האָט ער געענטפערט אָנגעכמורעט:

— איך ווייס דיין ביטער האַרץ. אָבער וואָס קען איך דיר העלפן? אונטער־קרעכצן? זאָל איך דיר אַלץ דערציילן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון היינטיקע וואָך דאָ אין וואַרשטאַט? איך האָב זיך גענוג אויסגעגעסן דאָס האַרץ מיט אים. איך האָב שוין מער קיין כוח נישט. איך רעד און רעד און ער האַלט זיך ביי זיינס: „איך וויל נישט, אַז אין מיינע וואַלינקעס זאָל מען הרגענען מענטשן".

די מאַמע האָט זיך אַ הויב געטון פון שטול:

— וואָס ?

— איך האָב עס דיר נישט געוואָלט זאָגן פריער, האָב איך געדרייט מיט דער צונג, — האָט דער פעטער געזאָגט שטיל.

די מאַמע האָט טיף אַ זיפץ געטון. ווידער אויסגעווישט די ווינקלען פון די אויגן און געזאָגט צום זון:

— שמעונקע, נעם די גמרא און קום.

צום פעטער האָט זי זיך אַ קער געטון און געזאָגט שטיל, דערשלאָגן:

— נעמט נישט פאַר אומגוט מיין גערעדעריי צו אייך. ס'איז מיר ביטער אויפן האַרצן, שריי איך און בייזער זיך.

דער פעטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ פאַרשטענדיק:

— וואָסי, איך ווייס נישט? אַ גוטן שבת, מערע.

— אַ גוטן שבת, פעטער.

## ד

נאָך מעריב האָט די מאַמע געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. זי האָט אויסגעשטעלט די גלעזער אויף די פאָרצעלייענע שעלעכלעך. זי האָט אויך אָוועקגעשטעלט ווייז אויף הבדלה, און ווי פאַראַכטאָגן שבת־צו־נאַכט האָט זי אָנגעגרייט אַ שיסעלע מיט איינגעמאַכטס. ווען דער טאַטע איז אַריין אין שטוב האָט ער אַ קוק געטון מיט חידוש אויפן אָנגעשטעלטן טיש. ער האָט געמאַכט הבדלה און אַרויסגענומען פון דער זשילעט־קעשענע די שכירות פון וואָך, איינגעוויקלט אין אַ בלויען שטיקל צוקער־פּאַפּיר און עס אַוועקגעלייגט פאַר דער מאַמען. די מאַמע האָט נישט פאַרנאַנדערגענומען דאָס פּאַפּירל. זי האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי, אָנגענומען מיט אַ לעפעלע איינגעמאַכטס און אַריינגעלייגט אין גלאָז. ס'גלאָז טיי האָט געקראָגן אַ רויטן, אַזש טונקל־ברוינעם, קאָליר. זי האָט עס דערלאַנגט דעם טאַטן. ער האָט שווייגנדיק, אָבער מיט רבותא אויפן פּנים, צוגענומען ס'גלאָז טיי און אָנגעהויבן טרינקען. ערשט דעמאָלט האָט זיך די מאַמע געזעצט אַנטקעגן אים און אָנגעהויבן ריידן:

— זאָג מיר נאָר, בענטשע, מאַך מיר קלאָר, וואָס עס טוט זיך ביי דיר אין קאָפּ. דו מיינסט טאַקע, אַז אין פּעטערבורג, ביים קייסער מיטן סענאַד, ווו מען טראַכט צו מלחמות, זיצט מען און מען וואַרט אויף דיינע וואַלינקעס? אָן דיינע וואַלינקעס וועט מען נישט קענען שיקן קיין יונגים אין פאָרט אַרטור?

דער טאַטע האָט געזופּט דעם טיי און נישט געענטפערט.

# וואָרצלען

מערע האָט אָנגעהויבן ריידן ווי צו זיך אַליין:

„זיצט אַ שוסטער אין אַ העק, צווישן וועלדער און פעלדער, אָט דאָ ביי די טיפע פינסקער בלאָטעס, און וויל נישט אונטערנייען קיין וואַלינקעס. וואָסי? מען שיסט! ווען האָבן זיי נישט געשאָסן? אָבער דו ווילסט נישט מ׳זאָל שיסן אין דיינע וואַלינקעס. ווילסט איינפירן נייע פּאַראַנדקעס אויף דער וועלט. איז וואָס טוסטו? — נייסט נישט אונטער קיין וואַלינקעס. דער שכל דערביי? דאָס פאַרשטיי איך — די סאָלדאַטן וועלן דאָך באָרוועסע אין די שנייען פון אַמור נישט קענען שיסן. גוּ, מיינסטו, אַז באַלד וועט זיך מיט דיר די וועלט צעקלינגען: — הערט, הערט, ירוחים בן־ציון דער שוסטער נייט נישט אונטער קיין וואַלינקעס! אַ קלייניקייט, בענטשע דער שוסטער שטעלט אָפּ די מלחמה!...“

דער טאַטע האָט געענטפערט אָנגעבלאָזן:

— ווער וויל די וועלט זאָל מיט מיר קלינגען?

מערע האָט אים געענטפערט מיט ביטול און ביטערקייט:

— האָב קיין מורא נישט מיין מאַן! די וועלט וועט מיט דיר נישט קלינגען און קיינער וועט דיך נישט באַזינגען. ווער וועט וויסן פון דיין משוגעת? נאָר דיין ווייב און דיינע קינדער וועלן ליידן.

בן־ציון האָט געשוויגן.

די מאַמע האָט אָנגעהויבן ריידן ווייך:

— דו ווייסט דאָך, איך האָב ליב אַ טאָלק. אַלץ דאַרף דאָך האָבן אַ שכל. איך וועל דיך פרעגן צוויי זאַכן: ראשית, ווי קענסטו זיין אַזאַ אַכזר צו דיינע אייגענע קינדער? שנית, וואָס איז דער שכל אין נישט נייען? אַז דיר ווערן די וואַלינקעס נישט אונטערגעניייט? פירט מען נישט די מלחמה אַן דיינע פּאָר וואַ־לינקעס?

דער טאַטע האָט אָנגעהויבן איינטענהן מיט דער מאַמען:

— פאַרשטייסט, מערע, ווי וואָלט אָבער געווען ווען קיינער נייט נישט אונטער קיין וואַלינקעס? אָבער טאַקע קיינער נישט. אַלע שוסטערס אין דער וועלט ווילן נישט אונטערנייען קיין וואַלינקעס. וואָס וואָלטן זיי דאַרטן געטון אין פּעטערבורג, ווו זיי טראַכטן צו מלחמות? זיי וואָלטן געשיקט באָרוועסע סאָל־דאַטן אין די שנייען פון אַמור? די סאָלדאַטן וואָלטן נישט געגאַנגען. וואָלטן זיי געפּאַלגט, וואָלטן די נאַראָנים אויסגעפרוירן געוואָרן איינס און צוויי.

— צרה מיינע, — האָט די מאַמע געענטפערט מער מיט פאַרדרוס ווי מיט כעס, — אָבער אַלע שוסטערס נייען דאָך יאָ אונטער וואַלינקעס!

בן־ציון האָט געענטפערט מיט אַ האַרציקן אויסגעשריי, ווי דער געדאַנק וואָלט אים שוין חדשים געפּיקט אין קאָפּ:

— אָבער עמעצער דאַרף דאָך זיין דער ערשטער.

מערע איז געבליבן זיצן אַן אויסגעלאָשענע. זי האָט געקוקט אויף דעם צעקאָכטן מאַן אירן, און זי האָט שוין געזען, אַז זי וועט נישט אויספירן. אַ קליפה האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט. זי האָט טיף אַ זיפץ געטון:

— מיין מזל, דווקא דו דאַרפסט זיין דער ערשטער!

מערע האָט זיך צעוויינט, נישט הויך אויפן קול, נאָר שטיל אין זיך. אַט אַזוי וויינט מען אויף עפּעס וואָס עס ווערט פאַרפאַלן און קיין געוויין וועט נישט אומקערן די אבדה. דער טאַטע האָט אויף איר אַ קוק געטון, געוואָלט עפּעס זאָגן און חרטה געהאַט. ער האָט געעפנט דעם סידור און אָנגעהויבן זאָגן מיט דעם האַרציקן שבת־צו־נאַכטיקן ניגון די זמירות:

„מוצאי יום מנוחה, המצא לעמך רוחה...״

**
*

אַט זיצט שמעון ביים שרייבטיש און זעט דעם טאַטן ביים אָפענעם סידור און הערט זיין טרויעריקן ניגון, און די מאַמע זיצט אַנטקעגן אים און וויינט שטיל. ווי עלנט איז דער טאַטע געווען יענעם שבת־צו־נאַכט! אַט אַזוי עלנט, טראַכט איצט שמעון, ווי אַברהם אָבינו איז געווען — דער ערשטער און איין־און־איינציקער ייד אין אַ גאַנצער וועלט פון געצנדינער. נייז, אפשר נאָך מער, אַברהם אָבינו האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָנשפּאַר: גאָט אַליין האָט זיך צו אים באַוויזן און באַפוילן אים וואָס צו טון און וווהין צו גייך. אַ מענטש, וואָס רעדט מיט גאָט און קריגט פון אים עצות איז נישט עלנט. ער האָט פון ווענען צו שעפּן מוט און גבורה. אָבער ווו האָט גענומען די גייסטיקע גבורה דער אָרעמער, פּראָסטער שוסטער, וואָס האָט קוים געקענט אָפּדראַפּען אַ שטיקל חומש מיט רש״י?

און שמעון שעפּטשעט שטיל צו זיך:

— טאַטע, טאַטע מיינער, אָרעמער, עלנטער, טאַטע מיינער. די מאַמע האָט געזאָגט צום גראַם:

„די וועלט וועט מיט דיר נישט קלינגען.
און קיינער וועט דיך נישט באַזינגען״.

אָבער די מאַמע האָט נאָר האַלב געטראָפן. די וועלט האָט מיט דיר, דעם אָרעמען שוסטער, טאַקע נישט געקלונגען, אָבער דיינע מעשים ווערן איצט באַזונגען.

# וואָרצלעו

און שמעון לייענט דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן וועגן טאַטן און צעשאָקלט זיך ווי ביי אַן אָפּענער גמרא. ער ענדיקט לייענען און עס זינגט זיך ביי אים אַרויס שורות פון ביאַליקס ליד: „ויהי חלקי עמכם״,

„און זאָל ווי אייערער מיין גורל זיין,
מענטשן שטילע און באַשיידענע,
וואָס האָבן זייער לעבן אין פאַרבאָרגעניש,
באַשיידן אין געדאַנק און מעשים.
„נאָר אייער לעבן איז די בעסטע שאַפונג,
אייער זעל — דאָס העכסטע קונסטווערק;
איר, היטער געטרייע פון גאָטס געשטאַלט
אויף דער וועלט״.

(יידיש י. י. שוואַרץ).

און איידער שמעון שטעלט אַוועק דעם לעצטן פונקט צום לעצטן זאַץ שרייבט ער צו:

„איך ווייס נישט, צי דו האָסט געקראָגן אַ תיקון אין מיין איבערדיכטונג פון מיין יוגנט, אָבער מיין יוגנט האָט געקראָגן אַ תיקון דורך דעם אָפּגלאַנץ פון דיין יידישן טאָג־טעגלעך, הייליק לעבן, טאַטע מיינער!״

## קאַפּיטל 27

# אַ דין־תּורה

דאָס באַשרייבן פֿון די קינדער־יאָרן איז ביי שמעונען נישט קיין שפּיל, נאָר אַ טיף־עמאָציאָנעלע איבערלעבונג און אַן איבעררשאַצונג פֿון זיין איצטיקן לעבן. ער קען נישט שרייבן לאַנג אָן אַן אָפּשטעל, ווייל נאָך אַ פּאָר שעה אַרבעט בלייבט ער דערשעפּט, ווי ער וואָלט דורכגעגאַנגען די גרעסטע פֿיזישע אָנשטרענגונג. אין דער צייט פֿון זיין שרייבן איז ער ממש פֿיזיש אין דער פֿאַרגאַנגענער וועלט, אין אַ סביבה פֿון גאָר אַן אַנדער עמאָציאָנעלן איינשטעל ווי זיין איצטיק לעבן. די געשעענישן זענען פֿאַר אים קלאָר, רעאַל, און דערפֿאַר וווּנדערט ער זיך, צי אַלץ וואָס ער באַשרייבט איז נישט מער ווי אַ דמיון, אַ פֿאַנטאַזיע. אָפֿט פֿילט ער, אַז ער איבערדערציילט נישט עפּעס אַ געשעעניש, נאָר ער דערציילט זאַכן וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל. ער ווייסט אויך, אַז דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין שטעטל בכלל, און בפֿרט דאָס לעבן אין הויז פֿון טאַטע־מאַמע, איז געווען אָרעם און הילפֿ־לאָז און ער וואָלט איצט זיך נישט געוואָלט אומקערן צום שטעטל.

באַאומרויקט עס אים. אָבער ער באַרויקט זיך גרינג. יאָ, אמת, ער וואָלט נישט געוואָלט זיך אומקערן צוריק צום שטעטל. איז וואָס? ווייל אַ נאָרמאַלער מענטש זיך אומקערן צו זיינע שול־יאָרן? און יאָ, עס קען נישט זיין, אַז ער טראַכט אויס די אַלע זאַכן. די אַלע זאַכן, וועגן וועלכע ער שרייבט, געדענקען זיי זייער גוט זיין ברודער און שוועסטער. נישט מער, ביי זיי זענען עס אָפּגעריסענע, באַזונדערע עפּיזאָדן. וואָס ער, שמעון, טוט, איז נישט מער, וואָס ער שטעלט אויס די געשעע־נישן לויט זיין סדר, נישט לויטן לוח.

צו וואָס קען מען פֿאַרגלייכן וואָס ער טוט אין זיין באַשרייבונג? צו אַ יווועלירער, וואָס שנורט אויף אַ שנירל פּערל אָדער קאַרעדל (קרעלן). ער ניזשעט אָן מיט אַ סדר און אַ טאַלק: לעבן ברעג פֿון שנירל פּיצינאַנקע פּערל, נאָך זיי די

קליינע, דערנאָך די מיטעלע און אינמיטן די גאָר גרויסע פּערל. אַ גוטער יוּווי־לירער גיט אויך אַכטונג, אַז די קאָלירן זאָלן האַרמאָניזירן. דאָס איז נישט געפּאַל־שעוועט. דאָס איז די מומחהדיקייט צו קענען אַרויסברענגען די באַהאַלטענע נישט שטאַרק ניכּרדיקע שיינקייט פון די פּערל.

זיצט שמעון ביים שרייבטיש ביי זיך אין שטוב, אין איסט פלעטבוש, און ער איז באמת אין די שעהן פון שרייבן אין דעם יאָר פון דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג און אין דעם יאָר נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. באַלד נאָך דער מעשה מיט די וואַלינקעס קומט אים אַרויף אויפן זינען די דין־תורה, וואָס די מאַמע האָט געהאַט מיטביילע די אַלמנה; דערנאָך זעט ער דעם טאָג, ווען דער ברודער האָט זיך באַפרייט פון פּריזיוו, און עס ווערט אַ גרויסע שמחה אין שטוב. אין די אַלע מעשיות שטייט די מאַמע און דרייט דאָס הענטל פון דעם שפּיל־קעסטל און עס שפּילט זיך בלויז איר, דער מאַמעס ניגון. קיין ווונדער נישט — זי האָט געשריבן די נאָטן און אַליין זיי אויסגעשפּילט. און שמעון שמייכלט: די מאַמע איז געווען דער פּאַסיקער זיווג פאַרן טאַטן. אַ פּאָר פון גאָט: ער מיט זיינע וואַלינקעס, און זי מיט אירע עסקים מיט דער אַלמנה ביילע אַהרן־נחומס. בייביידן איז דער הימל געווען אַן ערדישער און די ערד איז געווען אַ הימלישע.

**
*

לייזער איטשע דער משכּיל האָט נביאות געזאָגט: „ווען דער צאַר באַטיושקאַ וועט דאַרטן כאַפּן אַ מפּלה, וועט זיך דאָ אָנהייבן די אמתע חתונה. איר׳ט זען״. ער האָט נישט אינגאַנצן געטראָפן. נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן דער פאָרשפּיל. די אמתע חתונה האָט זיך אָפּגעשפּילט צוועלף יאָר שפּעטער.

באַלד נאָכן קריג האָט זיך רוסלאַנד אַ וויג געטון: עס זענען אויסגע־בראָכן שטרייקן; עס זענען פאָרגעקומען בלוטיקע דעמאָנסטראַציעס אין די גרוי־זישע שטעט, אין די דערפער האָבן זיך די פּויערים געבונטעוועט און אונטערגע־צונדן די פּריצישע מאַיאָנטקעס. די רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט שטראָף־עקספּע־דיציעס און געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן. אַ לידל האָט מען דעמאָלט געזונגען:

„דאָס פאָלק האָט געבעטן ברויט,
דער צאַר האָט געגעבן טויט״.

די גרויסע אומרוען האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין שטעטל. די באַנען אויפן וואָקזאַל זענען נישט אָנגעקומען אין צייט, אַמאָל פּאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע טעג,

און דער יקרות איז געוואָרן גרויס, און אַ סך פּראָדוקטן, אויך עסנוואַרג, האָבן אויסגעפּעלט.

שמעון געדענקט, אַז אין יענער צייט איז ווייצן מעל געווען מיט גאָלד צו־גלייך. אָפּט האָט אינגאַנצן אויסגעפּעלט ווייס מעל און אַפילו קאָרענע געבייטלטע מעל. און די בעקערס אין שטעטל האָבן שטאַרק געליטן. ווען עס זענען אָנגעקומען אַ פּאָר וואַגאָנעס מעל, אָדער דער פּאַראַכאָד אין מאַזיר האָט געבראַכט אַ פּאָר צענדליק זעקלעך מעל, האָבן אַפילו גוטע צאָלערס געמוזט ברענגען מזומן. און קיינער האָט נישט געקראָגן וויפל מעל ער האָט געדאַרפט אָדער געוואָלט.

איין אויסנאָם איז געווען מערע. זי האָט געקראָגן פּאַר איר בעקעריי וויפל מעל זי האָט געוואָלט. און אויך איצט, ווי אַלעמאָל, האָט זי געצאָלט איין מאָל אַ וואָך — שבת־צו־נאַכט. זי האָט יאָרן־לאַנג געהאַנדלט מיט איין מעל־סוחר, ר׳ רפאל מאַזירער. ער האָט איר צוגעשטעלט וויפל זעקלעך מעל זי האָט געבעטן.

שמעון געדענקט ווי איין מאָל אַ דינסטיק איז ער געקומען צו ר׳ רפאלן אין שפּייכלער מיט אַ שליחות פון דער מאַמען: — זי דאַרף האָבן נאָך צוויי זעקלעך מעל פון דעם צוויי־נוליקן סאָרט (דאָס בעסטע ווייצענע מעל).

דאָס יינגל איז אַריין אין שפּייכלער און איז געבליבן שטיין פּאַרגאַפט ביים שוועל. דער האַלב־טונקעלער סקלאַד איז געשטאַנען אַ האַלב־פינצטערער און כמעט אינגאַנצן אַ ליידיקער. עס האָט זיך אים אַ באַמבל געטון אין קאָפּ אַ פּסוק „לשום את הארץ לשמה״ — צו מאַכן דאָס לאַנד וויסט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט פאָרשטעלן, וואָס מיינט דאָס וואָרט וויסט. הינטערן שטעטל איז געווען אַ חורבה, אַ מפולת, אָבער וואָס מיינט וויסט? איצט זעט ער עס. ס׳איז פּוסטע ליידי־קייט. עס איז נישט די ליידיקייט פון אַ דירה איידער מען קלייבט זיך אַהין אַריין. די דירה איז דאַך דעמאָלט ציכטיק־ריין און די לופט איז פול מיט דערוואַרטונג אויף די נייע שכנים. עס איז אויך נישט די ליידיקייט פון אַ דירה, וואָס מען קלייבט זיך אַרויס — דער חדר איז דעמאָלט נאָך פול מיט דעם אָטעם פון די פריערדיקע איינוווינער. אַ חורבה, אַ מפולת איז פאַרלאָזן, פאַרוואָרלאָזט, נוצלאָז — מען דאַרף עס צעוואַרפן. דאָ אין שפּייכלער איז אָבער אַ ליידיקייט, וואָס וויינט אויף דעם וואָס עס האָט דאָ געדאַרפט זיין און ס׳איז נישטאָ. נישט מער ווי אַ זכר פון פולקייט, די ווענט זענען נאָך פאַרמעלט, אויך די שויבן פון די קליינע פענצטער, הויך אונטער דער סטעליע, זענען נאָך פאַרשטויבט פון מעל. דער דיל איז קלעפּיק, צוגעדעקט מיט אַ מין קליי געמישט פון בלאָטע און מעל — אַ דיקער קליי וואָס איז שוואַרץ־ווייס. אין אַ ווינקל ליגן אומעטיק אַ פּאָר זעקלעך מעל. שמעון פילט אין חלל די ליידיקייט, וואָס עס האָבן איבערגעלאָזט די שורות זעקלעך מעל, די

זעקלעך מעל וואָס זענען געלעגן איינע אויף די אַנדערע אין אַ סימעטרישן סדר, ביז דער סטעליע. איצט איז עס וויסט, אַ פּוסטע ליידיקייט, וואָס קלאָגט אויף וואָס עס האָט געדאַרפֿט זיין און וואָס עס איז נישטאָ.

ר' רפֿאל האָט זיך אַ קער געטון צום פֿאַרשטאַרטן יינגל:

— וואָס שטייסטו אַזוי „צעזוואָמפּעט" (צעטומלט)? נשקשה ס'וועט נאָך ווידער זיין פֿול דער שפּייכלער. אָבער זאָג מיר, לערנער מיינער, די מאַמע האָט שוין טאַקע מער נישט קיין מעל אין שטוב? איך האָב דאָך איר געשיקט ערב־שבת צוויי פֿולע זעקלעך מעל.

— עס שטייט נאָך אין קיך ווייניקער ווי אַ האַלבער זאַק מעל, — האָט געענטפֿערט שמעון.

ר' רפֿאל האָט געענטפֿערט ווי צו זיך:

— עפּעס שלינגט דיין מאַמע די זעקלעך. זאָג איר, אַז ווי נאָר עס וועט קומען אייזיק דער טרעגער וועל איך צושיקן אַ זעקל מעל. מער האָב איך נישט. יאָ, זאָג איר אויך, אַז איך וועל קומען זי זען אין אָוונט, נאָך מעריב.

דערווייל איז אָנגעקומען קיילע־רייקע די בעקערין. זי מוז האָבן לכל הפּחות צוויי פּוד מעל. רפֿאל האָט איר געענטפֿערט רויק: „מער ווי אַ פּוד קען איך נישט געבן". שמעון האָט געהערט ווי זי טענהט:

— סטייטש, ר' רפֿאל, ווו איז יושר? וואָסי, מיין געלט איז קיין געלט נישט? מערען האָט איר ערב־שבת געשיקט גאַנצע צוויי זעקלעך מעל, פֿולע צען פּוד און איצט איז געקומען איר לערנער, אַז זי דאַרף ווייטער מעל, און איר גיט. און צאָלן צאָלט זי נישט קיין מזומן.

רפֿאל האָט איר געענטפֿערט געלאַסן:

— מערע האָט ביי מיר געקויפֿט מעל ווען עס איז געווען בזיל־הזול. זי איז נישט אַרומגעלאָפֿן פֿון שפּייכלער צו שפּייכלער צו קריגן מיט אַ גראָשן וועלוועלער אויפֿן פּוד. זי האָט אויך אַלע מאָל געצאָלט צו דער רגע — מוצאי־שבת נאָך הבדלה. אַ וואָרט איז ביי איר געווען אַ נדר, איצט צאָל איך איר אָפּ פֿאַר אַלע יאָרן פֿון ערלעכן האַנדל.

— ערלעכן האַנדל, — האָט קיילע־רייקע געענטפֿערט גאַליק. זי האַנדלט איצט מיט אייער מעל, פֿאַרדינט גרודעס גאָלד אָן אייער מעל. אַ מזל פֿון אַ מענטשן, — שעכט און בלייבט גערעכט.

— איך גלייב עס נישט, — האָט ר' רפֿאל געענטפֿערט.

— גייט און פֿרעגט זי.

— איך וועל טאַקע היינט נאָך מעריב זיין ביי איר.

אין אָוונט נאָך מעריב איז ר׳ רפאל געקומען צו מערען אין שטוב. מערע האָט אים אויפגענומען מיט אַ ברייטן ברוך הבא, אים געבעטן זיצן און געזאָגט איילנדיק:

— אַט, שוין, ר׳ רפאל, דערלאַנג איך אייך אַ גלאָז טיי. מיר שטעלן נישט דעם סאַמאָוואַר אין מיטן אַ דינסטיק, אָבער עס שטייט אַ קאָכעדיקער הליאַק אין אויוון.

ר׳ רפאל האָט זיך אַפילו נישט צוגעזעצט און געזאָגט בייזלעך:

— איך בין נישט געקומען צו דיר טרינקען טיי, מערע, איך בין געקומען זיך קריגן מיט דיר. הײַנט האָבן מיר דינסטיק אויף דער וועלט. ערב־שבת, שוין נאָך האַלבן טאָג, האָב איך דיר געשיקט צוויי זעקלעך מעל. הײַנט האָב איך דיר געשיקט נאָך אַ זעקל מעל. אַ קימא לן פון פופצן פוד מעל אין דריי טעג. ווייל פרייטיק האָסטו נאָך קיין צייט נישט געהאַט נוצן דאָס צוגעשיקטע מעל. זע איך, אַז דאָס נײַע זעקל שטייט שוין ביי דיר אָן אָנגעהויבנס. זאָג־זשע מיר, ווי קענסטו אויסבאַקן דריי־פערטל זעקל מעל אַ טאָג?

— אייער חשבון שטימט נישט, ר׳ רפאל, — האָט געענטפערט מערע. — מאָרגן איז שוין מיטוואָך און איך האָב שוין פאַראָשטשינעט מאָרגנדיקן געבעקס.

— וואָס ווילסטו מיר פאַררײדן די ציין? — האָט ר׳ רפאל געענטפערט שוין באמת בייז. איך זע נאָך די געשטעלטע מולטערס, אַז דו באַקסט נישט אויס אַזוי פיל מעל וויפל דו קריגסט ביי מיר. איך האָב געהערט, אַז דו האַנדלסט מיט מיין מעל הינטער מיינע פּלייצעס. פע, מערע, אויף דיר האָב איך עס זיך נישט געריכט.

שמעון איז געשטאַנען און געקוקט אויף דער מאַמען. זי איז אומרואיק גע־וואָרן. זי האָט, ווי אַלע מאָל, ווען זי האָט געדאַרפט עפּעס איבערטראַכטן, איבער־געבונדן דעם קנופּ פון איר טיכל, פאַרשטייפט די ליפּן און געווישט די האַנט אָן פאַרטוך און געשוויגן.

ר׳ רפאל האָט אַ זיפץ געטון טרויעריק:

— איך זע, מערע, אַז ס׳איז אָן אמת. דו שוויגסט. איז עס דער אמתער סימן. איך וועל דיר אָנהייבן צוטיילן מעל אויפן לויט.

די מאַמע האָט געקראָגן לשון. זי האָט אָנגעהויבן ריידן אימפּעטיק:

— נו, ר׳ רפאל, איך וועל אייך קיין ליגן נישט זאָגן. איך פאַרקויף טאַקע אייער מעל, אָבער איך האַנדל נישט, חלילה, מיט דעם. איך בין נישט געוואָרן קיין סוחרטע הינטער אייערע פּלייצעס. אמת, איך פאַרקויף דאָס מעל, אָבער איך פאַרדין נישט קיין גראָשן אָן דעם.

ר׳ רפאל האָט זי אָנגעקוקט מיט חשד און געזאָגט:

— דו פֿאַרקויפֿסט דאָס מעל, אָבער דו האַנדלסט נישט. די פֿאַרקויפֿסט דאָס מעל און דו פֿאַרדינסט נישט. אַז מען פֿאַרקויפֿט עפּעס, האַנדלט מען מיט דעם און אַז מען האַנדלט, פֿאַרדינט מען. קיינער האַנדלט נישט גלאַט אַזוי.

— פֿאַרשטייט מיך, ר׳ רפאל, — האָט מערע געענטפֿערט שוין זיכער און קלאָר. — איך פֿאַרקויף און פֿאַרדין טאַקע. אָבער ס׳איז נישט קיין האַנדל. איך פֿאַרדין אַ מצווה, און די מצווה טייל איך זיך מיט אײַך, אין האַרצן, האַלב אויף האַלב. גאָט ווייסט דעם אמת.

ר׳ רפאל האָט זיך צוגעזעצט און געזאָגט:

— מילא, דערלאַנג שוין אַ גלאָז טיי. איך בין שוין אַ בעלן צו הערן אַ מעשה ווי אַזוי דו פֿאַרקויפֿסט אָן אַ ריווח. פֿאַרדינסט נאָר אַ מצווה.

מערע האָט דערלאַנגט טיי און אָנגעהויבן רײדן בנעימותדיק:

— ביילע אַהרן נחומס, די אַלמנה, קענט איר דאָך.

ר׳ רפאל האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: „ווי אַ בייזן שילינגער, ווי דעם וואָכערניקס אַ קוויטל״.

— נו, איך ווייס, איר אַלע האָט זי ליב ווי רויך אין די אויגן, — האָט מערע געזאָגט מיט פֿאַרדרוס. — ווער האָט עס ליב אַ קבצן, אַ מרה־נפֿשניק? קיין גוטע צאַלערין איז זי קיינמאָל נישט געווען. אַז אַלע מאָל האָט איר געפֿעלט. אַ שטוב מיט פֿינף מוידן — איינער עלטער פֿאַר דער אַנדערער. זי האָט נעבעך געמוזט בלייבן שולדיק אַלע קרעמער. און אַז זי האָט געהאַט דעם מזומענעם גראָשן, האָט זי געזוכט ווו וועלוועלער. זי האָט אויסגעקאָכט דאָס וואַסער אין בויך ביים קרע־מער. איצט רעכנט מען זיך אָפּ מיט איר. וווהין זי קומט נאָך מעל זענען פֿאַראַן בילכערע פֿון איר. ווען איך טייל זיך מיט איר נישט דאָס מעל, וואָלט זי אויסגע־גאַנגען פֿון הונגער. אַן אַלמנה מיט פֿינף איבערגעוואַקסענע טעכטער און זאָל דאָס כאַטש עמעצן אין אַ גאַנצער יידישער שטאָט אַרן.

— צאָלט זי כאָטשבי? — האָט ר׳ רפאל געפֿרעגט.

— מיר צאָלט זי אין צייט — האָט געענטפֿערט מערע.

ר׳ רפאל האָט אַ זיפֿץ געטאָן:

— זע דײַן מצווה זאָל דיר נישט קאָסטן צו טייער, גבירטע מײַנע. פֿאַרגעס נישט, אַז דו האָסט צען מיילער צו קאָרמענען. און זע, גיב אַכטונג, אַז מײַנע אַנדערע קונים זאָלן זיך נישט דערוויסן. עס וועט ווערן אַ ויצעקו.

— איך וועל האַלטן סוד, — האָט מערע צוגעזאָגט. — אָבער איך מיין, אַז עס איז אַן עוולה, וואָס מען פֿאַרקויפֿט איר נישט קיין מעל — האָט זי צוגעגעבן מיט פֿאַרדרוס — אַן אַלמנה מיט פֿינף מוידן לאָזט מען נישט אויפֿן וואַסער. אַ

שטאָט מיט ייִדן, מיט דריי בתי־מדרשים אָנגעפּראָפּט מיט דאַוונערס, אָבער אַז עס קומט צום פּינטעלע — איינשטעלן אַ פּאָר גראָשן, זאָל מיר גאָט נישט שטראָפן פאַר די בייזע רייד, איז עס ווי אין סדום.

ר׳ רפאל האָט אַ לאַך געטון:

— ביסט דאָך אַ פּאָר צו דיין מאַן מיט די וואַלינקעס.ביידע זוכט איר יושר אויף דער וועלט. ביידע ווילט איר איבערמאַכן די וועלט.

די מאַמע איז אין כעס געוואָרן:

— וואָס פּאַר אַ פאַרגלייך? אַן אים האָט מען נישט אונטערגעגנייט קיין וואַ־לינקעס? האָט מען אויפגעהערט שיסן אויפן אַמור? אָבער דאָ, ווען נישט איך, שטאַרבט די אלמנה פון הונגער. קיינער וואָלט נישט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פינגער אָן אַ פינגער. אפילו צולייגן אַ פּעדער צו איר נאָז ווען זי גוססט, וואָלט זיך נישט געפונען ווער.

ר׳ רפאל האָט זיך אויפגעשטעלט און גערעדט גוטמוטיק:

— זעט נאָר ווי זי כעסט זיך! איך האַלט זיך ביי מיינס: גאָט זיצט אויבן און פּאַרט אונטן. דו ביסט נישט קליגער פון דיין מאַן. קוקט זיי נאָר אָן — צוויי קבצנים, דלפנים, אַ שוסטער און אַ בעקערין ווילן איבערמאַכן די וועלט. זי געפעלט זיי נישט! אָבער אַזאַ יאָר אויף מיר ווי איר ביידע געפעלט מיר.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, אויסגעשטרעקט די האַנט, אַ קוש צו טאָן די מזוזה און אָפּגעשטעלט זיך:

— געדענק, מערע, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט. האַלט סוד, צעפּויק נישט פאַר דער וועלט, אַז דו טיילסט זיך מיט מיין מעל מיט ביילען. איך וועל זיך פאַר מיינע קונים נישט קענען אָפּוואַשן מיט צען וואַסערן. אַ גוטע נאַכט.

שמעון טראַכט איצט, ווען ער שרייבט וועגן יענער געשעעניש: עס וואָלט געווען אַ שיינע מעשה ווען דאָס וואָלט געווען דער סוף. אָבער עס איז דאָ נאָך אַ שענערער סוף. און עס איז גוט וואָס עס איז דאָ אַזאַ שיינער סוף, ווייל אַז נישט, וואָלט די וועלט געמיינט, אַז בלויז שמעונס טאַטע־מאַמע זענען געווען באַטרונ־קענע פון צדקות. נאָר זיי זענען דאָס געווען די עפּלביימער אין מיטן אַ וואַלד פון פּוסטע ביימער. אָבער ס׳איז נישט געווען אַזוי. צדקות איז געווען די נאַרמע אין שטעטל. אַלע האָבן מקנא געווען דעם פרומען, דעם גוטן און ערלעכן מענטשן. אודאי זענען נישט אַלע געווען גוט און פרום און ערלעך, אָט פּונקט ווי אין אַ געזעלשאַפט וווּ מען איז מקנא דעם גביר זענען נישט אַלע רייך.

## װאָרצלעו

***

ערב שבועות, באַלד נאָכן אָנבייסן, איז די אַלמנה אַריינגעפאַלן צו מערען אין שטוב און אַרויסגעפּלאַצט אין איין אָטעם:

— מערע, דו מוזט מיך ראַטעווען!

— וואָס איז געשען? — האָט מערע געפרעגט מיט שרעק.

— אַ צרה, אַן אומגליק, אַ שלאַק האָט מיך געטראָפן, — האָט זיך ביילע צעלאָזן אויפן קול, — דו ווייסט דאָך, אַז איך טראָג־צו צוויי געבעקס בולקעס אַלע טאָג צו די פּאַניעס אויפן וואָקזאַל. טראָגט אַוועק היינט מיין שרהקע צוויי גרויסע אָנגעפּאַקטע קאָשיקעס — איבער פופציק פונט. זי האָט אפילו געדאַרפט נעמען אַ פור פאַר דער משא און באַצאָלט דעם בעל־עגלה אַ זילבערנעם גילדן. די צוויי אָנגעפּאַקטע קאָשיקעס זענען געווען געגנוג פאַר די „ראַבאָטשע" איבער די צוויי טעג יום־טוב. דוכט זיך גוט און וויל. אָבער אַ דונער פון קלאָרן הימל האָט מיך דערשלאָגן. דער „אופּראַוולאַיושטשע" טוט אַ זאָג קאַלטבלוטיק צו שרהקען: „זאָג דער מאַמען דיינער, אַז זי מוז מיר ברענגען מאָרגן נאָך אַ פּוד בולקעס". הייבט אָן מיין שרהקע איינטענהן מיט אים: „מאָרגן איז דאָך יום־טוב". ענטפערט ער: „נו, איז ברענג עס היינט פאַרנאַכט". וואָסי? עס דאַרף אָנקומען מיטן פאַרנאַכטיקן פּאַיעזד נייע „ראַבאָטשע". טענהט איין מיט אים מיין שרהקע: „ווו וועלן מיר נעמען מעל? ס'איז דאָך ערב יום־טוב און ס'איז בכלל אַ דוחק אויף מעל, און ווען אַפילו איך זאָל קריגן מעל, ווי וועלן מיר אויספּייען ראָש־טשינען טייג, וואַרטן ביז עס וועט אויפגיין און אויסבאַקן? מאָרגן איז דאָך יום־טוב ביי אונדז, באַקן מיר נישט און פאַרקויפן נישט". ענטפערט ער מיט אַ גזלנישער רויקייט: „וואָס דרייסטו מיר אַ קאָפּ מיט דיין ידישן „פּראַזדניק". איך קען קריגן בולקעס ערגעץ אַנדערש". דו ווייסט דאָך וואָס ער מיינט! ער וועט קריגן בולקעס ביים גוישן בעקער. מער פעלט מיר נישט, דער ערל זאָל אַריינשטעקן אַ פוס אין וואָקזאַל.

ענטפערט די מאַמע מיט אַ זיפץ:

— ס'איז טאַקע אַ טרויעריקער ענין, ביילע, אָבער וואָס קען איך דיר העלפן? ווייסט דאָך, מיטן מעל האָב איך זיך מיט דיר צעטיילט. נאַ, זע, די קיך איז ריין פון מעל ווי ערב פּסח נאָכן פאַרברענען דעם חמץ. מיין געבעקס איז שוין האַלב אויספאַרקויפט. איך ווייס נישט צי עס איז געבליבן אַ האַלבער פּוד בולקעס אין די מולטערס אין מאַרק. עפּעס אַן אויסכאַפּעניש איז היינט געווען אויפן מאַרק. איך קען דיר העלפן קרעכצן.

## שלמה סײמאָן

ענטפערט די אלמנה װײך:

— װאָס מײנסטו, מערע, איך בין משוגע, צי חסר דעה און איך װײס גאָר נישט, װאָס עס טוט זיך אַרום מיר? אָבער איך זוך נישט קײן מעל, װאָס װעט מיר העלפן אַ פּוד מעל? זאָג מיר נאָר צו, אַז דו װעסט נישט װערן אין כעס װעל איך דיר זאָגן מיט װאָס דו קענסט מיר העלפן.

קוקט איר אָן די מאַמע פאַרחידושט און ענטפערט:

— װאָס רעדסטו עפּעס פון אין כעס װערן? װײסט דאָך, אַז אויב איך װעל דיר קאָנען העלפן, װעל איך דיר העלפן.

זאָגט די אלמנה מיט אַ ניגון:

— מירן שוין זען צי דו װעסט זיך אויפקאָכן צי נישט?

— צי זשע נישט די עצמות, — האָט שוין די מאַמע געזאָגט אומגעדולדיק, — זאָג שוין װאָס דו װילסט.

ציײגט אָן די אלמנה מיט אַ פינגער:

— אָט שטײט בײ דיר אַ פאַרקנאָטענע טײג. ס'איז מער װי אַ פּוד אין מולטער. איך קען עס אויסבאַקן אין אײנע צװײ שעה און אָװעקטראָגן.

די מאַמע האָט געענטפערט בײז:

— ביסט טאַקע אַראָפּ פון זינען. פראָסט משוגע און חסר־דעה. זי זאָגט זיך אַזױ רויק: „אָט שטײט בײ דיר אַ פאַרקנאָטענע טײג" — דאָס איז דאָך די טײג פאַר די מילכיקע שבועותדיקע קיכלעך.

— ביסט דאָך טאַקע אין כעס געװאָרן. דו הערסט מיט װאָס פאַר אַ בײזקײט דו רעדסט? — האָט זיך די אלמנה אָנגערופן מיט נצחון.

— װער איז בײז, װער איז אין כעס? — האָט מערע אויסגעשריען. — אָבער זאָג מיר, װי פאַלט דיר גאָר אײן אַזאַ געדאַנק? װאָס פאַר אַ יום־טוב װעט בײ מיר זײן אָן מילכיקע געבעקסן?

די אלמנה האָט זיך פאַראַנדערגעװײנט און געענטפערט מיט פאַרדרוס:

— און װאָס פאַר אַ יום־טוב װעט בײ מיר זײן, אַז דער גױישער בעקער װעט בײ מיר צונעמען די חיונה? און װאָס, מײנסטו, װעל איך און מײנע פינף טעכטער עסן הײנטיקן שבועות? פּאַסטאַליקעס מיט סמעטענע? איך האָב אָנגעגרײט געװנוג געבײטלטן ברױט. דו מוזט אָבער האָבן קיכלעך אויף יום־טוב. אַלץ קומט דיר: אַ מאַן, אַ זון אַ לערנער און אַן אָפּגעקעלבטע בהמה. און װאָס האָב איך? פינף דערװאַקסענע מױדן, װאָס די יינגסטע האָט שוין געמעגט הערן קלעזמער פאַר פינף־יאָרן.

די מאַמע איז געבליבן שטיין אַ בלייכע און געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן אויף דער אלמנה, וואָס האָט געכליפּעט אין זיך. עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווײַלע, די אלמנה האָט געכליפּעט און די מאַמע האָט געביסן די ליפּן מיט פּאַרדרוס. סוף כל סוף האָט זי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— נעם דאָס טײַג און באַוויין מיך נישט. אפשר וועל איך זיך אַן עצה געבן. אַגישט וועט זײַן אַ שבועות אָן קיכלעך. אַלץ איינס וואָלט זיך מיר שוין געשטעלט דער ביסן אין האַלדז.

ווי נאָר די אלמנה האָט עס דערהערט, זענען בײַ איר די אויגן טרוקן געוואָרן. אָן אַ סימן פון געוויין האָט זי אויסגעשריגן צו שרהקען און דוואָשען, אירע צוויי עלטערע טעכטער, וואָס זענען געשטאַנען אין דרויסן אונטערן פענצטער:

— קומט און העלפט טראָגן די מולטער טייג.

ווען די אלמנה איז אַוועק האָט זיך מערע אַ קער געטון צו שמעונען:

— נו, וואָס טוט מען איצט? גיי אין מאַרק און זע צי עס איז עפּעס געבליבן אין מולטער געבעקס. הייס רחל־לאהן ברענגען די בולקעס אַהיים.

ס'איז גאָרנישט נישט געבליבן. עס איז טאַקע געוועזן די אמתע אויסכאַפּעניש יענעם ערב שבועות. די מאַמע איז אַוועק צו ר' רפאלן.

ער האָט זי אויסגעהערט און אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער:

— איך וועל ווייטער זאָגן דאָס אייגענע: דו האָסט זיך צעקאָכט ווען דער מאַן דײַנער האָט נישט געוואָלט אונטערנייען קיין וואַלינקעס. דו ביסט בעסער פון אים? דוכט זיך אַזוי אויפן קוק אַ גאַנץ קלוגע ייִדענע, אָבער עס שטעקט אין דיר דער נאַר.

די מאַמע איז געוואָרן בייז:

— וואָס זאָגט איר מוסר, ר' רפאל? וואָס קומט מיר, אַז איך קען נישט צוזען קיין אלמנהס טרערן. אַ פאַרגלייך מיט די וואַלינקעס! ווער איז געשטאַנען איבער אים און געוויינט? זאָגט זשע מיר בעסער צי איר האָט מעל פאַר מיר.

ר' רפאל האָט געקוקט מיט לאַכנדיקע אויגן אויף דער מאַמען:

— ס'וואָלט געווען אַ יושר דיך גוט אַנצולערנען. הונגער מיט די קינדער א יום־טוב. אָבער זאָל מיינס אַריבער. עס שטייט בײַ מיר אין שפּײַכלער אַ פּאָר זעקלעך פּשוטע מעל. קיין מראה וועט דײַן געבעקס נישט האָבן, אָבער אַ טעם יאָ. נעם וויפיל דו ווילסט.

***

דעם צווייטן טאָג שבועות, שפּעט נאָך וואַרעמס, איז אַרײַנגעקומען בײַלע די אלמנה צו מערען אין שטוב. אַ פריילעכע, אַ יום־טובדיקע, אַ שיינענדיקע האָט זי

זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן סאַליע, פאַרלייגטביידע הענט אויפן פאַרטוך און אַ זאָג געטון:

— נו, מערע, וויפל וועסטו מיר רעכענען פאַר דעם טייג, וואָס איך האָב ביי דיר גענומען ערב יום־טוב?

— וואָס עפּעס פאַר אַ רעכענען זיך אין מיטן יום־טוב? האָט מערע געפרעגט פאַרוווּנדערט.

ענטפערט ביילע

— אַז איך קען זיך נישט איינהאַלטן, עס רופט מיך. איך וויל וויסן וויפיל וועסטו מיר רעכענען, אָבער צו דער קאָפּיקע, ווייל איך וועל דיר דערציילן עפּעס שיינס, אַזוינס אויף וואָס דו וואָלסט זיך קיינמאָל נישט געריכט אין דיין לעבן.

מערע האָט געענטפערט נישט צופרידן:

— עס וועט נישט אַנטלויפן, אויב דו וועסט עס אָפּלייגן אויף מוצאי יום־טוב. און בכלל, וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו רעכענען זיך? דו ווייסט וויפיל מעל איך האָב פאַרנוצט, און דו ווייסט דעם מקח פון אַ פּוד מעל היינטיקע צייטן. האָסט דאָך גענומען פון דעם זעלביקן זאַק מעל נאָך פאַר יום־טוב.

ביילע האָט געדרייט מיטן קאָפּ:

— היינטיקן מאָל האָסטו נישט געטראָפן. דו וועסט מיר רעכענען פאַרן היזון, פאַרן זאַלץ, פאַר דער סיראָוועטקע, פאַרן מאַלץ; און דאָס שטיקל פּוטער, וואָס דו האָסט אַריינגעלייגט גייט אויך נישט צופּוס. דערצו נאָך וועסטו קריגן צוגעלייגט אַנדערטהאַלבן רובל.

די מאַמע האָט זי אָנגעקוקט מיט חידוש:

— וואָס עפּעס פאַר אַ וואָרפן זיך מיט געלט אין מיטן דרינען? ווו האָסטו גענומען איבעריקע צען גילדן?

— ווייל איך וועל דיר ווייזן, — האָט די אלמנה אָנגעהויבן רעדן מיט תקי־פות, אַז ביילע אהרן־נחומס, וואָס מ׳זאָגט אויף איר אַלץ וואָס אין קאָרט שטייט: אַ שלעכטע צאָלעריק, אַן אָנזעצעריק, אַ יידענע אַ ביטערע ציבעלע, וואָס וויל שטענדיק אָפּדינגען, וואָס קאָכט אויס דאָס וואַסער אין בויך. וואָס זאָגט מען נישט אויף מיר? וויל איך דיר ווייזן, אַז גאָט העלפט מיר, בין איך אויך אַ מענטש. שלאָג מיך נישט איבער אין מיטן און הער אַ שיינע מעשה, מערע. די בולקעס, וואָס איך האָב אויסגעבאַקט פון דיין טייג, זענען געפעלן געוואָרן די פּאַניעס. „אַז זיי זענען גאָר נישט קיין בולקעס", האָבן זיי געטענהט „עס זענען אמתע פּי־ראָזשנעס". פאַרשניאַשקעט זענען זיי געוואָרן, האָבן זיי געגעבן מיין שרהקען דריי רובל נאַ טשאַי (טרינק־געלט, אויף טיי). „מיר זענען ערלעכע מענטשן", האָבן זיי

זיך צעדבערט, „און מיר צאָלן נישט פאַר פּיראָזשנעס ווי פאַר בולקעס. מירן נישט אָפּנאַרן קיין „ביעסטשאַסטנע זשענשטשינע" (אַן אָרעמע אומגליקלעכע פרוי). ווען מיין שרהקע האָט נישט געוואָלט נעמען ביי זיי די אַסיגנאַציע, האָבן זיי זיך באַליידיקט. „וואָס מיינסטו, דו ווילסט ביי אונדז נישט נעמען קיין „נאַטשאַי", דו פאַרשעמסט דאָך מענטשן".

— דריי רובל נאַטשאַי? — פרעגט מערע אומגלויבלעך.

— גאַנצע דריי רובל, מערע, זאָל איך אַזוי האָבן נחת פון מיינע מוידן. זאָג איך: היינטיקס מאָל האַלב אויף האַלב. מיר צען גילדן און דיר צען גילדן. ווען נישט דיין טייג, וואָלט איך דאָך געהאַט אַ פייג, נישט קיין געבעקס פאַר זיי. איך וויל טאַקע אַלעמען וויזן, אַז אין דער אמתן בין איך נישט אַזאַ מרשעת ווי זיי מיינען. נישט מער, איך בין אַ קבצנטע, אַ דלפנטע, אָבער אַז גאָט העלפט מיר, האָב איך אויך יושר.

די מאַמע האָט זי אויסגעהערט און געענטפערט רויק:

—אַ גרויסן דאַנק דיר,ביילע, פאַר דיין גוט האַרץ. ס'איז אוודאי שיין פון דיין צד. אָבער מיין מצווה פאַרקויף איך נישט פאַר צען גילדן. דער „נאַ־טשאַי" איז דיינער.

— צדקת מיינע, — האָט זיך ביילע אָנגערופן שפּאָטיש, — צען גילדן גייען ביי דיר צופּוס?

די מאַמע האָט איר געענטפערט באַהאַרצט:

— הער נאָר, ביילע, איך האָב דיר אָוועקגעגעבן דעם ביסן פון די קינ־דערשע מיילער. איך האָב היינטיקן שבועות שטיינער, נישט קיין קיכלעך. איך האָב עס געטאָן ווייל איך האָב נישט געקענט צוזען דיינע טרערן און געהאָפּט, אַז גאָט וועט עס צורעכענען צו מיינע מצוות, קומסטו און ווילסט מיר באַצאָלן אָט שוין אויפן אָרט פאַר מיין מצווה. ניין, קיין מצווה פאַרקויף איך נישט.

— ביילע האָט אָנגעהויבן ליאַרעמען:

— קוק נאָר אָן די צדקת אין פּאַסטעלעס! וועסט האָבן אַ גרעסערע מצווה צו קויפן שיך פאַר דיין לערנער, וואָס גייט מיט די פינגער אין דרויסן!

— נישט פון אַזעלכע געלטער — האָט די מאַמע געענטפערט שאַרף.

ביילע איז אויפגעשפּרונגען אָן אָנגעצונדענע:

— נישט פון אַזעלכע געלטער? וואָס איז דער מער מיט אַזאַ געלט? עמעצער וואָלט, חלילה, געמיינט, אַז די מויד האָט עס געקראָגן פאַר זינדיקן. טפוי זאָל עס זיין! ס'איז כשר פאַרדינט געלט. מיר קנעטן און באַקן, פּאַקן און שלעפּן אָנגעלאָדענע קאָשיקעס צום וואָקזאַל, מיר רייסן זיך אונטער די קישקעס שלע־

פּנדיק. יעדער גראָשן איז אויסגעווייקט נישט אין שוויס, נאָר אין דעם „קליאָק", וואָס מיר ציִען אַרויס פון אונדזערע ביינער האָרעוועגדיק. ביי איר איז עס „אַזעל־כע געלטער". ווּעסט ביי מיר שוין נעמען די צען גילדן.

צו שמעונס הידוש האָט די מאַמע דווקא געענטפערט רויִק אויף די געשרייען:

— מעגסט ליאַרעמען, מעגסט מאַכן סקאַנדאַלן וויפל דו ווילסט, אָבער איך נעם נישט קיין איבעריק געלט פון דיר. איך פאַרקויף נישט קיין מצוות.

ביילע האָט זיך צעוויינט:

— איך האָב געשווירן: האַלב אויף האַלב. איך האָב אַ נדר געטאָן. איך מעג דאָך אויך פאַרדינען אַ מצווה. אַלץ קומט דיר: אַ מאַן האָסטו, אַ לערנער אַ זון האָט דיר גאָט געשענקט, די בהמה האָט זיך אָפּגעקעלבט און מעלקט זיך, קיין עין־הרע נישט, — ווילסטו זיך נאָך אָנשטאָפּן מיט מצוות אויף יענער וועלט. וואָס האָב איך? פינף מוידן, האָרץ עסעניש, גריזאָטע, קריגערייען — נחת אויפן פּוד... מעגסט מיר פאַרגינען אַ מצווהלע. ס'איז דיר רק ווייניק, ווילסט אַריינכאַפּן די גאַנצע וועלט.

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט ווי אַ קליעשטש? — האָט די מאַמע גערעדט מיט פאַרדרוס. — איך זאָג דיר, אַז דיין וויינען וועט דיר היינטיקס מאָל נישט העלפן. ווּעסט ביי מיר היינט נישט אויספירן. איך זאָג דיר מיטן האַרבן וואָרט: איך פאַרקויף נישט קיין מצווה.

— אָבער איך האָב אַ נדר געטון — האָט ביילע זיך אַ צאַפּל געטון מיט שרעק.

— גיי צום רב, וועט ער דיר מתיר־נדר זיין.

אַן עולם האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקלייבן הינטער די אָפענע פענצטער. ביילע האָט זיך צעלאָזן אויף די העכסטע קולות:

— ביסט אַן אכזרטע, מערע, דו האָסט אַ האַרץ פון אַ טאָטער. ווען אַ מענטש זאָל זיך אויסציִען פאַר דיינע פיס, ווּעסטו אים נישט געבן קיין קאַלטן טרונק וואַסער צו דערהאַלטן די נשמה. דו פאַרגינסט נישט קיינעם דעם ביסן אין מויל. ווילסט נאָר אַלץ פאַר זיך.

די מאַמע האָט זיך אָנגעהויבן בעטן:

— ביילע, שריי נישט, זידל זיך נישט. וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך דיר געטון אין דיין גאַנצן לעבן? מען וועט זיך דאָך צונויפלויפן פון דער גאַנצער שטאָט אויף אונדזער בייז ווונדער. לייט וועלן דאָך מיינען, אַז איך האָב דיך באַגזלט אָדער באַגנבעט.

ביילע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן.

— ביי דיר איז עס אַלץ גאָרנישט, וואָס דו טוסט מיר אָפּ. זאָל מען זיך צונויפלויפן. זאָל די גאַנצע וועלט וויסן פון דיין רשעות. איך האָב זיך נישט וואָס צו שעמען. דו שעם זיך. אָט וועל איך אַרויסשטעקן דעם קאָפּ דורכן אָפּע־נעם פענצטער און עס צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט.

ביילע האָט זיך אַ קער געטון צום פענצטער און זי האָט דערזען ווי ר׳ געצל גייט אין שול. זי האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט:

— איך ווייס שוין וואָס צו טון. אָט גייט ר׳ געצל. איך רוף אים שוין אַריין און זאָל ער פּסקענען ווער עס איז גערעכט.

מערע האָט זיך אַ לאָז געטון זי אָפּצושטעלן. אָבער ביילע איז שוין געווען פון דער אַנדערער זייט טיר.

**
*

ר׳ געצל איז אַריין אין שטוב און נאָך אים די אלמנה. די מאַמע איז גע־שטאַנען אַ צעטומלטע און אַ פאַרשעמטע. זי האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— זיצט, ר׳ געצל. איר זענט שוין יאָ ביי מיר אין שטוב, וועל איך אייך דערלאַנגען טיי. עס איז, חלילה, נישט געווען מיין איינפאַל אייך מטריח זיין, אַנטקעגן מיין ווילן האָט זי אייך אַריינגערופן. אָבער אַז איר זענט שוין יאָ דאָ, זאָגט איר, אַז זי זאָל זיך אָפּטשעפּען פון מיר. אייך וועט זי פאָלגן.

ביילע האָט אַ מאַך געטון מיט די הענט:

— פּסקן נישט קיין שאלות פאַר ר׳ געצלען. דערלאַנג טיי און זאָל דער רבי אויסהערן ביידע צדדים.

ר׳ געצל האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַ קוק געטון מיט זיינע קלוגע, אַלטע אויגן אויף די צוויי ווייבער, געעפנט דאָס טאַבאַק־פּושקעלע, גענומען אַ שמעק טאַבאַק, אַ נאָס געטון און געזאָגט:

— איך האָב געהערט, אַז איר ביידע לעבט צווישן זיך ווי טייבעלעך, באַ דיר גאָר אַ קריגעריי אין מיטן יום־טוב און איר דאַרפט שוין האָבן אַ בורר. וואָסי, איר קענט זיך שוין נישט צעטיילן מיט אייערע אָקרעגטן אויפן ים?

מערע האָט אַ זיפץ געטון:

— רבי, זי האָט זיך אָנגעטשעפּעט ווי אַ קלעשטש. זי וויל דווקא...

ביילע האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד:

— מערע, ס׳איז דאָך צו דיר אַרויפגעקומען אַזאַ גרויסער גאַסט, פאַרוואָס

דערלאַנגסטו אים נישט די געשמאַקע, קרוכלע קיכלעך, די גוט־פאַרברווינטע פּאַסטאַליקעס? און ווו איז דיין באַבקע?

די מאַמע איז רויט געוואָרן און ר׳ געצל האָט זיך אַ בייזער געטון:

— פּע, ביילע, דו ווילסט דאָך מבייש זיין אַ מענטשן. און אַז מען האָט נישט קיין פּאַסטאַליקעס און קיין מילכיקע קיכלעך, איז דער שבועות קיין יום־טוב נישט?

ביילע האָט געענטפערט מיט תקיפות:

— איך פאַרשעם זי נישט, רבי. חלילה. זי ווייסט וואָס איך מיין. קוקט זי נאָר אָן ווי זי שטייט אַ רויטע ווי אַ בוראַק. ווייסט איר פאַרוואָס? קיכלעך האָט זי? עס ליגן ביי איר ציגל, שוואַרץ ווי די ערד, געבאַקן פון פּשוטן מעל. און ווייסט איר פאַרוואָס? זי האָט דאָך מיר אָוועקגעגעבן איר יום־טובדיקע טייג.

און ביילע האָט אָנגעהויבן דערציילן פון אָנהויב, פון ווען זי איז געקומען ערב שבועות צו דער מאַמען, ביז איר אָנבאָט צו טיילן זיך מיטן „נאַ טשאַי״. זי האָט דערציילט מיט האַסט און אויפן קול. ר׳ געצל, וואָס איז געזעסן אויף אַ האַלבן שטול, האָט זיך אַ רוק געטון, זיך אָוועקגעזעצט ברייטלעך אויפן שטול. וואָס מער ביילע האָט זיך צעקאָכט, אַלץ מער האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן. ווען ביילע האָט געענדיקט דערציילן, האָט זיך ר׳ געצל אַ קער געטון צו מערן:

— ס׳איז אמת וואָס זי דערציילט?

— ס׳איז אָן אמת, רבי — האָט מערע געענטפערט. — ביילע איז אַ טומ־לערין, אַ שרייערין, אָבער נישט קיין ליגנערין.

ר׳ געצל האָט זיך ערשט איצט אויף אַן אמת נחתדיק צעשמייכלט. ער האָט אַ גלעט געטון די באָרד און געזאָגט:

— הערט זשע, ווייבער, עס האָט זיך שוין אַמאָל פאַרלאָפן כמעט די זעל־ביקע מעשה. דער מדרש דערציילט: ווען אלכסנדר מוקדון איז געווען אין לאַנד קאַצי, זענען געקומען צום מלך פון קאַצי צוויי מענטשן צו לאָדן זיך. דער ער־שטער מאַן האָט געטענהט:

— אדוני מלך, משפּט צווישן אונדז. איך האָב געקויפט אַ פעלד פון מיין שכן. אָט שטייט ער פאַר אייך. און עס איז געווען, ווען איך האָב געאַקערט דאָס פעלד, האָב איך געפונען אַן אוצר. בין איך געקומען צו מיין שכן און געזאָגט צו אים: „איך האָב געפונען אַן אוצר אין דיין פעלד, און איך האָב ביי דיר גע־קויפט אַ פעלד, אָבער נישט קיין אוצר״. ענטפערט מיר מיין שכן: „האַלט זיך מיטן אוצר, ער איז דיינער. איך האָב דיר פאַרקויפט דאָס פעלד און אַלץ דערין.״

האָט דער קעניג פון קאַצי געפרעגט דעם פאַרקויפער:

## וואַרצלעו

„איז עס אמת, וואָס דער קויפער האָט דערציילט?"

האָט ער געענטפערט׳ „אמת".

האָט דער קעניג געפרעגט דעם קויפער:

„אפשר האָסטו אַ זון אָדער אַ טאָכטער וואָס שטייט אין שידוכים?"

האָט געענטפערט דער קויפער: „איך האָב אַ טאָכטער, וואָס מעג שוין אַ כלה זיין".

האָט דער קעניג געפרעגט דעם פאַרקויפער:

— „האָסטו אַ זון, וואָס שטייט אין שידוכים?"

„יאָ, איך האָב אַ זון אין עלטער פון חתונה האָבן".

האָט דער קעניג געפסקנט:

„זאָלן די קינדער זיך נעמען און דער אוצר זאָל זיין זייער נדן".

— פאַרשטייט איר מיך, — האָט ר׳ געצל געזאָגט צו די צוויי ווייבער — די מעשה איז די אייגענע ווי דאָ ביי אייך, אַ דין־תורה וועגן געלט, וואָס קיינער וויל נישט האָבן. אָבער דער פסק־דין פּאַסט זיך נישט אַהער. דאָרטן איז געווען אַ גאַנצער אוצר און ביי אייך רעדט זיך וועגן צען גילדן. דאָרטן האָט איינער געהאַט אַ זון און דער אַנדערער אַ טאָכטער, און ביי אייך? דו, ביילע, האָסט פינף טעכטער, קיין עין הרע, און דו, מערע, האָסט נישט קיין זון אין עלטער פון שידוכים. איז מיין פסק־דין אַ ביסל אַנדערש: דו, ביילע, גיב איר די צען גילדן. דו, מערע, נעם די צען גילדן. אָבער נישט פאַר זיך. קויף מעל און באַק אויס ברויט פאַר אָרימעלייט. ביילע וועט מקיים זיין איר נדר און דו וועסט נישט נעמען קיין געצאָלט פאַר אַ מצווה. נו, צופרידן מיט מיין פסק־דין, נשים?

— צופרידן — האָבן ביידע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ר׳ געצל האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום דער שטוב, געזען די אָרימקייט אין אַלע ווינקלען, האָט ער צוגעגעבן:

— דו, מערע, דאַרפסט נישט אויסבאַקן קיין ברויט פאַר די גאַנצע צען גילדן. מעגסט זיך אַראָפּנעמען אַ פאַר לעבלעך ברויט שכר טירחה.

מערע האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטון:

— ס׳איז דאָך צדקה־ברויט! אַ דאַנק דעם השם יתברך, איך דאַרף נישט אָנקומען צו קיין צדקה.

ר׳ געצל האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער טיר, אַ קוש געטון די מזוזה און געזאָגט פון יענער זייט טיר:

— מערע און בײלע, אַ גוטן יום־טוב אײַך, און זאָל גאָט געבן, אַז עס זאָלן זיך פֿאַרמערן אַזעלכע מחלוקתן בײַ ייִדן. זאָגט אָמן.

װען ר׳ געצל איז אַרױס פֿון שטוב, האָט בײלע זיך אָפּגערופֿן מיט נצחון:

— נו, װער האָט אױסגעפֿירט, מרשעת?

די מאַמע האָט געענטפֿערט אומגעדולדיק:

— עס איז נישט אױסצוהאַלטן פֿון דיר. רק דו װילסט זיך קריגן. זאָל שױן זײַן געגנוג. עס װערט דיר גאַרנישט טרוקן אין האַלדז פֿון „האַריקען״ זיך? און יאָ, מײַן שמעונקע גײט נישט מיט די פֿינגער אין דרױסן, װאָס דו האָסט אים געװאָלט קױפֿן שיך. ער טראָגט נײַע שיך, האַמבורגער קאַמאַשן, געמאַכט אױף יום־טוב.

— אַלע װײסן װי רײַך דו ביסט — האָט בײלע געענטפֿערט מיט ביטול, — דו עסט דאָך יאַיכלעך אין דער װאָכן. פֿעלט אים נישט קײן שיך, פֿעלט אים אַ גאַרניטערל. אָבער פֿאַרפֿאַלן, מיר האָבן אָנגענומען אַ פּסק. דערלאַנג טײ. דײַנע הײנטיקע מילכיקע קיכלעך בין איך דיר מוחל.

**
*

און שמעון טראַכט איצט בײַם שרײַבן: קלוגע מענטשן װעלן עס לײענען און אַ שמײכל טון: „ראָמאַנטיק!״ װען איך װאָלט דערצײלט פֿון בײזקײט, רשעות, איבערגעװעלטיקונג פֿון תאװה, װאָלט עס געװען רעאַליזם. אָבער װען איך דער־צײל פֿון דער טיפֿער עטישקײט, װאָס האָט געװעלטיקט אין שטעטל, איז עס ראָמאַנטיק.

יאָ, שמעון פֿאַרשטײט איצט פֿאַרװאָס דער רבי געצל האָט נישט דערצײלט די צװײ װײַבער דעם סוף פֿון דער מדרש־מעשה; זאָגט דאָרטן דער מדרש:

— װען אלכסנדר מוקדון האָט דערהערט דעם פּסק־דין פֿון דעם מלך פֿון קאַצי האָט ער זיך שטאַרק געװוּנדערט. האָט דער מלך פֿון קאַצי צו אים גע־זאָגט: „װאָס װוּנדערסטו זיך? האָב איך נישט געמשפּט יושרדיק?״ האָט אַלכסנדר צו אים געזאָגט: „יאָ, זײער יושרדיק״. האָט צו אים דער מלך געזאָגט: „װי װאָלט געװען װען די צװײ מענטשן װאָלטן אין דײַן מדינה, אין דײַן לאַנד, גע־קומען צו דיר זיך משפּטן, װאָס װאָלט געװען דײַן פּסק־דין?״ האָט אַלכסנדר מוקדון געענטפֿערט: „איך װאָלט זײ בײדן אַראָפּגענומען די קעפּ און דעם אוצר װאָלט אַרײַנגעפֿאַלן אין דער קאַסע פֿון דעם מלך״. האָט צו אים געזאָגט דער מלך פֿון קאַצי: „און די זון שײַנט בײַ אײַך? רעגנס גײען בײַ אײַך?״ האָט

אלכסנדר מוקדון געענטפערט: „יאָ״. האָט אים דער מלך געפרעגט: „און שעפסן, בהמות געפינען זיך אין אייער מדינה?״ האָט אלכסנדר מוקדון געענטפערט: „יאָ״. האָט דער מלך געזאָגט: „צוליבן זכות פון די שאָף און קי שיינט ביי אייך די זון און עס גייען די רעגנס. איר זענט עס נישט ווערט״.

דער רבי האָט נישט דערציילט דעם סוף, ווייל נישט מערע און נישט ביילע זענען געווען דער אויסנאָם אין שטעטל. צוליב דעם זכות פון די יידן אין שטעטל האָט דער רעגן אַלעמאָל געדאַרפט גיין אין צייט.

מיר ווילן פאַרגעסן די דאָזיקע שטעטלעך, ווייל אַנישט וואָלטן איצט אויף אונדז געפאַלן שווער אונדזערע גרויע וואָכעדיקע טעג מיטן גוף אין צענ־טער פון אונדזער לעבן.

## קאַפּיטל 28

# אַ נס

אין זייט פון שטעטל איז געשטאַנען האַרטביים ברעג פון די פּאָלעסיער בלאָטעס. אַ שפּאַן פון דער לעצטער שטוב ביים טייך האָבן זיך פּאַר מיילן ווייט געצויגן זומפּן פאַרוואַקסן מיט קורצע קוסטעס און יויר, וואָס מען האָט גערופן פּאַנעס. די פּאַנעס זענען אין אָנהייב פרילינג געווען גוט צום עסן. ווען מען האָט צענומען אַ פּאַנע, איז אינעווייניק געווען אַ לאַנגע, ווייסע לענטע, וואָס איז געווען זיס ווי האָניק און באַטעמט ווי פרישע חלה. די קינדער האָבן געבאָראָדזשעט אין זומפּן, געגאַנגען רייסן פּאַנעס. זיי האָבן געוווּסט יעדן שטיקל האַרטן באָדן, אויף וועלכן מען קען בלייבן שטיין און נישט זינקען אין דעם ווייכן טאָרף. אָבער גאָר אָפּט, נאָך עטלעכע מאָל גיין רייסן פּאַנעס, איז ביי זיי געוואָרן אַן אויסשיטונג, אַז אויסשלאָג אויף די פיס און די ליטקעס — רויטע, קליינע פלאַמעס. זעלטן ווען אַ קינד האָט אויסגעמיטן אין זומער אָט די דאָזיקע חולאת.

די בלאָטעס האָבן דורכגעשניטן טיפע קאַנאַוועס, ווו פריש וואַסער האָט גערירט. אין אָט דעם פרישן וואַסער האָבן זיך געפונען אַלערליי פיש: קאַרעסן, העכט, שלייען און די גויִשע לאַנגע פיש — יעווינעס. אַ חוץ די אַלערליי פיש האָבן זיך אין די בלאָטעס געווידמעט פאַרשידענע שרצים: זשאַבעס, יאַשטשערקעס, ראַקעס, שלאַנגען, טשערעפּאַכעס, גרויסע וואַסער־זשוקעס; אויך ווילדע ענטלעך און גענדז און אָן אַ שיעור חיהלעך אָן אַ נאָמען, נישט זעלטן אַ יאָזשיק. אין די בלאָטעס זענען אויך געוואַקסן קורצע קוסטעס, וואָס האָבן געהאַט גיפטיקע, שיינע רויטע יאַגדעס. זומער איז איבער די בלאָטעס געהאָנגען אַ געדיכטער נעפּל, און אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ געשווישטשעריי, אַ הוזשעריי פון די אַלע ברואים, טויב צו ווערן. פאַרנאַכט און פאַרטאָג האָט זיך דער טומל פאַרגרעסערט. דערצו, ווי נאָר

# וואָרצלעו

עס איז פינצטער געוואָרן, האָבן זיך באַוויזן צווישן די קוסטעס פייערן. די פייערן זענען נישט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט און קיינמאָל נישט געווען פון איין גרויס. אָט זענען זיי געווען קליין, אָט זענען זיי געוואָרן גרעסער און זיך געקייקלט און געמיניעט, פאַרשווונדן און זיך באַוויזן. אַלע האָבן געגלויבט, אַז דאָס זענען נשמות פון קף הקלע, נאַקעטע נשמות, וואָס זוכן אַ תיקון.

פרעמדע מענטשן, וואָס פלעגן קומען אין שטעטל אין פרילינג אָדער אין האַרבסט, פסח און סוכות צייט, פלעגן קראַנק ווערן אויף קדחת. אָבער די תושבים זענען געווען אימון, געווען פריי פון דער חולאת.

פון דער אַנדערער זייט שטעטל האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען די פּאָליעסיער וועלדער. מיילן נאָך מיילן, אָן אָן עק און אָן אַ סוף — טיפע וועלדער פון סאָסנע־ביימער, וואָס פלעגן איבערגעריסן ווערן מיט אַ דאָרף אָדער אַ נוס־וועלדל, אַ בעריאָזע־יועלדל אָדער אַ וועלדל פון דינע נאָדל־ביימער. אָפט האָט זיך אויף אַ קורצן שטח געצויגן אַ דובניק — אַ וואַלד פון דעמבעס הונדערטער יאָרן אַלט, נישט זעלטן ליפּעס. אין אַ סך ערטער זענען געווען טיפע, שיינע אָזיערעס, אַרומגערינגלט מיט ווערבע־ביימער, וואָס די צווייגן האָבן זיך געטונקט אין די שטילע וואַסערן.

די בלאָטעס און דער וואַלד האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה און געשראָקן די איינוווינער. ווען עס האָט גערעגנט אַ פּאָר טעג, איבערהויפּט ווען עס האָבן דערצו נאָך געבלאָזן ווינטן, האָט דער וואַלד גערוישט, די בלאָטעס זענען געווען צוגעדעקט מיט אַ געדיכטן נעפּל און עס האָט אין זיי געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. דעמאָלט זענען די נעכט געווען בלינדע און די לופט איז געווען פול מיט שדים און רוחות, וואָס האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבערן שטעטל און געטשאַטעוועט אויף קרבנות.

עס איז נישט געווען קיין מאַן, פרוי אָדער קינד, וואָס האָט ווען עס איז נישט געזען קיין שד, קיין רוח; אַ רוסאַלקע, אַ דאָמאָוויק, אַ טויטן אַרומגיין, אַ שרעטעלע אָדער אַ טייוועלע מיט אַ לאַנגן עק.

איז די רעגנדיקע אָדער פינצטערע פרילינג־נעכט און אין די לאַנגע ווינטער־נעכט האָט מען מורא געהאַט אַרויסצושטעקן אַ נאָז פון שטוב. עס איז געווען אַ גרויסע סכנה. שדים און רוחות האָבן געטשאַטעוועט אויף יעדן איינעם. אַ גליק נאָר, וואָס עס איז דאָ אַן אויסגעפּרובירטע שמירה — כשרע ציצית. ווייבער און מיידלעך געמוזט האָבן ביינאַכט אַ באַגלייטער, אַ מאַנצביל — אַ מאַן אָדער אַ יינגל. ער איז געווען זייער באַשיצער, ווייל ווייבער האָבן נישט געטראָגן קיין ציצית.

פון אַלערליי אַבערגלויבנס האָט דאָס שטעטל געהאַלטן. עס זענען געווען עין־הרע־אָפּשפּרעכערס און אָפּשפּרעכערינס. עס זענען געווען ייִדן, וואָס האָבן געקענט

„פאַרהאַקן" אַ בהמה. ווען אַ בהמה האָט פאַרבלאָנדזשעט און איז נישט געקומען מיט דער טשערעדע, איז מען אַוועק צו דעם ייִדן אָדער ייִדענע און זיי האָבן אָפּגע־שפּראָכן און דערנאָך אַריינגעשטעקט אַ מעסער אין וואַנט. דאָס האָט געמיינט, אַז די בהמה וועט בלייבן שטיין אויף איין אָרט אַ פאַרגליווערטע, ווו זי געפינט זיך, אין וואַלד אָדער פעלד, און קיין וואָלף אָדער בער וועט נישט האָבן אויף איר קיין שליטה. ווען די בהמה האָט זיך אָפּגעזוכט, האָט מען באַשיינפּערלעך געקענט זען ווי אַ שטיקל פעל איז ביי איר ריין פון האָר. אַ שטיקל פעל, די ברייט און די לענג פון דעם מעסער, וואָס מען האָט אַריינגעשטעקט אין דער וואַנט.

עס זענען געווען אַנגענומענע סגולות קעגן אַלערליי קרענק. אויסצוהיטן אַ קינד פון סקאַרלאַטינע אָדער מאָזלען, פּאָקן אָדער בכלל עין הרע האָט געהאָלפן אָנצוטאָן דאָס קינד אַ רויטע לענטע אַרום האַלדז. מען האָט עס גערופן: אָנטאָן דעם קינד אַ „זיצקע". מען האָט קיינמאָל נישט געטרונקען קיין וואַסער פון אַ קוואַרט, סיידן מען האָט אַביסל וואַסער אַראָפּגעגאָסן אויף דער ערד — דאָס איז געווען אַ סגולה מפייס צו זיין, איבערבעטן די שדים, וואָס האָבן געוווינט אויפן וואַסער. ברויט וואָס איז צעגריזשעט געוואָרן פון מייז איז געווען אַ סגולה צו ציין־ווייטיק. מען האָט קיינמאָל נישט איינגענייט קיין קנעפּל אין אַ מלבוש סיידן מען האָט פריִער אויסגעטאָן דעם מלבוש, אַנישט האָט מען פאַרנייט דעם שכל. מען האָט געקענט אויסמיידן אויסצוטאָן דעם מלבוש, אויב דער פאָדים איז געווען אָן אַ קניפּל, אָדער מען האָט דאָס קינד געגעבן עפּעס צו קייען.

דאָס שטעטל איז געווען פול מיט אַלערליי מינים פייגל, וואָס האָבן געהאַט נעסטן אויף די דעכער אונטער די קאַרניזן פון די פענצטער, אויף די שטאַלן אונ־טער די סטריכעס; אויך אין די גערטנער, אויף די ביימער און צווישן די בייטן. יונג און אַלט האָבן שטענדיק נאָכגעקוקט די פאַרשידענע פייגל, ווייל אַלע האָבן געגלויבט, אַז ווען קראָען קראַקען איז עס אַ שלעכטער סימן. האָבן טייבעלעך געוואָרקעט, איז עס געווען אַ גוטער סימן; האָט אַ בושל געקלאַפּט מיטן שנאָבל — וועלן אָנקומען גוטע בשורות. די פאַרהאַסטע פייגל זענען געווען די לאַסטאָטשקעס — שוואַלבן. זיי האָבן געלע שנעבעלעך, שנעבעלעך פול מיט „סירקע" שוועבל. זיי האָבן עס אונ־טערגעצונדן דעם בית המקדש. די טויבן האָבן געפּרוווט לעשן דעם פייער. זיי האָבן געבראַכט וואַסער אין די פּיסקלעך און געגאָסן אויף דעם ברענענדיקן בית־המקדש. אָבער דאָס פייער איז געווען צו גרויס. דערפאַר האָבן די קינדער געוווסט, אַז ווען שוואַלבן האָבן גענומען פליִען אַרויף — הויך איבער די דעכער און דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט האַרט צו דער ערד, איז עס געווען אַ סימן, אַז אַ שלאַקס רעגן

וועט אויסברעכן, אַ שטורעם מיט דונערן און בליצן און אַ הויז, אַ שטאָל אָדער אַ שייער וועט זיך אָנצינדן.

ייִדן האָבן געגלויבט אין די אַלע זאַבאָבאָנעס, ווי די נישט־ייִדישע שכנים אַרום זיי. אָבער מיט איין חילוק: אַלע ייִדן האָבן געהאַלטן, אַז די שדים, רוחות, פּורעניותן, שלעק, נישט־גוטע זענען אונטער דער שליטה פון גאָט. אַפילו דער אַשמדי, דער קעניג פון אַלע שדים, און זיין זיווג לילית, די מלכה פון אַלע שדיכעס, זענען נישט מער ווי שליחים פון דעם השם יתברך. עס זענען געווען אין שטעטל אָפּשפּרעכערס און אָפּשפּרעכערינס, סגולה־געבערס, אָבער נישט קיין מכשפים, ווייל כישוף מיינט זיך שטעלן קעגן גאָט, און דאָס קען מען נישט. וואָס פאַר אַ ווירקונג קען האָבן כישוף ווען אַ קאַפּיטל תהילים, דאַוונען און אַ בלאַט גמרא קען עס בטל מאַכן איינס און צוויי. ס׳איז נישטאָ קיין גזירה אָדער אומגליק, וואָס מען קען נישט אָפּ־שרייען מיט תשובה, תפילה און צדקה.

גאָט איז געווען נאָענט צו די ייִדן פון שטעטל. ער איז געווען אַ גוטהאַרציקער טאַטע, וואָס גיט אַכטונג אויף דעם גרעסטן און קלענסטן. די תורה איז נישט געווען גלאַט עפּעס צו לייענען אָדער אַפילו צו לערנען קלוג צו ווערן, נאָר דער וועגווייזער און באַשיצער. אַלץ איז געווען טפל צום ייִדישן גאָט, תורה און ייִדן. די דריי זאַכן שטייען אין מיטן און די וועלט דרייט זיך אַרום זיי.

דער בעסטער, זיכערסטער, פאַרלאָזלעכסטער פאַרויסזאָגער איז געווען אַ פּסוק. דער מאמר פון גמרא. „ער איז אויפגעשטאַנען און ס׳איז אים אַריינגעפאַלן אַ פּסוק אין מויל, איז עס אַ קליינע נבואה", איז געווען אָנגענומען און נישט אָפּגעפרעגט. די ייִנגלעך אין חדר, עלטערע ייִדן אויך, האָבן פאַראויסגעזאָגט די צוקונפט מיט פּסוקים. די ייִנגלעך האָבן געהאַט זייער וועג. אויב אַ ייִנגל האָט געוואָלט וויסן צי עפּעס וועט זיך אויסלאָזן גוט אָדער שלעכט, האָט ער גענומען אַ סידור, אַ חומש אָדער וועלכן עס איז ספר און עס געעפנט נישט אויסגערעכנטערהייט. האָט זיך דאָס ערשטע וואָרט פון בלעטל אָדער פון ערשטן פּסוק אויף דעם געעפנטן בלעטל ווו דאָס ייִנגל האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אָנגעהויבן מיט אַ „מ", איז עס געווען אַ גוטער סימן, ווייל דאָס וואָרט „מזל" הייבט זיך אָן מיט אַ „מ". האָט זיך דאָס ערשטע וואָרט אָדער דער ערשטער פּסוק אָנגעהויבן מיט אַ „ב", איז עס געווען אַ ספק, ווייל אַ „ב" קאָן מיינען „בס" אָדער „ביין". האָט זיך דאָס ערשטע וואָרט אָנגעהויבן מיט אַ „ר", איז עס געווען אַ שלעכטער סימן, ווייל דאָס וואָרט „רעה" — אומגליק, הייבט זיך אָן מיט אַ „ר".

אַמאָל האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז דער ערשטער אויפמיש איז דער אמתער סימן, אַמאָל, אַז נאָר דער דריטער אויפמיש איז דער ריכטיקער. אָפט האָט זיך דאָס ייִנגל

## שלמה סיימאָן

גענאַרט — פריִער האָט ער אין געדאַנק אָפּגעמאַכט, אַז דער ערשטער אויפמיש איז דער ריכטיקער סימן. אויב אָבער עס האָט זיך אויפגעמישט אַ „ר”, האָט ער באַלד געזאָגט הויך, אויפן קול: איך האָב געמיינט ערשט צום דריטן מאָל.

***

אין יענעם האַרבסט האָט שמעונס עלטערער ברודער, שלמה, זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו. די וואָך, וואָס שלמה איז אָוועקגעפאָרן מיטן טאַטן אין יורע־וויטש, ווו די פּריסוטסטווע איז געווען, איז שמעון געווען פאַרנומען מיט טרעפן, צי וועט דער ברודער אָפּגעגעבן ווערן פאַר אַ זעלנער, צי נישט.

דאָס ייִנגל האָט געוווסט, ווי עס איז געווען אָנגענומען ביי אַלע שטוביקע און ביים גאַנצן שטעטל, אַז אויב שלמה וועט זיך שטעלן פאַר נאַטשאַלסטווע, איז ער אַ צוגענומענער. עס איז דאָ נאָר איין האָפענונג — עס וועט נישט אָנקומען צו אים. שלמה האָט אַ צווייטע לגאָטע (אַ פּריווילעגירטער פון צווייטן קלאַס). אויב עס וועלן זיין געגנוג ייִדישע פּריזיוווניקעס אויסצופילן די צאָל זעלנער, וואָס די רעגירונג דאַרף נעמען פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלן די צווייטע לגאָטניקעס און די ערשטע לגאָטניקעס באַפרייט ווערן. זיי וועלן זיך אפילו נישט דאַרפן שטעלן מען זאָל זיי אונטערזוכן. אָבער אויב עס וועט אָנקומען צו די צווייטע לגאָטניקעס, איז שלמה אַ צוגענומענער. ער איז אַ בחור אָן אַ שפּרינקעלע.

שלמה איז דער צווייטער אין דער משפּחה. באַלד נאָך דעם ווי ער איז געבוירן געוואָרן, איז דער טאַטע, בן־ציון ירוחים, צוגענומען געוואָרן פאַר אַ סאָלדאַט. די מאַמע, מערע, איז געבליבן מיט צוויי קינדער: גיטע, די עלטערע, אַ מיידעלע פון אַ יאָר און אַ האַלב, און שלמה, קיין פולע צוויי חדשים נישט אַלט. די מאַמע, אַ גע־ראָטענע און גוטע נייטאָרין, האָט געבלענדט די אויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָבער די צוויי קינדער האָט נישט געפעלט פון פייגל־מילך. ווען דער טאַטע איז געקומען פון די סאָלדאַטן, נאָך פינף יאָר דינען פאָניען, האָט ער געטראָפן צוויי שיינע, געראָטענע קינדער. די צוויי קינדער זענען טאָקע געבליבן די געוויקסיקסטע פון די אַכט קינדער. גיטע און שלמה האָבן געהאַט די זאַטסטע קינדער־יאָרן פון אַלע איבעריקע קינדער. נאָך דעם ווי דער טאַטע איז געקומען, איז אָנגעקומען דער דלות מיט אים. די מאַמע איז געווען פאַרנומען מיט טראָגן און האָבן און אָפּגאַנגען און נישט געקענט פאַרדינען גענוג אויף דער חיונה פאַר דער משפּחה, ביז יאָרן שפּעטער.

שלמה איז אויסגעוואַקסן אַ הויכער, געשטאַלטנער בחור מיט ברייטע פּלייצעס, אייזערנע הענט און אַ קאָפּ קוטשעראַווע האָר, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג, אַ

בחור אַ בוים. ער האָט געקענט געבן אַ קלאַפּ און צונעמען אַ פּאַרפּאַר. ער האָט געקענט טראָגן אַ פינף־פודיקן זעקל מעל ווי עס וואָלט געווען אַ פוך־קישעלע.

ווען עס איז געקומען די צייט פאַר שלמהן זיך צו שטעלן צום פריזיוו, האָט מען אָנגעהויבן רעדן פון מאַרען זיך, אָדער פון מאַכן אַ בראַק, אַ מום. אָבער די מאַמע האָט נישט געוואָלט הערן פון דעם. זי וועט נישט דערלאָזן, אַז איר שלמה זאָל זיך אַליין מאַכן פאַר אַ קאַליקע אָדער אויסמאַרען זיך און ער זאָל ווערן אַ שאָטן פון זיך אַליין. אויב ס׳איז אים באַשערט נישט זיין קיין יון, וועט גאָט העלפן. אָט איז ירוחים, זיין טאַטע, געווען אַ פּערווי לגאָטניק — אַן ערשטער לגאָטניק — און דערצו האָט ער זיך געמאַכט אַ בראַק, זיך אויפגעריסן אַ פוס, און וואָס? אים איז באַשערט געווען צו זיין אַ יון, איז געווען אַ שלעכטער יאָר און ס׳איז אָנגעקומען צו די ערשטע לגאָטניקעס און מען האָט אים צוגענומען. ער האָט אָפּגעדינט פולע פינף יאָר און איז געבליבן מיט אַ געשוואָלענעם פוס אויפן גאַנצן לעבן. מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף גאָט.

די מאַמע האָט אויסגעפירט. מען האָט זיך פאַרלאָזט אויף גאָט.

ז׳צט שמעון אין חדר און זיין קאָפּ איז אין יורעוויטש, דאָרטן, אין פּריסוטסטווע. וואָס הערט זיך דאָרטן? ער זוכט סימנים, אַ צייכן פון גאָט. וואָס עס וועט זיין מיט שלמהן? נעמט ער דעם תנ״ך און עפנט אים מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער טוט אַ קוק — ס׳איז וויל: דאָס ערשטע וואָרט הייבט זיך אָן מיט אַ „מ״. ער וויס, אַז ער דאַרף ווייטער נישט פּרוּוון זיין מזל, אָבער ער וויל אַ באַשטעטיקונג, אַ פאַרזיכערונג, אַז ס׳איז טאַקע געווען אַ צייכן פונעם רבונו של עולם, נישט גלאַט קיין צופאַל. עפנט ער דעם תנ״ך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל — גאַנצע פינף מאָל. און — וווּנדער איבער וווּנדער: אַלע פינף מאָל הייבט זיך אָן דאָס בלעטל מיט אַ „מ״. און נישט גלאַט אַזוי ווערטער: צוערשט דאָס וואָרט „משא״ — נבואה, דערנאָך — „מלך״ — געקיניגט, מלוכה; דאָס דריטע מאָל, די ווערטער „מארץ כתים״ — פון לאַנד פון די כתים — פון גויִיש לאַנד; צום פערטל מאָל — „מה דבר ה׳ ״ — וואָס האָט גאָט געזאָגט; און צום פינפטן מאָל גאָר אַ טייערער פסק: „משגב לדך״ — אַ פעסטונג פאַרן אָרימאַן. קלאָר — עס וועט געשען אַ נס. ס׳איז נישט קיין צופאַל, און טאַקע, עס איז אָנגעקומען אַ גוטע נייס גלייך אויף מאָרגן: שלמה האָט אַרויסגעצויגן אַ הויכן זשערעב (נומער). ער איז פונקט ווי אַן ערשטער לגאָטניק — ער האָט אַרויסגעצויגן אַ נומער פאַרן לעצטן נומער פון די „פּערווע לגאָטניקעס״.

אַ טאָג איז אַריבער און נאָך אַ טאָג. די צייט ציט זיך ווי פון פעך. קיין נייעס קומט נישט אָן. שמעון זוכט ווידער צייכנס, אָבער עפּעס אַ צעטומלעניש אין די סימנים. עס האָט זיך אויפגעמישט אַ „נ״ — אַ „נ״ איז אַ ספק. אָבער צוויי מאָל

האָט זיך אויפגעמישט אַ „ר״ צווערשט. אָבער עס איז נאָך דאָ אַ האָפענונג: עס איז נישט צום דריטל מאָל. יאָ, צום דריטן מאָל האָט זיך אויפגעמישט אַ „מ״.

פיר טעג זענען אַריבער. די כיתה איז געזעסן און געלערנט תנ״ך. מען האָט געלערנט דעם לעצטן קאַפּיטל פון עמוס. שמעון האָט אויסגעזוכט:

„כי אנכי מצוה והניעותי בכל הגוים את בית ישראל, כאשר ינוע בכברה ולא יפול צרור ארצה״ — און דער רבי פאַרטײַטשט צוערשט דעם פסוק: „און אָט װעל איך באַפעלן, און כ׳װעל אַ טרײסל טון דאָס הױז פון ישראל, װאָס איז צעשפּרײט צװישן אַלע פעלקער, װי מ׳טרײסלט אַ זיפּ און קײן שפּענדל װעט נישט אַראָפּפאַלן צו דער ערד״. דערנאָך טײַטשט אױס דער רבי דעם זין פון פסוק: „אָט אַזױ װי מען טרײסלט אַ זיפּ פאַלן אַרױס דער שטױב, די מעקענעס און די שטיקלעך בלאָטע, אָבער די קערנער װײץ און די שטײנדלעך בלײַבן, אָט אַזױ װעט זײַן װען די גאולה װעט קומען, נאָר די צדיקים װעלן בלײַבן לעבן און זײַן גליקלעך. אָבער די רשעים װעלן אױסגעשפּיגן װערן װי מעקענעס.

פרעגט שמעון מיט חידוש :

— אַ זיפּ טוט דאָך דאָס פאַרקערטע?! װען מען זיפּט מעל, גײט דאָך דאָס גוטע, פײַנע מעל דורך, און דער פסולת בלײַבט אין זיפּ. איך זע עס אַלע טאָג אין דער הײם, אין בעקערײַ.

ענטפערט דער רבי:

— דאָ אין פסוק רעדט זיך נישט װעגן אַ זיפּ, װאָס מ׳זיפּט מעל, נאָר װעגן אַ זיפּ, װאָס מען זיפּט קערנער װײץ. װען מען טרײסלט אַ זיפּ מיט קערנער, בלײַבן די קערנער אין זיפּ און די מעקענעס פאַלט צו דער ערד. דאָס װאָס עס בלײַבט אין זיפּ האָט אַ װערדע, אַ חשיבות, און דאָס װאָס עס גײט דורך די לעכלעך, האָט נישט קײן װערדע, װי די רשעים זענען.

פרעגט װײַטער שמעון:

— אָבער עס שטײט דאָך צרור — צרור מײנט אַ שטײנדל! די שטײנדלעך בלײַבן אױך אין זיפּ. מײנט עס דאָך אױך, אַז די װאָס זענען גאָרנישט װערט, װעלן אױך געראַטעװעט װערן?

ענטפערט דער רבי:

— טו אַ קוק װאָס דער רד״ק זאָגט: אַז מען טרײסלט אַ זיפּ, פאַלט אַרױס דער פסולת װאָס איז דין, און די קערנער װאָס זענען דיקער, בלײַבן אין זיפּ. אַזױ אױך די שפּענדלעך. אָבער ביסט גערעכט, שמעון, דער תרגום יונתן טײַטשט צרור־אבן — עס מײנט אַ שטײנדל. אפשר קען מען אױסטײַטשן, אַז עפּעס נאָר װאָס האָט אַ װערט — בלײַבט. עס מײנט, אפילו נישט קײן צדיקים גמורים װעלן אױך געראַטע־

וועט ווערן; אויב עפּעס האָט וואָג, חשיבות, וועט עס ניצול ווערן... אפשר דאַרף מען עס אַזוי פאַרשטיין, ווייל גאָט איז דאָך אַ בעל רחמים, ער גייט קיינמאָל נישט מיטן מידת הדין.

און ווי דער רבי רעדט און טייטשט אויס, פאַלט איין שמעונען אַ מאָדנער געדאַנק: דאָס איז אַ צייכן, אַ סימן אויף דעם ברודער. שלמה וועט געראַטעוועט ווערן פון די גוייִשע הענט. ער הערט שוין נישט, וואָס דער רבי רעדט. ער זעט אַ גרויסע זיפּ טרייסלט זיך, שאָקלט זיך. אין זיפּ זענען נישט קיין קערנער, נאָר „נאָוואָבראַנצעס" — רעקרוטן — עס פאַלן דורך די לעכער די בחורים, גלייך אין די הענט פון די גאַטשאַלניקעס פון דער פּריסוטסטווע, אָבער שלמה שטייט אין זיפּ, אַ לאַכנדיקער, אַ פריילעכער, די הענט צעשפּרייט און לאַכט, לאַכט...

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ טומל אין גאַס, אַ רויש, אַ געלאָף. אַלע זענען געלאָפן צו דעם קליינעם געסל ווו שמעון האָט געוווינט. דאָס יִנגל ווייסט שוין איצטער זיכער, אַז שלמה איז באַפרייט געוואָרן. די יִנגלעך אין חדר ווערן אומרויִק, און איידער שמעון קומט אַרויס פון זיין פאַרשטאַרונג, לויפט אַריין רחל־לאה אין חדר אַ פאַרסאַפּעטע, זי קען קוים אָפּכאַפּן דעם אָטעם. זי שרייט אויס:

— שמעון, קום אַהיים, שלמה איז אַרויס מיט אַ ווייסן בילעט.

דאָס יִנגל הייבט זיך אויף אַ רויִקער און גייט אַרויס מיט דער שוועסטער. די שוועסטער קוקט אויף אים מיט חידוש:

— עפּעס ביסטו גאָרנישט טשיקאַווע. ביסט אַ קאַלטער גזלן.

— איך האָב שוין געוווּסט נאָך פריִער, — האָט שמעון געענטפערט.

— ווי אַזוי? — פרעגט רחל־לאה פאַרוווּנדערט און נישט גלויביק.

— איך האָב געוווּסט נאָך די סימנים נאָך פון תנ"ך.

— ביסטו דאָך אַ רשע, אַ גאַנטע, אַ המן; אַן אַ האַרץ ווי אַ טאָטער. וויבאַלד דו האָסט געוווּסט, פאַרוואָס האָסטו עס נישט דערציילט דער מאַמען? זי האָט דאָך אויסגעוויינט די אויגן!

שמעון הייבט זיך אָן פאַרענטפערן:

— צוערשט האָב איך געוווּסט אויף זיכער. פינף מאָל נאָכאַנאַנד מיט אַ „מ". דערנאָך בין איך געווען אין ספק: צוערשט אַ „מ", דערנאָך אַ „ר" צוויי מאָל. איצט איז קלאָר: צוערשט מזל, אַ היוכער זשערעב, דערנאָך רעה — שלעכטס, עס איז אָנגעקומען צו אים .דערנאָך „מ" — מזל, ער איז באַפרייט געוואָרן. איך האָב עס שוין פאַרשטאַנען ווען דער רבי האָט אויסגעטייטשט צרור. פאַרשטייסט?

— איך זאָל אַזוי ווּיסן פון בייז, ווי איך ווייס וואָס דו רעדסט. אָבער אויב דו האָסט עפּעס געוווּסט, ביסטו אַ רשע — האָסט געדאַרפט דערציילן.

— אָבער איך האָב נישט געוווּסט אַקוראַט, איך האָב זיך ערשט דערוווּסט אָט נישט לאַנג, איידער דו ביסט געקומען, ערשט ווען דער רבי... — שמעון האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס קלינגט נאַריש.

רחל־לאה האָט זיך געהאַלטן ביי אירס:

— עפּעס האָסטו געוווּסט און דאָך נישט דערציילט. און אפשר — האָט זי געביטן איר קול — ביזטו גלאַט אַ גרויסמאַכער. קום בעסער גיכער אַהיים. ס׳איז דאָרטן אַ גאַנצער יאַריד. שלמה און דער טאַטע זענען דאָך געקומען פון יורעוויטש מיט פּאָטשטאָווע פערד .

די שטוב איז געווען געפּאַקט. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלעשל בראָנפן און לעקעך און טאָרט. פון וואַנען האָט זיך גענומען אין אַ מיטן מיטוואָך לעקעך און טאָרט? זעט שמעון, אַז גנעשע שטייט אין קיך. דאָס האָט זי עס געבראַכט אין שטוב, זי האָט אַלע מאָל אָנגעגרייט לעקעך און טאָרט. טאָמער מאַכט זיך אַ פּלוצלינגדיקע שמחה — זאָל זיין וואָס צו פאַרבייסן. ס׳איז איר מצווה. שלמה זיצט אויבן־אָן און ער דערציילט וואָס עס איז געשען מיט אים אין יורעוויטש. קענטיק, אַז ער דערציילט נישט צום ערשטן מאָל, עס גייט ביי אים ווי אַ מזמור:

— אַ צווייטע לגאָטע האָב איך, אַ גרויסן זשערעב האָב איך אַרויסגעצויגן. זיץ איך אַ רוזקער אויף דער אכסניה און וואַרט. פּאַראַיאָרן זענען דאָך איבערגעבליבן אפילו די גרויסע נומערן פון די „בעזלגאָטניקעס" (די גאָרנישט פּריווילעגירטע). נו, עס האָבן זיך געהערט קלאַנגען, אַז היי־יאָר איז נישט פּאַראַיאָרן — עס פעלן אַ סך בחורים — יידן האָבן געמאַכט פּליטה קיין אַמעריקע. אָבער גוטע נייעס איז פאַר מיר, וואָס מע „רעזשעט", מען שניידט, מען קלייבט נישט איבער. מען נעמט רעכטס און לינקס, אַבי איינער קען אַריין אין פּריסוטסטווע אויף די אייגענע פיס, איז „פּריניאַט" — צוגענומען. פריי איך זיך. אָבער באַלד ווערט קלאָר, אַז היי־יאָר וועט אָנקומען צו די לגאָטניקעס. איך בין אָבער אַלץ האָפּערדיק — צו מיר וועט נישט אָנקומען, ווייל באמת נאָכן נומער נאָך וואָס איך האָב אַרויסגעצויגן, בין איך דאָך אַ פּערווע לגאָטניק. שמעק איך נישט אַריין אין פּריסוטסטווע.

— אויף דעם פערטן טאָג אין דער פרי הער איך, אַז עס האַלט שלעכט. מען וועט זיכער צוקומען צו די צווייטע לגאָטניקעס. אָבער איך האַלט זיך אַלץ פאַר אַ מיוחס — אַ הויכער נומער. דאָך טראַכט איך: מען דאַרף גיין, זיין דערביי. אָט אַזוי ווי איך זיץ און טראַכט — יאָ גיין, צי נישט גיין, — קומט צולויפן אַ בחור מיט דער בשורה: מען האַלט שוין גאָר ווייט ביי די צווייטע לגאָטניקעס. בעסער גיי גיכער, מען קען נאָך אויסרופן דיין נאָמען.

— טו איך זיך אַ לאָז פון דער אכסניה. אין הויף באַגעגנט מיך אַ פּריזיוואָניק

און זאָגט צו מיר: „ס׳איז אַ פייער, מען האָט שוין אויסגערופן דיין נאָמען״. לאָז איך זיך שוין לויפן צו דער פריסוטסטווע און דאָס האַרץ קלאַפּט ביי מיר ווי ביי אַ גזלן. אַ שיינע מעשה. מילא צונעמען, ווייס איך, וועט מען מיך צונעמען. אָבער נישט ׳ענגוג וואָס איך וועל דאַרפן דינען פאָניע קוואַס, קען איך נאָך פאַרשפּעטיקן אויף אַ פּאָר רגעס און דעמאָלט וועט מען נאָך אַרויפלייגן אויפן טאַטן אַ שטראָף פון דריי הונדערט רובל. מיר האָבן דאָך אַן אייגענע שטוב און אַ בהמה און די „ראַזבאָיניקעס״ וועלן אויפמאָנען. ביי זיי אין די ביכער וועט דאָך זיין פאַרשריבן ,אַז איך האָב זיך נישט געיאַוועט.

— לויף איך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. מיטאַמאָל זע איך אימיצער לויפט גלייך ביי מיין רעכטער זייט. איך טו אַ קוק — אַ ייִד פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק. אַ הויכער, אַ געשטאַלטנער ייִד מיט אַ שיינער רויטלעכער באָרד און ברוינע אויגן. עפּעס אַ באַקאַנטער פּנים, אָבער איך האָב דעם ייִדן קיינמאָל נישט געזען. דאָך עפּעס אַן אייגענער. לויפן מיר ביידע פאַזאָם. איך וויל אים פרעגן: וווּהין לויפט איר, ר׳ ייִד? איר שטייט צום פּריזיוו אין אַזאַ עלטער? אָבער איך פרעג נישט — מיר ווייטער אַ דאגה. איך האָב גענוג אייגענע צרות. נאָר עס ווערט מיר אומהיימלעך ווי ער האַלט אָן מיט מיר טראָט אין טראָט. מיט אַמאָל רופט זיך אָן צו מיר דער פרעמדער, אייגענער ייִד:

— „ זיי נישט אַזוי צעשראָקן, שלמה, וועסט אַרויס מיט אַ ווייסן בילעט״.

— טו איך אויף אים שאַרף אַ קוק און ענטפער בייז: „וואָס זענט איר, אַ נביא? און ווער זענט איר? וווּהין לויפט איר?״ ענטפערט ער מיר מיט אַ שמייכל, וואָס צע־גייט זיך אין אַלע אברים: „מעגסט מיר גלייבן וואָס איך זאָג. איך בין נישט קיין נביא, אָבער איך ווייס וואָס איך רעד. דו דערקענסט מיך נישט?״ — „איך האָב אייך קיינמאָל נישט געזען״ — ענטפער איך מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, אַז דער אָטעם איז מיר געוואָרן קורץ פון שרעק און פון לויפן.

ענטפערט ער מיר נאָך מילדער:

— „פלאי פלאים, האָסט מיך נישט דערקענט! האָסט קיינמאָל נישט קיין גוטן קוק געטון אין אַ שפּיגל אויף זיך? מיר זענען דאָך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, איך בין דיין זיידע גוטע. דו האָסט געדאַרפט זיין אַ נאָמען נאָך מיר. אָבער דיין שוועס־טער איז געבוירן געוואָרן צו ערשט האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן גיטע. איך בין געשטאָרבן יונג. זיך דערטרונקען אין פּריפּעט, ווען איך האָב געפירט פּסחדיק מעל פאַר ייִדן. נו, אַז מען שטאַרבט מיט אַזאַ טויט, ווען מען טוט אַ מצווה, האָט מען אַ צד ווו מען באַדאַרף. ווען די מאַמע האָט מיר אָנגעקלאַפּט אין קבר, אַז דו שטייסט צום פּריזיוו, בין איך געקומען צו דעם וואָס האָט די דעה איבער דער

וועלט, און זיך געשטעלט אַנטקעגן: „איך וויל נישט, אַז מיין אייניקל, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ נאָמען נאָך מיר, זאָל גיין דינען אין סאָלדאַטן. עס איז גענוג — האָב איך געטענהט, — וואָס איך האָב פאַרקוקט מיין זון און אים געלאָזט גיין דינען. איצט וועל איך נישט דערלאָזן, אַז מיין עלטסט אייניקל זאָל גיין דינען פאָניען. איך וועל עס נישט דערלאָזן. און איך האָב אויסגעפירט”, האָט דער יונגערמאַן אַ זאָג געטון מיט אַ זיכערן טאָן.

— איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, — דערציילט שלמה ווייטער, — דער אָטעם האָט מיר פאַרכאַפּט. איך ווייס נישט צי פון לויפן, צי פון שרעק. איך האָב זיך געמוזט אָפּשטעלן. איך בין געווען שוין גאָר נאָענט צו דער פּריסוטסטווע און איך האָב געהערט, אַז מען האָט אויסגערופן מיין נאָמען צום צווייטן מאָל, אָבער איך האָב זיך געמוזט אָפּשטעלן און עפּעס פרעגן דעם זיידן.

— עס איז דיר גאָרנישט איינגעפאַלן, — האָט געפרעגט מאיר פּעשעס, אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען קלאָר אין מורה נבוכים, ווי אַ ייִד איז קלאָר אין אשרי, — אַז די גאַנצע זאַך איז אַן אויסדוכטעניש, אַ דמיון?

— איך קען זיך דען אָפּגעבן אַ חשבון? — אַז איך זע אים מיט מיינע אויגן און רעד צו אים! — האָט שלמה געענטפערט, — אָבער ווי איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט — נישטאָ קיין זיידע לעבן מיר! צי איך האָב זיך געוווּנדערט? איך ווייס נאָר, אַז אַלע אברים זענען מיר שווער געוואָרן. אַ האַנט אַ פוס, אַ פוס — אַ ברעוונע (אַ קלאָץ) און אַ פינגער — אַ צען־פונטיקער געוויכט. איך לויף שוין נישט, איך גיי אַפילו נישט. איך שלעפּ די פיס. עס אַרט מיך נישט צי איך וועל אָנקומען אין פּריסוטסטווע אין צייט, צי נישט. קיין זאַך אַרט מיך נישט.

איך האָב זיך פאַרשלעפּט אין דער פּריסוטסטווע ווען מען האָט אויסגערופן מיין נאָמען צום דריטן מאָל. איך האָב זיך אָנגעהויבן אויסטאָן און געפילט עפּעס ווי אַ שווערע משא ליגט מיר אויף מיין ברוסטקאַסטן און די לאָפּעטקעס. מיט אַמאָל טוט מיר אַ שניט ווי מיט אַ שאַרפן מעסער — פון לינקן אַקסל, ביז די שפּיץ פינגער — און עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן.

איך האָב דערפילט ווי איך ליג אויף אַ ווייכן טיש און די דאָקטוירים קלאַפּן מיך אַרום, באַטאַפּן מיך און מיין ברוסט הייבט אָן פילן גרינגער און גרינגער. ס'ווערט מיר קלאָר דער קאָפּ און איך זעץ זיך אויף. דער עלטערער דאָקטאָר הייסט מיר אַראָפּגיין פון טיש, וואָס איך זיך, איך שפּרינג גרינג אַראָפּ און שטיי אויף די פיס. און איך פיל מער נישט קיין שווערקייט און ווייטיק. דער דאָקטאָר פרעגט מיך: „באַפאַלן דיך אָפּט אַזעלכע ווייטיקן אין אַקסל, ברוסטקאַסטן אָדער

אין די לאַפּעטקעס?״ איך קוק אים אָן — וועלכע וויטיקן? „איך בין קיינמאָל נישט קראַנק געווען. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין וויטיקן. איך ווייס נישט וואָס עס האָט מיט מיר איצט געטראָפן. אָבער עס איז גאָרנישט. איך האָב זיך דערשראָקן, טאָמער וועל איך פאַרשפּעטיקן״. שמייכלט דער דאָקטאָר: „מאָ־לאַדיעץ! און הייבט מיך אָן ווידער באַטאַפּן און באַקלאַפּן. לייגט צו זיין טרובקע צו מיין האַרצן, דערנאָך דעם אויער. הייסט מיר שפּרינגען צוואַנציק מאָל אויף איין פוס. שטעלט מיך אָפּ נאָך פינף מאָל שפּרינגען און לייגט ווידער צו די טרובקע צו מיין האַרצן. ער רופט צו נאָך אַ דאָקטאָר. יענער הערט זיך איין מיט זיין טרובקע אַ רגע און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט — „ביע גאָדיען!״ — איך טויג נישט. אַרויס מיט אַ ווייסן בילעט.

***

שטייט אַ פרעמדער הינטער שמעונס פּלייצעס און קוקט אַריבער און לייענט, וואָס שמעון האָט דערציילט דאָ וועגן דעם שטעטל, און ער לאַכט אים אַריין אין פּנים:

— האָסט זיך נישט וואָס איבערצונעמען מיט דיין שטעטל און מיט דיינע ייִדן. צוריקגעשטאַנענקייט, אָבערגלויבן, שרעק און הילפלאָזיקייט צוליב אומ־ווויסנקייט. אַ „זיצקע״ צו פאַרהיטן פון סקאַרלאַטינע. אַ גוטער שומר. חכמים גרויסע. מסתמא איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו נעמען שלמהן צו אַ דאָקטאָר. ווער ווייס, עס טראַכטן, אַז די גוייִשע דאָקטוירים זענען געווען געלערנט און דער בחור האָט געהאַט אַ האַרץ־אַטאַקע? מסתמא איז שלמה יונג געשטאָרבן.

שמעון קוקט אָן דעם פרעמדן — אַן אָפּשפּיגלונג פון זיך אַליין. לאַכט ער צום פרעמדן, זיך אַליין איינצושטילן: „אייל זיך נישט, דאָס האָב איך דערוויייל נאָר גיזגעבן די שאָלעכץ צום גוס און די ראָם צום בילד״.

„אָבער דו, פרעמדער אין מיר, פאַרך נישט. וואַרט. ס'איז דאָ אַ יאָדרע. הער דעם סוף פון דער מעשה. יאָ, און שרעק זיך נישט, פרעמדער, פאַר שלמהן. אוודאי האָט מען אים גענומען צו אַ דאָקטאָר. שלמה וועט שוין קיין יונגערמאַן נישט שטאַרבן״.

***

די שטוב איז פול מיט ווילד־פרעמדע, שכנים און קרובים, אָבער די הויפּט־באַלעבאָסטעס זענען איצט די צוויי שטאָט־גבאיטעס. זיי ליידיקן אויס דאָס הויז.

זיי האָבן געפּאַקט די בייגל אין קאָשיקעס, די בולקעס אין זעק און די גרויסע טרוקענע קיכלעך אין אַ שמאָלער געפלאָכטענער קאָרב מיט אַ צודעק.

אָבער זיי זענען נאָך נישט צופרידן, די צווי גבאיטעס. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוטרייבן פון הויז אַלע אָנגעלאָפענע:

— נו, געגוג, געגוג, שבת וועט זיין אַ לעקעך און בראָנפן, וועט מען פאַר־בעטן וועמען מען דאַרף. איצט גייט געזונטערהייט און לאָזט מענטשן אָפּדיכען (אָפּאָטעמען).

דאָס הויז איז געוואָרן ליידיק, בלויז די שטוביקע, די אייגענע זענען גע־בליבן. סימע־דבורה האָט אַ זאָג געטון צו דער מאַמען:

— און איצט, מערע, הער. די ערשטע זאַך גיב אַהער אַלע שלמהס זאַכן. דעם שבתדיקן גאַרניטער, די בלויע הויזן זיינע, וואָס ער פּוצט זיך און זיין פּאָ־דיאָווקע (קורצער ווינטער־מאַנטל), זיינע שאַליקעס און זיינע העמדער און גאַט־קעס. עלעהיי זאָל דוכטן, אַז ער איז אַוועק אין די יונים. אויף וואָס וואָלט ער עס געדאַרפט האָבן? און צוויטנס, ווו דו האָסט אַ גראָשן — אַהער. עלעהיי זאָל דוכטן, מען איז געקומען צו דיר און געזאָגט: מערע, אַהער גיב ביז אַ גראָשן, וואָס דו האָסט אין שטוב און מען דאַרף אַוועקגעבן אַ כאַדאַטאַי (אַ שתדלן) און ער וועט אַרויסראַטעווען שלמהן פון די גוייִשע הענט. וויפל טרעפט אָן די מזומנים וואָס דו האָסט אין שטוב? זיבן, אַכט רובל, וואָס דו האָלטסט צו באַצאָלן ר׳ רפאלן פאַר דעם מעל. עס איז אַלץ שפּאָט וואָלוול פאַר אַ ווייסן בילעט.

די מאַמע האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט און דערלאַנגט סימע־דבורהן וואָס זי האָט געבעטן.

איבערן שטוב האָט זיך דערוויל צעטראָגן דער פרישער, געשמאַקער ריח פון פריש־געבאַקענעם ברויט אין אויוון. סימע־דבורה איז צוגעלאָפן צום אויוון, געעפנט די „זאַסלאָנקע״, אַ קוק געטאָן אויפן געבעקס ברויט און אַ זאָג געטאָן גלייך אין דער לופטן אַריין

— ווו איז דיין לאָפּעטע? וואָס מיינסטו, מערע, איך קאָן דאָ בלייבן אַ גאַנצן טאָג? איך דאַרף נאָך צעטראָגן דאָס געבעקס צו אָרעמעלייט.

די מאַמע האָט אויפגעזוכט די לאָפּעטע און זי דערלאַנגט. סימע־דבורה האָט געשיקט אָנגעהויבן אַרויסצונעמען לעבל ברויט נאָך לעבל ברויט און געפּאַקט זיי אין די קאָשיקעס. ביי די לעצטע פינף לעבלעך ברויט האָט זיך די מאַמע אָנגערופן:

— סימע־דבורה, איך האָב צען מיילער אָנצוקאָרמענען אין שטוב. איר לאָזט דאָך מיך איבער אָן אַ פּיצל ברויט אין שטוב.

— ווּעסט זיך שוין אַן עצה געבן — האָט די גבאיטע געענטפערט.

די מאַמע איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענע, געצופּט די עקן פון קאַפּטיכל און נישט געוואוסט צי זאָל זי רעדן האַרבע רייד צו סימע־דבורהן, צי נישט. אָבער ווען די גבאיטע האָט נישט איבערגעלאָזן אַפילו קיין איין לעבל ברויט פאַר די שטוביקע, האָט מערע געזאָגט:

— ווּעסט מיר שוין מוזן פאַרקויפן פינף לעבלעך ברויט.

— ס׳וועט דיר קאָסטן צוועלף קאָפּיקעס אַ לעבל ברויט, — האָט סימע־דבורה געענטפערט, — אָט פונקט ווי דו פאַרקויפסט עס פון מולטער אויפן מאַרק. ס׳איז גוט ברויט — גוט אויסגעקנאָטן און גוט אויסגעבאַקט, יעדער לעבל איז אַ מחיה צו נעמען אין מויל.

די מאַמע האָט אַ שמייכל געטון:

— דו דאַרפסט נישט פאַרלויבן מיר מיין אייגן ברויט. אָבער דו ווּעסט מיר מוזן געבן אויף באָרג. איך האָב נישט קיין מזומנעם דרייער אין שטוב. ווו ס׳איז געווען אַ גרייטער גראָשן האָב איך עס דיר אָוועקגעגעבן.

— ביסט ביי מיר אַ בעל־בטוח, — האָט סימע־דבורה געענטפערט. ביסט אַלע מאָל געווען אַ גוטע צאָלערין. נעם פינף לעבלעך ברויט. אָבער קלייב נישט אויס די גרעסערע און די בעסטע. נעם ווי עס גייט אין קאָשיק.

מערע האָט זיך איינגעבויגן און אַרויסגענומען פינף לעבלעך ברויט פון דעם נאָענטסטן קאָשיק. סימע־דבורה האָט אַ זאָג געטאָן צו דער אַנדער שטאָט־גבאיטע: געדענק דרייזשע, מערע איז אונדז שולדיק פינף מאָל 12 — האָבן מיר אַ קימאַ־לן פון זעכציק קאָפּיקעס. איך האָב אַ קעצישן מוח און פאַרגעס גרינג. זאָלסט האַלטן קאָפּ.

די מאַמע האָט געענטפערט אַ באַליידיקטע:

— איך וועל דיר נישט אָנזעצן, סימע־דבורה, האָב קיין מורא נישט.

— ס׳איז אָבער בעסער אַז מען געדענקט און מען מאָנט, — האָט סימע־דבורה געענטפערט.

ווען די גבאיטעס זענען אַרויס אָנגעלאָדענע מיט די קאָשיקעס און די זעק, האָט די מאַמע אַ זיפץ געטון צופרידן:

— שוין לאַנג, לאַנג נישט געגעסן קיין געבאַרגטן ברויט, אָבער דאַנקען גאָט, עס איז אין פריידן און נישט אין ליידן.

## קאַפּיטל 29

# וועלט־דערלייזער און משיח־ברענגער

### א

### אַן אייגענער יאַגאָדניק

נאָך פּאַר דער יאַפּאַנישער מלחמה האָט אָנגעהויבן צו קאָכן, זידן און טומלען אין שטעטל. אין די פאַרנאַכטן, בין מנחה למעריב, איז דער בית־מדרש געווען ליידיקלעך, אָבער דערפאַר האָט דער מאַרק געראַשט און גערודערט מיט יוגנט, וואָס האָט געשפּאַצירט און היציק דיסקוטירט צווישן זיך. פרייטיק צו נאַכטס נאָכן עסן און שבת נאָך וואַרעמס, זענען די בעריאָזקעס און דער ערשטער וואַלד געווען פול מיט בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן גערעדט, געאַמפּערט זיך און געזונגען. הינטער דעם צווייטן וואַלד און אין דובניק, זענען פאָרגעקומען אסיפות — סכאָדקעס — מיט רעדנער, פון דער פרעמד געקומענע אַגיטאַטאָרס, וואָס די ווייבער האָבן אַ נאָמען געגעבן „איבעררעדערס“.

אַ סך פון רבי געצלס תלמידים זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נייע חברות. נאָך מער תלמידים האָבן זיך אָנגעהויבן לערנען רוסיש און געענדערט זייער הלבשה. קיינער פון דער יוגנט און אַפילו די מערסטע פון די עלטערע ייִדן, אויסער די בעלי־מלאכות, זענען אין קאַלינקאָוויטש נישט געגאַנגען אין לאַנגע קאַפּאָטעס, גערדייטע פיאות און ספּעציעלע היטלען. דאָך איז די ייִדישע הלבשה געווען אַנדערש פון דער גויִישער. איצט האָט זיך די יוגנט אָנגעהויבן קליידן ווי די פּאַניקעס פון וואָקזאַל: זיי האָבן געטראָגן רובאַשקעס: שוואַרצע, בלויע אָדער רויטע, אַרומגעבונדן מיט געפלאָכטענע גאַרטלעך און שיינע קוטאַסן. די הויזן זענען געווען אַמייסטן פון בלויען, אָדער גרינעם געוואַנט. שמאָל געניית, צו די

קאַלאַשעס האָט מען צוגעניית רעזינענע בענדלעך, וואָס זענען איבערגעגאַנגען אונ־טער די פּאָדעשוועס און געהאַלטן די הויזן שטייף און זיי געגעבן אַ זעלנערישן אויסזען. די היטלען זענען געווען מיט „בלישטשאַשנע קאַזירקעס" — גלאַנציקע דאַשיקעס. די בחורים האָבן אויך געלאָזן וואַקסן די האָר לאַנג. דאָס היטל איז געזעסן וויל־יונגעריש אויפן קאָפּ אַזוי, אַז די טשופּרינע האָר האָט זיך אַרויס־געשפּאַרט פון היטל. די בחורים האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט ביכלעך אויף רו־סיש, העברעיִש און יידיש.

שמעון איז אָבער אַלץ געווען פאַרטאָן אין זיין וועלט: גמרא, משניות, תנ״ך, מדרשים און מוסר־ספרים. ער האָט געלערנט פלייסיק ווי פריער און די דרויסנ־דיקע וועלט האָט אים נישט געלאָקט און נישט גערייצט.

ער האָט ביז אַ יאָר זיבעצן נישט געהאַט קיין ספקות. קשיות יאָ. אָבער אויף קשיות זענען דאָ תירוצים. מען דאַרף זיי זוכן. זיי געפינען זיך אין דער תורה. אַלץ איז דאָ אין איר. אָבער זי איז ברייטער פון די הימלען און טיפער פון ים, איז נישט אַלע מאָל גרינג צו געפינען אין איר וואָס מען זוכט.

ער איז אַרויס פון טאַטנס בעל־מלאכהשער וועלט און ער איז אַריין אין דער ברייטער וועלט פון למדנים, פון וויללערנערס. גלוסט זיך אים נישט בייטן. די נייע וועלט זיינע איז נישט קיין יאָך אויף אים, ווי אויף זיינע נאָענטע חברים. ער וויל נישט אַנטלויפן פון איר און ווייסט נישט צו וואָס ער דאַרף אַנטלויפן. ס'איז אים נישט ענג און אַלץ איז דאָ אייגנס. ער האָט אַ שליסל — די תורה. וואָס פאַראַ נייע זאַכן עס קומען פאַר אים אויף, מאַכט ער זיי אייגנס דורך דער תורה. ערשט שפּעטער, ווען ער איז אַלט געוואָרן אַ יאָר זיבעצן, האָט ער אָנ־געהויבן צו האָבן ספקות, וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרענטפערן ביז זיינע מיטעלע יאָרן. אָבער דאָס איז אַן אַנדערע מעשה... ווען שמעון ברענגט צוריק אין דמיון זיין געמיט־צושטאַנד, ביז נאָך דער ישיבה, און זיין שפּעטערדיקע פאַרעקשנטקייט צו גיין אויף אַן אייגענעם וועג, דערמאָנט ער זיך די מעשה מיט דעם יאַגאָדניק.

ס'איז געווען אַ פרייטיק נאָכמיטאָג נאָך תשעה באב. ווי אַלט ער איז דעמאָלט געווען געדענקט ער נישט. ער איז אַוועק מיט די חברים אין וואַלד צו קלייבן יאַגדעס. זיי זענען פאַרקראָכן טיף אין וואַלד און האָבן זיך צעשפּרייט צו זוכן אַ יאַגאָדניק — קוסטעס אויף וועלכע עס געפינען זיך אַ סך יאַגדעס. שמעון האָט נאָך אַ לאַנגער זוכעניש אָנגעטראָפן אויף אַ ווינקל־וואַלד איינגעטונקט אין יאַגדעס. דערביי איז אויך געווען צווישן די ביימער אַ ליידיקער שטח, אינגאַנצן פאַרוואַקסן מיט שוואָמען און ליסיטשקעס — אַזעלכע געלע שוועמלעך, וואָס

ווערן נאָך עטלעכע מינוטן קאָכן זיס ווי צוקער, שטייט שמעון און קלייבט די יאַגדעס און טראַכט, אַז ער וועט עפּעס דאַרפן צונויפפלעכטן אַ קערבל פון דינע צווייגן פאַר די שוואָמען און ליסיטשקעס. יער וויל שוין אַ רוף טון די חברים, הערט ער ישראל־משהס קול:

— קום נאָר אַהער, שמעון, איך האָב געפונען אַ יאַגאָדניק שוואַרץ ווי טינט. יעדע יאַגדע איז די גרויס ווי אַ קאַרש. יעדער קוסט — אַ דעמב אַ גאַנצער. מען דאַרף גאָרנישט קלייבן, מען קען טרייסלען די קוסטעס און די יאַגדעס פאַלן גלייך אין די קריגלעך אריין. קום אַהער!

— איך האָב דאָ גענוג, צו וואָס זוכן ערגעץ אַנדערש? — האָט שמעון גע־ענטפערט.

—וואָס זוכן, ווען זוכן. ס׳איז דאָ גלייך אונטערן נאָז — האָט ישראל־משה אויסגעשריען.

— אויך דאָ האָב איך עס גלייך אונטערן האַנט. היינט זאָלסטו זעען די שוואָמען און ליסיטשקעס.

— ווער וויל שוואָמען און ליסיטשקעס? מיר זענען דאָך געקומען נאָך יאַגדעס.

— ס׳זענען דאָ גענוג יאַגדעס אויך!

— וועסט חרטה האָבן. וועסט בלייבן מיט אַ נאָז!

— מיט אַ נאָז איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. אָן אַ נאָז איז פּאַסקודנע!

— וואָס חכמהסטו זיך? עקשן!

שמעון האָט נישט געענטפערט און איז נישט אַוועק פון זיין ווינקל. טשע־קאַווע איז, ווי ער געדענקט, אַז ער האָט אָנגעקליבן אַ פול קריגל יאַגדעס אַ סך שנעלער ווי די איבעריקע חברים אין זייער גרויסן יאַגאָדניק. ער האָט אויך צונויפגעקליבן אַ קערבל מיט שוואָמען און ליסיטשקעס.

שמעון האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן זיין ווינקל אין איילעניש. ער האָט נישט געביטן קיין אידעען, ווייל ס׳איז אין דער מאָדע, ווייל אַזוי איז איצט אָנגענומען אין דער וועלט. פריער האָט אַן אידעע געדאַרפט ווערן אַ טייל פון אים. ייִנגלווייז האָט מען אים דערפאַר גערופן עקשן, גרויסהאַלטער און אויך שמעונקע דער משוגענער. אין די רייפע יאָרן — רעאַקציאָנער, דאָגמאַטיקער, פאַנאַטיקער און אַלטמאָדישער ייִד.

## ב

# משיח־ברענגער

עס שווימען אַרויף געשטאַלטן פון זכרון און שטעלן זיך אויס אין דער ריי: „אָט זענען מיר די וועלט־דערלייזער און די משיח־ברענגער פון שטעטל". ייִר זעט זיי: גאָלדאָווסקי, (וואָס איז געווען זיין ערשטער נאָמען?) — אַ הויכער, אַ געשטאַלטנער בחור מיט העל־בלאָנדע האָר; אַלעמאָל שיין פאַרקאַמט. גילדענע פּענסנע און אַ פיינער אָנצוג — אַן אמתער אַריסטאָקראַט — דער אָנפירער פון „בונד". פּייקע כיענעס, אַ דין, בויגזאַם מיידל, קורץ געשוירן, אַ קליין מיילעכל, דינע ליפּן, גרויסע ווײַעס און הענט אומרוּיִקע ווי ביי אַ קינד — אַ בונדיסטישע אַגיטאַטאָרקע פון גאַנצן ראַיאָן. ביינוש דער יאַדושליוועער — אַן עלטערער בחור, וואָס האָט געליטן פון געלזוכט, אַן אָנגעלייענטער ווי אַ פּויק, קלאָר אין אַלע ביכער, וואָס באַשרייבן די שיינע הבטחות פאַר די מענטשן אין דער צוקונפט. שמעון דוד־אַריהס — אַ בחור מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע האָר, בלויע אויגן, אַ שטענדיקער שמייכל אויפן פּנים. אַ טאַטנס אַ זון — דער פירער פון דעם „באַיעוואָי אָטריאַד" אין דער אויעזדנער שטאָט מאַזיר. ער האָט זיך אַלעמאָל אַרומגעטראָגן מיט אַ רעוואָלווער. יוסף־חיים דאָראָזשקין — אַ פּאַראַליזירטער אויף ביידע פיס, די הענט — דינע שטעקעלעך. אַ גרויסער צעשויבערטער קאָפּ און אַ שיינע באָרד. אַ העברעיִסט און אַ ציוניסט. אַ העברעיִשער שרייבער, ער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט דער גאַנצער וועלט. בראָצקי האָט אים אויסגעהאַלטן. דאָראָזשקין האָט געהאַט אַן אייגענעם מנין ביי זיך אין שטוב. דער ערשטער פּרינציפּיעלער העברעיִסט אין שטעטל, וואָס האָט גערעדט נאָר העברעיִש צו די וואָס פאַרשטייען לשון קודש. יודע דער צדיק — כייקעס אַ שוואָגער, אַ ייִד וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון ווייב און קינד. געזעסן גאַנצע טעג אין שול איינגע־וויקלט אין טלית און תפילין, געגאַנגען אין מקוה זעקס מאָל אַ טאָג, געוואַשן די הענט הונדערט מאָל אַ טאָג — געמאַכט צירופים, פאַרנומען זיך מיט קבלה און געוואָלט ברענגען משיחן דורך קבלה מעשיות. די ווייבער האָבן אים גע־האַלטן פאַר אַ למד־וואָווניק און די בעלי־בתים — פאַר אַ שטיקל שוטה.

דערנאָך קומט חיים דרייזשעס — אַ האָרבאַטער שניידערל, וואָס שמעון געדענקט אים נאָך ווי ער איז געלאָפן איבערן מאַרק און געשריִען:

— ישועות אויף ייִדן! ישועות, ייִדן! קאָנסטיטוציע! קאָנסטיטוציע! דער מלך האָט געגעבן אַ קאָנסטיטוציע!

שפּעטער אַביסל — שרעק פאַר אַ פּאָגראָם. מרדכי קרולס דרשה: „משא דומה״. אָבער צוערשט פון אַלץ שווימט אַרויף איין וואָרט: צערעמאָניע. אַ פרעמד חוצפּהדיק וואָרט, וואָס איז פאַרבונדן מיט שרעק און שיסן און זאָגט אָן, אַז די נייע צייט איז פאַרקניפּט מיט רשעות.

## ג

# צערעמאָניע

ישראל־איטשע דעם מלמדס האָט געגומען נחמה ברוך דעם רעטשקעס פאַר אַ כלה. די חתונה האָט מען מגביל געווען אויף מוצאי שבת־נחמו. נישט ישראל־איטשע דער מלמד און נישט ברוך רעטשקעס זענען געווען פון די געהויבענע באַלעבאַטים. און אין שטעטל האָט זיך נישט גערודערט און נישט געטומלט מיט דער שמחה.

ברוך און נחמה, חתן־כלה, האָבן געאַרבעט אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט, אין מאזיר, ווו עס האָט זיך געפונען אַ שוועבעלע פאַבריק. די אָרעמע חתן־כלה האָבן געאַרבעט די גאַנצע וואָך פון פאַר דער חתונה און זיי זענען געקומען אַ היים, ווי אַלעמאָל, פרייטיק פאַרנאַכט.

אינאיינעם מיט די חתן־כלה האָבן אָנגעהויבן קומען געסט. אַ גאַנצע נאַכט און אויף מאָרגן אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געהאַלטן אין איין קומען. פאַרשטייט זיך צופוס. מאָדנע געסט זענען דאָס געווען. נישט קיין פעטערס, נישט קיין מומעס, ווילד־פרעמדע. אַלע געסט זענען געווען יונג. בחורים און מיידלעך — בלוט און מילך, אָנגעטאָן אין דער הלבשה פון די דעמאָקראַטן: די מיידלעך אין רויטע בלוזקעס און שמאָלע קליידלעך, די האָר פאַרקאָמט אויף הינטן מיט רויטע לענטעס און די בחורים אין רובאַשקעס, פאַרשטייפט מיט גאַרטלען מיט קוטאַסן, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט ביים זייט. אַלע בחורים האָבן געטראָגן אייזערנע שטעקלעך, אייזערנע קאַטשערקעס, אָדער שטעקלעך מיט גאַלקעס, געמאַכט ווי העקעלעך — קאַלט געווער. זיי האָבן עס געטראָגן אום שבת און קיינער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. נייע צייטן.

דאָס שטעטל איז געווען אויף מיט זיי. זיי האָבן פאַרנומען די בעריאָזקעס, דעם אויפן־זאַמד, דעם ערשטן וואַלד און דעם צווייטן וואַלד און דעם טאָל, צווישן צווייטן און דריטן וואַלד. דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ פאַרזאַמלונג און געפירט אַ גרויסן וויכוח. משה־דוד, דער עילוי פון שטעטל, וואָס האָט אַלץ געוווסט און

איז געווען אומעטום פול, האָט דערציילט אין בית־מדרש, אַז ס'איז דאָרט אָנגעגאַנגען דער אמתער פּלפּול. די רעדנער האָבן אַרויסגעוויזן גרויסע בקיאות אין די נייע פּוסקים און זיך געוואָרפן מיט מאמרים, ווי די אמתע למדנים. די בחורים און מיידלעך אויסגעסטראָצלטע לכבוד שבת און לכבוד דער חתונה, האָבן פאַרשטאַנען די רעדנער, ווי די קאַלינקאָוויטשער בעלי־בתים פאַרשטייען דעם רבס שבת הגדולדיקע דרשה. אָבער די בחורים און מיידלעך האָבן אַ מאָדנעם מנהג, זיי פּליעסקען מיט די הענט און שרייען בראַוואָ נאָר ווען זייער אייגענער בעל־דרשן דרשהנט. ווען דער אַנדער צד דרשהנט פייפן זיי אים אויס און די אַנדערע חסידים פּליעסקען מיט די הענט.

אַ גאַנצן טאָג האָט חברה געטומלט און אין אָוונט האָבן די נייע מחותנים פאַרנומען די גאַנצע חתונה. זיי האָבן געטאַנצט גרויס־שטאָטיקע טענץ און געזונגען נייע ניגונים, וואָס דאָס שטעטל האָט קיינמאָל נישט געהערט. אָבער נאָכן באַדעקנס האָבן די אמתע מחותנים איבערגענומען די שמחה. טאַטע־מאַמע האָבן געפירט די כלה צו דער חופּה. פון ברוך־רעטשקעס שטוב ביז דער שול איז געווען אַ מהלך. ווי אַלעמאָל זענען די קלעזמער געגאַנגען פאָרויס, נאָך זיי די כלה מיט טאַטע־מאַמע און די נאָענטע מחותנים און נאָך זיי דאָס גאַנצע שטעטל. דעם חתן האָט מען אויך געפירט מיט דער זעלבער פייערלעכקייט. מאָדנע, ס'איז נישט געווען קיין זכר און קיין סימן פון די נייע מחותנים.

אונטער דער חופּה האָט זיך אַלץ געפירט ייִדישלעך. מען האָט זיך געדרייט זיבן מאָל און די כלה איז געשטאַנען שטאַרק פאַרשלייערט. ר' משה שוחט איז געווען דער מסדר קידושין. די נייע מחותנים זענען אָנגעקומען און געשטאַנען באַזונדער. אָבער ווי נאָר ר' משה האָט געענדיקט די ברכות הנשואין, האָבן זיך די פרעמדע געסט גענומען ביי די הענט און געמאַכט אַ צעפּ — אַ קייט, אַרום דער חופּה. אַ בחור מיט אַ גרויסער טשופּרינע און אַ רויטער רובאַשקע, איז אויסגעוואַקסן אויף אַ שטול און אָנגעהויבן אַ דרשה. דער עולם איז געבליבן שטיין. אַ טייל פון נייגעריקייט, די מערסטע פון שרעק. דער בחור האָט געדונערט:

„אָט די פאַרשימלטע צערעמאָניע, דורכגעפירט פון אַ פאַרשטייער פון קלער־קאַליזם, אָנגעטאָן אין אַ פאַרשמאַלצענער קאַפּאָטע (משה שוחט איז־אַלע מאָל געווען אָנגעטאָן ריין און ציכטיק, קיין שפּרינקעלע איז קיינמאָל נישט געווען אויף זיין קורדוט) האָט נישט פאַראייניקט דאָס פּאָרל. ניין, נישט די ברכות, געזאָגט אין אַ טויטער שפּראַך, האָבן באַהעפט חתן־כלה. די אמתע צערעמאָניע, וואָס האָט זיי געמאַכט איינס, איז די ליבע וואָס זיי האָבן געשוווירן איינער צום אַנדערן. דאָס איז געווען די אמתע צערעמאָניע. אָבער נאָך אַ דערהויבענערע צערעמאָניע האָט

זיי פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדן, דאָס איז געווען זייער שווערן אייביקע טרייהייט צום פּראָלעטאַריאַט, וואָס ווען ער וועט קריגן די מאַכט, וועט ער אָפּשאַפֿן די אַלע נאַרישע צערעמאָניעס. מיר, אייערע ברידער־אַרבעטער זענען געקומען צו אייער חתונה צו שווערן טרייהייט צום פּראָלעטאַריאַט. „דאַלאָי סאַמאָדערזשאַוויע" — נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפֿט. „דאַלאָי" — נידער מיט אַלע צערעמאָניעס! „עס לעבע דער בונד פֿון ליטע, רייסן און פּוילן"! הוראַ!

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון שטול. באַלד האָט אָפּגעהילכט, אין דער שטילער שטעטלדיקער זומערדיקער נאַכט, אַ קנאַל פֿון צען רעוואָלווערן.

דער עולם האָט זיך אַ וויג געטון, אַ שפּאַר געטון און צעבראָכן די קייט פֿון הענט. די חופּה איז איינגעפֿאַלן: די וואָס האָבן געהאַלטן די שטאַנגען זענען זיך צעלאָפֿן. אַ מחותנתטע האָט געחלשט און איטשע דער מלמד האָט זיך צעוויינט פֿון בושה.

קיין חופּה־וועטשערע איז נישט געווען. די שטאָטישע קרובים און בעלי־בתים האָבן מורא געהאַט צו ווייזן זיך אויף אַזאַ שמחה. די פֿרעמדע מחותנים זענען אויסגערונען געוואָרן.

חתן־כּלה האָבן געקראָגן אַ צונעמעניש „די צערעמאָניע". ביי שמעונען איז דאָס וואָרט פֿאַרבונדן מיט וויל־יונגערישקייט, רעוואָלווערן־שאָסן און טרערן פֿון אַ ייִדן מיט אַ לאַנגער סיווער באָרד.

ד

## ביינוש יאַדישליווער

ביינוש יאַדישליווער איז מאַטליעס זון. מאַטליע איז אַן אַלמנה, וואָס ציט איר חיונה פֿון פֿאַרקויפֿן הינער. זומער שפּאַצירן אַרום די הינער [illegible] הויף, ווינטער פֿאַרשפּאַרט זי זיי אין קאַטוך. מאַטליעס קאַטוך איז דער גרעסטער אין שטעטל. ביינוש איז אַן אַלטער בחור, דער איינציקער פֿאַרזעסענער בחור אין שטעטל. ווי אַלט איז ער? שווער צו באַשטימען. דער פּנים איז אַ צעקנייטשטער, די האָר גרויע און די אַקסלען רונדע, ווי ביי אַן עלטערן מענטשן, און די הענט זענען אָדערדיקע אויסגעטריקנטע ווי ביי אַן אמתן זקן. אָבער ער גאָלט זיך גלאַט, ווי אַ פּוילישער קשיאַנדז. גיט עס אים אַ יונגן אויסזען. דערצו, ווען ער טוט אָן אַ קעפּקע וויל־יונגעריש אויף אַ זייט, אַ האַלבן אויער צוגעדעקט, און בינדט אויס אַרום האַלדז

אַ בלויען שאַליק, זעט ער אויס ווי אַ וווילער יונג פון יענער חברה. אַ קול האָט ער אַ ווייכן, אַ לאַסטשענדיקן, אַן אָפּהילך פון אַ גאַנצער כלי — נישט נאָר די שטים קלינגט יונג, נאָר ביינוש ווערט אויך יינגער ריידנדיק.

ער האָט זיך אין זיינע יונגע יאָרן געוואַלגערט אין אויסלאַנד, געשטודירט אין דייטשישע, פראַנצויזישע און ענגלישע אוניווערסיטעטן. אַזוי רעדט מען. צוריק־געקומען אַ היים אַ קראַנקער. צוריקגעקומען שטאַרבן און לעבט שוין אַזוי איבער דרייסיק יאָר, אין דער מאַמעס שטיבל. די אַלמנה שפּייזט אים, קעכלט אים און ער העלפט איר אַביסל אַרויס אין דער באַלעבאַטישקייט און די איבעריקע צייט לייענט ער און רעדט פון בעסערע צייטן פאַר דער מענטשהייט.

ביינוש איז אַ סאָציאַליסט, אַ מאַרקסיסט, אָבער ער געהערט ניט צו קיין פּאַר־טיי. ער איז איינער פון די וואָס אַגיטירן פאַר בילדונג, פאַר ליכט, פאַר אַ גערעכט לעבן, פאַר אַ לעבן אָן עקספּלואַטאַטאָרס און עקספּלואַטירטע, וואָס ער דערקלערט באַלד דעם טייטש פון די פרעמדע ווערטער: אָן רויבער און באַרויבטע, אָן אָפּנאַ־רער און אָפּגענאַרטע. ווען שמעון איז צוריקגעקומען פון דער ישיבה, דעמאָלט איז ער שוין געווען גוט באַקאַנט מיט דעם פּאַרטיי זשאַרגאָן, האָט ער ביינושן אַ נאָמען געגעבן „סאָציאַל באַוווסטזיניק״ ווייל באמת האָט ביינוש נישט אַגיטירט פאַר וועל־כער ס׳איז פּאַרטיי, נאָר געפּרובירט ברענגען באַוווסטזיניקייט — „ראַזוויטען״ דעם מענטשן.

ביינוש האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן קאַמף, וועגן גוראַנגל פון אַרבעטער־קלאַס, נאָר אַלעמאָל האָט ער דערציילט און געמאָלט די ליכטיקע וווּנדערבאַרע, גליקלעכע צייטן פון נאָך דער רעוואָלוציע. קיינער פון די פּאַרטיי פּאַרשטייער האָט מיט אים נישט געפירט קיין דיסקוסיעס, ווייל ער איז דאָך נישט געווען קיין קעג־נער. פאַרקערט, ער האָט צוגעגרייט די יוגנט פאַר סאָציאַליזם, אַלע זיינען מיט אים געווען צופרידן.

מערע ירוחימס הויז האָט געהאַט אַ לאַנגן קאָרידאָר. גאַנץ אָפּט פלעגט די יוגנט פון געסל אַהין זיך צונויפקלייבן און פאַרברענגען, איבערהויפּט אין די וואָ־רעמע רעגנדיקע זומער נעכט. די מאַמע האָט ליב געהאַט זיך צוהערן צום זינגען, צו די וויכוחים און פלעגט פאַרקוקן אַ שטיפעריי צווישן אַ בחור און אַ מיידל. ביינוש מאַטליעס, וואָס האָט געוווינט אַנטקעגן מערעס שטוב, איז געווען אַ שטענ־דיקער גאַסט. ער האָט אַלעמאָל זיך געלאָזט הערן.

ס׳איז געווען אַ תמוזדיקע וואַרעמע נאַכט, אַ רעגנדל האָט געמראַקעט. אויפן קאָרידאָר איז געזעסן אַ גאַנצע כאַפּטע בחורים און מיידלעך: שמואל חיימס דריי פּועלים. אייזיק דעם שוסטערס צוויי בנים, חיים און ברוך, בנימין שוסטערס זון

אַהרן, רחל לאה,ביילע אהרן נחומס פינף טעכטער און עלקעס צוויי זין. שמעון איז געזעסן צווישן די פּועלים. ער האָט אויך ליב געהאַט זייער פריילעכקייט און שטיפערייען. אַמאָל פלעגן זיי זיך צונויפלייגן אויף אַ פּאָר פלעשער ביר. די בחורים האָבן געטרונקען וויל־יונגעריש און די מיידלעך האָבן אַלע מאָל בלויז פאַרזוכט דעם בראָנפן, שוימיקן געטראַנק און אויסגעשפּייט: ווי קאָן מען אַראָפּשלינגען אַזאַ ביטערנישן?״

חברה האָט געזונגען; געזונגען לאַנג און שיין. נאָכן זינגען, ווי אַלע מאָל, האָט ביינוש אָנגעהויבן ריידן:

— וואָס מיינט איר, די רעוואָלוציע וועט נאָר אַראָפּוואַרפן דעם צאַר, מאַכן דעם לעקיש אויס מושל און פּאַרטיק? ניין! מיר וועלן נישט מאַכן דעם טעות וואָס די אַלע רעוואָלוציעס האָבן געמאַכט. לאָזן אַלץ ווי עס איז געווען. נאָכן ערשטן טומל וועט זיך אָנהייבן די אמתע רעוואָלוציע — די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

— נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועלן מער נישט זיין קיין אָרעם און רייך. די ערד וועט געהערן צו אַלעמען. ס׳וועלן נישט זיין קיין בעלי־בתים, עס וועט אָנקומען די אמתע פרייהייט. נישט נאָר דער מענטש וועט ווערן פריי, אויך פייגל און חיות. אָט פאַרשפּאַרט מיין מאַמע די הינער אין קאָטוך. דער קאָטוך איז דאָך אַ טורמע און עס וועלן מער נישט זיין קיין טורמעס נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

— עפּעס גלויבט זיך נישט — האָט געזאָגט אייזיק דעם שוסטערס זון, אַ יינגל פון אַ יאָר פופצן, זעכצן, וואָס איז נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געוואָרן אַ קאָמיסאַר און פאַרשיקט שמעונס טאַטן, ירוחימען, אין טורמע — עס גלויבט זיך נישט, אַז עס וועלן נישט זיין קיין טורמעס.

— צו וואָס וועט מען דאַרפן טורמעס — האָט ביינוש געזאָגט מיט היץ, אַז יעדער איינער וועט זיין פריי צו טאָן וואָס ער וויל? גאַסן־קערער און מיסט־רייניקער וועלן קריגן נאַגראַדעס (מעדאַלן) פאַר זייער אַרבעט. שאַכטיאָרן וועלן טראָגן מונדירן און קאָקאַרדעס ווי גענעראַלן. ווי באַלד אַז עס וועלן מער נישט זיין קיין עקספּלואַטאַטאָרן וועט דער מענטש זיין ערלעך און טון נאָר גוטס.

— איז ווער וועט עס וועלן זיין אַ שוסטער, אַ שניידער, אַ קוימען־קערער, האָט זיך אָנגערופן עלינקעס זון, ברוך, דער שוסטער. יעדער איינער וועט וועלן זיין אַן אינזשעניער, אַ גענעראַל, אָדער אַ טעלעגראַפיסט.

ביינוש האָט אַ הוסט געטאָן, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער גערעדט אין זיין בוימלדיקן קול:

— וואָס מיינסטו, נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועט אַ שוסטער אַרבעטן

פון פינצטער ביז פינצטער, ווי אין היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג? קיי־נער וועט מער ווי צוויי שעה אַ טאָג נישט אַרבעטן. אָפּגעאַרבעט, אַרומגעוואַשן זיך, איבערגעטאָן זיך און דערנאָך טוט ער וואָס ער וויל. ער וועט זיך אין זיין ליידיקער צייט פאַרנעמען מיט אינזשינעריי, זיין אַ דאָקטער, אַ טעלעגראַפּיסט, אָדער אַן אַסטראָנאָם. אַנישט קאָן ער גיין מיט די הענט אין די קעשענעס און קוקן אויף די שטערן. ס'איז זיין צייט. אויב ער וועט וועלן, וועט ער זיך אַריינכאַפּן אין אַ טעאַטער.

— און די גוים וועלן לאָזן די יידן צו ווערן אָפּיצירן, דאָקטוירים, טעלע־גראַפּיסטן און גענעראַלן? — האָט געפרעגט שמואל חיימס אַ פּועל.

— ביסט אַ נאַר — האָט געענטפערטביינוש — נאָך דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע וועלן נישט זיין קיין גוים און קיין יידן. עס וועלן זיין נאָר מענטשן. אַלע וועלן זיין גלייך!

ער האָט זיך צעוואָרעמט:

— די קייטן וועלן אַראָפּגענומען ווערן פון די מענטשן, אויס אָבערגלויבן! אויס שרעק! דער מענטש וועט מאַכן פון דער וועלט אַ גן־עדן. וווּ אַ מדבר, וועט ווערן אַ פרוכטבאַר לאַנד, וווּ אַ זומפּ — אַ בליענדיק פעלד, וווּ אַ וויסטעניש אַ בליענדיקער גאָרטן. קראַנקהייטן וועלן אָפּגעשאַפט ווערן. מיט דער צייט וועט מען מער נישט שטאַרבן.

מערע האָט אַ זיפץ געטון:

— וועלן מיר עס דערלעבן, ביינוש? מאַלע וואָס אַמאָל, אַמאָל וועט זיין! אַלע מאָל הער איך: אַמאָל איז געווען, אָדער אַמאָל וועט זיין. ביז די גליקלעכע צייט וועט קומען וועלן מיר ליגן מיטן בייליק אַרויף און קיין זכר וועט פון אונדז נישט בלייבן.

ביינוש האָט געענטפערט מיט זיכערקייט:

— די סאָציאַלע רעוואָלוציע מוז קומען. ווי גיך? דאָס ווענדט זיך אין אונדז. מיר קענען זי צוויילן.

שמעון זיצט פאַרטייעט אין זיין ווינקל און טראַכט, רעדט צו זיך אַליין און וווּנדערט זיך:

— וואָס איז ביינוש דאָ מחדש? ער רעדט דאָך פון משיחס צייטן און לעתיד לבוא. ווען משיח וועט קומען ווענדט זיך אָן מענטשן, ווי די גמרא זאָגט: „וועט דער דור זוכה זיין וועל איך זי צוויילן, וועט דער דור נישט זוכה זיין איז אין צייט". וואָס פאַרא חידושים דערציילט ביינוש? שוין אין חומש שטייט, אַז די ערד געהערט צו גאָט. יידן זענען גאָטס קנעכט, נישט קיין קנעכט צו קיין מענטשן. און

דער לעתיד לבוא? שטייט דאָך אין עמוס: עס וועט קומען אַ צייט, זאָגט גאָט, וועט דער אַקערער זיך אַנשטויסן אין דעם שניטער און דער וואָס טרעט די ווייַנטרויבן אין דעם, וואָס טראָגט די זריעה. די בערג וועלן טריפן זאַפט און אַלע הויכע וועלן אויסגעגלייכט ווערן. און דער מדרש רבה דערציילט נאָך שענערע זאַכן וועגן לעתיד לבוא:

— צען זאַכן וועט גאָט מחדש זיין אין משיחס צייטן. די ליכטיקייט פון דער זון וועט פאַרשטאַרקט ווערן און אירע שטראַלן וועלן היילן. אַ לעבעדיקער קוואַל וועט אַרויסשטראָמען פון ירושלים און זיינע וואַסערן וועלן קענען היילן די גרעסטע חולאתן. ביימער וועלן געבן פרוכט אַלע חודש און די בלעטער וועלן זיין די בעס־טע רפואות. אַלע חרובע שטעט וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן. אַפילו סדום און עמורה. ירושלים וועט אויפגעבויט ווערן פון דימענטן. אַ בהמה און אַ בער וועלן זיך פיטערן אינאיינעם. גאָט וועט צונויפנעמען אַלע חיות און בהמות און שרצים און מאַכן מיט זיי אַ בונד, אַן אָפּמאַך, זיי זאָלן קיינעם נישט שלעכטס טאָן. עס וועלן מער נישט זיין קיין געוויין און קלאָג. עס וועט מער נישט זיין קיין טויט. עס וועט זיך נישט הערן קיין זיפץ, קיין קרעכץ און קיין טרויער. אַלע וועלן זיין גליקלעך און יום־טובדיק.

אָבער מאָדנע, וווּנדערט זיך שמעון, רבי געצל לערנט דאָך אָפּט מיטן עולם וועגן משיחס צייטן. פאַרוואָס ווערן נישט מענטשן אַזוי פאַרקאָכט וועגן ייִדישן לעתיד לבוא, ווי וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע? עפּעס דאַרף דאָך זיין אַ חילוק צווישן די ביידע. פאַרוואָס צינדן אָן די דעמאָקראַטן די הערצער פון די אַלע פּו־עלים און דער מדרש נישט?

דאָס איז איינע פון די שאלות, וואָס שמעון האָט נישט געקענט פאַרענטפערן. ערשט דרייסיק יאָר שפּעטער האָט ער אויסגעפונען דעם ענטפער.

## ה

## כייקע די אַגיטאַטאָרין

מאָזיר און קאַלינקאָוויטש זענען אַ שטוב מיט אַ קאַמער. מאָזיר איז אַן אור־יעזדנע, גרויסע שטאָט אָבער קאַלינקאָוויטש האָט אַ באַן. אַלע סחורות פאַר דער גרויסער שטאָט ווערן פריער געבראַכט אין דעם קליינעם שטעטעלע מיט דעם באַן און דערנאָך פירט מען זיי מיט אַקס פולע צען וויאָרסט אין דער גרויסער שטאָט. קאַלינקאָוויטש שטעלט אויך צו גאַר אַ גרויסע צאָל אַרבעטער צו דער שווע־

בעלע־פּאַבריק פון מאַזיר און די הויפּט צוויי אַגיטאַטאָרס גאָלדאָווסקי און כייקע כיענעס שטאַמען פון דעם שטעטעלע. אין יענעם ווינטער איז אויסגעבראָכן אין דער שוועבעלע־פּאַבריק אַ גרויסע סטאַטשקע (אַ שטרייק) גאָלדאָווסקי און כייקע זענען געווען די אָנפירער. דעם שטרייק האָט מען געוווּנען, אָבער די זשאַנדאַרן האָבן אַרומגעזוכט די צוויי אָנפירערס. גאָלדאָווסקי האָט זיך באַהאַלטן אין קאַלינ־קאָוויטש אין דער לאַנגער־גאַס, לעבן באַינע. אין אַ לבנהדיקער נאַכט איז צוגע־פאָרן צום שטיבל אַ קאַרעטע מיט פיר זשאַנדאַרן און צוגענומען גאָלדאָווסקין. געבליבן איז כייקע. זי איז באַשטאַנען פאַר צווייען.

כייקעס טאַטע איז געווען אַ מלמד, נישט פון די געהויבענע מלמדים. אַ מאָד־נער ייִד איז ער געווען. ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט קיין איבעריק וואָרט, אפילו מיט די תלמידים זיינע. ווען ער האָט נישט געלערנט מיט די קינדער, האָט ער שטילערהייט געזאָגט תהילים. אין שטעטל האָט מען אים גערופן „דער שוויי־גער״.

כייקעס מאַמע, כיענע, איז שוין גאָר נישט געווען קיין שוויגערין. זי איז גע־ווען אַ שטאָט־גבאיטע, אַ פאַרזאָרגערין פון די שטעטלשע אָרעמעלייט, אלמנות און יתומים. יעדן דאָנערשטיק איז דער פרי איז זי אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס און צונויפגענומען מעל, גרויפּן, חלות און אַ מזומן־גראָשן, אויב מען האָט געגעבן. פרייטיק האָט זי פאַרזאָרגט די אָרעמעלייט מיט שבת.

זי איז קיינמאָל נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. איז ביי אַן אָרעמאַן אין שטוב עמעצער קראַנק געוואָרן, איז מען געקומען צו לויפן צו איר זי זאָל ראַטעווען. זי האָט נישט געלאָזט פאַלן. זי האָט געבראַכט אַ דאָקטער, אַוועקגעלאָפן אין אַפּטייק נאָכן רעצעפּט. באַזאָרגט דעם קראַנקן מיט אַ יאיכל פון עוף. ווו אַ צרה, אַן אומ־גליק און אַ שלאַק מן השמים איז כיענע דאָרטן געווען — גרייט צו העלפן.

שבת און יום־טוב האָט זי אויך נישט גערוט. זי איז געווען די פירזאָגערין פון תחינות אין דער ווייבערשער שול, פאַר די ווייבער וואָס האָבן נישט געקאָנט דאַווענען. זי האָט אָנגעוויזן די אַנדערע ווייבער ווו דער חזן האַלט. שבת נאָכן עסן האָט זי גע־לייענט צאינה וראינה פאַר די שכנות. דאָס שטיבל איז געווען פול מיט זיי. קינד און קייט האָבן געקאָנט די „מומע כיענע״, די קהלשע מומע, אַלעמענס מומע.

כיענע האָט געהאַט צוויי טעכטער און איין זון. די עלטערע טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ בחור פון אַן אַנדער שטעטל. מען האָט אים גערופן יודע, יודע דער שינדלמאַכער. אַ צען יאָר נאָך דער חתונה איז ער אין אַ פרימאָרגן אַוועק אין שול און איז מער נישט צוריקגעקומען. ער איז געבליבן אין שול. ער איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, געדאַוונט און געזאָגט תהילים. קיין למדן איז

ער נישט געווען, אָבער אין עטלעכע יאָר האָט ער זיך אויסגעלערנט אָפּצודראַפּן אַ פּרק משניות. נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו קבלה־ספרים. צי ער האָט פֿאַרשטאַנען וואָס ער לערנט, צי נישט, האָט קײנער נישט געוווסט. אָבער ער האָט אָנגעהויבן פֿאַסטן אַ טאָג איבער אַ טאָג, געגאַנגען אָפֿט אין מקוה און געוואַשן די הענט יעדע מינוט. מען האָט געזאָגט, אַז ער וויל מיט צירופֿים ברענגען משיחן.

די טעג וואָס ער האָט נישט געפֿאַסט האָט ער געגעסן נאָר ברויט מיט זאַלץ און פֿאַרטרונקען מיט וואַסער. אַפֿילו שבת האָט ער זיך נישט צוגערירט צו קיין פֿלייש. די ווײַבער האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַ למד־וואָווניק, ער קאָן באַווײַזן מופֿתים, נאָר ער וויל נישט. ער דאַרף זײַן אַ נסתר. אָבער מען ווייסט קײנמאָל נישט ווען די ריכטיקע שעה קאָן קומען, ווען זײַן רחמנות וועט דערוועקט ווערן. דערפֿאַר ווען עס האָט בײַ עמיצן געטראָפֿן אַן אומגליק: אַ קינד איז פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן, אַ מוקשה ללדת, איז מען געקומען צולויפֿן צו אים, געוויינט פֿאַר אים, אים געבעטן און ער האָט געשוויגן. ער האָט אַראָפּגערוקט דעם טלית איבערן קאָפּ און אים ניט אַרויפֿגערוקט ביז די פּרוי איז אַוועק. ער האָט געשוויגן און די ווײַבער זענען צו אים געלאָפֿן. זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „יודע דער צדיק". די בעלי־בתים האָבן געשמייכלט און אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער צום שלייף — „אַ שטיקל שוטה און עם הארץ און דערצו אַביסל צעדרייט".

אַ סך בעלי־מלאכות האָבן געהאַלטן פֿון יודען. שמעונס שוואָגער, שמואל־חיים איז געווען זײַנער אַ גרויסער חסיד. ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז יודע זאָל גיין אין אַ גאַנצן בגד, אין נישט קיין צעפּאָרענע שיך. יודע פֿלעגט צו אים קומען איין מאָל אין אַ חודש — ראש חודש. ער פֿלעגט קומען צו שמואל־חיימען שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע האָבן געשלאָפֿן. ער פֿלעגט אָנקלאַפּן אין אַ שויב פֿון קיך־פֿענצטער. דער שוואָגער וואָס האָט אויף אים געוואַרט, האָט באַלד געעפֿנט די טיר פֿאַר אים. אין קיך אויף אַ קליין טישעלע איז געשטאַנען אָנגעגרייט אַ קוילישיקל בראָנפֿן, ברויט מיט זאַלץ, אַ האַרט אָפּגעקאָכט איי און אַ גלאָז טיי.

שמעון, וואָס איז געשלאָפֿן אויף דער סאָפֿקע לעבן קיך, פֿלעגט שטענדיק זען וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אין קיך, ווען יודע איז געקומען. דער שוואָגער איז געשטאַנען און אים משמש געווען. ער האָט זיך קײנמאָל נישט צוגעזעצט, ווען ער איז געשטאַנען מיט יודען פּנים אל פּנים.

אַלע מאָל האָבן זיי זיך אויפֿגעפֿירט אויף דעם זעלביקן אופֿן ווי זיי וואָלטן אײַנגעחזרט יעדן ריר און יעדן קער. יודע פֿלעגט זיך וואַשן, פּרום געזאָגט שאר־ידיכים, אָפּגעטריקנט פֿאַמעלעך די הענט מיט אַן „אַסטשיריק" — אַ דינעם געפּעס האַנטוך, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט, עס אײַנגעטונקט אין זאַלץ און געמאַכט המוציא. שמואל־

חיים האָט געענטפּערט אמן. יודע האָט דערנאָך גענומען דאָס קוילישיקל בראָנפן און געזאָגט צו דעם שוואָגער:

— לחיים, ר׳ שמואל־חיים, גאָט זאָל אייך געבן אַ חודש פון געזונט און פּרנסה. אייך און כל ישראל! — און געמאַכט שהכל.

שמואל־חיים האָט ווידער געענטפערט אמן. ער איז געווען זיכער אַז צוליב יו־דעס ברכה, זענען ער און זיין ווייב און קינדער געזונט און די שפע איז גרויס אין שטוב. אַזוי חודש־איין חודש־אויס.

כיענעס בן יחיד האָט געוווינט אין קיִעוו, געווען דאָרט אַ העברעיִשער לערער, געשריבן אין העברעיִשע צייטונגען וועגן ציוניזם און פּעדאַגאָגיע. שמעון האָט אים אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַגעגנט און דער געלערנטער יונגערמאַן האָט אים שטאַרק באַווירקט.

כיענעס יינגסטע טאָכטער, כייקע, איז געווען אַ בת זקונים. אַ מיידל אַ ברען, קורץ געשוירן, אַ ווייל קענעוודיקע, אַ פאַרברענטע רעוואָלוציאָנערקע. זי האָט געהאַט דער מאַמעס מענה־לשון און רירעוודיקייט. זי איז אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און צונויפגעשטעלט רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך. מען האָט גערעדט אין שטעטל, אַז זי רירט זיך נישט פון אָרט אָן אַ פּיסטאָלעט.

זי האָט נאָכן שטרייק אין שוועבעלע־פאַבריק זיך אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי.

באַלד נאָך פּסח האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג אין שטעטל אַז כייקע וועט קומען אויפן ערשטן מאַי. דער בונד וועט מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע און דאָס מיידל וועט האַל־טן אַ רעדע.

ביי שמואל־חיימען, שמעונס שוואָגער, האָט געאַרבעט אַ בחור מיטן נאָמען ניסל. ער איז דאָס געווען די קאָנספּיראַציע פון בונד. אַזוי איז ער געווען אַ פריי־לעכער, אַ לוסטיקער, אַ זינגער, אַ טענצער און אַ באַרעדעוודיקער. אָבער מאָדנע, ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן רעוואָלוציע. דווקא ער, וואָס מאַכט זיך אַז ער ווייסט גאָרנישט איז געווען ביי זיי דער גאַנצער אָנפירער. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן דער קלאַנג אַז העניע וועט קומען אין שטעטל איז שמעון צו אים צוגעשטאַנען:

— זי וועט קומען?

— מוזט עס וויסן?

— זי וועט ריידן?

— וועסט נישט קענען מאַכן דיין לייענען אין גמרא ביצה אויב דו וועסט עס נישט וויסן?

## שלמה סיימאָן

— וואָס האָט איר מורא?

— אַז מען האָט מורא לייענט מען קרישמע (קריאת שמע) און איך, זעסט דאָך, איך פאַרסטריגע גאָר אַן אַרבל און טראַכט נישט פון קרישמע.

— איך וועל קיינעם נישט דערציילן.

— וואָס דו ווייסט נישט וועסטו אַוודאי נישט דערציילן.

— איר האַלט מיך פאַר אַ מסור?

— אסור!

— איז פאַרוואָס ווילט איר נישט איך זאָל וויסן?

ניסל האָט זיך איינגעבויגן צו שמעונען און אים אַריינגעשושקעט אין אויער:

— ווילסטו טאַקע וויסן? נעם אַ האַנטעך און וויס (וויש).

שמעון האָט זיך צעלאַכט און ניסל האָט זיך צעזונגען.

דער ערשטער מאַי איז געקומען. דאָס שטעטל איז געווען וואָכעדיק ווי אַלע מאָל: די קראָמען זענען געשטאַנען אָפן, די יינגלעך זענען אַוועק אין חדר. די פאַרקויפערינס זענען געשטאַנען ביי די מולטערס געבעקס, נאָר עס האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן מאַרק דער פריסטאַוו, דער אוראַדניק, דער גאָראָדאָוואָי און דריי סאָטניקעס.

דער פרימאָרגן און דער פאַרמיטאָג זענען אַוועק, ס'איז געווען שטיל אין שטעטל. די קראָמען אָפן און די בעלי־מלאכות זענען געזעסן אין די וואַרשטאַטן. די איינציקע, וואָס זענען געווען אומרויִק, זענען געווען די יינגלעך אין די חדרים. ווען עס זאָל ווערן אַ דעמאָנסטראַציע, ווערן זיי פריי. אָבער אָט איז שוין פאַרנאַכט און אין שטעטל איז שטיל, ווי שבת נאָכן טיש.

ערשט ווי די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן און די יינגלעך זענען אַרויס פון חדר, איז געוואָרן אַ געלאָף, אַ יאָגעניש. די דעמאָנסטראַציע האָט זיך אָנגעהויבן ביים בריק. שמעון האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טייכל.

אַרום בריק איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. שמעון האָט זיך גענומען שטופּן נענטער, אָבער דער בריק איז געווען אָפּגעשלאָסן מיט אַ קייט פון אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און קיינעם נישט צוגעלאָזן צו נאָענט. אַלע ווי איינער זענען די אַרבעטער געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע העמדלעך, פאַרשטייפט מיט רויטע גאַרטלען. יעדערער פון זיי האָט געהאַלטן אַן אייזערנעם שטעקל מיט אַ דיקער גאַלקע, אָדער מיט אַ הענטל געמאַכט ווי אַ העקעלע.

שמעון האָט דערזען ניסלען ווי ער שטייט אינעווייניק פון קייט. דאָס יינגל האָט זיך צוגעשטופּט נאָענט צו אים און אויסגערופן:

— נו, זי וועט קומען?

— וועסט עלטער ווערן וועסטו אויסגעפינען, האָט ניסל געענטפערט רויק. שטיי, קוק און שווייג.

אויפֿן בריק האָבן זיך באַוויזן פיר חברהלייט מיט צוויי לײדיקע צוקער־פּעסלעך. אויף די פּעסלעך האָט מען ארויפגעלייגט אַ ברעט און באַלד איז אויף דער ברעט אויסגעוואַקסן כייקע כיענעס. קיינער האָט זי נישט דערקאָנט. זי איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ פּרום ווייבל, מיט אַ טיכל אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. ערשט ווען זי האָט אַראָפּגענומען דאָס טיכל און אַ טרייסל געטאָן דעם קאָפּ מיט די קורץ געשוירענע האָר, האָט זי דער עולם דערקענט און אויסגעבראָכן אין אַ הוראַ. ניסל איז געשטאַנען צווישן עולם און געשמייכלט.

זי האָט אָנגעהויבן ריידן. שמעון האָט זיך אָנגעשטרענגט אויפצוכאַפּן יעדן וואָרט. אָבער ער האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען. זי האָט גערעדט אַ מאָדנעם לשון. יידיש, אָבער מיט אַ סך רוסישע און אַנדערע שווערע ווערטער.

זי האָט נישט גערעדט לאַנג. ווען זי האָט געענדיקט, האָבן אַלע אַרבעטער פּאַר איינס אויפגעהויבן די רעכטע האַנט מיט די אייזערנע שטעקלעך און אויסגערופן אין איין קול:

— דאלאי סאמאדערזשאוויע — נידער מיט דער זעלבסט־הערשאַפט!
— דאלאי צאַר ניקאָליי — נידער מיט דעם צאַר ניקאָליי!
— עס לעבע די רעוואָלוציע!
— עס לעבע דער בונד!

נאָך די אויסגעשרייען האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען „די שבועה“. דאָס געזאַנג האָט זיך דערטראָגן ביזן וואַלד און עס האָט צוריק אָפּגעהילכט. כייקע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון ברעט און זיך געלאָזט גיין דורך די בלאָטעס צום דובניק. אַ ווײַלע האָט מען געזען איר מיידלשן קאָפּ אין אָפענעם פעלד. באַלד איז כייקע נישט געוואָרן, אַריין אין געדיכטן וואַלד.

אויף מאָרגן איז דאָס שטעטל פאַרפּלייצט געוואָרן מיט זשאַנדאַרן. מען האָט אַ סך בחורים אַרעסטירט. כייקען האָט מען געזוכט און געזוכט און נישט געפונען. ניסלען האָט מען נישט געטשעפּעט.

אַ פּאָר וואָכן זענען אַריבער און די פּאָליציי האָט אַלץ געזוכט. שמעון האָט געפרעגט ניסלען:

— מען וועט זי כאַפּן?

ניסל האָט געשמייכלט:

— עס איז גרינגער צען לענדער צו דערקענען איידער איין כייקען.

אָבער מען האָט זי געכאַפּט. אַ דעסאַטניק האָט זי דערקענט אין אַ דערבײַיִקן דאָרף, װען זי איז געגאַנגען מיט אַ גויע יעטן קאַרטאָפל.

אין דעם אָװנט פון דעם טאָג, װאָס מען האָט אַרעסטירט כײקען האָט שמעון דערהערט שפּעט אין דער נאַכט װי יודע קלאַפּט אין פענצטער. שמואל־חיים איז שוין געשלאָפן אָבער דאָס אָנקלאַפּן אין פענצטער האָט אים אויפגעװעקט, װי מ׳װאָלט אויסגעשאָסן פון האַרמאַט. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אַרויפגע־כאַפּט אויף זיך די בגדים און געעפנט די טיר.

שמעון האָט פון זײַן געלעגער נאָכגעקוקט װי דער שװאָגער גרײט דעם טיש. יודע האָט זיך געװאַשן, געמאַכט המוציא, גענומען דאָס קוילישיקל בראָנפן און געזאָגט צו שמואל־חײמען:

— לחיים, ר׳ שמואל־חיים, דער השם יתברך זאָל געבן, אַז אירע יסורים זאָ־לן מכפּר זײַן אויף אירע עבירות!

נאָכדעם װי יודע האָט געמאַכט שהכל און אויסגעטרונקען דאָס גלעזעלע בראָנפן, האָט שמואל־חיים געפרעגט:

— װעמענס יסורים, רבי?

יודע האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן ברויט, אַביסל זיך פאַרטראַכט און געענטפערט:

— איך מײן כײקען, מײַן שװעגערין. אַ רחמנות! איך האָב זי אויפגעהאָדעװעט. אויף די הענט געטראָגן. אַ גוט האַרץ האָט זי אַלע מאָל געהאַט, נאָר דער שטן האָט זי פאַרפירט. איך האָב געהערט, אַז זי טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּיסטאָלעט, גרײט צו הרגענען. זי װײסט נישט אַז דאַטפת אטפוך — װײל דו האָסט דערטרונ־קען אַ מענטשן, האָט מען דיך דערטרונקען וסוף מטיפיך יטופון — און דער סוף פון די װאָס װעלן דיך דערטרינקען װעט זײַן, אַז זײ װעלן אויך דערטרונקען װערן. ס׳איז אַ רשעותדיקער עיגול. פונקט דער היפוך פון דער עיגול, װאָס דער צדיק מאַכט קעגן רשעות.

שמואל־חיים איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. ער האָט קײנמאָל נישט געהערט יודען אַזױפיל רײדן. ער האָט אויך נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען װאָס דער צדיק זײַנער האָט גערעדט. סוף כל סוף, האָט אים זײַן נײַגעריקײט איבערגעװעלטיקט און ער האָט געזאָגט:

— רבי, איר בענטשט זי?

יודע האָט פאַרמאַכט די אויגן פאַר אַ װײלע און דערנאָך געזאָגט:

— איך װינטש איר, אַז אירע יסורים, װאָס זי װעט לײדן אין די הענט פון די רשעים, זאָלן מכפּר זײַן אויף אירע זינד. זאָל זי אָנהײבן טון צדקה און גוטס

צו מענטשן, ווי די שוויגער, זאָל לעבן. וועט נאָך אַ גוטער מענטש צוקומען אויף דער וועלט.

מער האָט יודע נישט גערעדט. אָפּגעבענטשט. אַ קוש געטון די מזוזה און איז אַוועק.

שמואל־חיים איז צוגעגאַנגען צו שמעונס געלעגער:

— דו שלאָפסט, שמעון?

— ניין.

— האָסט געהערט?

— יאָ!

— האָסט פֿאַרשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט?

— כ׳מיין, אַז יאָ.

— וואָס האָט ער געמיינט מיטן עיגול?

— ער האָט געמיינט, אַז עס איז אין לדבר סוף. זי וועט יענעם הרגענען, נאָכ־דעם וועט מען זי הרגענען, דערנאָך וועט מען איר רוצח הרגענען. אַזוי אָן אַ סוף, אָן אַן עק, ווי אַן עיגול, וואָס מען ווייסט נישט וווּ עס הייבט זיך אָן און וווּ עס לאָזט זיך אויס. רשעות בלייבט.

— וואָס האָט ער געמיינט מיטן עיגול, וואָס דער צדיק מאַכט קעגן רשעות?

שמעון האָט אים דערקלערט:

— ווען אַ צדיק וויל מנצח זיין שדים, רוחות און די סיטרא־אחרא מאַכט ער אַן עיגול אַרום זיך און די רוחות קענען נישט צוקומען נאָענט צו אים. דער צדיק ווערט נישט ווי איינער פון די שדים, כדי זיי צו מנצח זיין. כייקע פירט זיך אויף ווי די רשעים, כדי זיי צו מנצח זיין. זי וויל איינגעמען רשעות מיט רשעות און דער צדיק וויל מנצח זיין רשעות מיט צדקות.

שמואל־חיים האָט זיך געקראַצט אין דער פּאַטילניצע.

— איך פֿאַרשטיי עס נאָך אַלץ נישט אינגאַנצן. צו טיף פֿאַר מיר. אָבער מיר איז אַ וווּנדער, וואָס אַזאַ צדיק ווי יודע האַלט נישט כייקען פֿאַר אַ רשעטע. זי טראָגט זיך דאָך אַרום מיט אַ פּיסטאָלעט.

שמעון האָט געשוויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אין ביינושעס רייד וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס האָבן געקלונגען ווי די רייד אַרויסגענומען פון תנ״ך און מדרש. אפנים, אַז יודע דער צדיק זעט נישט קיין גרויסן חילוק צווישן די הבטחות פון דעם מדרש אין די רייד פון די דעמאָקראַטן.

# קאַפּיטל 30

# שמעונס לעצטער זומער אין שטעטל

## א

### ביאַליק — „אין שחיטה־שטאָט"

אין שמעונס זכרון טויכט אויף אַ נאָכמיטאָג, אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי די פּאָליציי האָט געפונען כייקע כיענעס, די אַגיטאַטאָרין. ס'איז אַ זוניקער נאָכמיטאָג און ער זעט איזיק דער שניידער, וואָס האָט געאַרבעט אויף דער באַן סטאַנציע, לויפט פון וואקזאַל, ער לויפט אַריבער דאָס בריקל פון טייך, קומט אָן אין מאַרק, שטעלט זיך אַוועק ביי ביילע ברכהן אויפן גאניק און צעשרייט זיך מיט באַנומענע קולות:

— יידן, ישועות! ישועות אויף יידן! קאָנסטיטוציע. דער צאַר האָט געגעבן אַ קאָנסטיטוציע און מיר אַלע וועלן זיין גליקלעך. אַ קאָנסטיטוציע, יידן, אַ קאָנסטיטוציע!

עס איז געוואָרן אַ געלאַף, אַ טומל, אַ יאַגעניש. משה גערשטיין האָט געכאַפּט אַ פערד און וואָגן און אַוועקגעיאָגט זיך צום וואקזאַל. יאָ ס'איז אָנגעקומען אַזאַ דעפּעש פון פּעטערבורג.

וואָס עס האָט זיך געטון נאָך דעם, געדענקט נישט שמעון. עס קומט אים באַלד אַרויף אַ נייע דערמאָנונג, וואָס ער זעט בולט. יענע דערמאָנונג איז מסתמא געווען חדשים שפּעטער, אָבער די אַלע געשעענישן, פון דעם יאַפּאַניש־רוסישן קריג ביז זיין אַוועקפאָרן אין דער ישיבה, זענען אויסגעשטעלט נאָר אין זיין זכרון כראָנאָלאָגיש. ס'איז נישט מער ווי אַ פּסיכיש־לאָגישע גראַווירונג, וואָס זיין געדעכעניש

האָט אויפגעהיט פאַר זיין באַקוועמלעכקייט, צו מאַכן קלאָרער שפּעטערדיקע געשעענישן. מען קאָן אפשר זאָגן, אַז דאָס וואָס שמעונען לוינט זיך דאָס געדענקט ער. און ער האָט ביי זיך אויסגעשטעלט די געשעענישן כראָנאָלאָגיש, ווייל עס איז אַזוי באַקוועם פאַר אים.

אייזיקס בשורה האָט נישט געבראַכט קיין פרייד אין שטעטל. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן פון מויל צו מויל דאָס וואָרט פּאָגראָם. אין צוויי נאָענטע שטעט רעטשיצע און האמליע זענען געווען פּאָגראָמען. דער האמליער פּאָגראָם איז געקומען פּלוצעם, אָבער אויף רעטשיצער פּאָגראָם האָבן די ייִדן זיך געגרייט. זיי האָבן צונויפגעשטעלט אַ שטאַרקע זעלבסט־שוץ. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. אַ ראָטע זעלנער האָט פאַרשטעלט דעם וועג פאַר דעם זעלבסט־שוץ. פון די נאָענטע שטעטלעך זענען אָנגעקומען מיט דער באַן קיין רעטשיצע, אַמייסטן פון בונד, באַוואָפנטע בחורים און מיידלעך. זעלנער האָבן זיי אויפגענומען אויף דער באַן סטאַנציע און זיי אַרעסטירט. די וואָס האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן, זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

צום ערשטן מאָל האָט זיך קאַלינקאָוויטש דערשראָקן פאַר די שכנים־גויים. געווייגטלעך האָט דאָס שטעטל נישט מורא געהאַט אין קיין מאַרק טאָג פאַר געשלעגן, אָדער צעיושעטע גויים. קאַלינקאַוויטש איז געווען אַ שטעטל פון בעלי־עגלות, סטאָליאַרעס, שוסטערס, שניידערס, קצבים, דאָרפס־גייער — יונגען, וואָס האָבן געקאָנט צונעמען אַ קלאַפּ און געבן אַ קלאַפּ. אַ קאַלינקאָוויטשער ייִד האָט נישט מורא געהאַט צו שפּאַצירן אין וואַלד, אָדער גיין אויפן דאָרף.

מען איז נישט געווען פון די שרעקעדיקע. מען האָט בכלל געלעבט בשלום מיט די גויים. איצט אָבער, איז אַלעמען באַפאַלן אַ פחד. מאָדנע קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן: פון גובערניע וועט מען אַריינשיקן פופציק שוואַרץ־מאהניקעס, שטאַרק באַוואָפנטע, מיט אמתע ביקסן, נישט רעוואָלווערן. מען וועט ברענגען אַ ראָטע סאָלדאַטן, נישט לאָזן די ייִדן צו פאַרטיידיקן זיך. די מלוכה האָט אַרויסגעשיקט אַגיטאַטאָרס אין די נאָענטע דערפער און זיי דערציילט, אַז איבער פיר וואָכן, צום גרויסן יאַריד, וועלן די ייִדן אונטערצינדן דעם קלויסטער, זאָלן אַלע גויים קומען מיט העק, מיט קאָסעס, מיט גראַבליעס נישט דערלאָזן די ייִדן צעשטערן די צערקווע. דאָס אַלץ איז די אַרבעט פון דעם גובערנאַטאָר — ער וויל זיך אָפּרעכענען מיט דעם שטעטל, וואָס איז געווען אַ נעסט פון קראַמאָליע.

שבת האָט זיך געטומלט אין אַלטן בית־מדרש. די „דעמאָקראַטן” האָבן מעכב קריאה געווען — פאַרכאַפּט די בימה און איינער פון זיי, אַ בחור פון נאָענטן האַלב־שטעטל האַלב דאָרף־שיטנע, האָט געקלאַפּט אין טיש און געדונערט:

— מירן זיך נישט לאָזן אויסקוילעמען ווי שעפּסן. מיר וועלן קעמפן. מיר האָבן אַ זעלבסט־שוץ. אָבער מיר דאַרפן געווער. קהל מוז באַשטימען פינף הונ־דערט רובל איינצוקויפן געווער. מען טאָר נישט אָפּלייגן, ווייל די צייט איז קורץ!

ס׳איז געוואָרן דער אמתער שטורעם אין בית־מדרש. די עלטערע בעלי־בתים האָבן געשריען: „חוצפּהניקעס! לאַ־די, וואָס איר האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט מיט אייער קראַמאָליע, ווילט איר נאָך איצט געווער, פאַר וויטערדיקע שפיכת־דמים". ס׳איז שיער נישט געקומען צו געשלעגן. דאָ האָט זיך אַריינגעמישט משה גערשטיין, דער גאַלאַנטעריי־קרעמער. ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער בימה און גענומען איינטענהן מיט די בחורים:

— איר רעדט דאָך פון קאָנספּיראַציע און איצט קומט איר בפני כל עם ועדה, אַז קהל זאָל אייך געבן פון דער קאַסע פינף הונדערט רובל. שוטים, איר ווילט מיר זאָלן אַלע פאַרפאַלן ווערן אין סיביר? אפשר ווילט איר נאָך אַן אָפּמאַך, אָפּגעחתמעט און „אָפּגעפּעטשאַטעוועט" אין אופּראַווע? רעוואָלוציאָנערן זייט איר? שוטים זייט איר?

די בחורים זענען אַראָפּ פון דער בימה און מען האָט זיך מער נישט געטומלט וועגן געווער. אָבער, שטיל האָט מען זיך געשושקעט: ס׳וועט שוין זיין געווער, מען וועט קריגן דאָס געלט.

אַ וואָך שפּעטער, שבת, האָט משה־דוד געזאָגט צו שמעונען:

— שוין צייט דו זאָלסט זיך באַקענען מיט יוסף חיים דראַזשקין. קום צו מיר 3 אַזייגער נאָכמיטיק, מיר וועלן ביידע גיין אַהין!

יוסף חיים דראַזשקין האָט געוווינט אין דער לאַנגער גאַס, ביי אַ שוועסטער אין הויז. דער שוואָגער זיינער האָט געהאַלטן די קאַראַבקע. ער האָט שוין געהאַט אַ חזקה אויף איר. טאַקע צוליב יוסף חיימען. קהל האָט אָפּגעהיט אַז מען זאָל זי ביי אים נישט אויסדינגען און דערפאַר דאַרף דער שוואָגער האַלטן יוסף־חיימען ביי זיך.

יוסף חיים דראַזשקין האָט געשמט איבערן גאַנצן קאַנט. ער איז געווען אַ ציוניסט, אַ העברעיִסט און געשריבן אין „המליץ". נישט קיין קאָרעספּאָדענציעס, נאָר טאַקע מאמרים, אויף וועלכע ש. בערנפעלד האָט אָפט געענטפערט. פון קליינ־וויז אָן איז ער געווען פאַראַליזירט אויף ביידע פיס, די הענט האָבן אים אויך נישט גוט געדינט. זיי זענען געווען דין ווי שפּענדלעך און צעדרייט. אָבער ער האָט מיט שווערקייט ווי עס איז געקאָנט האַלטן אַ ספר אין האַנט, און אויסגעפירט צו שרייבן פאַמעלעך. ער איז געווען אַ פּרינציפּיעלער העברעיִסט. קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט יידיש, מיט דעם וואָס פאַרשטייט העברעיִש. זיין הויז

איז געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער, וואָס מען האָט אים גע־שיקט פֿון גאָר דער וועלט. די נישט־רעוואָלוציאָנערע יוגנט האָט דאָרטן געטאָגט און גענעכטיקט. ווען שמעון איז צוריקגעקומען פֿון דער ישיבה, איז ער אויך גע־וואָרן זייַנער אַ בן־בית.

יוסף חיים האָט זיך אויפֿגעפֿירט גאַנץ ייִדישלעך. ער איז געגאַנגען אין באָרד און פּיאות. ער איז קיינמאָל נישט געזעסן אָן אַ יאַרמולקע. ער האָט געהאַט אַ מנין בייַ זיך אין שטוב. אָבער דאָס שטעטל האָט נישט געהאַלטן פֿון זייַן פֿרומקייט. האָט אַ בחור, אָדער אַ חתונה־געהאַטער יונגערמאַן אָנגעהויבן גיין צו יוסף חיימס מנין, האָט מען אים באַלד געפֿרעגט:

— האָסט שוין אויפֿגעהערט דאַוונען, תּכשיט?

שמעון איז געקומען מיט משה־דודן צו יוסף חיימען. ער האָט דאָרטן געטראָ־פֿן זייַנע חברים און אַלע משכּילים פֿון שטעטל. זיי האָבן אַרויסגעטראָגן דאָס בעט מיט דראַזשקינען פֿון שלאָף־צימער, אין סאַליע, און אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אין אַן עיגול. אַ בחור, וואָס שמעון האָט נישט געקאָנט, האָט אַרויסגענומען אַ גרין העפֿטל פֿון בוזים קעשענע און עס געהאַלטן גרייט אַרויסצולייענען פֿון דעם. יוסף חיים דראַזשקין האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע פֿאַרן לייענען: „מאיר, וועט איצט לייענען חיים נחמן ביאַליקס שיר „משא נעמיראָוו". ביאַליק האָט געשריבן דעם שיר נאָכן קעשענאָווער פּאָגראָם און ער באַשרייַבט טאַקע דעם פּאָגראָם. אָבער דער צענזאָר האָט נישט געלאָזט דרוקן דעם שיר, סיידן מען וועט אים אַ נאָמען געבן משא־נעמיראָוו — עס זאָל הייסן, אַז ביאַליק באַשרייַבט די שחיטה, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין כמעלניצקעס צייטן, ימח שמו וזכרו! אָבער המבין יבין!

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס שמעון האָט געהערט עמעצן ריידן העברעיִש און על פּי דקדוק. ער האָט פֿאַרשטאַנען יעדן וואָרט, אָבער עס איז אים געווען שווער צו פֿאַרבינדן די רייד מיט לעבעדיקע מענטשן. „פּרעות" האָט נישט אָנגעוואָרפֿן קיין פּחד ווי דאָס וואָרט פּאָגראָם. „בפּרע פּרעות בישראל" שטייט אין שופֿטים, און עס איז געקומען צו הילף דבורה הנביאה. הייַנט איז נישטאָ קיין נבואה. אַזוי מיט יעדן וואָרט. דאָס זעלביקע איז געווען, ווען דער בחור האָט אָנגע־הויבן לייענען ביאַליקס שיר. שמעון האָט יעדן וואָרט אַסאָסיאַצירט מיטן תּנ"ך. „קרקר המפּץ" אין ספֿר יחזקאל שטייט „ואיש כּלי מפּצו בידו" — יעדער מענטש מיט זייַן ברעך־האַמער אין האַנט. האָבן די פּאָגראָמטשיקעס געטראָגן האַמערס? אָט איז נאָך אַ וואָרט „מחשוף הלבן" — דאָס געפֿינט זיך אין חומש בראשית. ביי יעקב „מחשוף הלבן" — אָפּגעדעקט דאָס ווייסע אין די שטעקלעך. עס שטערן שמעונען די אַלע אַסאָסיאַציעס אָנצונעמען, אַז דאָס וואָס מען לייענט, איז עפּעס,

וואָס עס האָט געטראָפן אָט נישט לאַנג צוריק, מיט אונדזערע ייִדן. אָבער ביסלעכ־ווייז האָט שמעון פאַרגעסן די אַלע זאַכן, ווייל וואָס מער דער בחור האָט געלייענט, אַלץ מער איז שמעונען נישט געפעלן געוואָרן דאָס ליד. דער ערשטער אויסדרוק, וואָס האָט אים אַ האַק געטון אין אויער איז געווען: יהודי וכלבו — דער ייִד מיט זיין הונט. ווי קומט אַ הונט צו אַ ייִדן? האָט עס דער מחבר נישט אויסגעטראַכט, נאָר כדי צו פאַרשעמען ייִדן? ווייטער איז געוואָרן נאָך ערגער. דער מחבר שטראָפט גאָר די ייִדן, ס׳איז זייער שולד. די ייִדן זענען גרעסערע פאַרברעכער ווי די גויים, די רוצחים. וואָסי? די ייִדן האָבן זיך נישט געשטעלט אַנטקעגן.

נאָכן לייענען האָבן די בחורים אָנגעהויבן פּליעסקען. דאָס איז שמעונען אויך נישט געפעלן געוואָרן — וואָס פּאַר אַ פרייד, וואָס פּאַר אַ שמחה נאָך אַ פּאָגראָם ליד? נאָכדעם האָט יוסף חיים דאַראַזשקין גערעדט. ער האָט גערעדט מיט הארץ וועגן די בויטיקייט פון זעלבסט־שוץ. ער האָט אויך גערעדט וועגן דעם שיר און ער האָט געוויינט פון צער און ווייטיק. ער האָט גאָר באַטאַנט דעם גרויסן אומגליק, נישט די חרפּה.

ס׳איז געוואָרן שפּעט און מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען מנחה. איצט האָט שמעון פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען ווילט זיך וועגן מנין. דער איינציקער וואָס האָט באמת געדאַוונט, איז געווען יוסף־חיים. די איבעריקע חברה האָט גערעדט. ס׳איז געווען טשיקאַווע צו זען ווי שנעל זיי זענען אָפּגעשטאַנען שמונה־עשרה.

שמעון איז אַרויס אַ שוויגנדיקער מיט משה־דודן פון דאַראַזשקינס שטוב. משה־דוד האָט אַ קוק געטאָן אויפן ייִנגל און אַ זאָג געטאָן:

— דו שווייגסט מיר צופיל. על פּי טבע ביסטו נישט קיין שווייגער. וואָס גע־פעלט דיר נישט?

— דער שיר —האָט שמעון קורץ געענטפערט.

— וואָס? — האָט משה־דוד געפרעגט מיט חידוש.

— דער שיר! — האָט שמעון ווידער געענטפערט.

— דהיינו! וואָס געפעלט דיר נישט אין דעם שיר פון אונדזער נאַציאָנאַלן דיכטער ביאַליק?

— דער מחבר שטראָפט די ייִדן און ער האָט געדאַרפט שטראָפן די גויים.

— אָבער ס׳זענען דאָך פאַרדינטע שטראָף־רייד. פּחדנים! ווי בלייבט מען פאַרשטעקט אין די לעכער? מען זעט מיט די אייגענע אויגן ווי די ערלים זענען מאַנס אייגן ווייב, שוועסטער, אָדער מאַמע און מען רירט זיך נישט פון אָרט. ס׳האָט דאָך געדאַרפט זיין „תמות נפשי עם פלשתים״!

— איז דער מחבר דערביי געווען? און פון וואַנען ווייסט ער צי ער אַליין

וואָלט בייגעשטאַנען דעם נסיון? מען טאָר נישט רעדן אַזוי אויף ייִדן, האָט שמעון געענטפערט מיט רוגזה.

— מען דאַרף זיך נישט שטעלן אַנטקעגן?

— ווער זאָגט עס?

— איז פאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט געשטעלט אַנטקעגן?

— פון וואַנען האָבן זיך די ייִדן געקענט ריכטן אויף אַ פּאָגראָם? האָבן די ייִדן געהאַט געווער? איצט, אַז ס׳האָט איינמאָל געטראָפן אַזאַ אומגליק, קען מען זיך ריכטן.

— ס׳איז שיין צו באַהאַלטן זיך אין לעכער, אין בית־הכסאות, אין חזירים־שטעלעכלעך און אין אַנדערע שמוציקע ערטער. (משה־דוד האָט ציטירט ביאַליקן: בתי־מחראות, מכלאות־חזירים ושאר מקומות צואים). ווען מען שלאָגט דיין אייגן בלוט און פליישׁ?

— כ׳ווייס נישט, אפשר וואָלט איך עס אויך געטאָן און אפשר וואָלט דער מחבר זיך אויך באַהאַלטן צו ראַטעווען זיין לעבן. איך ווייס נאָר, אַז רבי יוסף הכהן דערציילט אין „עמק הבכא״ ווי אַ סך ייִדן האָבן זיך אָפּט געשטעלט אַנטקעגן די גויים, געשפּיט אויף זייער „אָניצעס״ און געהרגעט געוואָרן, ווייל זיי האָבן זיך גע־וואָרפן מיט גבורה אויף זייערע פייניקער. אַנדערע ייִדן, דערציילט רבי יוסף הכהן, האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די בעטן און דאָרטן דערשטאָכן געוואָרן פון די גויים. פונדעסטוועגן זאָגט ער אויף ביידערליי קדושים „יראה ה׳ וישפוט״ — זאָל גאָט זען און משפטן. ער שפּאָט נישט אָפּ פון ייִדן און טראַכט אויף זיי נישט אויס קיין בלבולים, אַז זיי זענען אַוועק בעטלען און אויסגעשטרעקט זייערע צוקאַליעטשעטע אברים, כדי מען זאָל זיי געבן אַ גרעסערע נדבה.

משה־דוד האָט געקוקט מיט צעעפנטע אויגן אויפן ייִנגל:

— רבי געצל זאָגט דאָך אויף דיר, אַז דו ביסט אַ פּשטן. מיר דוכט זיך, אַז דו ביסט אַן איפכא־מסתבראַניק. אַ גאַנצע וועלט ווערט נתפּעל פון ביאַליקס שיר, קומט שמעון בן ירוחים און זאָגט — „מיר געפעלט עס נישט!״ בעסער שווייג, מען וועט ילאַכן פון דיר.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס שמעון האָט געהערט דעם צונעמעניש איפכא־מסתבראַניק, אָבער נישט דאָס לעצטע מאָל. אַ גאַנצן לעבן האָט מען אים געטיקעט מיט דעם צונעמעניש. טשיקאַווע איז, אַז שמעון האָט אַ לאַנגע צייט זיך געשעמט מיט זיין מיינונג וועגן ביאַליקס פּאָעמע „בעיר ההרגה״. ערשט אין אַמע־ריקע, דרייסיק יאָר שפּעטער, האָט ער אַמאָל צוריקגעהאַלטענערהייט, כמעט שטאַ־

מלענדיק אַרויסגעזאָגט די מיינונג פאַרן דיכטער אברהם ליעסין. דער אַלטער דיכ־טער האָט זיך צעפּלאַמט:

— דאָס טענה איך דאָך! ס׳איז רכילות אויף יידן. טאַקע, אַזוי האָט איר געהאַלטן, ווען איר זייט געווען אַ יינגל? פּלאי פּלאים! איך האָב דאָס זעלביקע געשריבן. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט געזאָגט אַז עס איז פון קנאה.

שמעון האָט נישט געקאָנט געפינען ליעסינס מאמר און ער ווייסט נישט ציַ דער דיכטער האָט וועגן דעם געשריבן צו נישט.

## ב

## געצל און זיסל

נאָך יענעם שבת, מאָנטיק נאָכן לערנען, האָט געזאָגט רבי געצל צו שמעונען:

— האָסט דאָך אַ פלינקן צינגל און אַ גוטן קאָפּ. ביי דיין שוואַגער אַרבעט ניסל. לויט ווי איך האָב געהערט, איז ער דער גאַנצער כל־ולך ביי זיי. זאָג אים שטילערהייט, אַז איך וויל זיך מיט אים דורכרעדן. קום מיט אים היינט שפּעט נאָכן מעריב. זאָג אים אַז עס איז אַ סוד.

ווען שמעון איז געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפן ניסלען אין הויף, שטיין לעבן פּלויט און זיך איינגעוואַשן נאָך דער אַרבעט. ניסל פלעגט זיך איינוואַשן מיט אַ סדר און אַ טאַלק. ער האָט אַוועקגעשטעלט די גרויסע קופּערנע קוואָרט אויף אַ שטול, לעבן איר אַ פולע שיסל מיט וואַסער. ער פלעגט אַנמוליען גוט די הענט און דאָס פּנים און זיי אָפּוואַשן אין שיסל, נאָכדעם פלעגט ער אַרויפגיסן אויפן קאָפּ די קאַלטע קוואָרט וואַסער. ער פלעגט אַ טרייסל טאָן דעם קאָפּ מיט הנאה, אָט ווי אַ יונג פערדל, וואָס גייט אַרויס פון טייך, און דערנאָך האָט ער פאַר־זיכטיק אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט איין האַנטעך און דערנאָך גענומען אַ צווייטן האַנטעך און אויסגעווישט יעדעס קנייטשעלע, יעדן פאַלד פון פּנים, די אויערן, הינטער די אויערן, די נאָז און אַרום די אויגן.

שמעון איז געשטאַנען לעבן ניסלען, ווען ער האָט אָנגעזייפט דאָס פּנים, ער האָט צו אים געזאָגט שטיל:

— רבי געצל האָט מיך געהייסן אייך בעטן אַז איר זאָלט קומען צו אים שטי־לערהייט היינט ביינאַכט, שפּעטלעך. עס דאַרף זיין אַ סוד.

— וואָסי, ער וויל מיך פאַרהערן? — האָט ניסל געשפּאַסט. איך בין שטומפּיק אויף דער עברי. קען אפילו נישט לייענען עפּעס וואָס אָן נקודות. מיט כשרות

פאַרגעם איך זיך גישט, קיין שאלות פסקן איך נישט, צו וואָס זאָל איך צו אים קומען?

שמעון האָט געענטפערט ערנסט:

— וואָס לצעוועט איר, ניסל? ווען רבי געצל האָט אייך פאַרבעטן, דאַרף ער אייך האָבן. וואָס האָט איר מורא? ער וועט ביי אייך גאָרנישט נישט אָפּבייסן. ער דאַרף אייך האָבן!

— וואָס פאַראַ עסקים קען איך האָבן מיט אים? האָט ניסל געפרעגט, ווישנדיק זיך דאָס פנים מיטן ערשטן האַנטעך.

— איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט אַז עס איז אַ סוד — האָט שמעון געענטפערט. אָבער ער האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל זען משפיע זיין אויף אייך איר זאָלט קומען. נאָר ווי אַזוי איז מען אויף אייך משפיע, אַז איר שפּאָט פון מיר?

— ער האָט גאָרנישט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט, קיין ווונק, אויף וואָס ער דאַרף מיך? — האָט ניסל גערעדט, ווישנדיק זיך מיטן צווייטן האַנטעך.

— ער האָט געזאָגט אַז עס איז אַ סוד און איך זאָל קומען מיט אייך.

— מילא, איך וועל דאָרטן זיין. אויף וואָס דאַרף ער דיך, ווייס איך נישט. ווייסט, שמעונקע, דו וואַקסט ווו מען זייט דיר נישט. וועסט שלעכט אָפּשניידן!

שמעון האָט טראַציק געענטפערט:

— אַז עס וואַקסט איז אַ סימן אַז מען האָט פאַרזייט. איר האָט אויך מורא פאַר אָפּשניידן שלעכט? ווייניק איינשטעלער זייט איר?

ניסל האָט אַ וואָרף געטאָן דעם האַלב־נאַסן האַנטעך אויפן יינגל:

— אַלץ ווייסט ער! אַ צינגל, אַ בריטווע. וועסט נאָך זיין אין אונדזערע רייען. און אפשר נישט, ביסט צופיל עקשן. ווייסט נישט וואָס עס מיינט פאַרטיי־דיסציפּלין. נישט אינאייינעם מיט דיר. אָבער איך וועל זיין ביים אַלטן.

ווען שמעון איז געקומען אַ שטיק נאָך מעריב צו רבי געצלען, האָט ער דאָרטן דערוויסט שמשון דוד־אַריהס. ניסל איז נאָך נישט געווען. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער אָנגעקומען.

רבי געצל האָט געהייסן שמעונען מכבד זיין זיי מיט אַ טיי. ביידע בחורים זענען געזעסן און געשוויגן. געוואַרט וואָס דער אַלטער וויל זיי זאָגן. ווען זיי האָבן געטרונקען די טיי האָט דער אַלטער אָנגעהויבן:

— איך האָב אייך ביידע גערופן, ווייל איך ווי איך פאַרשטיי, ביסטו שמשון אַ גאַנצער יענעראַל ביי איין חברותא, און דו ניסל, ביסט דער אמתער כל־ולך ביי דער אַנדערער חברותא. איך בין נישט בקי אין אייערע חברות. מיר דאַכט זיך, אַז איר ביידע זייט קידער־ווידער — חסידים און מתנגדים. אָבער איצט

האָב איך אייך גערופן וועגן דער חתונה, וואָס מען וויל דאָ אָפּשפּילן. און איר האָט נאַריש בפרהסיא געבעטן געלט אויף וואָפן.

— רבי, האָט ניסל געזאָגט, דער וועוועריקל דאַרף דאָס אַלץ צוהערן?

— זאָל ער בלייבן, ער איז מיין תלמיד, ער איז טאַקע יונג אָבער זאָל ער הערן. ער וועט דאָך אַמאָל פאַרנעמען אָדער דיין כסא הכבוד אָנישט איז מיין בענקל. וואָס מיר רעדן דאָ איז אַ שטיק „עמק הבכא״. אַ ייִדיש ייִנגל דאַרף קענען דעם „עמק הבכא״ אויף אויסנווייניק. דערצו נאָך אַזאַ ייִנגל.

ניסל האָט אַ שמייכל געטאָן: איר גרייט צו, ווי איך זע, רעזערוון!

געצל האָט אים נישט געענטפערט אויף דעם פרעמדן, מאָדנעם וואָרט, און ער האָט אָנגעהויבן ווידער פון אָנהייב:

— יאָ, איך האָב אייך גערופן וועגן דער חתונה. אין אַן עת צרה דאַרפן ייִדן זיין גרייט אויף דריי זאַכן, ווי אונדזער פאָטער יעקב: לדורון, לתפילה ולמלחמה. דורון — מירן האָבן „פאַרסקאָבעט״ (פאַרשטאָכן) דעם פּריסטאַווס האַנט. דעם אוראַדניקס אויך. זאָלן זיי זיך אַרומדרייען אויפן מאַרק מיטן גאַראָדאָוואָי און די סאָטניקעס. תפילה? יודע און די חברה תהילים וועלן עס שוין באַזאָרגן, האָט רבי געצל געזאָגט מיט איראָניע. אָבער איר האַלט נישט פוןביידע זאַכן און איך האָב אייך נישט גערופן איר זאָלט גיין צום פּריסטאַוו, אָדער זיך אַוועקזעצן און זאָגן תהילים. דעם פּריסטאַוו האָט איר מער פיינט ווי אַ ייִד דבר־אחר און קיין תהילים־זאָגער זענט איר נישט. איך האָב אייך גערופן וועגן דער דריטער זאַך — מלחמה. דו שמשון ביסט דאָך אַ יענעראַל אַ גאַנצער, האָב איך געהערט. האָסט צו טאָן טאַקע מיט פּיסטאָלעטן. איר ניסל, האָט די גאַנצע דעה אין אייער חברה, וויל איך פריער וויסן, וואָס איז אייער פּלאַן? מלחמה איז נישט גלאַט שלאָגן זיך, עס דאַרף זיין אַ פּלאַן. תכסיסי מלחמה איז אַ חכמה.

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו פּלאַנעווען. רבי? מיר האָבן איבער פופציק בחורים. ווען זיי האָבן אַלע דאָס אמתע געווער, וועלן מיר זיך ספּראַווען מיט זיי, האָט געענטפערט האַרט שמשון. אַלע פאַרטייען זענען פאַראייניקט.

— עט, עס געפעלט מיר נישט, שמשון, האָט רבי געצל געענטפערט. ווער זענען עס „די זיי״? וויפל זענען עס „די זיי״? ס׳איז דאָך אַ דבר הסומא מן העין. ווייסט דאָך נישט מיט וויפל דו וועסט דאַרפן מלחמה האַלטן און מיט וועמען? מיט שיכורע שוואַרץ־מאהניקעס? מיט יונים וואָס טראָגן ביקסן?

— האָבן מיר גענוג געווער, וועלן מיר זיך ספּראַווען מיט זיי, האָט שמשון געהאַלטן זיך ביי זיינס.

— ביסט אַ שוטה, שמשון, האָט רבי געצל געענטפערט מיט רוגזה. האָט

איר זיך געספּראָוועט אין רעטשיצע? אין האָמליע? ביסט מיינער אַ תּלמיד האָסטו געדאַרפט האָבן מער שׂכל.

— ס׳וואָלט געווען אַ סך ערגער אָן דעם זעלבסטשוץ, — האָט שמשון געענטפערט.

— עס קען זיין, אָבער עס האָט אויך נישט געטויגט מיטן זעלבסטשוץ. אויף מלחמה, האָט שוין ישעיה הנביא געזאָגט, דאַרף מען האָבן עצה וגבורה. עס מיינט, חוץ גבורה אויך עצה, אַ פּלאַן, אויסגעטראַכט מיט חכמה.

— מיר רעכענען, — האָט שמשון געזאָגט, — נישט צולאָזן די כוליגאַנעס, אָדער אפילו די זעלנער אין שטעטל. מירן זיי אָפּוואַרטן ביים וועלדל, ביים שליאַך, וואָס פירט פון וואָקזאַל צום שטעטל און דאָרטן זיי באַפאַלן.

— ס׳איז נישט קיין שלעכטער פּלאַן צו לויגן אויף זיי — האָט רבי געצל גענומען אַ שמעק טאַבאַק. — אָבער פון וואַנען ווייסטו אַז די זעלנער וועלן קומען ערשט אין טאָג פון פּאָגראָם. אפשר וועט מען נאָך זיי פריִער ברענגען אין שטעטל? ווערסטו דאָך גלאָט נישט באַפאַלן קיין זעלנער. חוץ דעם מיינסטו, אַז דו קענסט צוריקהאַלטן מיט פּופציק פּיסטאָלעטן אַ ראָטע סאָלדאַטן מיט אמתע ביקסן און אַנדער געווער?

— מיר האָבן נישט קיין רעוואָלווערן פאַר אַלעמען, — האָט שמשון איבער־געחזרט זיין פּזמון — ווען מיר וואָלטן געהאַט, וואָלט שוין נישט געווען שלעכט.

— נו, נו, וועט איר קריגן. איר דאַרפט גיין שטילערהייט צו די רייכערע בעלי־בתּים און מאָנען. מען דאַרף דיר אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל? ס׳איז פּיקוח־נפש. אָבער דאָס וועט נישט ברענגען די ישועה.

ניסל האָט זיך אַריינגעמישט:

— רבי, זייט מיר מוחל, איר האָט מיך ניט גערופן מיט דער כּוונה צו הערן אַ וויכּוח צווישן אייך און שמשונען? וואָס איז אייער פּלאַן, וואָס קען איך אַרויס־העלפן?

— מיין פּלאַן איז — האָט רבי געצל געזאָגט — אָנצוסטראָשן די גויִים פון די אַרומיקע דערפער, אַז אויב זיי וועלן דערלאָזן צו אַ פּאָגראָם, וועלן מיר אונ־טערצינדן די דערפער, איבערהויפּט די שטאַלן מיט די כודאָבעס (בהמות).

ניסל האָט אַ היפּשע ווײַלע געטראַכט און געענטפערט:

— ס׳איז נישט קיין שלעכטער פּלאַן. ווי אַזוי זאָלן מיר עס דורכפירן?

— איך וואָלט געוואָלט פריִער וויסן, שמשון און ניסל, וויפל שקצים האָט איר אין אייערע חברות? כ׳מיין, צי איר האָט קריסטן אין אייערע חברות.

— ס'איז אַ סוד, רבי, — האָט ניסל אָפּגעענטפערט. — אָבער מיר האָבן אַ היפּשע צאָל.

— הערט נאָר בידע — האָט געצל געזאָגט — איך מיין נישט שקצים, חברהניקעס גלאַט אין דער וועלט אַריין. איך מיין אַזעלכע שקצים, וואָס מען קען זיך פאַרלאָזן אויף זיי. נישט אַזעלכע אַז ווען עס זאָל חלילה קומען צו פּאָגראָם, זאָלן זיי אויך נישט אָנהייבן צו צלמען זיך און אָנהייבן שרייען: בעי זשידאָוו מיט די אַלע שוואַרץ־מאהניקעס.

ניסל האָט לאַנג געטראַכט, ווי איינער וואָס חשבונט:

— איך מיין, אַז איך קען ערב זיין פאַר צען אַזעלכע. און דו, שמשון? אָבער לאָז אויס דעם דיאַקס טעכטערל, צופיל אינטעליגענטקע איז זי ביי מיר.

— דאָס פאַרלאָז זיך אויף מיר — האָט שמשון געענטפערט — אונדזער פּאַרטיי קען צושטעלן זעקס קריסטלעכע בחורים אויף וועלכע מען קען זיך פאַרלאָזן.

— נו, זעכצן שקצים, איבעריק גענוג — האָט רבי געצל געענטפערט צו־פרידן. — שיקט זיי אַרויס אין די דערפער און זאָלן זיי אָנזאָגן די מוזשיקעס, אַז אויב זיי וועלן צולאָזן צו אַ פּאָגראָם, וועט מען זיי אונטערצינדן די דערפער. זאָגט זיי נישט, אַז די יידן וועלן דאָס טון. מען דאַרף נישט אַז עס זאָל בלייבן אַ שנאה צווישן שכנים. זאָלן זיי זאָגן, אַז אייער חברותא וועט עס טון. יעדע חברה ביי אייך האָט דאָך מסתמא אַ נאָמען.

ניסל האָט זיך אויפגעשטעלט:

— ,רבי, אַ שאָד וואָס איר זייט אַ פרומער עלטערער ייד, איר וואָלט געוועזן אַ טייערער מיטגליד אין אונדזער צענטראַלן קאָמיטעט.

— רבי געצל האָט זיך אויפגעשטעלט:

— שקצים, איר מיינט טאַקע אַז חכמה ליגט ביי די יונגע? ווייסט איר נישט ווי שלעכט רחבעם האָט אָפּגעשניטן ווען ער האָט געפאָלגט די עצה פון די יינגלעך?

שמשון און ניסל האָבן זיך צעלאַכט:

— איצט ווייסן מיר פון וואַנען האָט דאָס קאַראַפּוזיקל אַ פּסוק, אָדער אַ מאמר, אויף יעדער זאַך.

קיין פּאָגראָם איז נישט געווען אין קאַלינקאָוויטש. אין יענעם יאַריד־טאָג ווענען געקומען די גויים פון די נאָענטע דערפער און אַרומגערינגלט דאָס שטעטל, ווי מיט אַ קייט. מיטן בייטאָגיקן באַן זענען אָנגעקומען עטלעכע און דרייסיק שוואַרץ־מאהניקעס, פון האָמליע און רעטשיצע. די גויים האָבן זיי נישט אַרויס־

געלאָזט פון בופעט — געשיכורט מיט זיי, געטאַנצט מיט זיי און ווען דער פאַר־נאַכטיקער באַן איז אָנגעקומען, האָט מען די שיכורע כוליגאַנעס אַרויפגעזעצט, אָדער אַריינגעלייגט אין די וואַגאָנעס און זיי משלח געווען פון וואַנען זיי זענען געקומען. אין יענעם טאָג איז צוליב די אָנגעפּאָרענע פויערים געווען די לייזונג אין די קראָמען און אויף די שטעלכלעך שפּעדיק. די חסידים האָבן געזאָגט, אַז עס איז נישט געווען קיין פּאָגראָם, ווייל דער אַלטער סטאָלענער רבי האָט אַמאָל געבענטשט דאָס שטעטל, אַז קיין פורענות און אומגליק זאָל דאָרט קיינמאָל נישט געשען.

## ג

# שבת־נחמו מפטיר

זומער, שבת־נחמו, האָט שמעון געדאַרפט ווערן בר־מצווה. ביי די בעלי־מלאכות האָט זיך אָנגעהויבן טומלען. ירוחים דעם שוסטערס לערנער מוז קריגן מפטיר. אוודאי האָט דער רב א חזקה אויף דעם שבת־נחמו־מפטיר. אָבער, נשקשה, ער מעג היי־יאָר מוותר זיין אויף זיין חזקה. ער האָט געגוג געהאַט שבת־נחמו־מפטירס און ער וועט נאָך האָבן אַ סך ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. אָבער אַ בר־מצווה וועט שמעונקע האָבן נאָר איינמאָל אין זיין לעבן. קומט אים דעם כבוד.

שמעון האָט זיך געשראָקן פאַר דער בר־מצווה. נישט פאַרן מפטיר. וואָסי, ער קען נישט מעבר זיין די סדרה? אָדער אויפזינגען דעם הפטורה־ניגון? ער האָט זיך געשראָקן פאַר די ברכות. ער האָט זיך געשעמט אַפילו צו דערציילן, אַז ער האָט מורא אַז ער וועט זיך פאַרפּלאָנטערן און נישט וויסן צי מאַכן צוערשט די ברכה „אשר בחר בנו", אָדער „אשר נתן לנו". ווער וועט עס אים גלייבן? אין שטעטל ווייסט מען אַז ער, שמעון, איז דורכגעגאַנגען דריי מאָל אַלע זעקס סדרים משניות. ער איז קלאָר אין די מסכתות ברכות און פסחים. ער האָט אויך דירכגעלערנט די דריי בבות און ביצה. מען האַלט אים אויך פאַר אַ בעל תנ"ך. וועט ער זיך צעפּלאָנטערן ביי די ברכות?

אָבער שמעון האָט געוווסט דעם אמת. ער קען טאַקע די ברכות אויף אויסע־ווייניק, אָבער ער קען בשום אופן נישט געדענקען וועלכע איז די ערשטע ברכה און וועלכע איז די צווייטע.

דער רב האָט מוותר געווען אויף דעם מפטיר. מען האָט געגעבן מפטיר שמעונען. ער האָט זיך געשעמט, אָבער ער האָט מיטגענומען מיט זיך דעם

חומש און אַריינגעשטעקט דעם פינגער אויפן ערשטן בלעטל, ווו די ברכות־התורה זענען, און געלאָזן דעם חומש אָפן אויפן שולחן.

דער אָפענער חומש האָט אים דערמוטיקט און ער האָט זיך נישט צעפּלאָנ־טערט. נאָך קריאת התורה האָט ער שוין מער נישט מורא געהאַט צו מאַכן אַ טעות. ער האָט געדענקט, אַז ער האָט שוין געמאַכט די ברכה „אשר בחר בנו", דאַרף ער איצט מאַכן די ברכה „אשר נתן לנו".

נאָך דער הפטורה האָבן אים די בעלי מלאכות אַרומגערינגלט און אים געגעבן אַ יישר כוח. זלמן הומאַן האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— אי!, האָסטו אָוועקגעלייגט אַ הפטורה! זיס ווי צוקער! דער טאַטע וועט דאַרפן דערלאַנגען די אמתע משקה און די מאַמע האָט מסתמא אָנגעבאַקן גענוג טאָרט. אָבער זאָג מיר, שמעונקע, וואָס ביסטו געווען אַזוי צעטראָגן, ווען מען האָט דיך אויפגערופן? האָסטו מורא געהאַט אַז דו וועסט פאַרגעסן די ברכות? ביסט דאָך עפּעס אַ למדן!

שמעון האָט געשמייכלט און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. עד היום פּאַסירט אָפט ביי שמעונען, אַז ער שרעקט זיך אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן די געוויינלעכסטע ווערטער, אָט די וואָס זענען אין טאָג־טעגלעכן געברויך. און ער פאַרגעסט זיי טאַקע. שרייבט ער זיי אויף. ביי אים אין נאָטיץ־ביכל זענען פאַר־צייכנט צענדליקער און צענדליקער טערמינען, ווערטער און אויסדרוקן. אויף די קלייניקייטן קען ער זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיין זכרון.

## ד

## צוויי פסוקים פון ישעיה

אין יענעם זומער איז שמעונען געוואָרן זייער אומעטיק ביי רבי געצלען אין חדר. משה דוד איז אָוועקגעפאָרן לערנען אין לידע אין ישיבה, אהרן משה האָט אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך אין שול. מער געבטלט ווי געלערנט. ביינוש און ישראל משה האָבן אָנגעהויבן זיך לערנען רוסיש. געצלס נייע תלמידים זענען געווען עלף, צוועלף יאָריקע יינגלעך. שמעון האָט אַמאָל נאָך אַריינגעכאַפּט אַ פאַרטאָג אַ שעה, צוויי לערנען מיט געצלען. אָבער אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געפילט עלנט און איינזאַם. רבי געצל האָט אָנגעהויבן רעדן צום יינגל, אַז ער דאַרף אָוועקפאָרן אין אַ ישיבה:

— דיינע חברים זענען שוין אָוועק פון לערנען. משה דוד איז אָוועקגע־פאָרן קיין לידע אין ריינעסעס ישיבה. ווייס איך נישט צי ער איז אַהין געפאָרן

לערנען, צי ער איז געפאָרן געפינען אַ תּירוץ צו לערנען חכמות חיצוניות. דו האָלסט נאָך אַלץ פון לערנען. ווער ווייסט, ווי לאַנג דו וועסט בלייבן ביי דער גמרא. אָבער דערווייל כאַפּ אַריין. פאָר אויך אין אַ ישיבה לערנען. לערן און לערן. וועסטו אָנפילן זיך מיט גפ״ת וועסטו אפשר שפּעטער, אויף די עלטערע יאָרן זיך אומקערן צום מקור. וועסט האָבן צו וואָס זיך אומצוקערן.

שמעון האָט פאַרטרויט דעם רבין:

— די מאַמע וועט מיר גאָרנישט נישט קענען שיקן אין דער ישיבה. ס'איז אונטערגעוואַקסן שמחה, וואָס דאַרף האָבן אַ גרעסערן מלמד. די מיידלעך דאַרפן זיך אויך לערנען. צייטן זענען שלעכטע. אַפילו די בהמה האָט זיך היי־יאָר נישט געקעלבט.

— דערויף האָבן ייִדן דעם מנהג פון עסן טעג — האָט רבי געצל געזאָגט.

— ביסט דאָך נישט אַזאַ מפונק. דו לעקסט דאָך דאָ אויך נישט קיין האָניק.

— אָבער, ס'מיינט אָנקומען צו מתנת בשר ודם, — האָט שמעון געזאָגט.

— אַ גאַנצן לעבן האָבן מיר זיך אויסגעהיט פון קצבה, דאַרף איך, דער לערנער, ברעכן דעם איינשטעל?

— עסן טעג איז נישט קיין קצבה, ס'איז אַ דרך אין ייִדישן לעבן — האָט רבי געצל דערקלערט. — ווי איך האָב געהערט, זענען פאַראַן אין אויסלאַנד רייכע מענטשן, וואָס שרייבן אָפּ אַ פאַרמעגן אויף אוניווערסיטעטן, כדי צו געבן סטודענטן אַ געוויסע תמיכה. ביי אונדז פירט זיך, אַז אַלע ייִדן העלפן אַרויס יונגעלייט, וואָס ווילן לערנען. ס'איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען. אַלע גדולי ישראל האָבן געגעסן טעג.

— איז וווּהין זאָל איך פאָרן?

— עס פעלן ישיבות ביי ייִדן? פאָר אין דער מיר, אין סלאָבאָדקע, אין טעלז. שרייב אַהין, וועט מען דיר ענטפערן. איך וועל דיר געבן אַ שיינעם המלצה־בריוו.

שמעון האָט זיך געקליבן צו שרייבן און אַלץ נישט געקענט צופּאַסן דעם ריכטיקן נוסח. אַזוי איז אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך און שמעון האָט זיך אַליין געשטראָפט: איך מוז שרייבן, איך וועל נאָך פאַרשפּעטיקן און — אַלץ נישט געשריבן. ער איז געהאַנגען אין דער לופטן.

אָבער דורך אַ צופאַל איז שמעון גאָר אַוועקגעפאָרן קיין קרעמענטשוג. ס'איז צוגעגאַנגען אויף אַ מאָדנעם אופן.

ר' מרדכי קרול איז געווען ר' שלמה מנקרס איידעם. ר' מרדכי איז געווען פון גרויס יחוס. אַ למדן, אַ בעל לשון און אַ בעל דרשן איינער אין דער מדינה.

אַן אמתער מושלם. מיט דעם שווער האָט ער נישט גוט געלעבט. פאַר ר׳ מרדכין דעם גרויסן מיוחס, איז ר׳ שלמה מנקר דער למדן, דער חריף, דער שאַרפער געשעפטסמאַן, געווען אַ נחות־דרגא, געשטאַמט פון שנײַדער. דערפאַר זענען אָפּט געווען קריגערייען צווישן מאַן און ווײַב. אָבער אין שטעטל האָט מען שטאַרק געהאַלטן פון ר׳ מרדכי קרול — אַ גילדענער יונגערמאַן — גמרא איז גמרא, השכלה איז השכלה, רוסיש איז רוסיש און דערצו זענען זײַנען דרשות זיסער פון צוקער.

אין שטעטל האָט זיך גערודערט מיט די „וויבאָרעס״, וואַלן, פאַר דער דומע. די ייִדן האָבן נישט געהאַט קיין צו גרויסן חשק צו פאָרן צום דריטן מאָל קיין רעטשיצע — די אויעזדנע שטאָט, אָפּגעבן זייערע שטימען. אַז ס׳איז קאַמער, קאַמער־מויז, האָט מען זיך געוויצלט. מען פאַררופט אַ דומע און מען צעטרײַבט זי, מען פאַררופט זי ווידער און מען צעטרײַבט זי נאָך אַמאָל. וואָס וויל דער לעקיש אין פעטערבורג — די באַנען זאָלן לייזן געלט?

אָבער מרדכי קרול האָט דווקא געהאַלטן פון דער דומע. פרײַטיק פאַרנאַכט זענען געקלעפּט געוואָרן מודעות אין אַלע דרײַ בתי מדרשים, אַז מרדכי קרול וועט הײַנטיקן שבת האַלטן אַ דרשה, וואָס וועט מער נישט געדויערן ווי געציילטע מינוטן. ער וועט רעדן וועגן צוויי פסוקים פון תנ״ך, וואָס זענען געשריבן געוואָרן פאַר הײַנטיקער צײַט. דער עולם איז געוואָרן נײַגעריק און דער אַלטער בית מדרש איז געווען נאָכמיטאָג געפּאַקט, אַז מען האָט נישט געקענט דורכקוועטשן קיין פינגער.

רבי מרדכי קרול האָט געהאַלטן וואָרט. ער איז אַרויף אויף דער בימה, זיך אײַנגעוויקלט אין טלית און אָנגעהויבן:

— רבותי, מײַנען האָט איר דאָך געמיינט, אַז איך וועל אײַך הײַנט דרשהנען ווי מײַן שטייגער איז געווען וועגן די „וויבאָרעס״ צו דער דומע. לא מינה ולא מקצתה — איך וועל קיין וואָרט נישט דערמאָנען וועגן דעם ענין. איך וועל הײַנט אײַך נאָר אויסטײַטשן צוויי פסוקים פון ישעיה, קאַפּיטל כ״א, פסוקים י״ג און י״ד.

„דער געטלעכער נביא ישעיה, דער פרינץ פון אַלע נביאים, שטעלט זיך אויף די טרעפּ פון דער עזרה פון בית המקדש און שרײַט־אויס: ייִדן, אַחיו, קומט אַהער, איך וועל פאַר אײַך האַלטן אַ נבואה: משא דומה, אַ נבואה אויף דומה. ווער איז דומה? דומה איז אדום ווי רש״י פאַרטײַטשט, וואָס איז די נבואה? אלי קרא משעיר — צו מיר רופט מען פון שעיר: שומר מה מלילה, שומר מה מליל? ס׳איז אומרויִק אין שעיר, די הויפּטשטאָט פון אדום, רופט מען צום וועכטער: וועכטער,

וועכטער, וואָס הערט זיך אין דער נאַכט? צוויי מאָל רופט מען, ווייל מען איז אומרזוק. עפּעס קאָכט, עפּעס זידט, עפּעס שייערט זיך אין מזרח. אפשר קומט באַלד דער טאָג? און דו, שומר, וואָס שטייסט אויף אַ הויכן מאַיאַק, וועסט דאָך דער ערשטער דערזען צי עס טאָגט, צי נישט. אמר שומר, ענטפערט דער שומר און זאָגט: אתא בקר, עס זעט אויס אַז עס קומט אָן דער פרימאָרגן, אָבער וגם לילה, ס׳איז נאָך דערווייל נאַכט. אָדער בעסער צו טייטשן: איך זע אַז דער טאָג וועט קומען, אָבער געדענקט, עס קען זיך אומקערן די נאַכט; איז איילט, כל זמן היום גדול און טוט אייער חוב.

׳אָבער אונדזערע ייִדן איז מיאוס געוואָרן דאָס גאַנצע שפּיל. אַ בייטעניש פון טאָג און נאַכט. וואָס קענען מיר העלפן, זאָגן זיי, אַז זיי טוען דאָרטן וואָס זיי ווילן? זאָגט צו זיי דער שומר: אם תבעיון בעיו — אויב איר ווילט, פרעגט: פאַרוואָס? שעמט זיך נישט, פרעגט. שבו עתיו, פרעגט וויפל מאָל איר ווילט. איך קען אייך זאָגן ווי דער „מצודת דוד" זאָגט: אַלעמאָל דאַרף מען היטן. אָן אַ שמירה, קען חלילה קומען צו אַ גרעסערן אומגליק. געדענקט, רבותי, הנסתרות לשם — דאָס פאַרהוילענע, דאָס פאַרבאָרגענע קען באַשיידן נאָר דער רבונו של עולם. אָבער אַ מענטש דאַרף טון זיין חוב, ווי דער מדרש תנחומא זאָגט: שלא יאמר אדם — אַ מענטש טאָר נישט זאָגן, איך וועל מיר עסן און טרינקען און זיך לאָזן ווויילגיין ומן השמים ירחמו — און פון הימל וועט מען צושיקן וואָס איך דאַרף. ניין, אַ מענטש דאַרף האָרעווען און אַרבעטן מיט ביידע הענט און דער השם יתברך וועט אַריינשיקן זיין ברכה. מיר דאַרפן טון אונדזער חוב, צי די נאַכט וועט ווידער קומען, צי נישט. בזכות זה — אין דעם זכות ובא לציון גואל, ונאמר אמן.

געענדיקט און אַראָפּ פון דער בימה.

דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון אים אָפּצוגעבן אַ יישר כוח. יעדער איינער האָט זיך געשטופּט, געוואָלט זיין דער ערשטער. שמעונען איז אויך געפעלן געוואָרן די דרשה. אָבער ער האָט פיינט צו שטופּן זיך, אַזוי אַ גאַנץ לעבן. עס קען זיין, אַז ער איז בעצם אַ בעל־גאווה — ער וויל אַלעמאָל זיין פון די געציילטע — ער זאָל זיך אָנזען. ערשט פאַר מנחה, ווען ר׳ מרדכי איז געזעסן איבער אַ ספר, איז שמעון צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— אַ יישר כוח, אייך, ר׳ מרדכי, פאַר היינטיקער דרשה.

ר׳ מרדכי האָט געענטפערט: גם אתם, און געזאָגט צו שמעונען:

— דאַכט זיך, אַז ס׳איז ירוחימס בחורל, שמעון. משה דוד האָט מיר דערציילט וועגן דיר. איך האָב דיך טאַקע געוואָלט זען. מען האָט מיר דערציילט,

אַז דו ביסט אַ בחורל אַן עקשן, לערנסט גאַר משניות פאַר זיך. האָסט שוין אַן אייגענעם דרך. איז טאַקע אמת, אַז דו ביסט דורכגעגאַנגען גאַנץ ששה סדרי משנה? טאַקע אינגאַנצן? כדומה למשל, טהרות האָסטו אויך געלערנט?

— יאָ, — האָט שמעון געענטפערט.

— איז אדרבה, לאָמיר עפּענען אַ משניות און זען. אָט איז די ערשטע משנה אין מסכתא „מכשירין" און לאָמיר הערן. צו וואָס די גאַנצע משנה? דערקלער מיר נאָר וואָס איז „בכי יותן"?

שמעון האָט זיך אַביסל פאַרלוירן, וואָס עפּעס אין מיטן דערינען אַ פאַרהערעניש? ער האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּזאָגן זיך פון ענטפערן, ווען אַ ייִד אַ למדן פרעגט. האָט ער גענומען דעם משניות אין די הענט, איבערגעגאַנגען מיט די אויגן די ערשטע משנה און זיך אָפּגעשטעלט ביי „בכי יותן" און אָנגעהויבן הויך:

— כדי צו פאַרשטיין דעם גאַנצן ענין פון „בכי יותן", וואָס ווערט אַזוי פיל מאָל איבערגעחזרט אין מסכתת מכשירין, דאַרף מען נעמען דעם פּסוק אין ויקרא י"א, לח. דאָרטן שטייט וכי יותן מים על זרע. ס'שטייט אַן אַ „ו", וואָס מען קען לייענען יתן. דעם יוד מיט אַ חיריק און דעם תיו מיט אַ צירה, ער וועט געבן. אָבער אָנגענומען איז אַז לייענען דאַרף מען לייענען מיט אַ שוריק אונטערן יוד און אַ פּתח אונטערן תיו־יוּתן. דאָס לערנט אונדז, ווי די גמרא זאָגט אין בבא מציאה, אַזוי ווי יתן מיינט מיט זיין אייגענעם ווילן, אַזוי איז יוּתן; ווען עס ווערט אַליין אַרויפגעלייגט וואַסער אויף די פּרוכט, דאַרף זיין ניחא ליה, אַז ער איז צופרידן. דעמאָלט הייסט עס הכשר און דאָס עסנוואַרג קאָן טמא ווערן.

שמעון געדענקט, אַז ער האָט נישט מקצר געווען, ווי ער גיט עס איצטער איבער, נאָר ער האָט דווקא מאריך געווען. איבערגעזאָגט די גאַנצע משנה, דעם ברטנורה און אויפגעמישט דעם דף אין בבא מציעא. ר' מרדכי האָט אים נישט איבערגעשלאָגן, געלאָזט אים ענדיקן און געזאָגט:

— עס קומט אַ יישר כוח רבי געצלען. ס'איז פּשט, בקיאות און חריפות. איר וועט זיך וווּנדערן וואָס איך האָב אייך פאַרהערט (ר' מרדכי האָט שוין אָנגעהויבן אירצן שמעונען). פאַרשטייט מיך, מיט אַ צייט צוריק האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון מיינעם אַ חבר, ר' משה, דעם וואָלאָזשינער עילוי, אַז ער האָט געעפנט אַ ישיבה אין קרעמענטשוג. צו וואָס דאַרפן די עמי הארצים פון יוג (דרום) אַ ישיבה? אסור מיר. אָבער ר' משה האָט אַלעמאָל געהאַט זיין דרך. זוכט ער תלמידים. מיין איך, אַז איר זענט אַ פּאַסיקער תלמיד פאַר אים. איז אויב איר זענט מסכים, וועל איך צו אים שרייבן נאָך היינט, גלייך נאָך הבדלה.

***

ס׳איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז שמעון פאָרט אין קרעמענטשוג. ער וועט פאָרן פון מאַזיר מיטן פאַראַכאָד.

עס איז דער צווייטער טאָג חול־המועד סוכות, דער טאָג איז אַ וואַרעמער. עס איז געווען אַ פיינע סוכה. מאַמע און זון זענען געזעסן אין קאָרידאָר אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום גאָרטן. זיי האָבן שטיל גערעדט. מערע האָט אַ זיפץ געטאָן:

— נאָך אַ פּאָר טעג און דו וועסט אַוועקפאָרן. עס וועט ווערן אומעטיק אין שטוב. אַ מאַמעס האַרץ טוט ווייִ, ביסט יונג און שוין פאָרסט אַוועק זיך וואַלגערן אין דער פרעמד. אָבער טיף אין האַרצן בין איך דיר מקנא. ווייטער פון אַזאַריטש און קאָלינ־קאָוויטש האָב איך די נאָז נישט אַרויסגערוקט. אַ נאַש בראַט איז ווי אַ בוים, צוגע־וואַקסן צו דער ערד. אַריינגערוקט אין אַ גרוב און שטעק דאָרטן. דו ביסט אַ מזל־דיקער האָז, האָסט זיך אַרויסגעריסן. איי, ווי איך האָב זיך געוואָלט אַרויסראַטעווען פון דער אָרעמער שטוב, פון העלפן נייען דעם טאַטן די פויערישע סאַרמינגעס. די וועלט איז דאָך אַזאַ גרויסע, אַזאַ שיינע. אָבער ווּהין האָט געקאָנט לויפן אַן אָרעמע נאַרישע מיידל, וואָס קען נאָר זאָגן אַ תחינה און קען אַפילו נישט שרייבן? ווערן אַ דינסט? ווען איך וואָלט כאָטש געווען אַ יינגל! דו אָבער ביסט אַ מזלדיקער. האָסט זיך אַרויסגעריסן פון אונדזער אָרימקייט. פאָרסט אַוועק לערנען. וועסט ווערן אַ מענטש מיט תורה און חכמה און איך וועל האָבן נחת פון דיר.

— עס קאָן דאָך אָבער זיין, מאַמע, אַז איך וועל פאַרלאָזן די תורה, ווי אַלע טוען היינטיקע צייטן. איך וועל ווערן אַן אפיקורס. וועסט האָבן צער, ניט קיין נחת

— אויב וועסטו קאַליע ווערן, ווייל דו וועסט מיינען, אַז עס איז עפּעס פאַראַן בעסערס פון לערנען, וועל איך נישט האָבן קיין צער. זאָל מיך גאָט מצער זיין. וואָסי, נאָר לערנערס ווערן אפיקורסים? מיינסט, אַז איך וויס נישט, אַז שלמה דאַוונט שוין נישט מער? און ער אַליין? אַלע שוסטער און שניידער פועלים האָבן אויפגעהערט צו דאַוונען און אָפּהיטן שבת. זענען זיי אַזוי קלוג געוואָרן מיטשקע־דרינען? שוין בעסער צו זיין אַ געלערנטער און וויסן פאַרוואָס מ׳דאַרף ניט דאַוונען.

— מאַמע, דו ביסט אַ קלוגע. אַ סך קליגער ווי אַפילו געוויסע למדנים.

— וואָס טויג מיר קלוגשאַפט, מיין זון? וואָס האָב איך אויסגעפּיִנט? אַ קוימען צו גאַס? קלוגשאַפט אַליין איז נישט גענוג. מען דאַרף זיין געלערנט כדי צו וויסן וואָס צו טאָן מיט חכמה. אָבער ווייִ איז צו מיר. וואָס האָב איך זיך צע־רעדט אַזוי וועגן מיינע נעכטיקע טעג און פאַרגעסענע חלומות. איך האָב בעסער

געדאַרפט דיך טרייסטן, וואָס דו וועסט זיך וואַלגערן אין דער פרעמד, עסן ביי פרעמדע טישן, אָנצוקומען צו קצבה.

— ס'איז נישט קיין קצבה, מאַמע, גערעכט איז רבי געצל. ס'איז אַן איינגעשטעלטער מנהג ביי ייִדן. אַ סך גדולי ישראל האָבן געגעסן טעג.

— ס'וואָלט געווען בעסער, ווען איך קען דיר שיקן אויף חיונה.

— מאַלע וואָס ס'וואָלט געווען בעסער, מאַמע, אָבער דו קענסט מיר נישט שיקן אויף חיונה. דאַרף איך צוליב דעם בלייבן דאָ און נישט פאָרן לערנען? וואָס פאַר אַ בר מר רב אשי בין איך? איך מעג אויך עסן טעג, ווי טויזנטער אַנדערע ייִדישע ייִנגלעך!

— ביסט גערעכט, זון מיינער. רעדסט ווי אַ מענטש. ווייל צוריק גערעדט ווען דער טאַטע דיינער איז געווען אין דער לער, אַ שוסטער געזעל, האָט ער געלעקט האָניק? זע וויפל בושות אַ לערנייִנגל שטייט אויס אין אַ מאַסטערסקאַיע. און וואָס האָט ער דערפון? ער ווערט אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ סטאָליאַר. שוין בעסער צו ליידן בושות און חרפות און ווערן אַ לערנער. אָבער, זון מיינער, איין זאַך וואָלט איך געוואָלט דו זאָלסט געדענקען: ווען דו וועסט ווערן אַ רב, צי אַ דאָקטער, צי דו וועסט שרייבן ספרים. עס קאָן דאָך מקוים ווערן, וואָס איך האָב געזונגען ווען איך האָב אייך ייִנגלעך פאַרוויגט — תורה וועסטו לערנען און ספרים וועסטו שרייבן. ווען דו וועסט צו עפּעס זיך דערשלאָגן, געדענק איין זאַך — עס זענען דאָ אַ סך שוסטער אויף דער וועלט. זיי קומט אויך עפּעס. געדענק, פאַרגעס אונדז נישט.

— מאַמע, האָט שמעון געזאָגט שמייכלענדיק — האָסט שוין מיך געמאַכט פאַר אַ רב, אַ דאָקטער, אַ מחבר. איך בין דאָך ערשט דרייצן יאָר אַלט און פאָר אין אַ ישיבה עסן טעג.

— אַ מאַמעס האַרץ ווייסט, וואָס איר צונג רעדט. איך האָב געוווסט וואָס דו וועסט ווערן נאָך ווען דו ביסט געווען אַ סידון. וועסט זיך נאָך אַמאָל דערמאָנען, וואָס איך רעד מיט דיר דאָ אויפן גאַניק.

— איך האָף, מאַמע, אַז דיין אמונה אין מיר וועט מקוים ווערן. איך זאָג דיר צו איך וועל געדענקען.

— זיי וועלן מקוים ווערן, האָט די מאַמע געזאָגט מיט זיכערקייט. קום, לאָמיר אַריין אין שטוב טרינקען טיי. ס'ווערט קיל.

***

אסרו חג האָט זלמן הומאַן אָפּגעפירט דאָס יינגל אין מאזיר. ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון שטעטל האָט זלמן געזאָגט:

— קום, שמעונקע, זעץ זיך מיט מיר אויפן קעלניע, עפּעס איז אָנגעזליאָקעט אויפן האַרצן וואָס דו פאָרסט אַוועק. אָט ווי דו וואָלסט געווען מיינער אַ זון.

שמעון איז אַרויפגעקראָכן אויף דער קעלניע און זיך געזעצט לעבן זלמנען, דער בעל־עגלה האָט אַ שמיץ געטון די פערד.

נאָך אַ ווײַלע פאָרן, ווען זיי זענען אַריבערגעפאָרן דעם „אויפן זאַמד" און דעם דאָרף, האָט זלמן געזאָגט:

— געדענקסט, שמעון, ווען איך האָב דיר געבראַכט די ערשטע גמרא? געדענקסט ווי אָט דאָ האָסטו פאַר מיר אָפּגעזונגען אַ שטיקעלע גמרא?

— יאָ, — האָט שמעון געזאָגט.

— געדענקסט וועלכע שטיקעלע עס איז געווען?

— אַוודאי, — די ערשטע משנה אין ברכות.

— ווען דו ביסט אַ גוטינקער קלאַפּסטו מיר אָפּ איצט די זעלביקע משנה, מיט דעם זעלביקן ניגון, ווײַל איך פילן, אַז איך האָב אַ חלק אין דיר. איצט קענסטו עס מסתמא אויף אויסנווייניק.

שמעון האָט אַ שמייכל געטון:

— גוט! מאימתי קורין את שמע בערבין?...

די פערד זענען געגאַנגען פּאַמעלעך און זלמן איז געזעסן איינגענורעט מיטן קאָפּ אין קאָלנער. שמעון האָט באַמערקט ווי טרערן קייקלען זיך ביי זלמנען אויף דער באָרד.

— ר' זלמן, פע, — האָט שמעון געזאָגט, — די מאַמע האָט אַפילו נישט געוויינט ווען זי האָט זיך מיט מיר געזעגנט.

זלמן האָט שטאַרקער אַ טרייב געטון די פערד:

— ווער וויינט, יונגאַטש? ס'איז מיר אַריין אַביסל פּול (שטויב) אין די אויגן.

זיי זענען אָנגעקומען אין מאזיר. זלמן האָט אַרויפגעטראָגן שמעונס קעסטל אויפן פּאַראַכאָד און געפונען פאַרן יינגל אַ גוטן אָרט. צום געזעגענען האָט זלמן געזאָגט:

— איצט, שמעון, גיב מיר אַ תקיעת־כּף, אַז דו וועסט שרייבן דער מאַמען, דעם ריכטיקן טאָג און שעה, ווען דו וועסט צוריקקומען, אם ירצה השם, פון דער

שלמה סײמאָן

יבה. איך וויל דיך באַגעגענען, צי דו וועסט קומען מיטן באַן, אָדער מיטן
אַכאָד.

שמעון האָט אים געגעבן די האַנט.

זלמן האָט אָנגענומען דעם ייִנגלס האַנט, זי אַ קוועטש געטון, אים צונויפ־
לייג, ז די פינגער און אַרויסגעלאָפן פון פאַראַכאָד. שמעון האָט געעפנט די צו־
פּגעל ייגטע האַנט און דערזען אַ דריי רובלדיקע אַסיגנאַציע.

דע ־ פאַראַכאָד האָט אַ פייף געטון. שמעונען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין
י אויגן

אַ — באַרג האָבן זיי אַרויפגעלייגט אויף מיינע פּלייצעס. העלף מיר, גאָט,
יי זאָלן זי ־ד נישט שעמען מיט מיר!

דער פאַר אַכאָד האָט זיך גערירט פון אָרט.

(סוף פון ערשטן טייל)

מנחם־אָב תשי״א — אלול תשי״ג

## אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען

אַלבום־פאָרמאַט, געצייכנט פון קינסטלער משה פייגענבלום.

2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)

3) י. י. טרונק — כעלעמער חכמים

מיט קאַריקאַטור, געצייכנט פון י. שלאָס.

4) שלמה סיימאַן — אַמאָליקע יידן

5) פּראָפ. ליבמאַן הערש — אויף דער גרעניץ פון צייטן

6) יצחק פערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד

7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט

8) ש. סיימאַן — תוך־יידישקייט

9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער

פּרעמירט געוואָרן דורך דעם פאָנד פאַר יידישע ליטעראַטור
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

10) אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן

פּרעמירט געוואָרן דורך דער מ. סטאָלאַר־פּרעמיע
פון „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס.

11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען

12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות

13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע (2 טיילן)

14) יצחק פערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן)

15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק

16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן.

17) יעקב פאַט — די לערערין אסתר

18) שלמה סיימאַן — וואָרצלען

## אין דרוק:

משה דלוזשנאָווסקי — דערציילונגען און דראַמען

מנחם באָריישאָ — עסייען

משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן

## אין צוגרייטונג:

פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך

מרדכי וו. בערנשטיין — ביים סוף פון 1000 יאָר אשכנז

לעאָניד בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען

דוד איגנאַטאָוו — דערציילונגען

SOLOMON SIMON

# MY JEWISH ROOTS

"IDBUJ"
BUENOS AIRES
1956

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Copyright by:
**SOLOMON SIMON (New York)**

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY

Industria Argentina

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 10 DE ABRIL DE 1956, EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", GASCON 1231, BS. AIRES.

---

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

**EDITORIAL "IDBUJ"**

**BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 62-9566 — BUENOS AIRES**

**República Argentina**

SOLOMON SIMON

# RAICES

★

Editorial
"IDBUJ"

de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
Buenos Aires - 1956